STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05070

GEKLIBENE PROZE

Yosef Kerler

Permanent preservation of this book was made possible
by Ann & Willy Stern
in honor of
Zachariah L. Stern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף קערלער / געקליבענע פּראָזע

אַ האַרציקן דאַנק מײַן ליבער

אַניען

פֿאַר איר טרײַער באַטײליקונג
בײַם אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך

דערשײַנט בײַ דער מיטהילף פֿון
קרן עמו״ס ע״ש זלמן שז״ר ז״ל — ירושלים
קרן תל-אביב לספרות ואמנות ע״ש י. רבונוביץ
גאָלדע-מאַשע פלאָטקין-פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור — ניו-יאָרק
אליעזר פינעס-פֿאָנד פֿאַר ליטעראַטור און קונסט — תל-אביב

יוסף קערלער

געקליבענע פּראָזע

(עסייען, זכרונות, דערציילונגען)

פֿאָרוואָרט פֿון אפֿרים שעדלעצקי

"ירושלימער אַלמאַנאַך"

תשנ"א—1991

יוסף קרלר / קובץ פרוזה

(מסות, זכרונות, סיפורים)

מבוא : אפרים שדלצקי

JOSEF KERLER

GEKLIBENE PROZE

כל הזכויות שמורות

©

All Rights Reserved

נדפס בישראל, תשנ״א

דפוס צור-אות, ירושלים



געצייכנט פון מיכאל מילבערגער, פּאַריז, 1981



געצייכנט פון מיכאל מילבערגער, פּאַריז, 1981

אינהאַלט

אפֿרים שעדלעצקי / דעם דיכטערס פּראָזע 9

אין ליכט פֿון זכּרון

דוד האָפּשטיין — אונדזער ערשטע באַוווּנדערונג 15
מיט פּרץ מאַרקיש 30
לייב קוויטקאָ 43
אהרון קושניראָוו 55
שמואל האַלקין 70
שלמה מיכאָעלס און זײַן טעאַטער 91
בנימין זוסקין 102
דער נסתּר 109
מײַן לערער עליע פֿאַלקאָוויטש 125

יורשים

אַ וואָרט וועגן רחל בוימוואָל 141
שיקע דריז 147
זיאַמע טעלעסין 160
יאָסל קאָטליאַר 176

דוד ספֿאַרד און זײַן דיכטונג 185
אין דער וועלט פֿון גיטל מייזיל 199

אין געציילטע ווערטער

לכבוד דב סדן 207
אַ וואָרט וועגן יוסף פּאַפּערניקאָוו 211

צום אָנדענק פֿון משה יונגמאַן ז״ל 215
אויסגעצייטיקט אין שטילשווייַגן (יאָסל לערנער) 219
דער לירישער טאָגבוך פֿון עליע ווערבלון 223
"גרינער ווינטער" פֿון מאיר חרץ 229
ער איז געקומען פֿון דאָרטן (חיים שמוליעוויטש) 232
1. וועגן און אַרום דעם בוך פֿון ש. בר-עוזי 237
2. אַ פּאָר ווערטער צו שמשון ליווערענטס צווייטן באַנד 243
דאָס בוך פֿון גרויסער גבֿורה (לעאָפּאָלד טרעפּער-דאָמב) 245
די בריוו פֿון ירמיהו דרוקער ז״ל 249
משה שולשטיין ז״ל 253
שהחיינו (לייבל באָטווינניק) 257

וואָרע געשיכטעס

א. געלעבט האָט אַ ייִד אויף דער וועלט 263
ב. דאָס מעשׂהלע וועגן די דרייַ מאַראַנצן 267
ג. צווישן חלום און וואָר 272
ד. אַזוי פּיל הימל 275
די ירידה פֿון אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי 279

אפֿרים שעדלעצקי

דעם דיכטערס פּראָזע

אַנדערש איז דאָס דאָזיקע בוך אין פֿאַרגלייַך מיט אַלע פֿריִערדיקע ביכער, מיט וועלכע יוסף קערלער האָט אונדז מזכּה-געווען — זינט זייַן ערשטלינג **פֿאַר מייַן ערד**, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין יאָר 1944, און אין זייַנע ביכער וואָס זענען דערשינען שוין דאָ אין לאַנד: **דאָס געזאַנג צווישן צייַן** (1971), **זעט איר דאָך** (1972), און די ביכער וואָס זענען געמישט — פּראָזע און פּאָעזיע: **12טער אויגוסט 1952** (1978), **די ערשטע זיבן יאָר** (1979) און **הימלשאַפֿט** (1986). בעת די אַלע ביכער זענען בעיקר פּאָעזיע, איז דאָס נייַע בוך כּולו פּראָזע — אַ זאַמלונג עסייען, זכרונות און דערציילונגען, געשריבענע צו פֿאַרשידענע געלעגנהייטן און אין פֿאַרשידענע צייַטן. אמת — דער חותם פֿון דיכטונג איז אויך דאָ און דאָרט פֿאַראַנען, און צייַטנווייַז ווערן דאָ באַרירט טעמעס, וואָס דערגאַנצן די פֿריִער פֿאַר-עפֿנטלעכטע פּאָעטישע שאַפֿונגען, געשטאַלטן און סיטואַציעס.

היסטאָרישער זכּרון, נאַציאָנאַל געוויסן און פֿאָלקס-אחריות — דאָס כאַראַקטעריזירט צום מייִנסטן דעם ליטעראַרישן שאַפֿונג-וועג פֿון יוסף קערלער.

אַ געבוירענער אין הייַסין פּאָדאָליע, אינגאַנצן אייַן יאָר נאָכן רעוואָ-לוציע-אויסברוך, האָט ער, זייַן דערציִונג און רייַף-ווערן, דורכגעמאַכט אין די דרייַסיקער יאָרן ערבֿ דעם קאַטאַקליזם, דערנאָך האָט ער געקעמפֿט אויף די מלחמה-פֿראָנטן, געווען אַ עדות צום חורבן פֿונעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד בעת דער מלחמה און צום גוט-פּלאַנירטן מאַסן-מאָרד פֿון די סאָוועטישע הערשער איבער די וויכטיקסטע ליטעראַרישע און קולטור-שאַפֿערס אין ייִדיש, באַלד נאָך דער מלחמה. אויך אים האָט געטראָפֿן צו זייַן צווישן די קרבנות — דורכצומאַכן טורמעס און קנעכטישע צוואַנגס-לאַגערן במשך פֿון זעקס יאָר. דאָס אַלץ, כּידוע, ווערט אַרויסגעבראַכט אין זייַנע פּאָעטישע שריפֿטן מיט ווייטיק און צאָרן, באַדויער און פּראָטעסט אַז

שום געבראָכנקייט, אָדער גרייטקייט שלום צו מאַכן מיט אָט דעם טראַגישן גורל.

דאָס אַלץ איז די טעמע פֿון זײַן מוטיק ליד און ליטעראַרישן שאַפֿן; דאָס איז אויך דער וועג פֿון זײַן דרײַסט לעבן.

זײַן בונטאַרישקייט קעגן די עוולות פֿונעם רעזשים און געוואָגטע פֿאָדערונג צו עליה האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג און המשך אין זײַן סבֿיבֿה, ביז דאָס איז געוואָרן די נחלה פֿונעם כּלל. קערלערן וועט אָבער תּמיד בײַשטיין דאָס, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, דער נחשון בן עמינדבֿ פֿונעם דאָזיקן קריעת ים-סוף, ווי עס האָט דעמאָלט אויך אונטערגעשטראָכן דבֿ סדן אין זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן קערלערס ערשט בוך, וואָס איז דערשינען צו זײַן עליה, אין 1971:

... „ער איז נישט דער איינציקער וואָס איז צו דעם סינטעז דערגאַנגען, אָבער אין רעם פֿון דער סאָוועטיש-ייִדישער ליטעראַטור איז ער, לעת- עתּה, דער איינציקער און ערשטער, וואָס האָט עס געטאָן בריש-גלי, נאָך זײַענדיק הינטערן אײַזערנעם פּירהאַנג, און דאָס וועט אים דאָס ייִדישע פֿאָלק און דאָס ייִדישע לאַנד קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן“ — — —

און אהרן צייטלין האָט דעמאָלט געשריבן:

... „יוסף קערלער איז דורך זײַן ליד און קאַמף און נאַציאָנאַלער בענקשאַפֿט געוואָרן אַ שליח-ציבור פֿון דעם ציון-באַגערנדיקן סאָוועטישן ייִדנטום“...

* * *

מיר זענען איצט אין סאַמע פּראָצעס פֿון דער מאַסן-עליה פֿונעם רוסלענדישן ייִדנטום. אַלץ וואָס איז פֿריִער געווען חלום ווערט ווירקלעכקייט. דער טרוים פֿון קיבוץ גלויות האָט אָבער געמיינט און מיינט ביזן הײַנטיקן טאָג, אַז צוזאַמען מיטן גוף נייטיקט זיך אויך די נשמה אין אויסלייזונג, אַז די עליה און אײַנזאַמלונג פֿונעם פֿאָלק אין לאַנד, שליסט אויך אײַן די געשאַפֿענע און אויפֿגעהיטע ווערטן אין די ייִדישע גלותן. אַלץ וואָס דער ייִד האָט געשאַפֿן, פֿאַרדינט אַ פּלאַץ אינעם פֿאָלקס-אוצר, און דאָס איז כּולל אויך דער סאָוועטישער ליטעראַטור אין ייִדיש, הגם זי איז צײַטנווײַז געצוווּנגען געווען זיך אונטערצוואַרפֿן דער רוצחיש אָפֿיציעלער יעווסעקישער טענדענץ אָפּצורײַסן זיך פֿון נאַציאָנאַלן שטאַם און פֿון די פֿאַריקע דורות. נישט געקוקט אויף דעם האָט אָבער דאָרטן די ליטעראַרישע שאַפֿונג

אין גרונט דערפֿילט איר פֿאָלקס-אויפֿגאַבע — בײַגעשטייערט און באַרײַכערט די נאַציאָנאַלע טעמע אין דער ייִדישער וועלט-ליטעראַטור און אונדזער נאַציאָנאַלער צוגאַנג דיקטירט אונדז אײַנצושליסן אינעם אַלגעמיינעם אוצר פֿון אונדזער קולטור אויך די צוויי דורות ייִדיש-שאַפֿער אינעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. ס'איז נייטיק בלויז באַזײַטיקן דאָס אָנגעצוווּנגענע, דאָס קראַנקע ווילדגראָז אַרום אַ שײַנעם און געזונטן בוים... און אין אָט דעם אויסוואַל און אָפּקלײַב פֿון דער סאָוועטישער ייִדיש-ליטעראַטור איז אונדז ביכולת אַרויסצוהעלפֿן קערלערס נײַ בוך.

* * *

"געקליבענע פּראָזע" פּרעטענדירט נישט אויף שלימותדיקייט און אָביעקטיווע אָפּשאַצונג. דער מחבר ברענגט דאָ בעיקר זײַנע מיינונגען וועגן די לערער און חבֿרים אויף זײַן ליטעראַרישן וועג — נישט פֿון אַלע שאַפֿערס, נאָר פֿון די, וואָס ער האָט פּערזענלעך געקענט פֿון דער נאָענט. דעריבער זענען די עסייען וועגן זייער שאַפֿן בעיקר דורכגעפֿלאָכטן מיט זײַנע פּערזענלעכע דערינערונגען. דאָס איז דער ערשטער ציקל אונטערן קאָפּ "אין ליכט פֿון זכּרון" וואָס איז כּולל עסייען-זכרונות וועגן דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, אהרן קושניראָוו, שמואל האַלקין, דער נסתּר. רירנדיק ביז גאָר זענען די זכרונות וועגן קערלערס לערער, דעם שפּראַך-פֿאָרשער עליע פֿאַלקאָוויטש, און באַזונדערס דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן דער עסיי וועגן שלמה מיכאָעלס; איז דאָך קערלער געווען אַ תּלמיד אין זײַן טעאַטער-שולע. מיכאָעלס איז געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג קערלערס וועגווײַזער און אידעאַל אין לעבן און אין דער קונסט.

דער צווייטער ציקל "יורשים" איז כּולל אָפּהאַנדלונגען וועגן די שרײַבער פֿונעם צווייטן דור, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן געירשנט די געפֿאַלענע און ווײַטער געגאַנגען מיט אייגענע וועגן, אַזעלכע ווי רחל בוימוואָל, זיאַמע טעלעסין, שיקע דריז, יאָסל קאָטליאַר, דוד ספֿאַרד פֿון פּוילן און אַנדערע.

דער ווײַטערדיקער ציקל "אין געציילטע ווערטער" זאָגט עדות אויף קערלערן דעם רעדאַקטאָר.

בײַם רעדאַגירן דאָס יאָרבוך "ירושלימער אַלמאַנאַך", קומט אים אויס רעאַגירן אויף ביכער, שרײַבער און קולטור-געשעענישן, אין וועלכע ער איז אַנגאַזשירט טאָג-טעגלעך.

און נישט בלויז וועגן קאָלעגן-שרײַבער. קערלער ברענגט דאָ און דאָרט אויך אַרויס געשטאַלטן פֿון סתם-ייִדן, וואָס האָבן זיך דערהויבן אין דער סאָוועטישערווירקלעכקייט און אין די לאַגערן, ייִדן, וואָס לעבצן און בענקען נאָך ייִדישקייט, ווי למשל די געשטאַלט פֿון ר׳ מרדכי, וואָס איז מזכּה דעם שרײַבער מיט וואַרעמער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, וואָס הייסט פּשוט ייִדישער בטחון אין פֿינצטערע צײַטן. דאָס געהערט שוין צום לעצטן ציקל אינעם בוך מיטן נאָמען ״וואָרע געשיכטעס״, דערציילונגען און פּאַסירונגען, וואָס דערגענצן דאָס בילד פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט אין יענע יאָרן, די ווירקלעכקייט, וואָס האָט לסוף געבראַכט צו דער היס-טאָרישער ווענדונג, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ פֿאַר אונדזערע אויגן.

אין ליכט פון זכרון

דוד האָפּשטיין — אונדזער ערשטע באַוווּנדערונג

יידישע דיכטער אויף רוסלענדישער ערד, קאָנקרעטער — "די נאָכ־אָקטאָבערישע פּלעיאַדע". ס'גייט אַ רייד וועגן אַ ריי פאַרשידן־מיניקע, לויט זייערע סטיל־אייגנשאַפטן, אויסנעמיקע דיכטערישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן ווי פּלוצים אויפגעשײַנט מיט דער רײַפסטער ליכט פון טאַלאַנט — ווער, אַ יאָר, צי צוויי פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, ווער, אַ יאָר, צי צוויי — נאָך אָט דעם פאַלשן אָנזאָג אויף מענטשלעכער גאולה. לאָמיר דאָ דערמאָנען די איינציקע בלויז פון "קיִעווער פּעריאָד": דוד האָפּשטיין, אָשר שוואַרצמאַן, אַהרן קושנירעוו, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, ליפע רעזניק און שפּעטער — עזרע פינינבערג.

געקומען זענען די אַלע פון וואָלינער, פּאָדאָליער און פּאָליעסער שטעטלעך, פון אַן אײַנגעוואָרצלטער יידישער סביבה, די מערהײַט — אָנגעלאָדנטע מיט יידישער קולטור־ירושה און אינטעלעקטועלער וועלט־לעכקייט, כמעט אַלע זיי האָבן באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דער־ציאונג — פון חומש און גמרא — שוין אָפּגערעדט, אויך אין דער רוסישער לאַנדקולטור האָבן זיי זיך געשפּירט גאַנץ היימיש, אויך די נײַע העברעישע ליטעראַטור איז געווען זייער אייגנס.

ס'איז באַוווּסט, אַז דוד האָפּשטיין און שפּעטער — דער לעצטער צווישן דער גרויסער דיכטער־פּלעיאַדע — שמואל האַלקין, האָבן געשריבן אויך העברעישע לידער. ס'איז באַוווּסט די באַקאַנטשאַפט און שפּעטערדיקע פרײַנדשאַפט צווישן האָפּשטיין און ביאַליקן, ווי דער לעצטער האָט מיט קרובישער ליבשאַפט און אינטערעס באַגלייט די ערשטע שריט פון שוואַרצ־מאַן און האָפּשטיין.

בכלל איז נישט אָפּצופרעגן די גוואַלדיק־רעוואָלוציאָניזירנדיקע השפעה פון חיים נחמן ביאַליק אויף דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און בפרט — אויף דער נאָכאָקטאָבערישער יידישער דיכטונג אין רוסלאַנד.

דוד האָפּשטיין איז געווען דער ערשטער אין דער פראַנטיקער ריי פון דער טריומפאַלער און קרבנותפולער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע. ער איז

אויך געווען דער ערשטער, ווען די סטאַלינישע רוצחים האָבן אַוועקגע-נומען צום טויט.

מיט פיר יאָר פאַר זײַן אַרעסט, אין 1944, האָט ער געשענקט זײַן ביכעלע איך גלייב זײַן קאָלעגע און יוגנטפרײַנד אַהרן קושניראָוו. אין דער ווידמונג האָט ער געשריבן: ״יאָרן גייען, כוואַליעס פון פײַן ווילן אונדז פאַרשלינגען, נאָר מיר וועלן לעבן און מיר וועלן לעבן און וועלן נאָך זינגען. אַרקען, מײַן יוגנטפרײַנד פון קיִעוו, מיט אַ יאָר 39 צוריק. דוד האָפשטיין״.

* * *

דוד האָפשטיין האָט פאַרויסגעשפּירט, זיכערער פון די פילבאַרסטע סייסמאָגראַפן, די אונטערערדישע קלעפ און רעוואָלוציע-קרעמפן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו אים נאָך אין מלחמה-יאָר 1912. דאָך פול מיט ייִדישן בטחון זינגט ער שטיל און באַהאַרצט:

אין בלוי פון מײַנע טונקעלע פאַרטאָגן,\
ווי כ׳וואָנדער לאַנג,\
די ערשטע מזרח-צייכנס האָבן דורכגעשלאָגן אַ העל געזאַנג:\
— עס הייבט אָן טאָגן!\
און ווען מײַן האַרץ מײַן מידס האָט קוים געטראָגן\
פון אָנוועגן דעם עול,\
האָט עס דערהערט בײַ ראָזער שײַן פון טאָגן\
אַ לויטער קול:\
— דו וועסט דערטראָגן!...

דאָס איז איינע פון די לידער אין זײַן ערשטער זאַמלונג ״בײַ וועגן״ (״קיִעווער פאַרלאַג״, 1919) און שוין פון דער דאָזיקער זאַמלונג אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז איינער פון די גרעסטע ליריקער אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס צייכנט נישט נאָר זײַן אייגענעם ווײַטערדיקן גאַנג, נאָר מיט אַלע זײַנע שאַפונגען, (אַלע, יעדנפאַלס, ביז צו די דרײַסיקער יאָרן), לייגט ער זײַן חותם אויף די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונגס-פּראָצעסן פון דער ייִדישער דיכטונג אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. סײַ מיט זײַן איבער-ראַשנדיקער פרישקייט פון פּאָעטישן וואָרט און בילד, סײַ לויט די מאָטיוון — נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע — פאַרוואַנדלט ער זיך, וואָלט איך געזאָגט,

אין אַן אמתן מוזיקאַלן קאַמערטאָן, לויט וועלכן אַ גוטע פּאָר דורות ייִדישע דיכטער האָבן אָנגעסטראָיעט זייערע פּאָעטישע כּלים...

קענטיק, אַז צו אונדזער פּילבאַרן און קלוגן פּאָעט יעקב גלאַטשטיינען איז האָפּשטיינס דיכטונג דערגאַנגען ערשט אין יאָר... 1945. זי איז דער־גאַנגען צו אים, אַ דאַנק דער איקוף־אויסגאַבע אונטערן נאָמען "איך גלייב". אוודאי האָט גלאַטשטיין נישט געוווּסט דאָס, וואָס מיר ווייסן אַז די לידער דאַטירט מיטן יאָר 1912 זענען געשריבן געוואָרן אין ייִדיש און נישט איבערזעצט פֿון זײַנע אָנפֿאַנגס־לידער, געשריבן אין יאָר 1909 אויף רוסיש, אוקראַיִניש, העברעיִש. דעריבער שטעלט ער די פֿראַגע:

> "האָט טאַקע האָפּשטיין געשריבן אין ייִדיש אין 1912?... ווײַל קודם כּל זענען זיי אינטערעסאַנט ריין־שפּראַכלעך. אויב האָפּשטיין האָט זיי טאַקע געשריבן ווי ייִדישע לידער אין 1912, בעת מאַני לייב, זישע לאַנדוי, מ. ל. האַלפּערן און משה נאַדיר האָבן נאָך דעמלט געשריבן האַלב־דײַטשמערישע און פֿאַרמלאָזע לידער בײַ אונדז אין אַמעריקע, **דאַרף האָפּשטיין געקרוינט ווערן פֿאַר דעם פֿאָטער פֿון דעם מאָדערנעם ייִדישן וואָרט און ניט נאָר פֿון נײַעם ייִדישן ליד".**
>
> (יעקב גלאַטשטיין "אין תּוך גענומען", פֿאַרלאַג "מתּנות", ניו יאָרק 1947, ז' 42. אונטערגעשטראָכן — י. ק.)

נישט ווייניק באַגײַסטערטע שורות האָט גלאַטשטיין געווידמעט דער דיכטונג פֿון האָפּשטיינס "אור־יונגע" יאָרן, וואָס איז אָבער נישט מער ווי "אַ פּריוואַטע סטעזשקע פֿון אויסגעצייכנטע לידער" און, ווי ער זאָגט, "אַ נאָכלאָזיק פֿלעגמאַטיש בוך", און ס'רופֿן אַרויס בײַ אים פֿיל צעטומלעניש און פֿאַרדראָס דער איבערפֿלוס פֿון מיטלמעסיקע לידער, אויף וועלכע ס'ליגט דער קאַלטער שטאַמפּ פֿון סאָוועטישן הורא־פּאַטריאָטיזם. אַוודאי איז די איקוף־אויסגאַבע צונויפֿגעשטעלט געוואָרן לויט דער פּינקטלעכער רעצעפּטור פֿון די סאָוועטישע זאַמלונגען פֿאַר די לעצטע דאָן צען יאָר, ווו מען האָט זיך געמוזט באַוואָרענען פֿון אַלע זײַטן, כּדי אַרײַנצושמוגלען אַ פּאָר גוטע, זאָל זײַן אַפֿילו נייטראַלע, לידער. אין ניו־יאָרקער "איך גלייב" זענען אויסגעמיטן געוואָרן קלאַסישע ווערק פֿון אַ גוטע אַכט ביכער, ווער שמועסט נאָך — פֿון אַזעלכע טיף־נאַציאָנאַלע צער־און־צאַרנדיקע לידער ווי פֿון בוך "טרויער", צי דאָס באַרימטע אין רוסלאַנד "ליד פֿון מײַן

גלײַכגילט״... פֿון דעסטוועגן, ציטערנדיק איבער יענעם ביסל האָב-און-גוטס, וואָס איז יאָ אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין ״איך גלייב״ פֿון ניו-יאָרקער איקוף-פֿאַרלאַג, קומט דער פֿאַרשטענדיקער יעקב גלאַטשטיין צו דער מסקנא:

״ס׳דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דוד האָפּשטיין איז איינער פֿון די נאַציאָנאַלסטע ייִדישע דיכטער אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד״.
(דאָרט, ז׳ 47)

* * *

די איבערוועגנדיקע מערהייט ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער אין רוסלאַנד, ווי אויך די אויבנדערמאָנטע דיכטער-פּלעיאַדע האָבן אויפֿגענומען די אָקטאָבער-רעוואָלוציע מיט אָפֿענע און פֿאַרגלויבטע הערצער, מיט לויב און מיט בענטשונג, פּונקט ווי די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסע, פֿון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט. זיי האָבן געזען אין דער רעוואָלוציע די איינציקע רעטער פֿון פֿאַרהאַסטן צאַריזם, פֿון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָם-באַנדעס. זיי האָבן געזען אין דער רעוואָלוציע — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויסלייזונג. זיי האָבן געזען די רוסלענדישע רעוואָלוציע מיט ייִדישע אויגן.

האָפּשטיין האָט כּמעט מיט רעליגיעזן עקסטאַז באַגעגנט און באַזונגען די רעוואָלוציאָנערע ״פּראָצעסיע״ און דעם ״אָקטאָבער״. אַלע זײַנע מיט-גייער-פּאָעטן און ער אפֿשר מער פֿון אַלעמען, האָט געגלויבט באמונה שלימה אין דער גערעכטיקייט פֿון דער רעוואָלוציע:

...נאָר ס׳האָט קיינמאָל אַזוי גלייביק
ניט געהויבן זיך קיין האַנט!...

און דאָס איז בעיקר מחמת זײַן אײַנגעוואָרצלטער ייִדיש-געשיכטלעכער געדענקשאַפֿט, זײַן צוגעבונדנקייט צום שטאַם, וואָס טראָגט אויף זיך פֿון וועגן און ״פֿון אַנוועגן דעם עול״; לאָמיר זיך דערמאָנען דעם מאָטיוו פֿון ״וואַנדער-שטויבן״, אַ מאָטיוו וואָס וואָגלט און פּולסירט זינגעוודיק, פֿון איין לידער-ציקל צום אַנדערן, איבער די היימישע און אומהיימלעכע שטחים פֿון אַלע זײַנע שעפֿערישע גילגולים. דער זעלבער ״שטויב פֿון אַלע וועגן״ וועלכן ער, האָפּשטיין, דערמאָנט נאָך אין זײַנע ערשטלינג-לידער

פֿול מיט ייִדיש-תּמימותדיקן בטחון און ס׳הייבט זיך טאַקע אָן מיט זײַן נצחדיקן "איך גלייב":

איך גלייב,
אַ ריגל דאָרט אַ גרינגער
פֿון מיט פֿון הויכער טיר
שוין וואַרט אויף ערשטן ריר
פֿון מײַנע מידע פֿינגער.

פֿון שטילע ווינקלען פֿיר
דאָרט וואַרט שוין איינער
אויף מײַן פֿאַרברענטן וואַנדער-שטעקן,
אַ קרוג מיט וואַסער פֿול מיט ריינער
שוין וואַרט אויף שטויב,
וואָס ליגט אויף מיר,
אויף שטויב פֿון ווײַטע וועגן...

(פֿון "בײַ וועגן")

אין די דאָזיקע שטילע דורכזויִק-לויטערע שורות ציטערט דער קינדיש-נאַיִווער חלום וועגן רו, דער אייביקער, דאַכט זיך, חלום פֿון אַן אייביק געפּלאָגטן וואַנדער-פֿאָלק...

און שפּעטער געשעט עפּעס ווי פּלוצים אויסערגעוויינטלעכס: נישט עפּעס אַ פּאַסיווער "דאָרט וואַרט שוין איינער", נאָר ווײַזט זיך גאָר אַרויס (אָר, ווי ס׳האָט זיך דאַן געגלויבט!) אַז רוסלאַנד, די וועלט, די רעוואָ-לוציאָנערע גאולה פֿון גאָר דער מענטשהייט, קען זיך אויך נישט באַגייען אָן אונדזערע וואַנדער-שטויבן... און בײַם וואָרט-מײַסטער פֿורעמען זיך אויס די לײַדנשאַפֿטלעכע געמאָסטענע סטראָפֿן פֿון זײַנע באַרימטע "מיר שטאַמען פֿון פֿעלדזן", סטראָפֿן, וואָס פֿאַרקריצן זיך לדורות אין אונדזערע הערצער, ניט וויכטיק מיט וועלכן מיין און בײַ וועלכע אומשטענדן זיי זענען געשריבן געוואָרן:

מיר שטאַמען פֿון פֿעלדזן,
פֿון פֿעלדזן צעמאָלטע אויף מילשטיין פֿון צײַטן...
מיר שטאַמען פֿון פֿעלדזן,
וואָס האָבן דעם גורל פֿאַרבונדן

מיט ימען,
מיט ווינטן,
מיט וויַטן . . .

מיר שטאַמען פֿון פֿעלדזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פֿון דעם גליוורנעם שטייען, —
מיר גייען.
און וועלדער נאָר וויסטע
אונדז קאָנען פֿאַרהאַלטן . . .
מיר זיַינען די ערשטע
אין פֿאַלדן פֿון ווינטן,
מיט וויכערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורעם —
קיין מזרח, קיין מערבֿ, קיין צפֿון, קיין דרום!

* * *

ווי שוין געזאָגט, האָט די יונגע דאָן אויפֿגעשטורעמטע דיכטער-מחנה אויפֿגענומען די אָקטאָבער-געשעענישן באַגייסטערט, מיט האָפֿענונג און מיט ברכה, נישט געקוקט אויף צומאַליקע ספֿקות און טראַגישע מאָטיוון. געאָנט האָבן זיי אַלע, אַז אויף די "וואָלגער-שטיינער" און חורבֿות, פֿון דער אין בלוט פֿאַרגייענדיקער רוסישער אימפּעריע, וועט אויסגעבויט ווערן אַ נייַע און אַ פֿרייַע וועלט פֿון פֿעלקער-ברודערשאַפֿט און גערעכטיקייט.

ס'קלערט זיך מיר, אַז בכלל זענען פֿאַר יענעם ערשטן פעריאָד אין דער געשיכטע פֿון דער יידיש-סאָוועטישער פּאָעזיע, כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר אַזעלכע גרויס-מייַסטערישע סאָציאַל-פּאָעטישע "זעונגען" און אָדע-געזאַנגען, ווי שוואַרצמאַנס "אויפֿשטאַנד", האָפֿשטיינס "אָקטאָבער", קושניראָווס "ווענט", קוויטקאָס "אין רויטן שטורעם", און אַנדערע, אפֿשר קען מען נאָך שאַרפֿער דערשפּירן דעם פֿרישן ווינט, דעם לעבעדיקן אָטעם פֿון יענער פּאָעזיע אין איר אָנגעגליטער יוגנטלעכער ליריק. בלעטערסט אָפּט די פֿאַרגעלטע שוין, געדרוקטע, אויף ביליקן צייַטונגס-פּאַפּיר, בלעטלעך פֿון יענע ערשטע ביכעלעך און ווערסט ממש פֿאַרכאַפּט, וויַיל קיינער האָט

נאָך קיינמאָל אויף דער ייִדישער גאַס נישט געזונגען אַזוי פֿריש און האַפּערדיק וועגן פֿרילינג, וועגן בליונג, וועגן יוגנט, ווי אין יענע יאָרן האָבן דאָס געטאָן אונדזערע דיכטער! שפּירסט עס אויך אין דער אָרגאַנישער, ממש קערפּערלעך-פֿיזישער באַהעפֿטונג פֿון דיכטער מיט די אייביק-יווירנדיקע באַנײַונגס-קרעפֿטן אין דער אַרומיקער נאַטור, און בעיקר, ווען אַט די נאַטירלעכע באַהעפֿטונג מיטן אוניווערז קומט אין פֿולשטענדיקער האַרמאָניע מיט עבט-ייִדישן וועלט-באַנעם, מיט עכט-ייִדישע שפּירונגען, ווי ס'ליכטיקט זיך אַרויס בײַם גרויסן ליריקער אונדזערן — דוד האָפּשטיין אין זײַנע "רויטע בליטן":

*

איך בין
אויף אַלטן שטאַם אויף מײַנעם
מיט צווײַגן הענגענדיקע, גראָווע פֿלאַקסן
אַ יונגע צווײַג,
און איין באַגער נאָר האָב איך — וואַקסן!
איך גרין,
איך שטײַג
אַהין,
ווו ס'העלט —
איך וויל מיט רויטע בליטן טענהן,
מיט גרויסער וועלט!
פֿון אַלטן שטאַם פֿון מײַנעם,
פֿון אַלטן זאַפֿט
נאָך שעפּ איך יונגע קראַפֿט,
נאָך זויג איך אַלטע ווײַנען —
און ווען די נאַכט פֿאַרלאָזט
דעם קאַלטן רוים
בײַ ערשטן בלי פֿון זון —
פֿון אַלטן שטאַם,
פֿון אַלטן ראָסט
פֿאַרשיכּורט קוקט מײַן יונגע קרוין
אַנטקעגן זון!...

די בולטע, ממש פֿיגוראַטיווע פּלאַסטישקייט, מיט וועלכער ס'ווערט אין דאָזיקן קורצן שעדעווער אַרויסגעבראַכט טיף-אינערלעכע האָפּשטיין-סימבאָליק — איז נישט קיין אויסנאַם אין זײַן פּאָעזיע. אין דעם אייגנטלעך באַשטייט דער דויערנדיקער כּישוף, מיט וועלכן דער דיכטער הערט נישט אויף צו באַצויבערן אונדזערע הערצער. עפּעס וואָס ענלעכס געפֿינען מיר סײַדן אין דער רוסישער דיכטונג בײַם גרויסן דיכטער אַלעקסאַנדער בלאָק, אָבער דערבײַ שאַדט נישט אין זינען צו האָבן טאָקע האָפּשטיינס אַ זאָג, אַז "פֿון ירדן ביז וואָלגע איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג".

דוד האָפּשטיין צוזאַמען מיט זײַן דיכטער-דור האָבן דורשטיק-פֿאַר-גלויבטע אַלץ העכער זיך געטראָגן אויף באַגײַסטערטע פֿליגל צו "דער זון פֿון אָקטאָבער" און שפּעטער אויך טיף געפֿאַלן צוריק אין אַלטן, גוט-באַקאַנטן יאָמער-טאָל פֿון יידישער פּײַן. פֿון יאָר 1919 ביז אין די ווײַטערע צוואַנציקער יאָרן שמידן זיך די אויפֿטרייסלענדיקע פּאָעטישע קינות איבער די מאַסן-פּאָגראָמען אין דער אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד, איבערן טויט און חורבן פֿון גרויסע יידישע קהילות. אומשטערבלעך וועט פֿאַרבלײַבן אין אונדזער ליטעראַטור די עפּאָפּייע פֿון נאַציאָנאַלן קלאַג און פּראָטעסט — דוד האָפּשטיינס "טריסטיא", "טרויער", "אין פֿאַלן", "אוקרײַנע"... "די קופּע" פֿון פּרץ מאַרקיש, "טריט" און "1919" פֿון לייב קוויטקאָ, קושניראָווס "הזכרה" א. אַנד.

די ביטערסטע, די ווייטיקפֿולסטע אַנטוישונגען שרײַען אַרויס דווקא אין דער טויט-רויִקער, כּלומרשט גלײַכגילטיק-פֿילאָזאָפֿישער אָבסערוואַציע אין האָפּשטיינס "טרויער", וועלכע איז פֿאַרזען מיט צוויי עפּיטעטן: "אַלע פֿאַר דער צײַט פֿאַרשניטענע ומבשרי אחזה אלוה" (איוב יט, כו) און: "סיון — מזל תאומים, מזל שבט — דלי".

קוק נאָר אָן,
ווי זי יאָגט,
די ראָד פֿון מזלות;
זיי בלאַנקען ווי מעסערס, די שפּיזלעך...
ערשט דעם צווילינג געזען אין חלום —
איצט פֿון עמער שוין וואַסערן פֿליסן...

ערשט געלערנט זיך זוכן און שעפּן די פֿרייד
אין די פּאַנעם פֿון פּלעצער —

איצט זע איך געשאָכטענע שעפּסן,
איצט הער איך נאָר אַנגסטלעכע קרעכצן . . .

יעדער איינער אויף זײַן אופן: לייב קוויטקאָ איז דורכגענומען מיט אימה אין זײַנע פּאָגראָם-לידער: "אַז דער צוזאָג ווערט אין אונדז דער-וואָרגן? — ווהין זאָלן מיר לויפן?" און ווער ווייסט? — ס'קאָן זײַן, מיט ווײַטן פאָרגעפיל פון נאָך אַ גרעסערן פאַלקס-אומגליק: "אפשר איז אונדז עפּעס אַנדערס, / גאָר אַן אַנדערס צוגעזאָגט געוואָרן / און דאָס איז נאָר די פּרווו, / די שווערע פּרווו דורך שווערד און פורעניות!" — נאָך שטאַרקער שפּירט זיך דער פחד פאַרן "רוסלענדישן טויט" אין זײַנע מאַקאַברישע-סאַרקאַסטישע שחיטה-בילדער ("קאַטשען מיר זיך פון געלעכטער" א. אַנד.).

און אַהרן קושניראָוו אין אָפּגרונט פון יאוש: "שטאַרב, שטאַרב מײַן געשריי, וועסט במילא / אין הימלען ניט ווערן דערהערט . . . / נאַכט האָט פאַרמאָסטן דעם מולד, / ווי אַ מעסער איבער האַלדז פון דער ערד" ("הזכרה").

פּרץ מאַרקיש אין "די קופּע" שלײַדערט וואָלקאַניש צו די הימלען זײַן פײַער-שפּײַענדיקע לאַווע פון צער-און-צאָרן, זײַן אויסגעווייטיקטע לעס-טערונג:

"מײַן האַרץ, מײַן האַרץ, מײַן אויסגעדאַוונט האַרץ, / מיט אַלע אָפּ-וואָרפעכצן, — נאַ דיר, נאַ דיר! . . . / און פּיק עס, פּיק אויף רײַטוואָגן פון צוואַנציק דורות דיר געבראַכטסן — איך בין עס דיר מנדר! . . ."

האָפשטיין איז פון זײַן סאַמע קינדהייט אַרומגערינגלט געווען מיט וואַלד, פעלד, דאָרשטיקע רויערדן, וואָס וואַרטן אויף זוימען, ער איז פאַרליבט געווען אין דער אוקראַיִנישער לאַנדשאַפט, אין אוקראַיִנישן וואָרט, אין איר ניגון און זינגט ער וועגן גרויסן עלנט אויף רוסישע פעלדער, זעט זיך מיר שטענדיק ניט רוסישע — נאָר אוקראַיִנישע פעלדער. אויך די ערשטע באַוווּנדערונג, אויך די ערשטע געבורטס-ווײַען פון זײַן לויטער-געשליפענער ליריק האָט ער דורכגעמאַכט אויף דער אוקראַיִנישער ערד.

פון דעם אַלץ זיך אָפּזאָגן וואָלט באַטייט אָפּזאָגן זיך פון דער קינדהייט, פון זיך אַליין. דאָס איז נישט אין דער טבֿע פון דעם דיכטער האָפשטיין. דערמאָנט ער דאָך אויך אין זײַן מעכטיקן פּאָעטישן באַשולדיקונגס-דאָקומענט "אוקראַיִנע": "איך פיל מיט ליבע נאָך: / עס האָט קיין שויב דאָ

ניט געפּלאַצט / אין בערגן-טורעמס אין דײַנע, / וואָס קוקן לויטער נאָך, אויף די געוויסערן פֿון דניעפּער, / אויף סטעפּעס דײַנע״...

ווי שרעקלעך איז אָבער געווען דער בראָך אויג-אויף-אויג מיט די ייִדישע מאַסן-שחיטות און ווי גרויס האָט באַדאַרפֿט זײַן דעם דיכטערס ווײ און מוט, אַז איבער אַלץ און אַלעמען, — איבער זיך און איבער זײַן ליבשאַפֿט, — זאָל ער אָ וואָרף טאָן אין פּרצוף פֿון דער זעלבער אוקראַיִנע:

איך ווייס דאָס אויך:
ביסט דורות לאַנג
געווען אַ מיקלט-פּלאַץ
פֿאַר אויסוואורפֿן
פֿון גרויסן גרויען לאַנד...
אויף אַלע, אַלע שטרעקעס דײַנע
שאַטנט זיך דײַן שאַנד,
אוקראַיִנע!

און גערעכט איז ער, האָפּשטיין, גערעכט ווי זײַן ״ווײַן פֿון פֿלאַמיקן גערעכט״, ווען ער זאָגט אין אַ צווייטן ליד:

ווען הײַזער שטייען
אין פֿלאַם פֿון ווײ-געשרייען,
ווען קנוילן גרויל זיך קײַקלען איבער גאַסן,
ווער קען מיר הייסן וואַרטן?
ווער קען פֿאַרווערן האָסן?...

(״ווען ס׳קריצן ציין״)

ווען דוד האָפּשטיינס דיכטונג פֿון יענעם פּעריאָד איז פֿאַראַן אַ סך וואָס צו זאָגן, אַ סך וואָס נאָכצודענקען — ס׳איז נאָך אַלץ אַ ברייט פֿעלד פֿאַר אונדזער ליטעראַטור-פֿאָרשונג, ס׳ווילט זיך אָבער אַרויסהייבן איין וועזנטלעכע אייגנשאַפֿט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש בלויז פֿאַר האָפּ-שטיינען: די טראַגעדיע פֿון ייִדישן פֿאָלק נעמט ער אויף ניט נאַציאָנאַל-באַגרענעצט — די ייִדישע טראַגעדיע איז בײַ אים די טראַגעדיע פֿון דער מענטשהייט. אין דער דערמאָנטער פּאָעמע ״אוקראַיִנע״ שילדערט זיך ווי ער פֿאָרט מיט אַ צוג איבער די פֿאַרשווענדטע, פֿאַרברענטע חרובֿע שטעט און שטעטלעך ״אויף ברייטער פֿלאַך פֿון פֿעלדער מילדע, / שטיל פֿאַר-

שאָטענע / מיט בענקשאַפֿט, / רײַך באַפּײַכטע / מיט מײַן בלוט"... און ווײַטער:

די אָפּגעריסענע
צעדאַרטע ווענט
פֿון גרויען
אומרײנעם וואַגאָן —
זיי ציטערן
אין אײנעם מיט די זײַטלעך
פֿון מײַן אויפֿגעוואַכטן האַרץ,

און אונטער וואַקלענדיקע פּלײצעס
שטײט יונג-געבויגן,
מיט וואַרעמקײט אין קינדערש רײנע אויגן
די אַלטע-אַלטע טענה:
"וואָס וועגט אַריבער
אַ טראָפּן בלוט
פֿון קינדערשן
אומשולדיק שײנעם וועזן?"

און דאָס קומט אויך פֿון ייִדישן וועלט-באַנעם, פֿון סאַמע שורש, ווו ייִדישקײט איז אַ געזעצלעכער צווילינג מיט מענטשלעכקײט.

* * *

די זאַמלונג "פֿון אַלע מײַנע וועלטן" (מלוכה-פֿאַרלאַג פֿון אוקראַיִנע, כאַרקאָוו-קיִעוו, 1929) עפֿנט זיך מיט אַ ליד "דער גרעאַנגל": "די דרײַ-סיקער יאָרן זײ ברענען אין שווערן גרעאַנגל — / גבֿורה זיך ראַנגלט מיט קלאָרן פֿאַרשטאַנד. / זײ שטילער מײַן "איך"." דער דיכטער כאַראַקטע-ריזירט די צוויי שטרײַטנדיקע, סימבאָלישע, פֿאַרשטײט זיך, כוחות: "גבֿורה וואָס רײַסט זיך צום קרײַצן, / וואָס וויל מיט פֿאַרשווונדן / אויך צונעמען אַלץ פֿונעם לעבן"; און "פֿאַרשטאַנד, וואָס וויל אַלץ פֿאַרהיטן / געשטילט און געלײַטערט" און ווײַטער קומט אַ דריטע קראַפֿט, וואָס דערגענצט דעם קלאַסישן דרײַעק פֿון יעדן דראַמאַטישן קאָנפֿליקט:

און איך —
איך געפֿין זיך אין מיטן
אין מיט פֿון די שטרײַטן
אין דער מיט פֿון דעם שלאַכט פֿאַר מײַן "איך".

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער "אין דער מיט" איז אַן אילוזאָרישער, אַ בלומרשטער, ווי אַנדערע "בלומרשטלער" אין האָפּשטיינס דיכטונג... און קלאָר ווערט פֿון די ווײַטערדיקע סטראָפֿן, אַז דעם דיכטערס "איך" איז ווײַט ניט קיין איזאָלירטער קעמפֿער אויף דעם בלומרשט נייטראַלן "צווישן" אינעם שווערן געראַנגל פֿון די דרײַסיקער יאָרן. דער דעליקאַטער ליריקער רופֿט נישט אָן די "גבֿורה" בײַ איר אמתן נאָמען, געוונג די באַראַקטעריזאַציע פֿון אָט דער ברוטאַלער, צעשטערערישער, טאָטאַל־טויטנדיקער קראַפֿט און קלאָר ווערט, אַז דער דיכטער ראַנגלט זיך פֿאַר זײַן "איך" אויף איין פֿאָדערליניע מיט "פֿאַרשטאַנד", וועלכן ער רופֿט איצט אָן בײַם פֿולן נאָמען — געלײַטערטער שׂכל.

...געלײַטערטער שׂכל!
ער איז קיין מאָל ניט קעלטער
פֿון וואַרעמען קינדערשן קערפּער,
ער איז קיין מאָל ניט שוואַכער
פֿון פּחד,
פֿון לעבן,
ער איז קיין מאָל ניט בלאַסער,
אין ליבע, אין האַסן,
פֿון דער רויטקייט פֿון בלוט,
פֿון צונטער פֿון הייסע געבליטן...
אָט אַזאַ איז דײַן שׂכל,
אָט אַזאַ איז דײַן ליד,
דאָס געזאַנג פֿון געלײַטערטן שׂכל.

מיר ווייסן, אַז בעת האָפּשטיין האָט אויסגעליכטיקט די דאָזיקע שורות איז ער שוין אפֿשר מער פֿון אַנדערע זײַנע חבֿרים, געיאָגט און פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן דורך די פֿינצטערע "פּראָלעטקולטישע" און שפּעטער "סאָצ־רעאַליסטישע" "גבֿורה"־לײַט.

מען קען נישט זאָגן, אַז די אַלגעמיינע טעראָר-אַטמאָספּער און דער טאָטאַלער פּסיכאָז פֿון אויסהיטן אידעאָלאָגישע כּשרות, האָט אויסגעמיטן האָפּשטיינען. צומאָל האָט ער אַליין אויפֿריכטיק געפּרוּווט גיין אין שפּאַן מיט דער "גענעראַלער ליניע" און דאַן האָט ער, דער פֿיל גערודפֿטער און האָרב-געדראָשענער דיכטער אַרויסגעגעבן אויך "כּשרע" סאָוועטישע פּראָ-דוקציע — לידער, וואָס צעפֿליִען זיך ווי פּאַלאָווע אויפֿן ווינט פֿון אונדזער זכּרון און ס׳פֿאַרבלײַבן אונדז די זוניקע פֿולווערטיקע קערנער פֿון זײַן וווּנדערלעכער פּאָעזיע — לידער און פּאָעמעס, וועלכע דער דיכטער שליסט אײַן מיט געוואָגטקייט און עקשנות אין אַלע זײַנע ווײַטערדיקע זאַמלונגען.

האָפּשטיין איז געווען געוואָגט ווי יעדער עכטער ייִד, וואָס "האָט מורא פֿאַר אַ הונט און קריכט אין פֿײַער" (שלום אַש).

ער איז געווען געוואָגט אין וואָרט און אין טאָט. דערמאָנען מיר זיך ווי ער האָט געוואָגט זיך אײַנשטעלן פֿאַר דער גערודפֿטער העברעיִשער קולטור אין 1924.

ווי ער איז געקראָכן אין פֿײַער, זיך אײַנשטעלנדיק פֿאַר זײַן גערודפֿטן ברודער-פּאָעט לייב קוויטקאָ, טראָץ דער אַלמעכטיקער דאַן סטראַשידלע פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער קולטור — דעם ליט-קאָמיסאַר משה ליטוואַ-קאָוו (1926).

אָבער בעיקר איז האָפּשטיין דער דיכטער געוואָגט געווען מיט זײַן פּאָעטישן וואָרט — אין אַ לאַנד, ווו די קאָמוניסטישע זעלבסטהערשער האָבן געקלערט "איבערקערן וועלטן" מיט "פֿאַרשטאַרקטן קלאַסן-קאַמף", מיט שטענדיקער "וואַכזאַמקייט" און קעגנזײַטיקן חשד, קומט אַ ייִדישער דיכטער און טוט זיך אַ זאָג:

ליבע, גיי זעלטן אַרויס פֿון מײַן הויז,
איך ווייס:
דו קערסט קיין וועלטן ניט איבער,
נאָר בויסט נײַע אויס.

יאָ, אין אַ לאַנד מיט אַ רעזשים, וואָס וואַרפֿט אָפּ מיט פֿאַראַכטונג דעם באַגריף רחמנות אָדער מיטלײַד, נישט נאָר צו פֿרעמדע, אויך — צו אייגענע, קומט אַ ייִדישער דיכטער און פּראָקלאַמירט:

ליבשאַפֿט און חסד.

דערמאָנט עס אונדז ניט האָפּשטיינס באַליבטן רוסישן גאון — אַלעקסאַדער פּושקין, וואָס האָט פאַרקריצט אין זיין "צוואה":

אוּן לאַנג נאָך ביי דעם פאָלק באַליבט כ'וועל זיין
וואָס אין מיין תקופה דער שלעכטהאַרציקער
גערימט האָב איך די פרייהייט
און מיטלייד צום געפאַלענעם געפאָדערט . . .

(פרייע איבערזעצונג)

דוד האָפּשטיין איז אונדזער ערשטע באַוווּנדערונג. אַזעלכע קלאַסישע שעדעווּרען ווי אין "ווינטער-פאַרנאַכטן", "פרילינג", "אין וואַלד", "כ'האָב דערזען זי ביים טייך", "אַן עפּל", "אָוונט", "שטאָט" און נאָך און נאָך — אויסרעכענען אַלץ איז נישט שייך — ס'וועט נישט קלעקן קיין אָטעם! אָבער נישט אין כמות איז פאַרבאָרגן אונדזער ערשטע באַוווּנדערונג, נאָר אין איכות — לידער, וועלכע דוד האָפּשטיין האָט אויסגעדיכטעט מיט גוטע 80 יאָר צוריק, האָבן נישט פאַרלאָרן קיין טראָפּן פון זייער יוגנטלעכן רייץ, פון זייער אַט-ערשטיקייט און ס'קאָפּעט נאָך, דאַכט זיך, דער זון-צעפּינקל-טער באַשאָפונגס-טוי פון זייער נישט וועלקנדיקער פרישקייט.

דוד האָפּשטיין איז געווען אַ קינד פון זיין תקופה, ער האָט געלעבט, געאָטעמט און געדיכטעט מיט זיין צייט. זיין ווּנדערלעך שיין צעבליטן וואַנדער-שטעקן האָט די האַרבע צייט נישט איינמאָל זיך געפּרוּווט אַרויס-רייסן פון די הענט, אַרומוויקלען מיט זשאַווערדיקן שטעכדראָט. אָבער איבער אַלע צייטן האָט שוין דאָן געקלונגען. זיין "ווי טרויעריק-זיס איז מענטש צו זיין!"

אין דער נאַכאַקטאָבערישער פּלעיאַדע פון גרויסע פּאָעטן פאַרנעמט דוד האָפּשטיין, בלי שום ספק, דעם בכבודיקסטן אויבנאָן און דאָך פאַר-טונקלט ער ניט, לאָזט נישט אין שאָטן קיין איינעם פון זיינע קאָלעגן און מיטצייטלער. פאַרקערט — פון גאָר זיין שעפערישקייט און פון אַלע זיינע ליטעראַריש-דערציִערישע טעטיקייטן שיילט זיך שאַרף און בולט אַרויס די אויסנאַמלעכע אייגנאַרטיקייט פון דעם אָדער אַנדערן דיכטער.

פון אייניקע מיטצייטלער זיינע איז ער עלטער געווען נישט מער ווי אַ יאָר, צוויי, מיינסטנס — אויף אַ יאָר פינף . . . און כמעט פון סאַמע אָנהייב איז ער אַרומגערינגלט געווען דורך זיינע קאָלעגן מיט ליבשאַפט און חשיבות. ער איז דער איינציקער אין רוסלאַנד און אפשר אויך אויף דער

גאָרער "ייִדיש-אימפּעריע", וואָס האָט אויפֿגעשטעלט אַן אייגענע פּאָעטישע שול, אין וועלכער קיינער פֿון זײַנע פּילצאָליקע תּלמידים איז נישט געוואָרן קיין עפּיגאָן פֿון זייער רבי, יעדערער פֿון זיי איז אַוועק אויף אייגענע דרכים, אויסהיטנדיק דעם געבאָט פֿון באַליבטן לערער:

א שפּאַן טאָן מיט נײַעם, מיט ברייטן
מיט אייגענעם, נאָר ניט געגאַנגענעם גאַנג!

1991

מיט פּרץ מאַרקיש

אַרום סוף 1945 איז אין פֿאָיע פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער פֿאָרגעקומען אַ שפּעריכע באַגעגעניש פֿון פּרץ מאַרקיש מיט די אַקטיאָרן און מיטאַרבעטער פֿון טעאַטער. עס איז אויך געקומען אַ היפּשע צאָל ייִדיש-שרײַבערס און קולטור-טוערס.

איך וויל בלויז דערמאָנען, ווײַל איבערגעבן די שטימונג און די אַט-מאָספֿער פֿון יענע טעג בין איך פּשוט ניט בכּוח... ס'האָבן ערשט ניט לאַנג געהאַט אָפּגעהילכט די פֿײַערלעכע סאַלוטן צום גרויסן נצחון איבער דעם נאַצישן דײַטשלאַנד, ראַקעטן-אילומינאַציעס האָבן באַלויכטן אויף אַ ווײַלע די פֿאַרקוילטע חורבֿות פֿון שטעט און דערפֿער איבערן ריזיקן לאַנד — שטעט און דערפֿער וואָס מ'וועט שפּעטער, אין הונגער, קעלט און נויט, מיט מסירת-נפֿש פֿון איין זײַט און צוואַנגאַרבעט — פֿון דער אַנדערער, ווידער אויפֿבויען און אויפֿלעבן. די ראַקעטן-אילומינאַציעס האָבן באַלויכטן אַ ווײַלע אויך דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אויפֿלעבן — די אומצאָליקע מענטש-לעכע קרבנות, די מיליאָנען פֿאַראייניקטע און פֿאַריתומטע.

גרעסער פֿון אַלץ איז געווען אונדזער אַבֿידה. מיר זענען פֿאַרבליבן אין דער פֿינצטערניש מיט אונדזערע אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן, מיט אונדזער באַבי-יאַר און פּאָנאַר, מיט אונדזערע פֿאַרקילטע קאַלכאָויוונס און קרעמאַטאָריעס.

און נאָך. מיר, די סאָוועטישע ייִדן, האָבן זיך געשלאָגן אויף אַלע פֿראָנטן קעגן דעם גרויליקן שׂונא, אפֿשר העלדישער און מוטיקער ווי די אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער. וועגן דעם זאָגן עדות די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פֿון ייִדישן אַנטי-פֿאַשיסטישן קאָמיטעט און אַפֿילו די סטאַטיס-טישע קאָמוניקאַטן פֿון דער סאָוועטישער מיליטערישער איבער-קאָמאַנד-שאַפֿט.

יעדער פֿון אונדז האָט זייער גוט געוווּסט אַז ס'איז כּמעט ניט געווען קיין ייִדישע משפּחה אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, אין וועלכער ס'זאָלן ניט זײַן קיין געפֿאַלענע מלחמה-העלדן. אָבער דער גרויס-רוסישער שאָוויניזם,

אויסגעבאָוועט פֿונעם רוצחישן אַזױאַט סטאַלין, האָט אַלץ אָנגעווענדט ס'זאָל פֿאַרשוויגן און אויסגעמעקט ווערן פֿון דער געשיכטע סײַ אונדזער גרויסער בראָך, סײַ אונדזער וואַגיקער אָנטייל אין די שלאַכטן מיט די נאַצישע רוצחים. איבערן לאַנד האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, און טראָגן זיך נאָך עד היום, אַז די גאַנצע מלחמה איז פֿאַרקאָכט געוואָרן צוליב די ייִדן, אַז ייִדן האָבן געהאַלטן מלחמה אין... טאַשקענט און אַז זיי זענען באַרײַכערט געוואָרן אויפֿן חשבון פֿון רוסן, אוקראַיִנער און אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער.

קיינער האָט די דאָזיקע בילבולים עפֿנטלעך ניט אָפּגעלייקנט און ניט אָפּגעפֿרעגט.

פֿון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד האָט זיך דערטראָגן צום ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט דאָס פֿאַרטויבטע ווייגעשריי פֿון ייִדישע משפּחות וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון עוואַקואַציע, דאָס געשריי פֿון מלחמה-אינוואַלידן, געוועזענע פּאַרטיזאַנער און דעמאָביליזירטע זעלנערס. זיי האָבן אַלאַרמירט וועגן דער פּאָגראָם-אַטמאָספֿער וואָס הערשט דאָרטן און וועגן דעם פֿײַנדלעכן גלײַכגילט פֿון די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען.

ווען מיכאָעלס האָט פֿאַר סטאַלינס ייִדישן אויבער-משרת לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש אַרויסגעבראַכט די אַלע פֿאַקטן און געבעטן הילף, האָט יענער אָנגעשריִען אויף אים און געסטראַשעט:

— איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש, סאַלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, ניטאָ בײַ אונדז, ניט קיין ייִדן-פֿראַגע און ניט קיין אַנטיסעמיטיזם! פֿאַרגע-דענקט עס!

אין אָט אַזאַ אַטמאָספֿער איז דעמאָלט פֿאַרגעקומען די שפּעטערישע באַגעגעניש מיט פּרץ מאַרקיש אין מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער. בײַם פּרעזידיום-טיש איז געזעסן שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט נאָר וואָס פֿאַר-ענדיקט זײַן אַרײַנפֿיר-וואָרט, פֿול מיט ליבשאַפֿט צום פּאָעט. ער איז געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער, דער סאָקראַטעס-קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זײַנע אויסדריק-לעכע הענט.

מאַרקיש האָט געלייענט פֿון זײַן גרויס ווערק **מלחמה**, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן בײַם פֿאַרענדיקן און ווו ער ברענגט אַרויס, אויפֿן פֿאָן פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, אונדזער פֿאָלקס-קאַטאַסטראָפֿע, אונדזער פֿאָלקס-גבֿורה און אונדזער רעכט אויף ווידערגעבורט. מאַרקיש איז גע-שטאַנען אַ בלייכער, משכמו ומעלה איבער אונדז, מיט זײַן פֿלאַטערנדיקער,

קוים באַפּראָסטיקטער טשופּרינע. ער האָט געלייענט... ניין, ער האָט מיט צער אַרויסגעברומט, אַרויסגעשריגן, אַרויסגעוואַלדעוועט... זײַן קול האָט זיך געקײַקלט איבער די פּוסטע קאָרידאָרן און רעפּעטיציע-זאַלן, ביז צו דעם ליידיקן צושויער-זאַל.

מיר האָבן צוזאַמען מיטן דיכטער מיטגעמאַכט דעם לעצטן וועג פֿון קאַלאַנעס ייִדן, געטריבענע צום טויט:

זי האָט זיי אויסגעשפּירט, די האַק, און זיי דעריאָגט —
אַ לאַנגער וועג נאָך פֿון סעווילע און טאָלעדאָ...

אונדזערע הערצער זענען איבערפֿול געווען מיטן גילדענעם נאָגנדיקן זשום פֿון דער פּאַריתומטער בין, וועמענס בינשטאָק ס'איז פֿאַרברענט געוואָרן אין די מלחמה-פֿלאַמען. און צוזאַמען מיט אָט דער בין האָבן מיר וויינענדיק געוואַנדערט און זיך געדרייט מיט דער ראָד פֿון וואָגן, אויף וועלכן ס'איז געלעגן שווער פֿאַרווונדיקט אַ מאַטראַס, „ווי אַ טאַטויִרטער גאָט"...

פֿאַרענדיקט האָט ער מיט אַ גאַנץ שוואַכער „אָדע" צום „פֿאָטער פֿון אַלע פֿעלקער".

נאָך דעם אָוונט בין איך אַרויס אין דרויסן צוזאַמען מיטן דיכטער חיים גראַדע. מיר זענען שווײַגנדיק געגאַנגען דורך די האַרבסטיקע שיטער גע-וואָרענע אַלעען פֿון טווערסקאָי-בולוואַר.

— ס'איז פּשוט ניט צו באַנעמען! — האָט ענדלעך גראַדע אַרויס-געטעמט.

כ'האָב דערשפּירט אין טאָן פֿון אָט די ווערטער אַ מין פֿאַרוווּרף קעגן מײַן מאַרקיש. האָב איך געפּרוווט פֿאַרטיידיקן מאַרקישן דעם דיכטער.

— פֿאַראַן, פֿאַרשטייט זיך, בײַ אים אַן איבערשטראָם פֿון רייד, צו מאָל קאָזיאַנשטשינע, איבערגעטריבענער פּאַטאָס, אָבער...

— אײַ! — האָט גראַדע מיך איבערגעשלאָגן, ענערגיש אַ פֿאָך געבנדיק מיט דער האַנט, גלײַך ער וואָלט געטריבן פֿון זיך אַ טשאַטע זלידנע פֿליגן — אײַ, וועגן וואָס רעדט איר, קערלער? איך מיין די גוואַלדיקע וויזיע און די נבֿיאישע גבֿורה פֿון פּרץ מאַרקיש!

לאַנגע, שווערע יאָרן פֿון פּײַן האָב איך געדאַרפֿט דורכמאַכן, כּדי אַזוי ווי מײַן עלטערער פֿרײַנד חיים גראַדע אָנעקצוטרײַבן מיט דער האַנט די פֿאַלשע פּערזן פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער פּאָעזיע. די דאָזיקע שוואַכע

פֿערזן זענען, ווייס איך אַצינד, געקומען אָדער פֿון בלאָנדזשענישן און פֿאַרבלענדעניש, אָדער, שפּעטער, ווי אַ מין קאַזיאָנע קמיעלע, כּדי צו פֿאַרהיטן פֿון שרעקלעכן טעראָר די עכט יידישע, טיף-נאַציאָנאַלע נשמה פֿון אָט דער דיכטונג.

און אין שײַן פֿון אָט דעם אויספּיר, וויל איך זאָגן מײַן וואָרט וועגן פּרץ מאַרקישן:

אָנהייב 1949. בײַ נאַכט זענען געקומען צו מאַרקישן די ק.ג.ב.-לײַט און אים צוגענומען.

שווערער פֿון אַלץ איז פֿאַרצושטעלן זיך מאַרקישן צווישן די ענגע טורמע-ווענט פֿון דער סטאַלינישער אינקוויזיציע. זײַן אויג אויף אויג מיט אַ גאַנצער טשאַטע קאַרליקעס-תּלינים. קען מען דען אַרײַנשפּאַרן אין קאַרצער אַ צעשטורעמטן ים? אומבאַגרײַפֿלעך!

געשריבן האָט ער מעסטנדיק גאַסן, פּלעצער און וואָקזאַלן פֿון קיִעוו, וואַרשע, בערלין, פּאַריז, מאָסקווע; געפֿורעמט האָט ער זײַנע לידער און פּאָעמעס, ווי שטייענדיק בײַ אַ באַלעמער, בײַ עפּעס אַ הויכן פּיופּיטער. ווען כ׳האָב אַ מאָל באַוווּנדערט זײַן אופֿן פֿון אַרבעט, האָט ער פֿאַרחידושט און בייזלעך אַ ברי געטאָן מיט די בלויע פֿײַערן פֿון זײַנע שיינע אויגן:

— מ׳קען דען אײַנזיצן?

נעבעכדיק זעט מיר אויס לערמאָנטאָווס דעמאָן אַנטקעגן דעם פּאָעט פּרץ מאַרקיש, וועלכער האָט מיט אַ געטלעכער קראַפֿט אָנגעשלײַדערט כּאַטישע בערג מיט אַלדאָס גוטס און מיט... כ׳ווייס אַליין ניט מיט וואָס.

ער האָט ניט פֿאַרמאָגט די דורכזעיִקע פּאַרטיפֿטקייט פֿון האָפֿשטיינס קלאַסישן פּערז, די געשליפֿענע סטראָפֿיק פֿון שמואל האַלקין, דעם ווײַטיק-לער-געצוימטן ליריזם פֿון אַהרון קושניראָוו, אָבער אין קאַפּיטלען פֿון זײַנע פּאָעמעס, אין די לידער זײַנע, האָט דאָס אַלץ אָפּט מאָל אַרויסגעבליצט מיט אַ באַזונדערער קראַפֿט, ווי טײַערע איידלשטיינער, וואָס באַלויכטן די הייכן פֿון זײַן עפּיק.

ער האָט אין אַלע זײַנע וואָגלענישן מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם היימישן וואָלין, ווי שאַגאַל זײַן וויטעבסק, אָבער להיפּוך צו קוויטקאָן האָט ער זײַנע וואָרצלען פֿון סאַמע אָנהייב פֿאַרוואָנדלט אין פֿליגל. ער האָט אויפֿגענומען די רעוואָלוציע ווי ס׳פּאַסט פֿאַר זײַן סטיכישער בונטאַרישקייט. אויף די חורבֿות פֿון פֿאַרהאַסטן צאַריזם האָט ער געשטרעבט צו אַ נײַער פֿרײַער וועלט פֿון גלײַכהייט און יושר. ערגעץ ווײַט זענען פֿאַרבליבן זײַן וואָלין און

פּאַדאַל, מיט פֿאַרדאַגהטע טאַטעס בײַ וואַכעדיקע רונדוקעס און פֿאַריתומטע מאַמעס בײַ די שבתדיקע בענטש-ליכט — בעת ער איז אַ צעבראַסטעטער געפֿלויגן מיטן ווינט איבער „פֿײַער-פֿלאַמיקער אומענדלעכקייט":

מײַן גוף איז שוים
און ס'שמעקט פֿון אים מיט ווינט
מײַן נאָמען איז „אַצינד"...
צעוואָרף איך מײַנע הענט,
דערלאַנגען זיי די וועלט פֿון איין עק ביזן צווייטן...
די אויגן כּ'לאָז געווענדט,
פֿאַרטרינקען זיי די וועלט פֿון אויבן ביז אַרויף!

אָבער ס'איז אַלץ ניט אַזוי פּשוט. זײַן אַדלערישער בליק פֿון אויבן האָט עפּעס דערזען און האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פֿאַרצווייפֿלונג:

האָסט אַ שטיקל האַרץ? פֿאַרשווײַג עס!
ווילט זיך שווײַגן? שרײַ צום טויט!
ערגעץ גרימפּלען באַלאַלײַקעס
אויף אַ שטיין צעזעצטערהייט!...

משה ליטוואַקאָוו, איינער פֿון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דעם יעווסעקישן וועלטל, איז ניט איין מאָל געשטרויכלט געוואָרן בײַם פּרוּוון אָפּשאַצן מאַרקישן דעם דיכטער. אָט זאָגט ער אָן אַ פֿריידיקע בשׂורה אין דעצעמבער 1918, אַז ניט ווי בײַ אַנדערע דיכטערס... „געפֿינען מיר שוין בײַ מאַרקישן סימנים פֿון גובֿר זײַן דאָס נאַציאָנאַלע אין דער ייִדישער ליריק. אין מאַרקישעס לידער שלאָגן שוין קוואַלן פֿון אוניווערסאַליזם, פֿון דעם באַפֿרײַטן מאַסן-יחיד איבערהויפּט". און ווײַטער „...קוויטקאָ און מאַרקיש זענען צוויי גרויסע אָנזאָגן פֿון גאָר אַ נײַער דיכטונג, אַ דיכטונג פֿון נײַע מאַסן" („אין אומרו", ז' 43). מיט זיבן יאָר שפּעטער דערהערן מיר שוין גאָר אַן אַנדערן טאָן בײַ דעם זעלבן ליטוואַקאָוו: „דערפֿאַר איז מאַרקיש דער הפֿקר-מענטש פֿון דער דאָזיקער אויפֿגערודערטער כאַליאַסטרע, ער איז דער 'באָסיאַק', וואָס אַלץ איז בײַ אים קײַ און שפּײַ, אָן טראַדיציעס, אָן צוזאַמענבונדן. אין פֿײַער פֿון שלאַכט קאָן ער אַ מאָל מיטגעריסן ווערן, אָבער ער קאָן זײַן אויך דער ערשטער פֿון די דעזערטירער" (דאָרטן, „בײַם איבערבראָך").

אַ סך גילגולים האָט מאַרקישעס פּאָעזיע דורכגעמאַכט שוין אין די ערשטע יאָרן. יעדער גילגול איז אַ וועלט פאַר זיך, אָבער זײַנע אָדלער־פליגל זענען צום ערשטן מאָל אָפּגעסמאַליעט געוואָרן דורך די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע.

אַוודאי רופט זיך איבער זײַן קופּע מיט דער צער און צאָרנדיקער שחיטה־שטאָט פון חיים־נחמן ביאַליק. אָבער ביאַליק איז געקומען "פון גאָט געשיקט", ווי אַ נביא מיט שטראָפרייד, כדי צו וועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן און די פאָלקסוועדע. מאַרקיש האָט אין נאָמען פון די הרוגים געשליידערט זײַן אויסגעפּײַניקטע לעסטערונג:

אַ, סיני־באַרג! אין איבערקערטער שאָל פון הימל — לעק די בלאָווע בלאָטע!...

און נכנע, נכנע ווי אַ קאָץ אין האַלבנאַכטיקער תּפילה,
— די מלכּה־קופּע שפּײַט אין פּנים צריק דיר אָפּ די צען געבאָטן!...

אַזעלכע ווערטער קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן בלויז אין געראַנגל פון דיכטער מיט גאָט. און פּונקט ווי אַ מאָל יעקב אָבינו, איז דער דיכטער אַרויס פון זײַן געראַנגל אַן אויסגעלענקטער.

ווי ער זאָל ניט געוועזן שאַפן און פאָרעמען זײַן ווײַטערדיקע דיכטונג, האָט אים כּמעט תּמיד געפּײַניקט דער טראַגישער און העלדישער גורל פון פאָלק ישׂראל. דאָס האָט פּרץ מאַרקיש אויסגעוויטיקט די אַנטיפאַשיסטישע, טיף־נאַציאָנאַלע פּאָעמע די טענצעריין פון געטאָ. ער האָט זי געשריבן אין דער צײַט פון סטאַלין־היטלער־פרײַנדשאַפט, ווען די סאָוועטישע בלעטער זענען פול געווען מיט לויב פאַר דעם "זיגרײַכן גערמאַנישן וואָפן", ווען די סאָוועטישע עפנטלעכקייט האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט שטום־שווײַגע־ניש וועגן מאַסנמאָרד פון יידישן פאָלק אין דײַטשלאַנד און אין די אָקופּירטע געביטן. יעדער זאַץ פון דער טענצעריין איז דעמאָלט געווען טריף־פּסול און מען האָט געקאָנט פאַר יעדן וואָרט פאַרקאַטעוועט ווערן ביז צום טויט אין די קעלערן פון לוביאַנקע.

נעם אים אַרום דעם טרויער, בײַ דײַן שוועל,
פיר ווי אַ בלינדן פאַר דער האַנט אים, דער פאַרשעמטער, —
ער קער אַן אייגענער זיך אַן דער גאַנצער וועלט
און יעדער איינציקן באַזונדער ז'ער אַ פרעמדער.

אין דער דאָזיקער פּאָעמע פּילן מיר שוין דעם ווייטיקלעכן חשבון-הנפש צווישן ייִד און וועלט, צווישן ייִד און לאַנד, דעם זעלבן חשבון-הנפש וואָס ס'האָבן שפּעטער געמאַכט פאַר זיך הונדערטער טויזנטער ייִדן אין ראַטן-פאַרבאַנד, איינגערעכנט מאַרקישעס משפּחה, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכן קיין ישׂראל מיט דער עליה פון די 70ער יאָרן.

די טענצעריןן פון געטאָ איז איינס פון די ווערטפולסטע נאַציאָנאַלע ווערק אונדזערע, ניט נאָר מחמת דער פּאָעטישער אָנלאָדונג, נאָר אויך ווי אַ דאָקומענט פון גרויסער קולטור-היסטאָרישער וויכטיקייט. דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק וואַרפט אַ דורכדרינגלעכע שיין אויף דער עוואָלוציע און דעם געמיט-צושטאַנד פונעם אַזוי גערופענעם "שווייַגנדיקן ייִדנטום". די גאַנצע פּאָעמע שטעלט מיט זיך פאָר איין מאַכטיקע קייט פון פונאַנדער-געוויקלטע מעטאַפאָרן און בילדערישע אַסאָציאַציעס:

גענוען אַ ציג... אַזאַ מין צוגעלאָזטע ציג...
האָט איר פאַרגלוסט זיך ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
געטאָן האָט עס זי מיט אַ מאָל ערגעץ אַ צי,
האָט עמעץ איינהאַלטן געקאָנט זי אין דער האַנט דען?

דאָ קומט דער דיכטער צום שאַרפן ראַנד ווו ס'קאָן, חלילה, צעשטערט ווערן דאָס גאַנצע פּאָעטישע געוועב. דאָס איז ווען ער גיט אונדז בולט אָנצוהערן אַז אַלץ מיט אַנאַנדער, די רו וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַרצן, איז "אַוועקגעפלויגן ווי די גינגאָלדענע פּאַווע"; די ציג וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים זוכן גליקן, און די היים, וואָס איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן — אַלץ איז ניט מער, ווי פּאָעטיש-פאָלקסטימלעכע אַלעגאָריע, אַ משל, אַזוי צו זאָגן, צום אויסגעבלוטיקטן נימשל. אָבער מיט וואָס פאַר אַ דערוועגטקייט דער קינסטלער איז גובֿר דעם אָפּגרונט, ווי נאַטירלעך ס'איז דער איבערגאַנג פון דער "צוגעלאָזטער ציג", וואָס קומט אַוודאי פון שלום-עליכמס פאַרכישופטן שניידער און פון דער מאַמעס וויגליד, צו אָט דעם נימשל:

פון אַלץ געבליבן איז מיר בלויז אַ ליד אַליין,
איך זוך זיי אַלע אין מיין בלאָנדזשעניש אָן אויפהער,
איך גיי זיי נאָך און זאָג זיי שפּרוכן אַלערליי
און כ'קען מיט גאָרנישט זיי צוריק צו זיך פאַררופן...

און ווײַטער קומען די שפּרוכן:

אַ שפּרוך וועגן אַ ציג וואָס איז אַוועק ערגעץ געהיים
אַדורכשנײַדן אַ וועג — פֿון לאַנד צו לאַנד זיך,
נײַן, ניט געוועזן ז׳די ציג געבונדן צו קיין בוים,
ווײַל ניט געהאַט קיין בוים האָט ווו זיך צו פֿאַרפֿלאַנצן...

— — —

אַ שפּרוך וועגן אַ בוים, וואָס ניט פֿאַרפֿלאַנצטערהייט
טראָגט ער די לאַסט אויף זיך פֿון בליִען און פֿון וואַקסן...

— — —

אַ שפּרוך וועגן דער האַק, וואָס איז פֿאַרמאַסטן אויף דײַן האַלדז,
ווײַל ס׳שטײַגט פֿון אים אַ קאָפּ די זון אַריבער.

— — —

און דאָ קומט "אַ שפּרוך וועגן אַ היים", וועלכע רופֿט זיך אויף ס׳נײַ איבער מיטן גוטן זוניקן שלום-עליכם, אָפּפֿרעגנדיק דעם באַרימטן זאָג פֿון טבֿיהן וועגן "דער באַטקאָווּשטשינע" (היימלאַנד). און אַליין "די שפּרוכן אַלערלייִ", צי דערמאָנען זיי ניט די פּסוקים און די משלים פֿון דעם זעלבן טבֿיה דעם מילכיקן? באַזונדערש איינעם אַזאַ משל:

"ברענג איך איר אַ משל מיט אַ הון אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפֿגעכאַפּט אויף די פֿיסלעך האָבן זיי זיך געלאָזט אויפֿן וואַסער. און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט. וואָס, זאָג איך, וועסטו זאָגן, זאָג איך, דערויף, טאַכטער לעבן? וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס׳איז אַוודאי אַ רחמנות, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע, נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט זאָלן די קאַטשקעלעך ניט שווימען?"

טבֿיה האָט, ווי מיר ווייסן, געמוזט נאָכגעבן זײַן האָדלען, קוויקנדיק זיך מיט פֿאָטערלעכע חלשות-טראָפּן, אַז "טבֿיהס טאָכטער רעדט ניט גלאַט"... אויך שלום-עליכם האָט ניט אָנגענומען קיין באַשטימטן צד אין דעם דאָזיקן וויכּוח.

מ׳האָט באַדאַרפֿט האָבן הינטער זיך די טראַגישע דערפֿאַרונג פֿון רעוואָלוציע, פּאָגראָמען, צוואַנג-אַסימילאַציע, סטאַלין-טעראָר און היטלע-ריסטישע פֿאָלקס-פֿאַרטיליקונג, מ׳האָט באַדאַרפֿט דערשפּירן דעם גרעסטן און בלוטיקסטן חורבן אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, כּדי אַזאַ דיכטער

ווי פּרץ מאַרקיש זאָל אפשר, ניט ווילנדיק, אונטערפירן דעם שרעקלעכן באַלאַנס:

די היים איז קיין היים ניט, זי איז "אַליין ערגעץ פאַרשווונדן", דער בוים איז קיין בוים ניט, ווײַל ער האָט זיך ניט "ווו צו פאַרפלאַנצן" און די קאַטשקעלער זענען נאָר... געוויינטלעכע הינדעלער, וואָס האָבן זיך געלאָזט שווימען מיט אַלע קאַטשקעלער גלײַך...

אידעאָלאָגיש איז פּרץ מאַרקיש, ווי אַלע אַנדערע אומגעבראַכטע שרײַבערס, געווען אַ הייסער פּאַטריאָט פון סאָוועטישן היימלאַנד, אָבער ווי אַן עכטער ייִד און אַן עכטער קינסטלער האָט זיך בײַ אים געמוזט דורכרײַסן די טרויעריקע וואָר, דער האַרצרײַסנדיקער סך-הכל פון טראַגישן פאָלקס-נסיון:

פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך,
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּײַן.

אומעטום, אין דער גראַנדיעזער עפּאָפּעע **מלחמה**, אין טראָט פון **דורות**, אין עלעגישן לידער-ציקל **קאַווקאַז**, ווערט זיך איבערחזרן דער מאָטיוו:

איז ניט געווען דען נײַן מאָל נאַכט
אויף איין געדאַכטענעם באַגינען?

* * *

מאַרקיש! ער פלעגט באַהערשן אונדזערע צעטומלטע הערצער מיט בליץ און דונער פון זײַנע דרייסטע "שטערנשאַפטן", אַסאָנאַנסן, מעטאַפאָרן און קאָסמאָגאָנישע היפּערבאָליזמען. שטורמישע איבערפלייצונגען פון בילדער און געשיכטלעכע אַסאָציאַציעס האָבן צו מאָל געבראָכן אַלע צוימען פון ריטעם און פאָרעם. ווענדיק מיט גוואַלד אַרײַנפּרעסן אין וועלכע ניט איז גרענעצן אָט די איבערפאַרפלייצונג, פלעגט ער צו מאָל פאַרגוואַלדיקן די שפּראַך. פון דעסטוועגן איז פּרץ מאַרקיש איינער פון אונדזערע געניאַלע וואָרטמײַסטערס.

און דאָ ווילט זיך מיר שליסן אָט דאָס קאַפּיטל מיט אילוסטרירן אַ ליד

מעכטיקער נאַציאָנאַלער געדענקשאַפֿט, אַ ליד װעלכע מיר, די יונגע, האָבן פֿיל מאָל געלייענט און פֿאַרחזרט אויף שטענדיק:

ווידערשפעניקונג

ניין, ניין, ס'איז ניט געווען פֿון גורל קיין באַצוווּנג,
און אויסוואַל ס'איז געווען דורכויס אַ פֿרײַער,
דאָס, וואָס צו פֿײַער צוגערירט האָט זיך צוערשט דײַן צונג,
צו גאָלד — נאָכהער, נאָר אין דעם חושך פֿון מצרים!

צו פֿײַער האָט געפֿירט דײַן אומרויִק געמיט
בײַם טראָגן שטיין און זאַמד פֿאַר פּיראַמידן,
אַז זאָלסט, אין קייטן זײַענדיק געשמידט,
אַ שווערד אויף ווידערשפעניקן זיך קענען שמידן.

און ביסט דערפֿאַר געבענטשט געווען מיט דעם,
וואָס דאָס געשליפֿן שטיינדל פֿון דײַן פּאַסטעך
האָט אונטערשנײַדנדיק דעם גלותדיקן דעמב,
אין דעם באַגינען זינגעוודיק אַרײַנגעפּאַסט זיך.

כ'ווייס נישט ווי וועמען, נאָר מיר פערזענלעך האָט דאָס דאָזיקע ליד באַלויכטן מײַן עקשנותדיק שווערן גאַנג און אַרויפֿגאַנג צו ארץ-ישׂראל.

* * *

און ווידער צוריק צום לעבעדיקן — און אַפֿילו גליקלעכן — פּרץ מאַרקיש. כ'געדענק ניט גענוי ווער ס'האָט מיך, דעמאָלט אַ פֿאַרייִאושטן, אַ כּמעט פֿאַרחלשטן סטודענט, צוגעפֿירט און פֿאַרגעשטעלט מײַן באַליבטן דיכטער; קאָן זײַן אַז יחזקאל דאָברושין, איינער פֿון מײַנע סטודיע-פּעדאַגאָגן, "די הייבאַם פֿון אונדזער ליטעראַטור", ווי דוד בערגעלסאָן האָט אים גערופֿן. פּרץ מאַרקיש האָט מיך שאַרף אַ מעסט געטאָן, אַפֿילו מיט איבערגעטריבענער ערנסטקייט אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן, בעת אויף די געטאָקטע ליפּן זײַנע האָט געשוועבט אַן איידעלער שמייכל וועגן מײַן ייִנגלשער פֿאַרלוירנקייט. פּלוצעם האָט זיך דער שמייכל דורכגעריסן

און מיך באַלויכטן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. פֿון דאַנען איז שוין פֿאַרבליבן ניט מער ווי אַ רגע צו זײַן היימיש-גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע:

— ווילסטו לייענען לידער, טאָ כאַפּ זיך אַרײַן, חבֿרהמאַן!

און נאָך אַ קליינער הפֿסקה:

— אויפֿפּעסן וועל איך דיך ניט, אַפֿילו ווען די לידער דײַנע טויגן אויף כּפּרות!...

...און אָט בין איך אויף דער רעשיקער גאַרקי-גאַס, בײַם שיינעם מויער וואָס אַנטקעגן דעם ווײַסרוסישן וואָקזאַל. אָט הייב איך זיך אויף צום פֿינפֿטן שטאָק און טרעט אַריבער די שוועל, וועלכע איז מיר דערנאָך באַשערט געווען נישט איין מאָל אַריבערצוטרעטן, סײַ ווען מאַרקיש האָט נאָך געלעבט, סײַ נאָך דעם ווי מען האָט אים אומגעבראַכט. די פֿרײַנדלעכע אסתּר מאַרקיש האָט ברייט צעעפֿנט די טיר און מיך אַרײַנגעפֿירט צום דיכטער. ער איז געשטאַנען אַ שטראַלנדיקער אין אַ ווינקל פֿון צימער, לעבן דער אַלטפֿרענקישער שאַפֿע, אָן אָנגעשטאָפּטע מיט ביכער. אויף זײַנע הענט — אַ שוואַרץ-חנעוודיק פֿאַרשווינדל, אפֿשר פֿון אַ יאָר, ניט מער, וואָס פֿאַרגייט זיך ממש פֿון געלעכטער, שלעפּנדיק דעם טאַטן פֿאַר די צעשויבערטע קוטשערן.

— אסתּרל, ער מאַכט דאָך מיך פֿאַר אויס קראַסאַוועץ, דער ממזר! נעם אים שוין צו!

ווען מיר זענען ענדלעך געבליבן אַליין אין צימער, האָט ער מיט שײַנענדיקער פֿאָטערלעכער פֿרייד זיך אַ באַרים געטאָן:

— דאָס איז מײַן דוד סאַסונסקי! ס'וואַקסט אַן אמתער גיבור... אַ ייִדישער גיבור — האָט ער צוגעגעבן.

אויף דער ליטעראַרישער וועלט האָט זיך דעמאָלט געטומלט מיט דער פּראַכטיקער איבערזעצונג פֿון דער אַרמענישער פֿאָלקס-פּאָעמע וועגן מיטל-עלטערלעכן העלד פֿון אַרמעניע דוד פֿון סאַסון. „סאַסון" הייסט אויך אַ זויגלינג אויף רוסיש.

* * *

ס'וועלן אַדורך יאָרן, שווערע, ביטערע יאָרן, יאָרן נאָכן בײַנאַכטיקן אַרעסט פֿון מאַרקישן, ווען אסתּר מיט די צוויי קליינע ייִנגלעך איז פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף הונגער, נויט און אומקום. אָט די

שוואַרץ-חנעוודיקע ענערגישע און מוטיקע פֿרוי האָט אין די דאָזיקע יאָרן באַוויזן ניט נאָר אויסהיטן און אויסבאָוועז אירע צוויי זין, זי האָט אויך באַוויזן, ממש איינשטעלנדיק דאָס לעבן, אויסהיטן כּמעט די גאַנצע ליטע-ראַרישע ירושה פֿון אונדזער גרויסן דיכטער.

ס׳וועלן פֿאַרבײַ יאָרן פֿון ענדגילטיקן חשבון-הנפֿש, ניט נאָר פֿאַר דער משפּחה מאַרקיש, נײַערט פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק. ניט קיין אַנדערער ווי יענער אַמאָליקער זויגלינג, וועגן וועלכן דער פֿאָטער האָט אַ מאָל געזאָגט: ס׳וואַקסט אַן אמתער גיבור, אַ יידישער גיבור! — דער זעלביקער דוד מאַרקיש וועט קעמפֿן אין רוסלאַנד פֿאַר אַ פֿרײַער עליה און אָפּדרוקן אין ישׂראל איינציקע פֿון זײַנע לידער, אונטערן פּסעוודאָנים "מגן". צווישן אָט די לידער וועט זײַן איינס מיטן נאָמען פֿון דער אויסגעוווייטיקטער מאַרקיש-טעמע: "טראָט פֿון דורות". אָט ווי דוד מאַרקיש פֿאַרענדיקט דעם דאָזיקן אני-מאמין זײַנעם:

שלום, צו אַלע די, וואָס פֿאַרבלײַבן!
כ׳וועל דערגיין צו דער ערד פֿון מײַן שטאָם.
כ׳וועל דערגרייכן, ווײַל זיי זאָגן מיר אָן,
די מיליאָנען פֿאַרבליבענע דאָ:
גיי און קוק זיך ניט אום — וועסט דערגרייכן.
זאָל מײַן שטעג ווי אַ שלייף זיך פֿאַרציִען
פֿון די בלוטנדיקע פֿיס ביז צום האַלדז —
כ׳וועל דערגיין, ווײַל אויף צוויי טויזנט יאָר
בין איך נענטער איצטער צו דיר,
מײַן באַשערטע, מײַן הייליקע ערד,
כ׳בין איצט יינגער מיט צוויי טויזנט יאָר
און מיט צוויי טויזנט יאָר בין איך שטאַרקער,
זאָל אַ קויל נאָר מײַן וועג ניט פֿאַרלויפֿן...

טאָמער יאָ, און ס׳דאַרף טרעפֿן אַזוינס,
כ׳וועל אַ פֿאַל טאָן פֿאָרויס מיט דער ברוסט —
מיטן האַרץ זאָל איך נעענטער זײַן,
באַטש אַ ווײַלע, מײַן היימלאַנד, צו דיר. *

* איבערזעצט פון רוסיש — י. ק.

* * *

פּרץ מאַרקיש איז נאָך אַלעמען געווען אַן אויפֿריכטיקער פּאַטריאָט פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, איינער פֿון די סאַמע באַגײַסטערטע באַזינגערס פֿון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. קאָן זײַן, אַז טאַקע דערפֿאַר האָט מען אים דערשאָסן, כּדי צוזאַמען מיט אים אָפּצווישן די לעצטע אילוזיע אַז די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט בּלומרשט געבראַכט מיט זיך סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלע באַפֿרײַונג אויך פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. אָבער זיכער האָט מען מאַרקישן אומגעבראַכט דערפֿאַר, ווײַל ער איז פֿאַרבליבן אַ ייִדישער דיכטער מיט אַ גרויס האַרץ, אַ האַרץ וואָס ער אַליין האָט עס ביזן טיפֿסטן ווייטיק געשפּירט צעבראָכן אויף טויזנט שטיקער ווי "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".

דאָ ניט לאַנג האָט מיר דערציילט אַ פּוילישער ייִד, וואָס איז בײַגעווען אויף אַ פֿײַערלעכער פֿאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פֿון מאָסקווער קאָמיטעט פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן. אַן ערך אין נאָוועמבער 1945 איז דאָרטן פֿאָרגעקומען אַ געזעגענונג-אָוונט לכּבֿוד דעם אָנגעזעענעם שרײַבער לעאָ פֿינקלשטיין, וואָס האָט זיך געגרייט, צוזאַמען מיט אַנדערע פּוילישע ייִדן, פֿאַרלאָזן דעם סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. ס'האָבן אַלעמען אויפֿגעטרייסלט מאַרקישעס פֿלאַמיקע ווערטער; זײַנער אַ זאָג האָט זיך אויף שטענדיק אײַנגעקריצט אין זכּרון: "איר פֿאָרט אַוועק, אָבער אַ האַרץ קאָן מען ניט צעטיילן... צעברעכן קאָן מען עס, נאָר צעטיילן — קיין מאָל ניט!"

יאָ, דאָס האַרץ, דאָס צעבראָכענע האַרץ פֿון אונדזער גרויסן דיכטער, איז מיט אונדז, מיט די ייִדן אין רוסלאַנד, מיטן ייִדישן פֿאָלק אויף גאָר דער וועלט, מיטן איינציק מעגלעכן ייִדישן היימלאַנד — ישׂראל.

פּרץ מאַרקיש איז דאָ מיט אונדז!

1976

לייב קוויטקאָ

(1952-1890)

אַלע קומען מיר פֿון די קינדעריאָרן. ער — מער פֿון אַלעמען. פֿון אים איז די קינדהייט נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין שפּאַן. ער איז אייגנטלעך, דורך אַלע זײַנע ליכטיקסטע ליבשאַפֿטן און פֿינצטערסטע אַנטוישונגען, פֿאַרבליבן אַ גרויס קינד מיט ברייט-צעפּראַלטע אויגן, איבערפֿולטע מיט חידוש און... מיסטעריעזער שרעק.

זײַן לעבן און זײַן פּאַטעטישער באַרג-אַרויף מיט צעקאַליעטשעטע פֿיס איבער שאַרפֿן שטיין-און-דאָרן, קען זיך אונדז צומאָל אויסדוכטן ווי אַ שרעקלעך צויבער-מעשׂהלע, וואָס מוז זיך סוף-סוף אויסלאָזן צום גוטן ווי דער פֿאַרליבטער פּרינץ, בײַקומענדיק אַל דאָס שלעכטס, באַפֿרײַט ענדלעך זײַן פֿאַרכּישופֿטע בת-מלכּה...

די וואָר זײַנע איז אָבער נישט געווען קיין צויבער-מעשׂהלע און זײַן טראַגישער סוף דעם 12טן אויגוסט 1952 — אַ קויל אין קאָפּ, ווען ער איז געפֿאַלן אַקסל צו אַקסל מיט זײַנע נאָענטע קאָלעגן און פֿרײַנד אין די חושכדיקע קאַזעמאַטן פֿון דער רוצחישער סטאַלין-אימפּעריע.

געבוירן דעם 15טן אָקטאָבער 1890 אין אַ פּאָדאָליער האַלב-ייִדיש, האַלב-אוקראַיִניש דערפֿל, האָלאָסקאָוו, אין דער משפּחה פֿון אַן ייִדישן לערער, איז ער גאָר פֿרי פֿאַרבליבן אַ יתום, — די עלטערן, ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען אַלע — איינס נאָכן אַנדערן, יונג פֿאַרשניטן געוואָרן דורך דער שרעקלעכער טובערקוליאָז-עפּידעמיע...

אַ קורצע צײַט זיך דערצויגן בײַ דער באָבע, באַוויזן אַ ביסל אונטער-צוקנעלן אין אַ חדר, אָבער שוין צו 10 יאָר געוואָרן אַ גאַנצער "פֿאַרדינער", אָנגעהויבן צו אַרבעטן ווי אַ לערן-ייִנגל בײַ אַ שטעפּער, זיך געלערנט שוסטערײַ, שפּעטער אַרומגעוואָגלט איבער שטעט און דערפֿער פֿון דער אוקראַיִנע און שווער געפּראַצעוועט בײַ פֿאַרשידענע פֿאַכן — אַ געזעל בײַ דעבער-פֿאַרבערײַ, אַ פֿערד-טרײַבער אין אַ בוימל-פֿאַבריקל ("מאַסלאַ-באָיקע"), אַ טרעגער און שפּעטער — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געשעפֿט.

צו 12 יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוברומען זײַנע ערשטע לידער (פֿאַרשרײַבן זיי, האָט ער נאָך דאַן ניט געקענט...).

ער האָט זיך דאַן געוויס אַליין מוראדיק געחידושט: וואָס איז דאָס? ווי קומט עס צו אים אַזאַ מין זלידניע צוטשעפּעניש?...

ערשט אין יאָר 1940, שוין אַ באַרימטער דיכטער אין רוסלאַנד, האָט ער אין זײַנע זכרונות — "מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט דוד בערגעלסאָן" געגעבן אַן ענטפֿער אויף דער דאָזיקער האַרבער קשיא: "געקומען איז עס פֿון דער לופֿט, ניט פֿון קיין שול, ניט פֿון קיין חדר, ניט פֿון קיין פּריוואַט-שטונדן, נאָר פֿון דער לופֿט, וואָס איז געווען אויפֿגערודערט, געווען פֿול מיט סודות, הריגות, בהלות און שרעקלעך אינטערעסאַנטע געשעענישן..."

פֿון 1915 לעבט און אַרבעט קוויטקאָ אין אומאַן און דאָרטן טאַקע באַגעגנט ער זיך צום ערשטן מאָל מיטן אָנגעפֿאַרענעם אַהין דוד בערגעל-סאָן. די באַגעגעניש איז פֿאַר קוויטקאָן געווען אַ גורלדיקע. אונדזער גרויסער פּראָזע-מײַסטער האָט מיט זײַן וווּנדערלעכן חוש, דער ערשטער דערשפּירט אין די רויע, עטוואָס האַמעטנע פּערזן פֿון אָט דעם אַרבעטער-יונג — אַ מעכטיקן פֿאָלקס-טאַלאַנט. ער דערמוטיקט אים, באַזאָרגט אים מיט פּריוואַטע לערערס אויף אַלגעמיינע לימודים און שפּראַכן, העלפֿט אַרויס מאַטעריעל...

דער פֿאַרדינסטפֿולער ייִדישער קולטור-טוער און פּעדאַגאָג **ז. דאַוויד-סאָן** האָט מיר אַמאָל געשענקט זײַנס אַן אייגנהאַנטיק-אַרויסגעגעבן בענדל **בריוו פֿון דוד בערגעלסאָן** — אָפּגעקאָפּירטע פֿון די ייִוואָ-אַרכיוון. סאַן-אַנטאָניאָ, טעקסאַס, 1978. אָט וואָס בערגעלסאָן שרײַבט אין אַ בריוו צו ש. ניגער וועגן לייב קוויטקאָ:

"...איך, פּערזענלעך, טײַערער ניגער, קען אײַך דערפֿרייען דערמיט וואָס אונדזער ליטעראַטור וועט אינגיכן זיך באַרײַכערן מיט איינעם אַ גאַנץ גרויסן טאַלענטירטן פּאָעט. איך פֿאָלג אים נאָך שוין כּמעט צוויי יאָר"...

און ווײַטער:

"דאָס איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אַ יאָר 21-29 [1], פֿון מײַנע קאַנטן. ער איז געווען כּמעט אַן אַנאַלפֿאַבעט, ווען איך האָב אים דערזען צום ערשטן מאָל. ער האָט געאַרבעט ווי אַ געוויינלעכער אַרבעטער אין אַ

1 זיכערער — 25. י. ק.

קליינשטעטלדיקער פוטער־פֿאַבריק[2], ער האָט דאָרט געפֿירט אַ בלינד פֿערד אַרום אַ זיך דרייענדיקן שטיין. די ערשטע ליד, וואָס ער האָט מיר געוויזן הייבט זיך אָן מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער:

איך וויל דרימלען אינעם שויס פֿון טרוים
און גלעטן זאָל איך יענע צאַרטע האַנט,
וואָס היילט די רויטע ווונד אין מערבֿ,
ווען די טרייסט, די זון פֿאַרגייט.

ער איז געווען כּמעט אַ ווילדער; איינע פֿון זײַנע לידער האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

פֿאַרשקוואַרעטע, צעהאַקטע, קמצנישע הענט
האַלטן דאָס לעבן בײַ די גילדענע האָר —
ס'שטרעקט אויס די אויגן פֿון יאוש און שרעק,

און ווײַטער:

שנורן פֿאַרציִען, רייסן פֿאַרשפּיליען
די צאַרטע טאַליע פֿון לעבן ביזן ביין — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

...צום באַדויערן האָב איך איצט ניט בײַ זיך גאַרנישט פֿון זײַנע לידער און קען זיי דאָ ניט אַרויסברענגען ווי מוסטערן פֿון זייער הער־לעכקייט, וואָס שייך דער קראַפֿט פֿון וואָרט און דער קלאָרקייט פֿון טיף־פּאָעטישן בילד. ער איז זיכער נאָך נישט בולט פֿאָרמירט, אָבער אָן שום ספֿק פֿאַרמאָגן מיר אין אים איינעם פֿון גאָר אַ גרויסן טאַלאַנט..."

דער דאָזיקער בריוו איז, ווי געזאָגט, געשריבן אין רוסיש און לײַדער — ניט דאַטירט, אָבער ס'איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער בריוו איז געשריבן אין דער פֿאַרשיכּורנדיקער "האָניק־צײַט" נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ס'האָט זיך דאַן נאָטירלעך אויך געקאָכט אויף דער ייִדישער גאַס פֿון קיִעוו: ס'האָבן דערוואַכט פֿאַרשידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע שטרעמונגען, און אַ באַזונדערס האַפֿערדיקע אויפֿלעבונג האָט געהערשט צווישן די קיִעווער ייִדישע קולטור־און ליטעראַטור־קרײַזן, ווי שוואָמען נאָך אַ דערפֿרישנדיקן רעגן האָבן זיך באַוויזן פֿאַרשידענע אויסגאַבעס, אַלץ

[2] די בריוו איז איבערזעצט פֿון רוסישן טעקסט דורכן זאַמלער. ס'דאַרף זיין בוימל־פֿאַבריק. י. ק.

נײַע ביכער, אַלץ נײַע נעמען פֿון דיכטער, פּראָזאַיקער, פּובליציסטן. ס'האָט זיך פֿיבערהאַפֿט אַנטוויקלט אַ פֿאַרלאַג-טעטיקייט... און איבער אַלץ — די גאָר גרויסע דערוואַרטונג אויף סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלער אויס-לייזונג, וואָס ס'האָט גערופֿט ברענגען מיט זיך די אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

אין יענעם קיִעווער פּעריאָד איז אויפֿגעקומען, האָט זיך, קען מען זאָגן, אויסגעצייכנט און זיך באַפֿליגלט, דער אַוואַנגאַרד פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור (באַזונדערס פֿון דער פּאָעזיע) אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד. סאַראַ ליכטיקע שטערנשאָפֿט פֿון אײַנציקאַרטיקע טאַלאַנטן — אשר שוואַרצמאַן, דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש, אַהרן קושניראָוו!... אויך די עלטערע — דוד בערגעלסאָן און דער ניסתּר האָבן געווירקט און אַליין באַווירקט געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָניזירנדיקער אַטמאָספֿער פֿון יענעם קיִעווער פּעריאָד.

אין 1918 באַזעצט זיך לייב קוויטקאָ מיט זײַן פֿרוי אין קיִעוו (מע קען זיך משער זײַן אַז ניט אָן דער טרײַער ברידערלעכער הילף פֿון זעלבן בערגעלסאָן). ער איז געצוווּנגען אויך דאָ, אַ שטיק צײַט, צו בידעווען און איז פֿאַריאָגט געווען מיט פֿאַרשידענע זײַטיקע אַרבעטן, אָבער ס'דויערט ניט לאַנג און ער פֿאַרנעמט שוין אַ גאָר בכּבֿודיקע פּאָזיציע אין דער לויכטנדיקער פּלעיאַדע נאָכאָקטאָבערישע דיכטער.

"לויב צו די וואָס קומען צו דער צײַט, / לויב צו די וואָס האָבן ניט פֿאַרשפּעטיקט!" — האָט אַ מאָל געשריבן אַהרון קושניראָוו.

לייב קוויטקאָ האָט זיך, קען זײַן, עטוואָס פֿאַרשפּעטיקט לגבי אַנדערע, אָבער געקומען איז ער פּינקטלעך, ווען ס'האָט געשלאָגן זײַן גורלדיקע שעה... דער היסטאָרישער מאָמענט, די ברענענדיקע נייטיקייט, די שטור-מישע אַקטואַליטעט פֿון יענעם פּעריאָד, האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן און אַנטפּלעקט פֿאַר דער ליטעראַרישער עפֿנטלעכקייט ניט ווייניק נײַע פּיל-צוזאָגנדיקע נעמען, וועלכע זענען אין זייער ווײַטערדיקער שעפֿערישקייט אויסגעבליבן געוואָרן און אַנדערע זענען בכלל פֿאַרשוווּנדן פֿון אויג (ס'איז צו גלייבן, צוליב פֿאַרשידענע גאַנץ טראַגישע סיבות).

לייב קוויטקאָ, דער צוגעבונדענער "צום גרויסן הײַנט", האָט מער און נאַטירלעכער, פֿון אַלע געקומענע צוזאַמען מיט אים, זיך אײַנגעגלידערט אין יענער "שטורעם און דראַנג"-סיטואַציע. ער איז געווען אויך לחלוטין אַנדערש פֿון די גרויסע דיכטער, וואָס האָבן שוין איידער אים זיך צעלויכטן אַזוי העל, יעדער מיט זײַן באַזונדערער שײַן און פֿײַן.

געקומען פֿון זײַנע באַרױבטע קינדעריאָרן, האָט ער קודם איבערראַשט דעם עולם מיטן קינדער-ביכל „לידעלעך", דערשינען אין 1918. פֿון זײַנע „פּײַפּעלעך", „מײַן קעצעלע", „האַסטיק לאַסטיק" און אַנדערע װאָרע מעשׂהלעך האָט אַ װײע געטאָן מיט חן, מיט יוגנטלעכער פֿרישקײט, מיט גוטהאַרציקײט און בעיקר מיט רײן-קינדישער תּמימות, װעלכע כּישופֿן ביז הײַנט סײַ קלײן, סײַ גרױס. פֿון יענע „לידעלעך" דערשטײַגט ער אין זײַן װײַטערדיקער פּאָעטישער עליה צו דער מדרגה פֿון די גרעסטע קינדער-דיכטער ניט נאָר בײַ ייִדן, — אױך בײַ די רוסן און בײַ אַלע פֿעלקער פֿון דער סאָװעטישער אימפּעריע. דאָך איז אָט די פֿרײדיק-צעשטראַלטע קינדער-װעלט, מיט װעלכער קװיטקאָ װעט זיך שױן נישט שײדן ביז צום סוף פֿון זײַן לעבן, דאָך איז אָט די גערױמע װעלט, ניט מער און ניט װײניקער, װי אַן אינטעגראַלע טײל פֿון זײַן פֿילזײַטיקער שעפֿערישקײט.

צו דער דעמאָלטיקער קיִעװער גרופּע איז צוגעקומען דער „כּמעט װילדער", אָבער טיף-אײַנגעװאָרצלטער אין קאָנקרעטן ביטערן לעבנס-שטײגער, דיכטער קװיטקאָ.

דער געקומענער פֿון שװערער דערדריקנדיקער פּראָצע, דער, פֿון װעמען ס׳האָט אַרױסגעשפּאַרט די שטומע טענה, װען באַנטשע שװײַג האָט זיך צעבונטעװעט, באַקומען לשון:

ס׳אַראָפּ פֿון מיר אַ באַרג מיט צרות,
אַ כּנופֿיא באַלעבאַטים,
שררות,
שטיקעניש און קבצן-לופֿט
פֿון נאַרע,
װו מײַן יוגנט האָט זיך אױסגעפּיקט.
(„איך גײ מיט דיר", 1917)

ניט קײן װוּנדער, װאָס דװקא ער, דער אָנגעלאָגלטער, מיט סאָציאַלער קריװדע, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די „ערשטע פּאָעמע פֿון דער רעװאָלוציע". װי ס׳איז פֿאַרצײכנט געװאָרן אין דער אָפֿיציעלער געשיכטע פֿון דער ייִדיש-סאָװעטישער ליטעראַטור, — זײַן „אין רױטן שטורעם"... דער גאַנצער שטורעם אָבער באַשטײט אײגנטלעך אין הײס-יוגנטלעכער חוצפּה פֿון בײז אַרײַנרײדן אין דער גאַל די „אַלטע טאַטעס", װעלכע „חקירען" און „װאָרנען" מיטן פֿינגער:

„פֿון צעבײַלן, זיך צעקײַלן, / ווערט נישט גרינגער, / ווערט נישט גרינגער... / ווייס איך וואָס! — / מיר צעקריגטע שוין מיט טאַטעס, / מיר פֿאַרברענען אַלטע שמאַטעס / און צעקנאַקן גרינע גלאָז".

און ווײַטער:

„מיט דערוואַרטן / לאַנג געגאַרטן / ברודער-גוי — /שטעל איך פֿעסטן, / אָפּגעמעסטן, / אײַנגעפּרעסטן / האַרטן טראָט. / פֿון מײַן ברודער / שמעקט מיט שטרוי / פֿון אונדז ביידע / שמעקט מיט גאָט!"

ווען דער שטאַרבנדיקער טאַטע רופֿט אים צוריק פֿון דער צעבושעװעטער גאַס, הערן זיך אין דער פּאָעמע אויך דעקלאַראַטיווע טענער פֿון די ערשטע פּראָלעטאַרישע דיכטער אין אַמעריקע: „שטאַרק איך זיך / און וויל נישט הערן! — / איך דאַרף ווערן / און געהערן / צו דעם שטורעם פֿון צעשטערן"... (ציטירט לויטן זשורנאַל „באַגינען" ערשטער בוך 1919.) שוין אין זעלבן יאָר, מיטן אויסברוך פֿון די מאַסן-פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, קומט די ערשטע ביטערע אַנטוישונג אינעם ברודער-גוי, אָבער וועגן דעם אַז אין גרונט זענען די טאַטעס פֿאַרבליבן די גערעכטע, וועגן דעם וועט ער זיך, צו אונדזער אַלעמענס צער, איבערצײַגן צו שפּעט...

אַפֿילו אין זײַן לידער-זאַמלונג „1919" (אידישער ליטעראַרישער פֿאַרלאַג אין בערלין, 1923) — אַ טיף טראַגיש בוך וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, אַ בוך וואָס פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, וועלכע האָט דעמאָלט אַרויסגעבראַכט אין אירע ווערק די אויפֿטרייסלענדיקע קינות איבערן טויט און חורבן פֿון גאַנצע ייִדישע קהילות; אַפֿילו אין דאָזיקן בוך קומט אַרויס דער דיכטער מיט זײַן הקדמה, אין וועלכער ער דריקט אויס אויפֿריכטיק און באַגלייבלעך עקשנותדיקע באַגײַסטערונג פֿאַר דער רעוואָלוציע, דערמאָנענדיק זײַן „אוקראַיִנע — אַ גליד פֿון גרויסן רוסלאַנד" זאָגט ער:

„דאָ האָב איך געזען, געהערט און איבערגעלעבט דעם ריזןגאַנג פֿון דער רעוואָלוציע, דעם ריזן-גאַנג פֿון די חיילות, וואָס זענען אין פֿײַער געגאַנגען מיט געזאַנג, מיט הייסן גלויבן צו באַפֿרײַען ניט נאָר אונדזער קנעכטיש לאַנד — אַ גאַנצע וועלט באַפֿרײַען. איך, אַליין אַ קנעכט געווען, האָב מיט אַלע מײַנע אייגענע אַזוינע פֿון מײַן לאַנד, געטרונקען און געכלינעט דאָס

לאַנג-געוואַרטע, לאַנג-געגאַרטע פּרײַקייט, וואָס די חיילות האָבן אונדז געבראַכט. איך און מײַנע אייגענע אַזוינע, האָבן אונדזער שאַפּנדיקן פרײַען אָטעם ערשט באַקומען פון דעם וווּנדערלעכן ריזן-גאַנג...״

אויב מיר ווילן זײַן אָביעקטיוו און נישט געבן קיין אָפּשאַצונגען אויפן סמך פון אונדזער געשיכטלעכער דיסטאַנץ, דאַרף מען זאָגן אַז דאָס איז געווען דאַן קוויטקאָס אויסגעוויײַקטער אמת... ווײַטער שוין פּרוווט דער דיכטער פאַרענטפערן די לידער אינעם בוך ״1919״:

״איז מיר באַשערט געווען צו בלײַבן אין דער היים, אויג אויף אויג מיטן פּעטלורעשן פאָלק —
איז מיר באַשערט געווען זען און הערן און איבערלעבן די אַלע מעשׂים פון פּעטלורעשן פאָלק.
אויך איבער מיר איז געהאַנגען אַ מיתה-משונה, — האָבן זיך אין מיר אויפגעקליבן רגעס.
וועט אַ טעות און אַ ווייטאָג זײַן, אויב מע וועט מײַן בוך, — רגעס אויף דער דינער שאַרף פון זײַן און ניט-ווערן, אויב מען וועט עס אויפנעמען אַלס דיכטונג, אַלס לידער וועגן פּאָגראָמען.
ווי שווידערלעכע קינדער-שרעק איז דין און ממש און לויטער, — אַזוי איז אויך דער פּײַן, דאָס פּחדנות, די זונען-שײַן, דאָס בלוט פאַרגאָסענע פון 1919.
אַזוי זײַנען אויך די רגעס ממש.״

דאָס דאָזיקע פאַרוואָרט קוויטקאָס רופט אַרויס ניט ווייניק פראַגע-צייכנס — אפילו די מאָדנע דאַטירונג צום סוף פון מאמר: ״געשען אין אומאַן, זומער 1919״. און ס׳קלינגט בפירוש אַבסורדאַל דער זאָג אַז ״ס׳וועט זײַן אַ טעות און אַ ווייטאָג״ אויב ס׳וועט ווער אָנעמען די לידער פון בוך ״1919״, ווי פּאָגראָם-לידער! ווי זשע אַנדערש דאַרף מען אָנרופן אַ בוך, אין וועלכע יעדעס ליד איז איבערפולט מיט בהלה און שרעק, מיט נאַציאָ-נאַלן קלאָג און פּראָטעסט, מיט האַרצרײַסנדיקן צער-און צאָרן? כ׳ווייס נישט, אפשר קען מען דאָס דערקלערן דערמיט, וואָס דער דיכטער, האָט זיך דאַן, אין 1923, געפלאָגט אין דײַטשלאַנד, און לײַדנשאַפטלעך זיך

געריסן צוריק אַ היים; און פֿון דאָרט, — פֿון אַט דער היים, האָט זיך דערטראָגן די צעיושעטע העצע פֿון די יעווסעקישע רעדלפֿירער, קעגן די דיכטער פֿון „פּאָגראָם-סעזאָן" — קעגן האָפשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ, קושניראָוו? כ'ווייס ניט. אָבער איינס איז שוין קלאָר אויף געוויס: די לידער, וועלכע קוויטקאָ האָט אָנגערופֿן „רגעס", האָבן איבערגעלעבט און פֿאַרטונקלט פֿיל אַנדערע דעקלאַראַטיווע שאַפֿונגען, סײַ פֿון רעוואָלוציאָנער-ראָמאַנטישן פעריאָד, סײַ פֿון שפּעטערדיקן אַזוי גערופֿענעם סאָצרעאַליזם, דווקא די „רגעס" וועלן פֿאַראייביקט ווערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון רוסלאַנד.

אין 1925 קערט זיך אום קוויטקאָ צוריק קיין ס"פֿ און פֿון דעמאָלט הייבט ערשט אָן צו שלאָגן אַ נײַער קוואַל פֿון זײַן פֿיינפֿולער, ווי אויך יוגנטלעך-פֿריידפֿולער שעפֿערישקייט. ווי אַ פּאָעט, פּראָזאַיִקער, רעדאַקטאָר און דערציִער פֿון אַ ליטעראַרישן נאָכוווקס, שלײַדערט אים די סאָוועטישע ווירקלעכקייט פֿון אָפֿיציִעלן דערפֿאָלג ביז צו אָפֿיציִעלע ביטערע פֿאַרפֿאָלגונגען. אַוודאי האָבן אַ שייכות אויך צו אים, לייב קוויטקאָן, די ווערטער פֿון יעקב גלאַטשטיין „וועגן די אומגעבראַכטע ייִדישע שרײַבערס אין סאָוועט-רוסלאַנד":

„... זיי האָבן פֿון צײַט צו צײַט קאַפּיטולירט פֿאַר דער מורא און זיך באַמיט אין זייערע ווערק צו צאָלן צינז צום קאָמוניזם... ווער מיט מער אייפֿער און ווער מיט ווייניקער ענטוזיאַזם. **אָבער זייערע קינסטלערישע** דערגרייכונגען האָבן מיינסטנס איבערגעשײַנט די פּאַרטיי-ליניע, אָדער די זיגזאַגישע ענדערונגען פֿון די פּאַרטיי-פֿאָדערונגען" (יעקב גלאַטשטיין „פּראָסט און פשוט", נ"י 1978).

קוויטקאָ איז געווען צווישן זיי איינער פֿון די סאַמע טראַציקע, אַזאַ וואָס האָט זיך צומאָל דערוועגט אַרײַנצוזאָגן ביז אין דער זיבעטער ריפּ די פּאַרטייִישע דעהזאָגער, סײַ מינדלעך, סײַ דורך זײַנער אַ אַלעגאָריש-דורכזיכטיקער סאַטירע.

אויך בײַ אים, אין זײַנע צענדליקער ווערק, קען מען אויסגעפֿינען ניט ווייניק זעלבסט-אָנגעצוווּנגענע „צינזן צום קאָמוניזם", ניט ווייניק אידעאָלאָגיש-„כשרע" מאָך-און-פּאַלאָווע... און דאָך און איבער אַלעמען ליכטיקט ער אין אונדזער ליטעראַטור ווי איינער פֿון די אָריגינעלסטע ייִדישע ליריקער, מעשׂה-דערציילער און משלים-שרײַבער.

זײַן פּאָעזיע אָטעמט מיט געזונטער פֿאָלקישקייט, מיט מחייהדיקער

היימישקייט און גוטסקייט, מיט לײַבלעכער קרובֿשאַפֿט צו פֿרישער ערד, צו בוים און פֿלאַנצונג, צו יעדן מינדסטן באַשעפֿעניש און בעיקר — מיט ליבשאַפֿט און ריין-קינדישער באַוווּנדערונג פֿאַרן בן-אדם און זײַן שע-פֿערישן לעבנסגאַנג אויף אַט דער ערד.

ער איז געווען ווי יענער לעבעדיקער ברונעם, וועלכן ער באַזינגט אין איינעם פֿון זײַנע לידער אין יאָר 1936:

דעם ברונעם איז צום האַרצן, אַז מע שעפּט אים,
אַז דער עמער דרינגט צום קאַלטן דעק
און באַברעט מיט זײַן ליפּ דעם גרונט און וועקט
די קוואַלן אונטער ערד און מערט די קרעפּטן.

געגוג וועט זײַן אַ בלעטער טאָן און זיך פֿאַרטיפֿן אין זײַנע "געקליבענע ווערק", אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע אין 1967, וועלכע זײַן טרײַע און ליבע בעטי קוויטקאָ האָט מיט גרויס געשמאַק, מיט די מינימאַלסטע באַוואָרענישן פֿון אַ "גוט" אויג, צונויפֿגעשטעלט. געגוג אַ בלעטער טאָן, זאָג איך, דאָס דאָזיקע בוך, כּדי צו בלײַבן אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿאַר די פֿילזשאַנערדיקע פּאָעטישע שעדעווערען, וועלכע לײַכטן פֿון דאָרט אַרויס. כ'מיין, אַז אַרום-נעמיקער פֿון אַלע האָט וועגן קוויטקאָן געשריבן אונדזער באַרימטער קריטיקער ש. ניגער:

"זײַנע צו גלײַך אי טונקעלע, אי שאַרפֿע לעבנס-באַנעמונגען, זײַן ראַנגלען זיך מיט דעם נאַכטישן, כּאַאָטישן יסוד און זײַן אונטערגעבן זיך אים; זײַנע אומגעריכטע בילדער און פֿאַרגלײַכענישן, זײַן צעאַקערן דאָס גלאַטע פֿעלד פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן יידיש, דאָס אַלץ איז זײַנס... קוויטקאָס ליריק — איז ייִדישע ליריק פֿון אַ פֿאַרברייטערטן געהער, פֿון אַ פֿאַרשפּיצטער ראיה" (ש. ניגער, "ייִדישע שרײַבער אין סאָוועט-רוסלאַנד", נ"י 1958).

דעם דיכטערס גרויס האַרץ האָט שטענדיק געוויייטיקט מיט גאָר דעם צער און צאָרן פֿון געיאָגטן און געפּלאָגטן ייִדישן פֿאָלק. מיט אַ באַזונדע-רער קראַפֿט האָט זיך דאָס אַנטפּלעקט, בעת דער צווייטער וועלט-מלחמה, אין די לידער וועגן גבֿורה און אומקום, לידער וואָס לאָזן אונדז נישט רוען און וועקן דאָס געוויסן פֿון דער גלייכגילטיקער וועלט. ("די קלאָג פֿון פּוילישן ייִנגל", "דאָס וואָרט וועגן עטעלען", "דאָס וואָרט וועגן קינדער",

„דאָס וואָרט וועגן מײַפּעלד", „מענה-לשון פֿון לייזער פּאַפּערניקס מוטער", „מיכאל פּלאָטקין פֿאַרטונקלט בערלין" און אַנדערע).

לייב קוויטקאָ, דער צוערשט הייס-צאַפּלענדיקער אויף די סאָציִאַלע און נאַציִאָנאַלע וועלט-מרידות פֿון „רויטן שטורעם", דער „צעקריגטער מיט די טאַטעס" האָט ער, מיט זײַן גאַנצן וועזן דער ערשטער זיך אַ צי געטאָן מיט בענטשונג און שלום-פֿרײַנדשאַפֿט צום „ברודער גוי" און ער האָט טאַקע אויך, אפֿשר פֿון די ערשטע דערפֿילט די גרויסע בראָך און אַנטוישונג פֿון פֿאַגראָמירטן ייִדישן פֿאָלק:

„וואוהין זאָלן מיר לויפֿן ?...

— — — — — — — — — —

אַז דער צוזאָג ווערט אין אונדז דערוואָרגן ?"

לייב קוויטקאָ האָט מוטיק און פֿאַרעקשנט דורכגעמאַכט זײַן האַרטנע-קיקן וועג צוריק צום שורש, צו די טאַטעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי שקציש און גראָב-יונגעריש צעקריגט. אויפֿן וועג האָבן אים געפּייניקט און געפּיקט מיט זייערע שנאָבלען פֿאַרשידענע יעווסעקיש-פּראָלעטאַרישע „שטינקפֿויגל". געוועןן אַ צײַט, ווען איבער זײַן קאָפּ האָבן געלויערט שוואַרצע דראָענדיקע כמאַרעס און עס איז שווער צו וויסן, פֿאַרוואָס די דאָזיקע פֿינצטערע כמאַרעס האָבן אים נישט אײַנגעשלונגען צוזאַמען מיט די ערשטע קדושים, גרויסע ייִדישע שריפֿטשטעלער נאָך אין די יאָרן 1939-1937... אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט מצליח געווען מיט זײַנע לידער פֿול מיט אגדה-און גמרא-חכמה, פֿול מיט עכט ייִדישן שטייגער און פֿאָלקס-חן און פֿריִער פֿון אַלץ, מיט די פּרעכטיק-תּמימותדיקע קינדער-לידער. ער איז מצליח געווען דווקא אויף דעם ברייטן טראַקט פֿון דער רוסלענדישער ליטעראַטור... זײַנע פּאָעטישע ווערק זענען כּמעט אַדעקוואַט אין רוסישער איבערזעצונג, זיי זענען באַרימט און באַליבט בײַ מיליאָנען און מיליאָנען רוסישע לייענער — קינדער און דערוואַקסענע. לויט דער אָפֿיציִעלער סאָוועטישער ליטעראַטור-סטאַטיסטיק פֿון יאָר 1946, זענען דערשינען דאָרט 131 אויסגאַבעס פֿון זײַנע ווערק איבערזעצט אויף 33 לשונות מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פֿון כּמעט 7 מיליאָן עקזעמפּלאַרן !

ער האָט געאַרבעט ווי אַ ליטעראַרישער רעדאַקטאָר אין ייִדישן אַנטי-פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. דורך זײַנע הענט זענען אַדורך טויזנטער בריוו און דאָקומענטן וועגן היטלעריסטישן מאַסן-מאָרד איבער די ייִדן אין אייראָפּע,

וועגן עלנט, פֿאַרשטויסנקייט און באַוואָלטקייט פֿון די פֿאַרבליבענע, אָדער צוריקגעקומענע אויף די אָפּגעברענטע נעסטן. צו אים איז דערגאַנגען דאָס ווייגעשריי פֿון אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד, וועגן דער געדיכטער, צום דערשטיקט ווערן, פּאָגראָם-אַטמאָספֿער... איך האָב זיך דאַן אָפּט געטראָפֿן מיט אָט דעם גוטן, האַרציקן פֿאָלקס-מענטש. נאָך אַ טאָג אַרבעט פֿלעגט ער אַרויס אַ צעבראָכענער פֿון הילפֿלאָזיקייט, פֿון ווייטיק און פֿון צאָרן. אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען, אַז אַלע — פֿון אויבן ביז אַראָפּ...

איך האָב אים נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן דעם געדאַנק. ער איז שרעקלעך געווען פֿאַר אונדז ביידן...

דאַכט זיך, האַרבסט 1948, ווען די מאָרד-מאַשין איז שוין געהאַט געלאָזט געוואָרן אין פֿולן גאַנג האָט עמעצער פֿון אויבן פֿאַראָרדנט אָפּצייכענען זײַנעם אַ יובילײ... דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען שוין געהאַט ליקווידירט, מען האָט פֿאַרמאַכט די צײַטונג „אייניקייט" און דעם פֿאַרלאַג „עמעס". ס'איז שוין געהאַט באַוווּסט געוואָרן, אַז מיכאָעלס איז געווען איינער פֿון די געפּערלעכסטע „שונאים פֿון פֿאָלק". האָפּשטיין איז שוין אַרעסטירט געווען פֿון לאַנג, מאַרקישן האָט מען ערשט צוגענומען... איך בין געזעסן אין ליטעראַטן-הויז נאָענט צום אײַנגעשרומפּענעם און פֿאַרחושטן איציק פֿעפֿער. בײַם פּרעזידיום-טיש איז געזעסן אַ טויט-בלייכער דער בעל-יובֿל און צוגעהערט מיט אַ טרויעריק-צעקרימטן שמייכל די שבֿחים פֿון קאָרניי טשוקאָווסקי, וועלכער האָט, אגבֿ זייער פֿײַן דורכגעלייענט קוויטקאָס לידער אין ייִדיש; ער האָט זיך צוגעהערט צו די קאַזיאָנע פֿײַערלעכע באַגריסונג-טעלעגראַמעס פֿון „פּראַוודאַ", פֿון צ. ק., פֿון קאָמיוג, פֿון בילדונגס-און קולטור-מיניסטעריום א.אַ.וו.

— איר ווייסט נישט וואָס הערט זיך בײַ זוסקינען? — האָט מיר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער איציק פֿעפֿער. ניין, איך האָב נישט געוווּסט, אַז די נאַכט האָט מען צוגענומען דעם וווּנדערלעכן פֿאָלקס-אַרטיסט בנימין זוסקין — אַרויסגעשלעפּט אַ קראַנקן פֿון שפּיטאָל-בעט...

מיר איז באַשערט געווען דער טרויעריקער כּבֿוד פֿון באַגלייטן אים אַ היים פֿון יענעם אָוונט. פֿאַרויס זענען געגאַנגען זײַן פֿרוי און טאָכטער, מיר — אַ ביסל דערווײַטערט.

כ'האָב זיך באַמיט אים אָפּווענדן פֿון זײַנע שווערע מחשבֿות, און מײַנע רייד, כ'געדענק שוין ניט וועגן וואָס, האָבן געקלונגען פּוסט און ייִנגליש-

נאָריש, ווײַל האָב איך דען געהאַט וואָס צו ענטפֿערן אויף זײַן פּלוצימדיקער פֿראַגע:

— צי וועט נאָך ליכטיקער אַ מאָל ווערן אויף דער ייִדישער גאַס?...

אין אַ צען טעג אַרום נאָך יענעם צינישן ספּעקטאַקל איז מען געקומען בײַ נאַכט צו קוויטקאָ אין זײַן הויז אויף מאַראָסייקאַ...

ווער קען וויסן ווי לייב קוויטקאָ האָט באַגעגנט זײַן לעצטן 12טן אויגוסט? אפֿשר זענען אים געקומען אין זין שורות פֿון זײַנע פֿריִע לידער:

רוסלענדישער טויט
איז טויט פֿון אַלע טויטן,
רוסלענדישע פּיין
איז פּיין פֿון אַלע פּיינען...

און ווײַטערדיקע פֿינצטערע נבֿיאות:

אַן אומגליקלעך פֿאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים —
— — — — — — — — — — — —
זאָל ער כאָטש דערמאָנען דאָרט,
אַז בלוטיק יונג מיין האַרץ געווען,
אַז שטאַרק ווי שרעק, געווען מיין ווילן לעבן,
שטאַרק און משוגע
ווי מיין לעצטער טאָג. — — —
— — — — — — — — — — —

1990

אַהרון קושניראָוו

(1949-1890)

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווי שלמה מיכאָעלס האָט אויף דער בינע פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער אַרויסגערופֿן צום לעבן דאָס אויף ס׳ניי אויפֿטרייסלענדיקע געשטאַלט פֿון שעקספּירס קעניג ליר, האָט אַ באַרימטער רוסישער פֿאָלקס-אַרטיסט פֿון מאָסקווער ״מאַלי טעאַטער״[1] אפֿשר ניט מיט קיין קלענערער קראַפֿט צו נישט געמאַכט אַלע ביז-איצטיקע טעאַטראַלע קאַנאָנען און פֿאַרעלטערטע באַגריפֿן בײַם אויסגעשטאַלטיקן זײַן ״אָטעלאָ״-ראַל.

דאָס איז געווען דער דאָן שוין ווײַט ניט יונגער און לחלוטין טויבער **אַלעקסאַנדער אָסטוזשעוו**; אָבער ניט זײַן פּיינפּולער מום, ניט זײַן באַיאָרט-קייט איז נישט געווען צו מערקן בעת זײַנע מוסטערהאַפֿטע האַנדלונגען אין יענעם ספּעקטאַקל, נאַטירלעך ביז געניאַליטעט איז געווען זײַן רעאַקציע אויף דער מינדסטער רעפּליק פֿון בינע-פּאַרטנער; אַפֿילו מיט דער פּלייצע האָט ער בליץ-שנעל זיך אָפּגערופֿן אויף יעדן וואָרט, געשפּירט אַפֿילו יעדער זשעסט און תּנועה פֿון זײַנע מישפּילער.

באַוועגט האָט ער זיך יונג, עלאַסטיש און אַ באַפֿליגלטער פֿון גרויסער ליבע צו זײַן דעזדעמאָנאַ. ס׳קלינגט אין מיר ביז הײַנט די שטים פֿון אָסטוזשעווס אָטעלאָ. ער האָט ווי אויסגעזונגען יעדער שעקספּיר-פֿראַזע און די אומדערהערטע יונגע איינגעהאַלטענע מעלאָדישקייט האָט זיך געדאַכט נאַטירלעכער פֿון יעדער מין שטייגער-רעאַליזם, וועלכער איז געווען כאַראַקטעריסטיש גראָד פֿאַר דעם טעאַטער, אין וועלכן אָסטוזשעוו האָט געשפּילט.

ביז דאָן און אויך איצט טראַקטירט מען דאָס אָטעלאָ-געשטאַלט ווי די טראַגעדיע פֿון אייפֿערזוכט; ווילד-צעשטורעמטע אייפֿערזוכט פֿון אַ מאָור, אַ שוואַרצן אַפֿריקאַנער אין דער ציוויליזירטער ווענעציִעלער רעפּובליק...

1 מאָסקווער מלוכישער (געוועזענער אימפּעראַטאָרישער) אַקאַדעמישער קליינער דראַ-מאַטישער טעאַטער.

אַסטוזשעווס אַטעלאַ איז געווען כּמעט דאָס איינציקע מענטשלעכע געשטאַלט צווישן די ווײַסע וואַנדאַלן פֿון דער ״פּראַקטיקער ווענעציע״. דאָס איז געווען אַ צערטלער, אַ פֿאַרגלויבט און פֿאַרטרווילער נאַטור-קינד...

אַסטוזשעוו האָט אויסגעזונגען און אויסגעשטאַלטיקט די גרעסטע טראַגעדיע פֿון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט — די טראַגעדיע פֿון אָפּגענאַרטן צוטרוי, פֿון פֿאַרשוועכטער ליבע און גרענעצלאָזער טרײַשאַפֿט.

אין לעבן טרעפֿן צופֿעליקייטן, וואָס מיט יאָרן שפּעטער קאָנען זיי אויסזען ווי סימבאָליש: גראָד אויף יענער פֿאַרשטעלונג איז מיר באַשערט געווען זיך נעענטער באַקאָנען מיטן דיכטער אַהרון קושניראָוו און יעדעס מאָל, ווען איך קלער וועגן אים, אַהרון קושניראָוון ז״ל, קומט מיר שטענדיק אויפֿן זינען אַסטוזשעווס אַטעלאַ-געשטאַלט...

ער איז, ווי מיר דאַכט, מער פֿון אַלע זײַנע מיטצײַטלער געווען אַ צערטלער, אַ פֿאַרגלויבט און פֿאַרטרווילער נאַטור-קינד.

אַזוי אין לעבן, אַזוי — אין די בעסטע זײַנע דורכדרינגלעכע געשליפֿענע פּאָעטישע פֿערזן, פֿול מיט געצוימטן פֿלאַמיקן אומרו.

שווערער פֿון אַלץ איז זיך פֿאַרשטעלן קושניראָוון, איינעם פֿון די אייגנאַרטיקסטע דיכטער אונדזערע, אויסער דער מחנה פֿון זײַן דור, אויסער דעם גאַנצן שעפֿערישן קאָלעקטיוו פֿון ייִדישע פּאָעטן אויף רוסישער ערד — אָנהייבנדיק פֿון דעם יונג-געפֿאַלענעם אין בירגער-קריג קעגן די ווײַסע און דערפֿאַר אָפֿיציעל קאַנאָניזירטן ״גרונטלייגער פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער פּאָעזיע״ — דעם ניט רעאַליזירטן און דאָך וווּנדערלעכן עכט-נאַציאָנאַלן ליריקער אָשר שוואַרצמאַן און ענדיקנדיק ליִדער, לײַדער און להבֿדיל מיט דער פּאָעטיזירטער ״ייִדיש-אָפּשטאַמיקער״ אַנטי-ייִדישקייט פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״ אין די 60ער-70ער יאָרן.

צווישן די אָנגעזעענסטע פֿון דער קיִעווער ייִדישער שרײַבער-גרופּע איז קושניראָוו אפֿשר דער איינציקער וואָס האָט קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזט סאָוועטן-רוסלאַנד. ער האָט פֿון סאַמע אָנהייב דורכגעפּאַקט און דורכגעמאָזלט אַלע צרות און אַלע אומגליקן פֿון לאַנד, צוזאַמען מיטן ״פֿינפֿ-שפּיציקן שטערן״, ער האָט פֿיבערהאַפֿט געזוכט זײַן וועג אין דער דיכטונג און נישט איין מאָל פֿאַרפּלאָנטערט זיך און אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אין הייסן שטראָם פֿון בײַ-ליטעראַרישן געווירבל פֿון פֿאַרשיידענע גרופּקעס און גרופּקעלעך, וועלכע האָבן פֿאַרביטערט געראַנגלט זיך איינס מיטן

אַנדערן פֿאַר דער ״פּראָלעטאַרישער העגעמאָניע״ אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

ס׳איז אים, ווייזט אויס, ניט איין מאָל נמאס געוואָרן ביז צו חלשות די גראַנגלענישן און די פּראָווינצעלע קליינלעכקייט פֿון פֿאַרשיידענע יעווסעקישע ״אידעאָלאָגן״. און ווער ווייסט, אפֿשר דערפֿאַר טאָקע — אַזוי פֿיל בענקשאַפֿט אין פֿיל פֿון זײַנע לידער:

״פֿאַראַן ערגעץ ברייטן און לענגען און ווײַטן / אויף וועלטן צו שאַפֿן... / פֿאַר שיפֿן פֿון אומזין פֿון יוגנט פֿאַרשײַטער — / דאָרטן אַ האַפֿן!״

צי:

״אין ווײַטן לאַנד, אין לאַנד געטרוימטן / רוף פֿון פֿײַערן אויף אַלע ברעגן — / פֿאַר אַלטער שיף, וואָס האָט דורך ים צעשוימטן / דורכגעטראָגן אירע יוגנט-זעגלען...״

צי רופֿן זיך צומאָל ניט איבער די דאָזיקע ״יוגנט-זעגלען״ מיט לערמאָנטאָווס ״איינזאַמען זעגל״ וואָס פּלאַטערט אַ ווײַסער אין דער ווײַטקייט צווישן בלויען ים און הימל?

און צי האָט קושניראָווס ״אומרו״ און ״ברויז״ ניט קיין ווײַטע שייכות צום יונג-פֿאַרשניטענעם רוסישן גענײַאַלן דיכטער-ראָמאַנטיקער, וואָס האָט זיך אויך געשטיקט, וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פֿון דער רוסלענדישער ווירקלעכקייט נאָך צוריק מיט אַ יאָרהונדערט: ״און ער, דער מורד, בעט אויף שטורעם, באַגלייך אין שטורעם דאָ איז רו...״.

די פֿראַגע, יעדנפֿאַלס איז ווערט מע זאָל זיך גענויער אַרײַנקלערן אין איר...

קושניראָוו איז בטבֿע געווען אַ מילדער מענטש, אים און זײַן דיכטונג האָט מען ליב געהאַט; מע האָט זיך געפֿרייט מיט זײַנע דערגרייכונגען און שטיל מיטגעפּייניקט זיך מיט זײַנע דורכפֿאַלן.

ס׳געדענקט זיך מיר ניט קיין איין מיטצײַטלער זײַנער, אויך ניט קיין איינער פֿון שפּעטערדיקן נאָכוווקס, וואָס זאָל געווען אַרויסווײַזן אַ שפּור פֿון גרינגשעצונג צו זײַנע פּאָעטישע ״בענטשערלער״, ווי דוד בערגעלסאָן פֿלעג מיט ליבשאַפֿט אָנרופֿן קושניראָווס מײנסטנס דינינקע לידער-זאַמלונגען.

צו זײַן ערשט „בענטשערל", וואָס באַשטייט אין גאַנצן פֿון 37 זײַטעלער א. נ. „וועגט" (מלוכה-פֿאַרלאַג ייִדסעקציע, קיִעוו 1921) איז געגעבן במקום אַ פֿאָרוואָרט — אַ בריוול פֿון דוד האָפֿשטיין צום מחבר — „טײַערער אַרקע" אַזוי פֿאַנגט אָן האָפֿשטיין און דערציילט אויף זײַן האַרציק באַחנטן אופֿן וועגן דער ערשטער באַגעגעניש צווישן אים, האָפֿשטיינען, שוואַרצ-מאַנען און קושניראָוון ווען... „אויף זוניקע וויגן פֿון אוקראַיִנער פֿעלדער האָט מיט אונדזערע קינדערשע טעג אַ שטאַרקן שפּיל געטאָן די פֿאַרפֿירע-רישע שטילקייט"... ס'לויגט זיך אַרויסשרײַבן די שורות דירעקט געווענדעט צו קושניראָוון:

„און דיר האָט דאָס לעבן געגעבן גאָר אַ באַזונדער שול פֿון עכטער ניכטערקייט... סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דערנאָך פֿראָנטן. און אומעטום מיטן ליד, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון רוסלענדישע טיפֿן, מיט אָט דעם ליד, וואָס האָט שטענדיק געהאָלפֿן אַרויסזאָגן גרויסע שותּפֿותדיקע ווייען-פֿריידן.

גענוג און איבערגענוג!

האָסט דאָס פֿולע רעכט מיט דײַן זינגענדיקער נשמה פֿאָדערן ביים לעבן, וואָס האָט אָפּגעזאָגט אין שטילקייט, האָסט דאָס רעכט פֿאָדערן ביים לעבן עס זאָל ניט אײַלן זיך מיט זײַן צווייטן געשאַנק — פֿאַרגעסנהייט פֿון איבערגעלעבטן..."

די דאָזיקע שורות גיבן אונדז, ווי מיר דאַכט דעם אמתן שליסל צו דער קאָמפּליצירטער דיכטערישער וועלט פֿון אהרן קושניראָוון. די דאָזיקע האָפֿשטיין-ברכה, וואָס באַגלייט אַרויס אין וועג קושניראָווס ערשטלינג איז עכטער און אמתדיקער ווי די ייִדיש-סאָוועטישע קריטיק — די „פּראָ-לעטאַרישע", די יעווסעקישע פֿון, לאָמיר זאָגן, יאַשע בראָנשטיין — דעם פֿאַנאַטיש-מאַרקסיסטישן, אָבער טייוולאָניש-באַגאַבטן קריטיקער (אויך אומגעבראַכט אין די דרײַסיקער יאָרן), ביז דער הײַנטצײַטיקער „סאָצרע-אַליסטיש"-צבֿועקישער פֿון ה. רעמעניק.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דוד האָפֿשטיין האָט אין זײַן שוין דערמאָנטן פֿאָרוואָרט צו קושניראָווס ביכעלע „וועגט" געהאַט אין זינען, ניט אַזוי די 15 לידער, וואָס אָט די זאַמלונג אַנטהאַלט, ווי די ווייטערדיקע עליה פֿון קושניראָווס פּאָעזיע... דאָס איז געווען אַ טיף-דיכטערישער כאָטש גאַנץ נעפּלהאַפֿטער פֿאַרגעפֿיל, אַז ער, קושניראָוו, וועט אונדז ערשט „דערציילן און וועט אונדז באַוווסטיקן פֿון געשעענעם און פֿון געוועזענעם".

שוין אין יענעם ביכעלע האָט זײַן מחבר דער ערשטער אין דער ייִדיש-סאָוועטישער דיכטונג געוואָגט זיך אָ קער צו טאָן פֿון "אומבאַשטימטן דראַנג צו שטורעם" (בראָנשטיין), פֿון די אַבסטראַקט-דעקלאַמאַטאָרישע "ווענט", "עקראַן" צו דער באַזיניקונג, אַז די אַקטאַבער-איבערקערעניש איז אייגנטלעך אַ קאָנקרעט-רוסישע דערשיינונג ("ראַסיאַ", "אויף רויטן פּלאַץ, ווו שאַרף פֿון האַק"...) — אַ געדאַנק, וואָס איז ערשט אָפּיציעל "געכּשרט" געוואָרן כּמעט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער. שוין אין "ווענט" איז פֿאַראַן דער קער פֿון "פּילטויזנטער בליק פֿון המון" — פֿון דער מאַיאַקאָווסקי-פּאַטעטיק, צוריק טאַקע צו רוסלאַנד פֿון לערמאָנטאָוו און בלאָק און צום דיכטערס "איך" אין אָט דער מדינה — קושניראָווס ריין-ייִדישער "איך" אין בלוטיקן געווירבל פֿון דער ריין-רוסלענדישער רע-וואָלוציע —

"וואָס בין איך, ווער בין איך און וועמעס, / ווען הײַנטיקער טאָג איז דער שטאַרקער. / איך וואַרף אייך אין פּנים דעם אמת, / אַז איך בין אַ קעסט-קינד פֿון מאַרקן. / איר ווייסט דען וואָס הייסט זיך רײַבן / בײַ טירן פֿון וועלטישע קראָמען / און שטענדיק און שטענדיק פֿאַרבלײַבן / מיט ליידיקן זאַק פֿון נשמה."

און דער עיקר —

"ווי בלײַבט מען אין דײַן געווימל / איין איינציקער קלאַנג אַ צאַרטער..."

דאָס ליד "ווער בין איך" איז שפּעטער אַרײַן מיט וועזנטלעכע ענדערונגען אין זײַן שטאַרקסטן פּאָעזיע-ציקל "הזכּרה", וועלכע זײַן עלטערער פֿרײַנט דוד האָפֿשטיין האָט, אַזוי קלערן מיר, אינטויִטיוו פֿאַרויסגעשפּירט.

"הזכּרה" איז קושניראָווס פּאָעטישער אויפֿשטייג אויפֿן העכסטן באַרג-שפּיץ. אין נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט אויך געדאַרפֿט קומען אַ צײַט-ווײַליקער באַרג-אַראָפּ, אָבער אין ר"פֿ, אין די צײַטן פֿון "פֿאַרשטאַרקטן קלאַסן-קאַמף", אין די שרעקלעכע יאָרן פֿון שטײַגנדיקן טאָטאַליטאַרן טעראָר — סײַ פֿיזיש, סײַ גײַסטיקן האָט געמוזט קומען דער גאָר טראַגישער קלימאַקס פֿון קושניראָווס דיכטערישער ירידה.

יאָשע בראָנשטיין, וואָס באַצייכנט גראָד די "הזכּרה" אַלס "עטאַפּ פֿון אידעאָלאָגישער ירידה", אָנקניפּנדיק צוערשט אָט די "ירידה" צו דער

גאַנגבאַרער דאָן פֿאַרמול פֿון דער „מאַרקסיסטישער" קריטיק, וועגן די אַנטווישטע קלײנבירגערלעכע ראַדיקאַלן בשייכות מיטן „ראַפּטומדיקן קער פֿון דער רעוואָלוציע אויף די רעלסן פֿון נעפּ", גיט אָבער שפּעטער, אַ גלענצנדן און מוטיקן אַנאַליז פֿון די אמתע סיבות פֿון אָט דעם צוריקגאַנג: „נאָך די „טעג פֿון די פֿאָנען" זענען געקומען די „טעג פֿון פֿאַגראָמען"... „די ייִדישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט מיט התפּעלות זיך געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געזאָלט פֿאַרווירקלעכן אירע נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטישע אידעאַלן פֿון אַ „פֿרײַען ייִד און בירגער" אָבער דער „ברודער גוי" האָט אַנטווישט"... „די שאַרף פֿון טרוים" איז פֿאַרטעמפּט געוואָרן, די „גויאישע" פֿאָנען האָבן פֿאַרראָטן: „אויף העלן רוף פֿון דײַנע פֿאָנען האָב איך מיט לײַב און האַרץ געוואָגט, / נאָר האָסט געצלמט מײַן עקשנות / מיט צאַרטע פֿינגער פֿון אַ האַק..." „די אינטערווענץ פֿון דער האַק — זאָגט ווײַטער בראָנשטיין — דער קאָנפֿליקט צווישן „מזרח-בלוט" און „ווילדן זאַד פֿון שנייען" שטעלט פֿאַר קושניראָוון, ווי פֿאַר אַ גרויסן טייל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון יענער קריזיס-צײַט, די פּראָבלעם פֿון נאַציאָנאַלן קיום אין דער רעוואָלוציע.

דער „אָפּקלאַנג פֿון שווערע, פֿון שטייפֿע, פֿון אייזערנע טריט", וואָס קושניראָוו האָט אַזוי רעטאָריש באַזונגען אין „ווענט", ווערט איצט פֿאַר-הילכט דורך אַ צווייטן אָפּקלאַנג, וועלכער קומט פֿון די טיפֿענישן פֿון „מזרח-בלוט":

„אַ קול נאָר הערט זיך אין רמה,
רחל וויינט אויף אירע קינדער..."

און עס ציט צוריק אַ היים, צו מוטערשן „רוף פֿון פֿייערן" אויף זיכערע ברעגן...".[2]

נעמט אַראָפּ ערגעץ ווו די כּלומרשט איראָנישע „גענדזנפֿיסלעך" און ס'באַקומט זיך אַ גאַנץ אָביעקטיוו בילד פֿון דעם, וואָס דער זעלבער קריטיקער רופֿט „אידעאָלאָגישע ירידה". וואָס שייך דער קינסטלערישער מײַסטערשאַפֿט פֿון דער „הזכּרה" איז בראָנשטיין, וואָס איז, דאַכט זיך, באַרופֿן צו שעלטן לשם מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, טוט ער אָבער דאָס

2 י. בראָנשטיין „אַטאַקע", ז' 145-146. צענטראַלער פֿעלקער-פֿאַרלאַג מאָסקווע-כאַרקאָוו — מינסק, 1930.

זעלבע וואָס אַמאָל בלעם — זײַנע רייד זענען פֿול מיט ליוב און מיט בענטשונג: "קושניראָוו דערהויבט זײַן דיכטערישע שורה ביז די העכסטע טעכנישע דערגרייכונגען פֿון אונדזער פּאָעזיע... פֿאַרשטייפֿט זײַן דיכטערישע סטראָפֿע מיט אַזאַ שטרענגקייט, אַז איר קאָנט פֿון דאָרטן קיין זילב ניט אַרויסוואַרפֿן...

אַזאַ ראַפֿינירט פֿאַרטיפֿט בילד ווי: "נאָר די טיר פֿון מײַן אייגענעם שבת / האָט וואָך מיט אַ שטערן פֿאַריגלט" וועט אויף לאַנגע יאָרן פֿאַרבלײַבן אַן אידעאַל פֿון קאָמפּליצירטן פּאָעטישן וואָרט". און פֿריער אָנווײַזנדיק, אַז קושניראָוו ווערט "צוגלײַך מיט האָפֿשטיינען פֿאַררעכנט אַלס דער פּייאיקסטער נאָוואַטאָר פֿון דער ייִדישער ליריק", פֿאַרגעסט נישט בראָנשטיין פֿאַרצייכענען דערבײַ אַז: "קושניראָוו ווי האָפֿשטיין זעטיקט אָבער גאַנץ שטאַרק אַן, זײַן דיכטערישע שורה מיט אַלטער ייִדישער קולטור-טראַדיציע, — ס'איז אייגנטלעך אויך אַ מין "צוריקקער א היים" אין געביט פֿון פּאָעטיק (אַ דערשיינונג, וועלכע איז געווען גאַנץ פֿאַרשפּרייט אין יענעם נאַציאָנאַליסטישן פּעריאָד פֿון דער קיִעווער ייִדישער פּאָעזיע)"... דאָס שטערט דאָך ניט אונדזער מאַרקסיסטישן קריטיקער אָנערקענען, אַז קושניראָווס "הזכּרה" גיט "אַ גלענצנדיקן מוסטער פֿון פֿולשטענדיקער קינסטלערישער גאַנצקייט"... "דאָס שטרענגע און געזעצמעסיקע בילד-וואָרט, די פֿאַרהאַרטעוועטע לײַדנשאַפֿט פֿון "האַרבסטיקער בענקשאַפֿט" — מאַכן דאָס דאָזיקע ליד (גיכער לירישע פּאָעמע) פֿאַר אַ שעדעווער"[3].

וואָס שייך דער הײַנטצײַטיקער עפּיגאָנישער קריטיק פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד". חזרט זי איבער גאַנץ בלייך בראָנשטיינס טרעפֿלעכע כאַראַקטעריסטיק פֿון קושניראָוון דעם קינסטלער, אָבער דערבײַ קומט למשל ה. רעמעניק צו גאָר אַן אויסטערלישן, וואָלט איך אײדל געזאָגט, אויספֿיר, אינטערפּרעטירנדיק די "הזכּרה" שיער ניט ווי אַן אַנטירעליגיעזע פּאָעמע, ווי "אַ געזאַנג, וואָס באַצייכנט אַ שאַרפֿן קער אין לעבן פֿון פֿאָלק, דאָס איז טאַקע אַן אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן צו וועלכן ס'איז שוין ניט פֿאַראַן קיין אומקער..."[4]

טאַקע נאָר הײַנטיקע "ייִדיש-אָפּשטאַמיקע" ליטעראַטור-פֿאָרשונג קאָן

3 דאָרט, ז' 147.

4 "סאָוועטיש היימלאַנד" נומ' 3, 1967. ה. רעמעניק "אונדזער דיכטונג אין נאָכאַקטיאַבער-פּעריאָד".

זיך דערלויבן אויף אַזאַ משונה-ווילדער טראַנספּאָרמאַציע פֿון „צוריקקער אַ היים" אויף „אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן"...

קושניראָוו אַליין, דער דיכטער פֿון געצוימטער און אַ מאָל פּשוט פֿאַרבאָרגענער ייִדישער לײַדנשאַפֿט, האָט זייער גוט געשפּירט, אַז „הזכּרה" איז אַ לירישע פּאָעמע, וואָס טראָגט אַ גוואַלדיקן רעזערוו פֿון נאַציאָנאַלער אַנגעלאָדנקייט, דאָס איז ניט „יעדער פּולווער-קאַסטן", אין וועלכן ער האָט זײַן „זינדיקן, פֿאַרשטויסענעם און פֿאַרשײַטן קאָפּ" געטראָגן אויף צו שליי-דערן ווי אַ פֿונק", — דאָס איז ער טאָקע **דער איינציקער פּולווער-קאַסטן**, איבער וועלכן ער האָט טאַקע און באמת געקאָנט פֿאַרלירן זײַן אומרויִקן און ברויזיקן קאָפּ אויף שטענדיק...

קושניראָוו דער ייִד האָט שטיל און גליקלער געוויינט, ווען עמעצער האָט אים בסוד-סודות איבערגעגעבן אַז אין ערגעץ איינעם פֿון די נײַע ייִדישע קבֿוצות אין דער ווייטער פּאַלעסטינע האָבן חלוצים, זיצנדיק בײַם שײַטער אויף אויסוויניק פֿאַרחזרט זײַן „שטאַרב, שטאַרב מײַן געשריי, / וועסט במילא / אין הימלען ניט ווערן דערהערט..."

און

„צעמאָלט מיך, צעמאָלט ווי אַ קערנדל,
מילשטיינער פֿון אַלע צײַטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן, ווי אַן עפּל צײַטיק".

זיי, די חלוצים, האָבן דאָס אויפֿגענומען ווי דעם שטאַרקסטן אויסדרוק פֿון זייער אייגענעם געמיט — אַ מין ייִדישער גילגול פֿון עבֿט-רוסישן קרבנותפֿולן אידעאַליזם.

קושניראָוו, וועמען מען האָט שפּעטער פּראָקלאַמירט ווי אַ זינגער פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי אַ פֿאַרגייער פֿון פֿעפֿערן, קושניראָוו דער קאָמוניסט, וואָס איז צײַטנווייז אַפֿילו געווען אַ „פּירער", וואָס... האָט זיך געלאָזט פֿירן, פֿאַרפֿירן ביז ער האָט זיך פֿול שרעק אַרומגעקוקט, אַז דווקא אין דער „הזכּרה" שטעקט די גרעסטע סכּנה ניט נאָר פֿאַר זײַן איבערגעטריבענער פּראָלעטאַרישקייט, נאָר פֿאַר זײַן אייגן לײַב-און-לעבן, פֿאַר „ליבע צו ווײַב און צו קינד" און פֿאַר „חבֿרים פֿון זײַן דור", דער זעלבער קושניראָוו האָט דאָך געלאָזט דרוקן אין מיינסטנס פֿון זײַנע ווײַטער-דיקע זאַמלונגען די „הזכּרה", איבערשטעלנדיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער

אויסדרוק אָדער וואָרט, אַרײַנשטעלנדיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער ליד, אָדער גאָר צעשיטנדיק באַזונדערע לידער איבער אַנדערע ציקלען, כּדי צו באַשטעטיקן דעם פּאָעטישן טעזיס פֿון „איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַפֿרײַט פֿון רוישן צווישן האַרבסטיקן געבלעטער", געווען, הייסט עס, אַ קריזיס, אַ „ירידה", אָבער „איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַהיט פֿון איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער"...

ס'וועט אויף ווײַטער און אויף שטענדיק פֿאַרבלייבן קושניראָווס „פֿאַר-שטײַפֿטער פֿערז", זײַן געצוימטע לײַדנשאַפֿט, ס'וועט ערגעץ ווו נאָך אַ קלינג טאָן דער ליריש-אומאַנזשיניסטישער מינאָר, ס'וועט פֿאַרבלייבן די נאָגנדיקע בענקשאַפֿט פֿון „יוגנט פֿאַרשײַטער און דרייסטער, וואָס האָט אירע האָפֿנס אויף שיפֿן פֿון אומזין פֿאַרביטן". באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז, אין דעם פּרט דאָס ליד „אַשר שוואַרצמאַן" (זע די זאַמלונג „מזרח און מערבֿ", מלוכה-פֿאַרלאַג „עמעס", 1940).

אָבער איצט וועלן די אַבסטראַקטע סימבאָלן פֿון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק: ווינטן, שטורעמס, ברויזיקע טיפֿן, יאָגנדיקן אומרו, אייביק-זוכנדיקע שיפֿן, — באַגריפֿן אַבסטראַקטע און דאַכט זיך גאַנץ אָפּגעריבענע, וואָס קושניראָוו האָט אַ דאַנק דעם גרויסן כּישוף פֿון פּאָעטיש-תּמימותדיקער אויפֿריכטיקייט און פֿאַרגלויבטקייט, אַ דאַנק דער סקולפּטאַרישקייט פֿון בילד, און געשליפֿענעם פֿערז — אומגעקערט פֿון באַנאַליטעט צו דער פֿרישקייט פֿון ערשט אַרויסגעבראַכטן וואָרט, אָט די סימבאָלן וועלן אַלץ בלייבער ווערן זינט דעם ליד „האַרבסט" (1926) אַ ליד, אַ ווייטיקפֿולס וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מין פֿאַרענטפֿערונג, אַז „יעדער מענטש פֿאַר בענקשאַפֿט האָט אין האַרץ אַ נעסט" און וואָס פֿאַרמאָגט נאָך אַזעלכע שורות ווי: „אַ, מײַן אַלטע היים צוקאָפּנס פֿרעמדער גאַס, / ווו הימל האָט געטריפֿט מיט רו. אויף שטויב פֿון געסלעך / אַלע שאַרפֿשטיינער פֿון ליבע און פֿון האַס / האָבן אויסגעשאַרפֿט אויף דיר אַ מעסער".

און צי באַוווסטזיניק, צי געצוווּנגען, נאָר דער דיכטער קאָנסטאַטירט: „ניט צוריק איז בליק מײַנער געווענדט איצט / אויף צו זען טײַערס און געגאַרטס / און אויף שטילער שיין פֿון אַלטע פֿענצטער / ציט מיך ניט צו וואַרעמען דאָס האַרץ".

אָט ווו רעמעניק וואָלט געווען געוועבט! אָט דאָ האָט דער דיכטער פֿאַרראַטן זיך אַליין, אַוועק באַרג אַראָפּ נישט נאָר פֿון דער „הזכּרה" נאָר אויך פֿון זײַן „יוגנט פֿאַרשײַטער"...

און פֿון דאַנען שוין די אמתע ירידה צו סאָצרעאַליסטישע צײַטונגס-באַנאַליטעטן פֿון אַזעלכע לידער ווי „פּרילינג", „נאָך אַ רייזע", „באָלשע-וויסטיש וואָרט", „קיראָוו", „רום פֿון מײַן לאַנד", „די שטים פֿון פֿאָלק", דער געגראַמטער בריוו-אויסטויש צווישן אים און פּעפּערן, וואָס וואָלט אויסגעזען צו זײַן קאָמיש, ווען ס'וואָלט געווען בלויז אַ שפּיל אַזאַ, אַ קאָמעדיע, ווען די מחברים וואָלטן דאָס ניט געמיינט גאַנץ ערנסט. טויט-ערנסט ווי די שרעקלעכע גרימאַסע פֿון יענער צײַט...

באַזונדערס טראַגיש איז דער פּרווו פֿון קושניראָוון אָנצושרײַבן אַ פּאָעמע אונטער דעם פּײַנעם נאָמען „גענעראַלע ליניע". דאָס ערשטע קאַפּיטל א. נ. „מײַן צווייטער העלד" איז אָפּגעדרוקט געווען אין מאָסקווער ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" (פֿאַרלאַג „עמעס", 1934) און פֿאַר-מאָגט שוין עלעמענטן פֿון דעם „נייעם שעפּערישן מעטאָד" פּראָסט-פּשוט — אַ בלייכע קאָפּיע פֿון פּעפּערס „מאָנומענטאַלע", „געוועטן", „פּלאַסטן", „גרויסע גרענעצן"...

צײַטנווייז געפֿינט ער נאָך אַ באַהעלטעניש „פֿון טיפֿער רו" אין איבערדיכטונגען פֿון אינטערנאַציאָנאַלע פֿאָלקלאָר-מאָטיוון און באַזונדערס — סלאַווישע און בפֿרט רוסישע, וועלכע זענען אים טיף אײַנגעבאַקן אין האַרץ — די פּראַכטיקע איבערדיכטונגען פֿון „גזאַנג וועגן איגאָרס חייל" (מיטלאַלטערלעכער רוסישער פֿאָלקס-עפּאָס), די איבערדיכטונג פֿון לאָפּע דע וועגאַס דראַמע „שעפּסן-קוואַל". זײַן דראַמאַטישער טאַלאַנט בליצט אויף מיט אַ באַזונדער קראַפֿט אין דער איבערדיכטונג פֿון זײַן באַליבטן לערמאָנטאָוו, פֿון יענעמס יוגנטלעכער דראַמע „שפּאַניער", וועלכע גיט אים אַ מעגלעכקייט ווידער אומקערן זײַן טיפֿסטע לײַדנשאַפֿט צום אייגע-נעם געדריקטן און געשטיקטן פֿאָלק ישׂראל.

צווישן דעם טאַראַראַם פֿון זײַן ביראָבידזשאַנער ציקל „ווײַטער מזרח", קומט אומגעריכט אַ ליד „די סאָסנע":

„אויף ווילדן פֿעלדז, אויף העכסטן שפּיץ / אַ סאָסנע שטייט און רוישט. / מיט גרינעם קאָפּ אין קעלט אין היץ / פֿאַר זון פֿאַר ווינט אַנטבלויזט. / שוין וויפֿל דונערס דאָ געקנאַלט / און שטורעמס דאָ פֿאַרבײַ / און זי מיט יאָרן זאַט און אַלט, / זי שטייט און רוישט דאָ פֿרײַ. /

„נאָר פּלוצלינג בלײַבט זי שווײַגן שווער / און אָטעמען ניט וואַגט, /

זי קוקט מיט שרעק: ווי קומט אַהער / אַ מענטש... און מיט אַ האַק?!" ("מזרח און מערבֿ").

אָט די ליד טיילט זיך אויס פֿון דער אויפֿגעבלאָזענער "ביראָבידזשאַן-עפּאָפּייע" אין דער יִדיש-סאָוועטישער דיכטונג, ווו ס'ווערט באַזונגען דאָס אויסקאָרטשעווען די ווילדע וועלדער (טײַגע). און דאָ... ווי זשע קומט אַהער אַזאַ דורכדרינגלעכער מיטלײַד צו דער סאָסנע, וואָס בלײַבט אין איינע שרעק: "ווי קומט אַהער אַ מענטש... און מיט אַ האַק?!"

דאָס ליד איז דאַטירט: 1938, ווען ערשט ניט לאַנג האָט די האַק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די סאַמע נאָענטע חבֿרים פֿון זײַן דור — כאַריק, קולבאַק, מאַקס עריק, ליטוואַקאָוו, בראָנשטיין און נאָך און נאָך...

און אפֿשר איז דאָס אַ רמז אויף די ווײַטער קומענדיקע טראַגישע געשעענישן, ווער ווייסט? און...

אין 1939-1940 שרײַבט ער אַן זײַן דראַמאַטישן פֿאַלסיפֿיקאַט "אין אַ וויוגע", ווו ער אידעאַליזירט די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פֿאַרגאַנגענהייט" פֿון איינעם אַ... יונגן יוסף דזשוגאַשווילי (סטאַלין).

אַזאַ מין פֿאַרשוועכונג פֿון אייגענער "יוגנט פֿאַרשײַטער און דרײַסטער" איז, בין איך זיכער, אַן אַנגעצוווּנגענע טאַקע אויס מורא פֿאַר דער בלוטיקער האַק פֿון זעלבן דזשוגאַשווילי.

מיר ווייסן נאָך פֿון דוד האָפֿשטיינס שוין דערמאָנטער הקדמה צו "וועגט", אַז שוין דאַן, בײַם סאַמע אָנהייב פֿון קושניראָווס דראַמאַטישן דערנער-וועג אין דער יִדישער דיכטונג אויף רוסישער ערד, האָט ער, דער דיכטער, שוין געהאַט הינטער זײַנע פּלייצעס אַ שווערע און אַ העלדישע לעבנס-דערפֿאַרונג: "סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דערנאָך פֿראָנטן". פּונקט ווי זײַן יוגנט-חבֿר אַשר שוואַרצמאַן האָט ער פֿריִער אָנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, דערנאָך זיך אָנגעשלאָסן אין בירגער-קריג טאַקע אויף איין פֿראָנט מיט שוואַרצמאַנען אין די שלאַכטן קעגן די ווײַס פּאָליאַקן.

ערגעץ ווו, אין באַזונדערע לידער איז די דאָזיקע דערפֿאַרונג קוים קוים רעאַליזירט געוואָרן. ווייל צו פֿיל האָט זיך "געאײַלט דאָס לעבן", לויט האָפֿשטיינס אויסדרוק, און קושניראָוו איז גראָד ניט געווען פֿון יענע פּאָעטן, וואָס האָט צו אַזאַ צײַט געקאָנט פֿאַרדײַען אַלץ וואָס דאָס לעבן האָט

פֿאַרקאָכט... אומזיסט איז געווען זײַן דעקלאַראַטיווע בראַוואַדע, מיט וועלכן ער הייבט אָן זײַן ציקל "רוף" אין דער זאַמלונג "ברויז" (1928):

וויל צו די, וואָס קומען צו דער צײַט
וויל צו די, וואָס האָבן ניט פֿאַרשפּעטיקט

די ייִדיש-סאָוועטישע ליטעראַטור-קריטיק האָט מיט גרויס התפּעלות אויפֿגענומען די דאָזיקע בראַוואַדע אַלס באַווײַז ווי סאָוועטיש-פֿאַרגע-שריטן, ווי פּאַרטייאיש, אונדזער קושניראָוו איז געווען, ברענגענדיק אַלס באַווײַז די "סאָצרעאַליסטישע" באַנאַליטעטן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט און וועלכע זענען צו אונדזער מזל נישט צו פֿיל פּראָדוצירט געוואָרן דורך דעם גרויסמייסטער פֿון דער ייִדישער דיכטונג.

יאָ, דאָס לעבן האָט זיך געאײַלט מיטן "צווייטן געשאַנק — פֿאַרגעסנ-הייט פֿון איבערגעלעבטן". קושניראָוו איז גאָר זעלטן "געקומען צו דער צײַט". ער האָט אָבער אַ פּאָר מאָל איבערגעיאָגט די צײַט. באַזונדערס מיט זײַן אומשטערבלעכער "הזכּרה".

און דאָס איז שוין "גענוג און איבערגענוג!" און דאָס לעבן האָט ווײַטער געיאָגט אין האַלדז-און-נאַקן און אָט ברעכט אויס די צווייטע וועלט-מלחמה. דער דאָן שוין באַיאָרטער אַהרון קושניראָוו וואַרפֿט זיך פֿרייוויליק אין די שלאַכטן קעגן נאַציזם, ער גייט אַוועק אויף דער פֿאָדער-ליניע, אין סאַמע פֿײַער. ער האָט זיך העלדיש געשלאָגן ניט נאָר פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק, וועמען די נאַצי-דײַטשן האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אויסצומאָרדן. ער האָט אויך געקעמפֿט פֿאַר דער רוסישער ערד, וועלכע ער האָט ליב געהאַט בלב ובנפֿש...

ערגעץ אין אַ פּראָסטיקן פֿעברואַר 1942 האָבן אין די בריאַנסקער וועלדער אַרומגעוואָגלט רעשטן פֿון די אַרומגערינגלטע און צעשמעטערטע דורכן שונא, סאָוועטישע אַרמיי-טיילן. פֿאַרפֿרוירענע, הונגעריקע, באַ-וואָקסענע, אָנגעטאָן אין צעשליסענע שמאַטעס...

מיינסטנס פֿון זיי האָבן שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿן זייער געווער און געשטערבט זיך איבערגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו די דײַטשן.

איינעם אַן עלטערן שוין, אָבער ענערגישן פּאָלקאָווניק צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע באַוואָפֿנטע אָפֿיצירן, האָט זיך אײַנגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען אַ גאַנץ היפּשע טייל פֿון אָט די דעמאָראַליזירטע און איבערגעלאָזטע אויף

הפקר סאָוועטישע סאָלדאַטן. אויסגעשטעלט זיי אין אַ שערענגע האָט דער אַלטער פּאָלקאָווניק באַפּוילן:

— זאָלן אַרויסטרעטן פֿון דער ריי די, וואָס ווילן מיט שלאַכטן זיך דורכברעכן צו אונדזער אַרמיי.

קיינער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט.

— פּאַרטיי-מיטגלידער און קאָמסאָמאָלצעס — איין טראָט פֿאָרויס!

קיינער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט.

מיט צאָרנדיקער ליידנשאַפֿט האָט שוין דער פּאָלקאָווניק ניט באַפּוילן אויף די הויכע טענער, נאָר איינגעהאַלטן, כּמעט שעפּטשענדיק אַ פֿרעג געטאָן: — צי דען איז צווישן אייך נישט פֿאַראַן קיין איין עכטער רוס, וואָס איז גרייט זיך מקריבֿ זײַן פֿאַר רוסלאַנד?...

און דאָן איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער — אַ גרוילעכער, אַ נידע-ריקער מאַן און קענטיק, לויט די כּוחות, ניט קיין גרויסער גיבור. דאָס איז געווען דער ייִדישער דיכטער אַהרון קושניראָוו...

איינע פֿון זײַנע שלאַכט-אויסצייכענונגען האָט דער דיכטער באַקומען, ווײַל ער איז געווען צווישן די ווייניקע, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט יענעם פּאָלקאָווניק דורכגעבראָכן צו די פֿאָדער-ליניעס פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. דער קאַפּיטאַן קושניראָוו האָט דערבײַ באַוויזן אַרויסצוטראָגן פֿון דער פֿיינטלעכער אַרומרינגלונג אַן איבערפֿולטן פּלאַנשעט מיט וויכטיקע אָפּעראַטיווע שטאַבס-דאָקומענטן.

וועגן דעם האָבן געוווּסט זייער פֿיל ייִדישע און רוסישע שרײַבער. וועגן דעם האָט אָבער קיינער קיין מאָל ניט גערעדט און ניט געשריבן. מען האָט זיך בלויז געשעפּטשעט אין די ווינקעלער, ווייל ס'איז דאָך געווען אַ געפֿאַר צו זאָגן, אַז אַ ייִד האָט געקענט זײַן מער פּאַטריאָט פֿון פֿיל רוסן...

צווישן די לעצטע לידער קושניראָווס לויכט זיך פֿאַרצייכענען זײַן זאַמלונג "פֿאָטער-קאָמאַנדיר" (אָגיז, מלוכה-פֿאַרלאַג "דער עמעס" 1948). מלחמה-לידער, געלייטערטע אין טיפֿסטן צער, געשריבן אין אַ שטילן דורכזיכטיקן מינאָר — "פֿאָטער-קאָמאַנדיר", "סאָלדאַטישע פֿיס", "קיינעמס ערד", "אומהיימלעכע מלחמה", וועגן דעם געפֿאַלענעם זון "יוניק", "ליבע צו ווײַב און צו קינד", "די מוטער רחל" — לידער, וואָס לאָזן זיך אַזוי גרינג נישט פֿאַרגעסן.

און דאָס לעבן האָט ווייטער געיאָגט. 1949. איצט איז אַהרון קושניראָוו

שוין לאַנג נישט קיין רעדאַקטאָר פֿון אַלמאַנאַך "היימלאַנד": דער אַקטער נומער איז ליקווידירט געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר, צוזאַמען מיטן פֿאַרלאַג "עמעס". דער מוטיקער גוואַרדיע-קאַפּיטאַן אַהרון קושניראָוו שלעפּט זיך אום ווי אַ שאָטן — אַן אַלטער צעבראָכענער ייִד. אַלע חבֿרים פֿון זײַן דור האָט מען שוין לאַנג צוגענומען — ווען אויף קנעכטשאַפֿט און ווען אויף אומקום... אַפֿילו פֿיל ייִנגערע פֿון אים האָט מען שוין אַרעסטירט.

אין אַ קילן רעגנדיקן טאָג האָב איך אים צופֿעליק באַגעגנט ניט ווײַט פֿון שרײַבער-הויז אויף וואָראָווסקי-גאַס, געהויקערט, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָלנער, אַ שוץ פֿאַר רעגן און ווינט.

— האַ? — האָט ער פֿאַרווונדערט אויפֿגעהויבן אויף מיר זײַנע אויגן און אַ צעפּײַניקטן שמייכל געטאָן:

— גוט וואָס מע טרעפֿט נאָך אַ היימיש פּנים — און כמעט מיט אַ מין אײַנגעהאַלטענער כליפּערײַ:

— אָבער פֿאַר וואָס קומען זיי ניט נאָך מיר, קערלער? כ'בין דען ערגער פֿון אַלע מײַנע פֿרײַנט? בין איך דען אַזאַ אויסוואָרף?...

אַזוי אַן ערך האָט ער צו מיר גערעדט און איך געדענק שוין ניט, צי האָב איך אים געהאַט וואָס צו ענטפֿערן.

מער האָב איך אים שוין בײַם לעבן ניט געזען. דערציילט האָט מען מיר שפּעטער, אַז דעם טאָג ווען מען האָט אים אַרויסגערופֿן אויף אַ פּאַרטיי-פֿאַרזאַמלונג, וווּ מען האָט באַדאַרפֿט באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן די "שׂונאים פֿון פֿאָלק" צווישן די ייִדישע שרײַבער, האָט ער בעת עסן פֿרישטיק צעבראָכן די ציין-פּראָטעזע און ווען זײַן פֿרוי ליובע האָט זיך שטאַרק געערגערט, האָט ער מיט פֿאַרלײַכטערונג זי געטרייסט: נאַרעלע, דאַנקען גאָט — נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

און ווען אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט מען אים אַרויסגערופֿן צום פּרעזידיום-טיש: זאָל ער טאַקע זאָגן, ער, דער "קאָמוניסט", ער, דער ייִדישער שרײַבער, ער דער ייִד, וואָס איז אַזוינס געשען מיט די שרײַבער פֿון זײַן נאַציע, זיי זענען דאָך אַלע זײַנע נאָענטע חבֿרים געווען...

איז ער, קושניראָוו אַרויס אַ בלייכער, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם צעבראָכענעם פּראָטעז און מיט דער צווייטער אָנווײַזנדיק אויפֿן אַנצייניקן מויל: — נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. דער דיכטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ...

געשטאָרבן איז ער, דאַכט זיך, דעם זעלבן חודש. געשטאָרבן דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים צו דער צייט ניט גענומען אין אַרעסט, גלייך מיט אַלע גרויסע יידישע דיכטער אויף דער ליבער און פֿאַרשאָלטענער רוסישער ערד.

שמואל האַלקין

(1897-1960)

שטיל און באַשיידן, קוים צו מערקן, האָט זיך צווישן דער שײַנענדיקער דיכטער-פּלעיאַדע באַוויזן דאָס ייִנגסטע שטערנדל — ש. האַלקין.

ער איז דערשינען אין דער נאָכאָקטאָבערישער פּאָעזיע נישט ווי זײַנע פּאָרגייער און נישט ווי זײַנע מיטגייער, וועלכע זענען שטאַרק פּאַרבלענדט געווען דורך די גוואַלדאָוונע הבֿטחות פֿון די רעוואָלוציאָנערע שטורעמטעג און שפּעטער — מיטן, ווי ס'האָט זיך געדוכט, ייִדיש-רענעסאַנס אין סאָ-וועטנפֿאַרבאַנד.

ש. האַלקין — דער ייִנגסטער און ביז טיפֿסטער פּײַן — דער ווײַט-זיכטיקסטער.

זײַן ערשט ליד איז אָפּגעדרוקט געווען אין קאַטערינאָסלאַווער זאַמל-בוך "טרעפּ" אין יאָר 1921. זאָגן זאָגט מען, אַז דאָס ליד האָט שטאַרק אויסגענומען בײַ מאַרקישן. ס'איז כדאי צו ציטירן יענע אַכט שורהלעך פֿון ליד:

די ליפּן בײַם טאַטן, ווי עמעצן בענטשט ער,
די אויגן צום האַרט-גרינעם מערבֿ געהויבן;
די טויט-קאַלטע פּאַרהיינגלער ער הויבט אויף פֿון פֿענצטער,
און ווישט אויס מיט די פֿינגער פּאַרלאָפֿענע שויבן...
צוויי שטערן — צוויי שפּילקעס אין הימל פּאַרשטאָכן,
באַזילבערטע בלאָטעס צעגרײַזלען די זשאַבעס,
אָי, זאָל מען דעם טישטוך ניט לייגן דעם וואָכיקן,
זאָל דאָ נאָך פּאַרבלײַבן אַ זכר פֿון שבת...

אָט די אַכט שורהלעך זענען אויך אײַנגעשלאָסן אין האַלקינס ערשט זאַמלונג "לידער" (ליטעראַטן-פֿאַרלאַג "ווידערוואוקס", קיעוו — 1922).

האָט איר דאָ שוין דעם גרונט-מאָטיוו פֿון זײַנע שפּעטערדיקע לידער פֿון "ווײ און מוט" (צענטרפֿאַרלאַג, מאָסקווע 1929). בײַ ייִדן האָט מען שטענדיק באַגעגנט מיט פֿריידיקע זמירות די מלכּה שבת און אַרויסבאַגלייט

זי מיט האַרציקער בענקשאַפֿט, אָבער האַלקינס "אַי... זאָל דאָ נאָך פֿאַרבלײַבן אַ זכר פֿון שבת..." איז אָן אַ שיער ווייטיקפֿולער פֿון יענער טראַדיציאָנעלער בענקשאַפֿט — ס'פֿאַרגייט דער שבת אויף שטענדיק צוזאַמען מיט אַל דאָס שענסטע פֿון יידישן שטייגער-לעבן, פֿון יידישן וועלט-באַנעם.

אויב אַלע — אונטער דעם האַרבן קאָנטראָל פֿון די ליטקאָמיסאַרן — אויב אַלע — ווער מיט מער און ווער מיט ווינציקער "הצלחה" — האָבן געשונדן פֿון זיך שטיקער און געפּרוּווט זיך באַפֿרײַען פֿון "זיידנס מיטוואָך", פֿון דער דורותדיקער יידישער קולטור-ירושה און אויב פֿאַר אַלע איז שוין אויפֿגעגאַנגען אַ נײַעווירקלעכקייט, אַ נײַע וועלט — אַ שענערע און אַ בעסערע, וועלכע מען האָט געמוזט באַזינגען, איז פֿאַר דעם יינגסטן האַלקינען אונטערגעגאַנגען אַ וועלט, וועלכע ער האָט צומאָל אָפֿן און צומאָל דורך טיף יידיש-פּאַטעטישער סימבאָליק ביטער באַוויינט...

אָבער לאָמיר געבן דאָס וואָרט איינעם פֿון זײַנע שפּעטערדיקע קריטיקערס:

"אונטערן צייכן פֿון שווערן געראַנגל מיט ירושה פֿון "עלטער-עלטער-זיידעס" שטייט דער אָנהייב פֿון האַלקינס אידעיש-שעפֿערישן וועג. ער איז געקומען אין דער סאָוועטישער דיכטונג ווי איינער פֿון די לעצטע מאָהיקאָנער פֿון דער דורותדיקער ספֿרים-קולטור... אָנגעזאַפּט מיט... "שטילן ציטער" פֿון פֿאַרגיין און מיט אומעטיקער שײַן פֿון וועקסענע שול-ליכט זענען געווען האַלקינס ערשטע ביכער — "לידער" און אַ טייל פֿון "וויי און מוט".

און ווײַטער שרײַבט אַ. כּאַשין:

"אין "וויי און מוט" הייבט זיך אָן האַלקינס שווערער געראַנגל צווישן "עלטער-עלטערזיידעס אייגנס" און נײַעם לעבן, צווישן "וויי" און "מוט".

"בײַ האַלקינען איז דער דאָזיקער געראַנגל אַ צײַט לאַנג געווען די צענטראַלע טעמע פֿון זײַן דיכטונג.

רוסלאַנד! ווען ס'גייט דאָ אין מיר,
אין מײַן קאָפּ — איך וואָלט דיר געשענקט אים...
אַלע וואָס איצטער פֿאַרלאָזן דײַן טיר
ביזן טויט נאָך דיר וועלן בענקען.

האַלקינען פֿון דעמלט איז ליב און טײַער די רעוואָלוציע... נאָר אים שרעקט דעמלט אַן אײַנגערעדט געשפּענסט פֿון נאַציאָנאַלן אומקום". (אַ. כאַשין — ש. האַלקין, אַלמאַנאַך "סאָוועטיש", נומ' 4, 1937).

זײַן בוך "ווײ און מוט" האָט אַרויסגערופֿן נישט ווייניק בייז בלוט, זידלערײַ און ציינקריצעניש בײַ די יעווסעקיש-פּראָלעטקולטישע קריטיקערס, נישט געקוקט אויף דעם וואָס שוין דאָרט האָט האַלקין בפֿירוש אויפֿריכטיק געפּרווווט באַזינגען און באַרעכטיקן די נײַע סאָוועטישע ווירקלעכקייט. און דאָך:

וואָס קאָן איך טאָן — אַזוי בין איך געבאָרן שוין,
אַז אויג פֿאַרנעמען זאָל אויך אַלץ, וואָס גרויזאַם איז;
איך האָב געזען — האָב איך געזאָגט:
מיר שעמען זיך מיט אונדזער אָרעמקייט,
מיט אונדזער נאַקעטקייט, מיט אונדזער אויסזעען.

אַלע האָבן דאָן געטראַכט, געמיינט גענוג איז
פֿון העכסטן דאַך, פֿון העכסטן שפּיץ אומאַרעמען די וועלט;
אוי, פֿאַרגעסן האָבן עלטערע, פֿאַרגעסן, גלײַך ווי יוגנט, —
אַז אַנדערש אונדזער פֿרייד איז, אַנדערש אונדזער עלנט,

אַז אונדזער פֿרייד איז טויזנט מאָל אַן אַנדערע פֿון אַלע —
אַז אונדזער פֿרייד איז קאַלטער גלאַנץ אויף אָפּגעשליפֿטן חלף.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
נו, קאָן דען ווער אַ פֿרעמדער פֿון דעם וויסן —
אַן אומפֿרײַנד, צי אַ פֿרײַנד?

ווי נאַריש און אומגעלומפּערט סע זאָלן נישט קלינגען די שרעקלעכע דאָן ווערטער: "די שטים פֿון צעיושעטן קליינבירגער", ווערטער, מיט וועלכע איינער פֿון זײַנע קריטיקערס האָט באַצייכנט אַזעלכע אין דער שטיל אויס-געווייטיקטע לידער — איז דאָך נאָך נאַרישער זיך אַרײַנלאָזן איצט אין אַ סיכסוך מיט יענע לײַט. ווער שמועסט נאָך, אַז די סטאַלינישע האַק האָט זיך פֿריִער פֿון אַלץ אַראָפּגעלאָזט דווקא אויף זיי...

די עפּאָכעאַלע דיסטאַנץ פֿון האַלקינס "ווײ און מוט" ביז צו זײַנע

„לידער פֿון תּפֿיסה און לאַגער" („ישׂראל-בוך", תּל-אביב 1988) אָט די דיסטאַנץ וואָלט געוויס אויך קליגער און מילדער געמאַכט זײַנע אַמאָליקע קריטיקערס.

איצט באַדאַרפֿן מיר שוין ניט זײַן קיין צו גרויסע חכמים, כּדי צו באַשטעטיקן, אַז ער, האַלקין, דער יִינגסטער צווישן דער גרויסער דיכטער-פּלעיאַדע, נישט געקוקט אויף אַלע זײַנע שטרויכלונגען — די אָנגעצווונגענע און זעלבסט-אָנגעצווונגענע „איבערבוי-פּראָצעסן", איז פֿאָרט געווען און פֿאַרבליבן דער וויִטזיכטיקסטער פּאָעט צווישן אַלע.

ניין, האַלקינען האָט ניט געשראָקן קיין „אײַנגערעדט געשפּענסט פֿון נאַציִאָנאַלן אומקום". פּשוט — דער דיכטער האָט מיט אַלע זײַנע דינסטע פּאָעטישע חושים פֿאָרויס-געשפּירט די שרעקלעכע סכּנה פֿאַרן יִידישן פֿאָלק, וועלכע ס'האָט געטראָגן מיט זיך די באָלשעוויסטישע ווירקלעכקייט, שוין בײַם סאַמע אָנהייב.

אין יאָר 1917 האָט קוויטקאָ אין זײַן „אין רויטן שטורעם" גערייצט זיך מיט די „אַלטע טאַטעס", וועלכע „חקירענען" און „וואָרענען מיטן פֿינגער":

פֿון צעבײַלן, זיך צעקײַלן
ווערט נישט גרינגער...

ווייס איך וואָס! —
מיר, צעקריגטע שוין מיט טאַטעס,
מיר פֿאַרברענען אַלטע שמאַטעס
און צעקנאַקן גרינע גלאָז.

און הערט נאָר, הערט, ווי האַלקין רופֿט זיך אָפּ אויף די דאָזיקע הפֿקר-ווערטער פֿון זײַן עלטערן און באַליבטן, דאַרף מען זאָגן, קאָלעגע שוין אין זײַן ערשטן ביכעלע „לידער" פֿאַרן יאָר 1922:

איז אפֿשר אַ נס גאָר,
וואָס מיך האָט פֿאַרהאַלטן —
אַ זיידע אַן אַלטער
מיט ברעמען — צוויי קוסטעס פֿאַרפֿראָסטיקט,
וואָס שטענדיק מיר ווינקט ער
מיט קוקן אין אויגן

און וואַרנט
מיט האַריקן פֿינגער —
מען טאָר ניט...

אַליין שמואל האַלקין האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער סאָוועטיש-ייִדישער דיכטונג ווי "אפֿשר אַ נס גאָר". זײַן "ווײ און מוט" איז איבערפֿולט מיט מינאָר פֿון שווערן פֿאַרגעפֿיל, מיט סימבאָליש-פֿאַרבאַרגענע און צומאָל גאַנץ דורכזעעוודיקע נבֿיאות. איז דען אַ חידוש, וואָס די דעמאָלט אָפֿיציִעלע קריטיק האָט אים באַוואָרפֿן מיט שטיינער?

און צי דאַרף מען זיך וווּנדערן וואָס דער ערשטער האָט געבענטשט דאָס דאָזיקע בוך דער עלצטער און פֿילבאַרסטער דיכטער אונדזערער דוד האָפֿשטיין, וועמענס ווערטער האַלקין האָט גענומען ווי אַ מאָטאָ צו זײַנער אַ פּאָעמע: **"און ווײ און מוט איצט קאָן איך ניט צעטיילן"?**

אין יאָר ווען ס'איז דערשינען "ווײ און מוט" (1929) שרײַבט האָפֿשטיין אין אַ בריוו קיין אַמעריקע צו זײַן גוטן פֿרײַנד, דעם שרײַבער דניאל טשאַרני: "... האָט איר געזען ש. האַלקינ(ס) בוך לידער **ווײ און מוט? כּדאי** אים האָבן — אַ גוטער בוך. איך וועל אים אײַך אַרויסשיקן אויב איר האָט אים ניט. שרײַבט מיר אָן".*

אין ערשטן לידער-ציקל פֿון יענעם בוך — "רוסלאַנד", ווענדט זיך דער דיכטער צום לאַנד:

טײַער איז אונדז יעדער הויב פֿון דײַן האַנט
און ווייטיקדיק-שווער זי פֿאַרטראָגן —
און, ווי גרויס ס'זאָל ניט זײַן איצט דער בראָך און די שאַנד
מיר קומען פֿאַר דיר זיך קלאָגן:
אויף וווּהין באַשווערן איצט וואַסערן?
אויף וווּהין, צו וועלכע לענדער?
גליקלעכע רוסלענדער גאַסן,
אין אײַך מיר וועלן זיך ענדיקן.

ניט באַשערט אײַך געוועזן ביז הײַנט
זען אונדז אויסגיין אונטער ווילדער ירושה,

* בריוו פֿון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבערס, העברעיִשער אוניווערסיטעט, ירושלים, תש"ם

און איצטער מיר גייען אין שפּאַן
און שטאַרבן פֿון אייַערע קושן.

כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין יענע צייַטן האָט מען נאָך ניט מער ווי מיט אַ „קוש" געפּרוווט אַוועקנעמען די נשמה בײַם ייִדישן פֿאָלק און צי דען נאָר בײַם ייִדישן? — כאַראַקטעריסטיש, אַז אויך דער באַגריף „**רוסלאַנד**" איז דאַן געווען נישט אין דער מאָדע, כּמעט ווי טריף **פּסול**. אַפֿילו אַזאַ קריטיקער ווי יחזקאל דאָברושין, וואָס באַציט זיך צו האַלקינס פּאָעזיע מיט מער פֿאַרשטענדעניש האָט אים אויך פֿירגעוואָרפֿן:

„...מע זעט דאָך בחוש דעם פֿאַרפֿירערישן געדאַנק-וועג, דאָס ברענגט אים אַפֿילו צו ברויכן **דאָס אַנאַכראָניסטישע וואָרט** „רוסלאַנד", טאָקע דער-פֿאַר, ווײַל האַלקין האָט אַהער, אויפֿן נײַעם ראַטנלענדישן באָדן אַראָפּ-געבראַכט באמת די אַלטע, די לאַנגבאַוווסטע נאַציאָנאַליסטישע טענות"*.

ווי בײַ די טײַכן פֿון בבֿל זיצט ער, דער פּאָעט, און קלאָגט:

אַז קיינער פֿאַרנעמט ניט די לייד פֿון פֿאַרגיין,
קיינער זעט ניט, ווי פֿאַרביקער בויגן פֿיבערט!...
אוי, ווען אַ נס טרעפֿט מיט מיר כאָטש אַליין...
איך זאָל ווי אַ פֿויגל, די שעה אַריבער!

צי:

טרייסט מיך ניט מיט ברעגן אַנדערע
אַן אָבֿל בין איך הײַנט — איך זיץ צוקאָפּנס:
בײַ שטערנדיקער נאַכט, בײַ בלינדע וואַנדערער
אין לעצטן אָפּרו.

און אַפֿילו דאָרט ווו האַלקין פּרוווט זיך שוין צו שטעלן, אַזוי צו זאָגן, אין ריי מיט אַלע, וועלכע באַזינגען „פֿרייד און ברויז אויף יעדער גאַס", הייבט ער אויך אָן זינגען אַ ליד מיט:

אין הויכן איז רויט נאָך רויטער,
אין הויכן איז טראָט נאָך הילכיקער —
פֿון ציגל אַ טורעם געבויט איז,
אַ טורעם ביז זילבערנעם מילך-וועג...

* „סאָוועטישע דיכטונג", פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע 1935, ז' 80.

הערט זיך איַין אין דעם דאָזיקן כּלומרשט-אָפּטימיסטישן פֿרייד-געשריַי, וועלכער הילכט אָפּ אין אונדזערע הערצער און וועקט די וויַיטסטע געדענקשאַפֿט וועגן דעם טראַגיש-באַרימטן בבֿל-טורעם!

אַוודאי קענען מיר איצט גאָר אַנדערש אָפּשאַצן און אויף ס׳ניַיע באַזיניקן האַלקינס דעמאָלטיקע רייד. מיר, וועלכע זענען לעבעדיקע עדות וועגן דעם ווי קאַטאַסטראָפֿאַל ס׳קראַכט דער סאָוועטיש-אימפּערישער בבֿל-טורעם און אַרום טראָגן זיך שוין ווילדע ווייגעשריַיען און ביטערע קללות פֿון די צעקריגטע פֿעלקער אויף אַלע אויסגעמישטע צעקאַליעטשעטע לשונות.

* * *

דריַי יאָר נאָך דעם ווי מען האָט האַלקינען באַפֿריַיט פֿון צוואַנגס-לאַגער, אין יאָר 1958, האָט מען אין רוסיש אַרויסגעגעבן אַ בוך אויטאָ-ביִאָגראַפֿיעס פֿון די אָנזעעוודיקסטע סאָוועטישע שריַיבערס. אויך אונדזער דיכטער איז געצוווּנגען געווען צו לאָזן אָפּדרוקן זיַין אידעאָלאָגיש גוט-צוגעקעמטע אויטאָביִאָגראַפֿיע. דאָרטן פֿאַרצייכנט ער אַגבֿ: ״נאָר אויב פֿאַר אים, פֿאַר האָפֿשטיינען, איז זיַין ערשט בוך ״ביַי וועגן״ (ווי פֿאַר לייב קוויטקאָ זיַין בוך ״טריט״, ווי פֿאַר פּרץ מאַרקישן — ״שוועלן״) געווען די גרויסע זיכערע שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן אַ ניַיעם וועג פֿאַר דער דעמלט נאָך יונגער ייִדישער פּאָעזיע, וואָלט איך מיַין ערשטע זאַמלונג ״לידער״ פֿאַרגליכן מיט אַ קליין שיפֿל, אין וועלכן מע האָט מיך אָפּגעפֿירט פֿון ברעג אין מיטן ים און געזאָגט: אָט דאָ שפּרינג אַרויס און שווים...״

יאָ, האַלקין האָט זיך געלאָזט שווימען און מיט דורותדיקער ייִדישער עשקנות און מוטיקייט, געראַנגלט זיך מיט די בייז-צעשטורעמטע ים-כוואַליעס, געקומען איז ער צו אונדז אַן אויסגעליכטיקטער דורך בראָך און איבערבראָך, געקומען און זיך אַנטפּלעקט ווי איינער פֿון די אָריגינעלסטע פּאָעזיע-מיַיסטערס אונדזערע, ווי אַ ברייט פֿאַרנעמיקער און פֿאַרטיפֿטער ליריקער, אָנהייבנדיק פֿון זיַינע ״וויי און מוט״-מאָטיוון ביז צו זיַין ליבע-בוך, פֿון זיַינע מלחמה-לידער און סימבאָלישע באַלאַדן, ביז צו זיַינע עכט-נאַציִאָנאַלע דראַמאַטורגישע שאַפֿונגען. (איַינגעשלאָסן די אויסנאַמלעכע איבערדיכטונג פֿון שעקספּירס ״קעניג ליר״).

מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז האַלקינס גרעסטער מוט איז באַשטאַנען דווקא אין דעם, וואָס ער האָט אויף זיַין און נאָר אויף זיַין פּאָעטישן אופֿן

עפֿנטלער אַרויסגעבראַכט זײַן טיף־ייִדישן וויי. און דאָס איז געווען אין יענער ברוטאַלער צײַט, ווען מיינסטנס פֿון אונדזערע דיכטער האָבן שוין געשטיקט אין זיך דאָס דאָזיקע געפֿיל און נישט נאָר דערפֿאַר ווײַל דאָס „האָט געשמעקט מיט קרימינאַל", נאָר מען איז אויפֿריכטיק געקומען צו דער הסכּמה, צו וועלכע האַלקין אַליין איז געקומען אַ סך שפּעטער אין זײַן בוך „פֿאַר אַ נײַעם פֿונדאַמענט" (מאָסקווע, 1937):

מיר שרײַבן, וואָס מיר ווילן
מיר שרײַבן, וואָס מע טאָר
— — — — — — — — — — —
מיר שרײַבן, וואָס מיר ווילן,
מיר שרײַבן, וואָס מע דאַרף.
(„אונדזער דיכטונג")

אָבער אויך אין בוך „קאָנטאַקט" (1935) אין וועלכן דער דיכטער, גרענעצט זיך אָפּ פֿון זײַנע בּלומרשט באַגאַנגענע „חטאים" און שליסט זײַן פֿולשטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער „סאָוועטנלענדישער ווירקלעכקייט", קען ער נישט ניט דערמאָנען מיט גרויסער ווייטיקלעכער ליבשאַפֿט זײַן היים:

היים מײַנע — קינדערשע הויפּטשטאָט!
בײַם אַרײַנגאַנג אין יאָרן אַזוינע —
מיר ווילט זיך דיך לויבן, דיך קרוינען,
אין גאַסן אין דיינע אַ רויש טאָן.

שווער איז געווען מיר צו טראָגן
דײַן שוידער, דײַן אָנווער, דײַן שווײַגן,
דעם אומעט, וואָס בליט אויף די צווײַגן
פֿון ביימער אין זומער־פֿאַרטאָגן.

געפּרוווט כ׳האָב דאָס פּנים באַהאַלטן,
דער שטויב זאָל די ווײַסלען ניט שנײַדן —
געמיינט איך וועל קאָנען פֿאַרמײַדן
די פּײַן פֿון דײַן איבערגעשטאַלטונג.

* * *

כ׳ווייס נישט קיין אַנדער דיכטער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס זאָל געווען באַזינגען אַזוי פֿיל מאָל און אַזוי טרײַ די ליבע פֿון אַ מענטשן-פּאָר. דאָס ליבע-ליד בײַ האַלקינען איז ווי אַ רעגנבויגן איבער גאָר דער דיכטונג זײַנער, איבער אַלע זײַנע ערדישע וואַגלענישן. אַ רעגנבויגן, וואָס שעמערירט און גיסט זיך איבער מיט אַלע שאַטירונגען און קאָלירן, מיט גאָר דער שײַן און פּיין פֿון טיף-מענטשלעכסטן געפֿיל.

אָט איז דאָס ליד זײַנס תּמימותדיק פּראָסט און מיידלש-ריין: ״מע זאָגט דאָס איז אַ זינד — / איך ווייס? / ער האָט געקושט מיך בלינד, / ער האָט געקושט מיך הייס, / מע זאָגט דאָס איז אַ זינד — / איך ווייס? / ער האָט מיך אָנגערופֿן פֿרוי, / ער האָט מיך אָנגערופֿן קינד, — / איז דען דאָס אַלץ פֿאַרווערט אַזוי? / איז דען דאָס אַלץ אַ זינד? / ער האָט מיך שטאַרק אַרומגענומען / און געבעטן: קומען, קומען, / און אָפּהאַלטן מיך וועלן ניט / קיין רעגן און קיין ווינט, — / איז דען דאָס אויך אַ זינד?״

און אָט איז דאָס ליבע-ליד זײַנס לײַדנשאַפֿטלעך-דראַמאַטיש: ״דו זאָגסט, איך מוז דיך אויסוואָרצלען פֿון האַרצן — כ׳מוז! / כ׳וואָלט צוליב דעם פֿון איין עק וועלט צום צווייטן גיין צופֿוס, / אין הויכן גראָז פֿאַר-שטעלן זיך, אין ווילדן וואַלד, / אַהינטער בערג באַהאַלטן זיך פֿון דײַן געשטאַלט. / דו האָסט מײַן לעבן אויפֿגערודערט ביזן דעק. / דו ווילסט וועל איך פֿאַרשווײַגן דיך, פֿאַרבײַגיין דיך אין וועג, / נאָר לערן אויס פֿאַרגעסן דיך זאָל זײַן כאָטש גרינגער, / און זאָג, וואָס זאָל איך טאָן / מיט דער אומשטערבלעכקייט פֿון דײַנע פֿינגער?״

אַן אַנדערש מאָל ווערט האַלקינס ליד פֿריוואָליש, פֿאַרצויגן מיט אַ דורכזיכטיק עראָטיש וואָלקנדל: ״ווער קאָן דאָס בײַשטיין קעגן לאַכנדיקע ציין, / ווען מויל און ליפּן זײַנען פֿריש און מלא חן, / דער האַלדז ביז ברוסט — ניט נאַקעט, נאָר אַנטבלויזט. / און עטוואָס טיפֿער נאָך — די אומשולד קוקט אַרויס. / דאָס האַרץ דאַרף זײַן פֿון אײַזן, צי פֿון שטיין — / ווער קאָן דאָס בײַשטיין קעגן לאַכנדיקע ציין? / ווער רעדט, אַז אָט דאָס שוימיק פּערלדיקע פּאָר / פֿאַרמאָגט אַ קנייטש אין מיט / מיט חן פֿאַרפֿולט ביז גאָר, / און איבער דעם — אַ קינדערש-ציטערדיקע ליפּ, / און יעדער ליפּ, / און יעדער ריר פֿון ליפּ איז ווי דאָס לעבן ליב״.

ווי גאָלדענע כּוסות מיט שטאַרקן שוימיקן ווײַן זענען איבערפֿולט מיט

לעבנס-חכמה האַלקינס באַיאַרטע אומרוּיִקע ליבע-לידער, אַזעלכע ווי „ליכטיקער זינגער", „דער וואַלקן", „די איַנד", „דו האָסט מיך ליב אַזאַ", די באַלאַדע „ליקוי חמה" און פֿיל, פֿיל אַנדערע, וועלכע ס'וואָלט נישט געשאַדט אַרויסבערענגען דאָ אין גאַנצן ווי אַ מין מיני-אַנטאָלאָגיע פֿון האַלקינס ליבע-ליד. אָבער דאַן וואָלטן בלייך און אפשר גאָר איבעריק געוואָרן אַלע מײַנע רייד וועגן אָט דעם גרויסן דיכטער... און מיר ווילט זיך נאָך ריידן און דערציילן וועגן אים.

פֿון זײַן יוגנטלעכן הייסן געפֿליסטער, פֿון זײַן התלהבֿותדיקן פֿרייד-געפֿיל פֿאַר גאָטס חידוש, וואָס הייסט ליבע. פֿון זײַן „טײַערע מײַנע, האַר-ציקע מײַנע, — / אָט ווי דו זעסט גיי איך אום און איך טענה: / טייערע מײַנע, האַרציקע מײַנע", ווערטער, וועלכע אַ גאַנצער דור יִדישע שילער און סטודענטן האָבן אײַנגעחזרט, כאָטש זיי, די ווערטער, האָבן אויסגעפֿעלט אין די לערן-פּראָגראַמען; פֿון דעם — ביז צו דער האַרצרײַסנדיקער פּיינפֿולער ליבע-תּפֿילה, וועלכער האָט זיך דורכגעריסן צו אונדז פֿון הינטער די טורמע-ווענט און לאַגער-פֿאַרצוימונגען:

אויף איין עק וועלט — איך, און דו — ערגעץ דאָ, ביַי אַ צווייטן,
און צווישן — די ערד מיט איר לענג, מיט איר ברייט טוט זיך
שפּרייטן,
נאָר וווּ זאָלסט ניט שטיין — ביַי דיַין ברעג פֿון דער וועלט, צי
דערנעבן —
מיַין רופֿן צו דיר, שוין אָן מיר און אָן דיר, וועט נאָך לעבן.

טייל פֿון האַלקינס קריטיקערס האָבן אַמאָל באַשולדיקט דעם דיכטער, אַז זײַנע ליבע-לידער זענען „צו פּערזענלעך, צו אינדיווידואַליסטיש".

סאַראַ פֿאַרבלענדעניש! ס'איז גענוג פֿירצוברענגען נישט מער ווי אַכט שורהלעך, כּדי מיר זאָלן זיך איבערצײַגן, אַז האַלקין ווי יעדער גרויסער ליריקער גייט — וואָס אָן אמת טאַקע — פֿון פּערזענלעכן, אָבער ער דער-הייבט עס צו עכט-אוניווערסאַלער רחבֿות:

דו קוקסט אויף מיר אַזוי,
ווי ס'קוקט אַ מאָל אַראָפּ פֿון צווײַג אַ טראָפּן טוי
און ווייסט ניט: פֿאַלן אויף דער ערד, צי ניין?
ווײַל אויפֿן צווײַגל איז אים קיילעכיק,

ווײַל אויפֿן צווײַגל איז ער ריין,
און ס׳שײַנט די זון אויף אים,
און ער איז מלא חן:
אי דורכזיכטיק, אי פֿול מיט זיך אַליין.

אין אָט דעם "טראָפּן טוי" האַלקינס, וואָס גיט איבער אַזוי תּמימותדיק-טרײַ דאָס אינטימסטע, דאַכט זיך, געפֿיל, אין דאָזיקן זוניקן טראָפּן שפּיגלט זיך אָבער אויך, ווי מיר דאַכט, די דראַמאַטישע קאָליזיע פֿון "טרויעריק-זיסן" מענטשלעכן לעבן בכלל.

* * *

שמואל האַלקין איז נישט געווען קיין דירעקטער אָנטיילנעמער אויף די שלאַכט-פֿעלדער קעגן דעם נאַצי-שׂונא, אָבער יענע גורלדיקע און גרויזאַם-טראַגישע מלחמה-יאָרן האָבן אויפֿגעטרייסלט זײַן פּאָעזיע נישט ווייניקער ווי בײַ זײַנע נאָענטע פֿרײַנד און דיכטער-קאָלעגן — די פֿראָנט-לײַט עזרא פֿינינבערג און אהרן קושניראָוו.

"אין ווײ פֿון אָפּגעבן אַ שטאָט, אַ געגנט — / אין צער, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט; / אין שעה, ווען ס׳איז קיין צײַט געבליבן פֿרעגן; / "וווהין?" — געשטאַנען איז דער גלויבן אינדערמיט, / געהיט און ניט געלאָזן זינקען דאָס געמיט". אַזוי פֿאַרצייכנט ער אין זײַן ערשט ליד "אונדזער גלויבן" פֿון בוך "ערדישע וועגן" (אָגיז — מלוכה-פֿאַרלאַג "דער עמעס", מאָסקווע, 1945).

פֿון די ערשטע ביז צו די לעצטע מלחמה-טעג האָבן מיר דאָן אַלע געלעבט "אין צער, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט", געלעבט, געראַנגלט זיך מיטן פֿאַרהאַסטן שׂונא, געפֿאַלן, באַוואַשנדיק זיך מיט בלוט, ווידער זיך געהויבן אין שלאַכט און אין אַ רגעלע שטילשטאַנד, צי רו — פֿון דער נאָענטסטער טיף ביז צו דער ווײַטסטער הייך — אַרויסגעקרעכצט צוזאַמען מיט אונדזער דיכטער: "אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?"... מיר האָבן דאָן מיטגעבלוטיקט מיט אַלעמענס צער-און-צאָרן. צי זענען אָבער טאַקע אַלעמען אָנגעגאַנגען אונדזערע "טיפֿע גריבער רויטע ליים. כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים"?... ס׳האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז יאָ — עמעצן וועט יאָ אָנגיין, ווײַל זעט ווי ס׳ענדיקט זיך האַלקינס באַרימט ליד "טיפֿע גריבער":

"קומען וועלן גוטע צײַטן — / וועט דאָס מזל אויך זיך בײַטן, / וועלן

ווייען ווערן לינדער, / וועלן ווידער וואַקסן קינדער, / וועלן קינדער שפּילן, רוישן / בײַ די קבֿרים פֿון די קדושים, בײַ די טיפֿע רויטע גריבער, — / אַז דער ווײ זאָל ניט אַריבער. / טיפֿע גריבער, רויטע ליים — / כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ היים״.

אין יאָר 1919 — מיט 26 יאָר צוריק, איידער ס׳איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דאָס אויבן-ציטירטע ליד פֿון שמואל האַלקין, האָט גאָר אַן אַנדער דיכטער אויסגעקלאָגט זײַנס אַ ליד ״פֿון אַן אַלטער שטאָט אַ טויטער, — יידן-שטאָט״ און פֿאַרענדיקט האָט ער כּמעט ווי האַלקין, כאָטש אין זײַן אייגן-אייגנאַרטיקן נוסח:

וועלן קינדער אפֿשר קומען
בײַ דעם זון-קוואַל פֿירן שפּילן
און פֿון זון-קוואַל הערן מעשׂיות —
און ביז טיפֿן האַרץ פֿאַרשווײַגן
אַט דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד פֿאַרשטאָפּטן
און ביז טיפֿן בלוי געדענקען
און אַ לידל צערטלעך זינגען
נאָך דער טויטער שטאָט, דער אַלטער
יידן-שטאָט.

דאָס ליד וועט איר געפֿינען אין **לייב קוויטקאָס** בוך ״1919״ פֿאַרן זעלבן יאָר... סאַראַ פֿאַטאַלער איבערוף צווישן פֿאַרשידענע טראַגישע יאָרן און פֿאַרשידענע יידישע דיכטער!

וויסנדיק אויך וועגן דעם וואָס מיט זיי, מיט אונדזערע דיכטער האָט שפּעטער פּאַסירט אין סאָוועטנלאַנד, וואָס מיט אונדז אַלעמען איז געשען, וואָס ס׳קומט איצטער פֿאַר מיט אונדז און אַרום אונדז, שטייען מיר נאָך אַלץ צווישן האַלקינס ״אונדזער גלויבן״ וואָס היט און ״לאָזט נישט זינקען דאָס געמיט״ און זײַן אויסגעוויטיקטן קרעכץ:

״אוי, ווען וועט ווערן ליכטיק?...״

* * *

משה ליטוואַקאָוו האָט נאָך אין יאָר 1925 אין זײַנער אַן אַרבעט מיט חידוש פֿאַרצייכנט וועגן האַלקינען: ״דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע דער-שײַנונג. אַ מין יידישיזירטער העברייער... אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט,

וועלכער ציט זײַן יניקה מער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור און האָט אַ קנאַפּע פֿאַרבינדונג מיט דער מסורה פֿון ייִדיש"...*

שווער צו וויסן, פֿאַרוואָס דער דאָזיקער "עמעס" פֿון ליטוואַקאָווו, קלינגט פֿיל מילדער פֿון אייניקע זײַנע באַלשעוויסטישע אַרויסזאָגעכצן ‏וועגן קוויטקאָן, מאַרקישן און אַנדערע, אָבער אויך דער "עמעס" איז קיין אמת ניט.

אַוודאי איז האַלקינס דיכטונג באַפֿרוכפּערט געוועןָ מיט נישט ווייניק תּנ"ך-אימאַזשן, זײַן בילדערישקייט — מיט אַסאָציִאַטיווע ווידערקלאַנגען פֿון אגדה-חכמה פֿון אַלטע מוסר-ספֿרים, פֿון חסידיש אד"ג. אָבער דאָס אַלץ אַנטפּלעקט זיך אין זײַנע שאַפֿונגען ווי איין נאַטירלעך-האַרמאָנישע גאַנצקייט מיט זײַן טיף-אײַנגעוואָרצלטן, פֿאָלקסטימלעך-פּערלדיקן ייִדיש-לשון. אָט לייענען מיר, למשל, איינע פֿון האַלקינס פּאָעטישע שעדעווערן, מיט וועלכן ס'עפֿנט זיך זײַן בוך "קאָנטאַקט", אַ משלדיק ליד, וואָס קומט אויך פֿון אונדזערע אַלטע פֿאָלקס-קוואַלן:

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאַנצע וועלט:
ווער עס וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זײַט פֿאַרשטעלט
מיט זילבערפֿאַרב, וואָס האָט די ווערט
אַ גראָשן געלט, צי עטוואָס מער, —
פֿאַרשווינדט פֿון אויג די גאַנצע ערד,
פֿון ריינעם גלאָז אַ שפּיגל ווערט.
און ווי דער שפּיגל זײַן זאָל ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין.

דער כּישוף פֿון אָט דעם קונסט-ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס יעדערער פֿון אונדז האָט זיך, קלער איך, אַרומגעטראָגן מיט אַן ענלעכער לעבנס-דערפֿאַרונג — ס'האָט זיך, צײַטנווײַז, ממש געבעטן אויף דער צונג — אָבער טאַקע נאָר איינער האָט עס געשטאַלטלעך אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז מיט אַזאַ גאונישער, וואָלט איך געזאָגט, בולטקייט און פּשטות. און דער איינער איז האַלקין!

* "אין אומרו", פֿאַרלאַג "שול און בוך", מאָסקווע, 1926.

און לאָמיר אַ ביסל שטוינען איבער דער אייגנאַרטיקער קרעפּטיקייט פֿון זײַן ייִדיש-לשון: סטרוקטורעל שטעלן מיט זיך פֿאָר די אויבן-ציטירטע צען שורות — אַן איינהייטלעכן בילדערישן געדאַנקען-שטראָם און דאָך איז, ווי סע זאָגט זיך, יעדער וואָרט אויף זײַן אָרט און האָט זיך זײַן מוזיקאַלישע לופּטיקייט.

אָבער ווער קען נאָך שענער זאָגן ווי דער דיכטער אַליין אין זײַן בוך "מײַן אוצר" *:

... יעדער וואָרט זאָל האָבן פֿעסט זײַן באָדן,
יעדער אות זאָל פֿרײַ אין לופֿט זיך באָדן —
— — — — — — — — — — — — —
אַ געשאַנק איז דיר אַזאַ געגעבן —
מענטשן צו פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן,
זעסט, זיי זײַנען דאָך אין זאָרג פֿאַרטיפֿט —
מאַך זיי כאָטש ניט שווערער מיט דײַן שריפֿט.

("דאָס וואָרט איז הייליק")

* * *

ווי כ׳זאָל נישט געווען זײַן אַ טויט-מידער, נאָך 12 שעה שווערער אַרבעט אין די קוילן-קבֿרים, ווי מיר פֿלעגן אָנרופֿן די שאַכטעס פֿון וואָרקוטאַ — ווי כ׳זאָל ניט געווען זײַן דורשטיק אויף אַ ביסל רו, נאָר אויב ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען, אַז ס׳איז געקומען אַ נײַער עטאַפּ אַרעסטירטע, פֿלעגן מיר — אַ בינטל ייִדישע לאַגערניקעס — אַרויסגיין זיי מקבל פּנים זײַן: אפֿשר וועלן זיך אין אָט דער פֿינצטערער מאַסע נײַ-אָנגעטריבענע "מלוכה-פֿאַרברעכער", אויסזוכן אויך אַ פּאָר ייִדן...

יענץ מאָל האָט איינער פֿון די געקומענע, דווקא מיך געפֿונען, ער איז שנעל פֿאַרבײַ און זײַטיק, אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אַרויס-געשמייכלט:

— יהודי?

— יאָ, יאָ — אַ ייִד! — האָב איך אַ דערפֿרייטער אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר אַן אַרבל פֿון זײַן צעפֿליקטער פּופֿאַיקע...

דעמלט, סוף 1952, האָט עס געקענט אויסזען געפֿערלעך — ס׳האָט

* מאָסקווע, 1966, פֿ-ג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל".

נאָך געבושעוועט דאָס בלוט-בלבול וועגן די ייִדישע "מערדער אין ווײַסע כאַלאַטן". אָבער... אַלע ניט-ייִדן זענען דאָך אויך געקומען זוכן זייערע "זעמליאַקעס" — לאַנדסלײַט, האָט זיך עס שווין במילא געלייגט אויפֿן שׂכל — ס'איז כּשר...

יענער ייִד האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן ווי מײַנער כּמעט אַ "זעמליאַק" (געבוירן אין מײַן פּאָדאָליע און "צוגענומען" האָט מען אים אויך פֿון מאָסקווע). דאָס איז געווען דער איצט באַוווּסטער העברעיִשער שרײַבער — צבי פּרייגערזאָן ז"ל (באַקאַנט לויט זײַן פּסעוודאָנים — צפֿוני).

אָט דער געשמאַקער, היימישער ייִד, האָט מיר טאַקע געבראַכט דעם ערשטן לעבעדיקן גרוס פֿון האַלקינען, מיט וועמען ער איז צוזאַמען געזעסן אין איינעם פֿון די לאַגערן אין אינטאַ — אַן אָרט, נישט אַזוי געפֿערלעך ווײַט פֿון אונדז, אָבער דאָך — דרומדיקער (דאָרט זענען אַפֿילו, זאָגט מען, געוואַקסן ביימלעך!). ער, פּרייגערזאָן, האָט פֿיל דערציילט וועגן האַלקינען, אויף אויסנווייניק געלייענט זײַן ליד אויף רוסיש — "דאָראָזשענקאָ" — דאָס שטעגעלע, און התלהבֿותדיק האָט ער כּמעט ווי אויסגעזונגען די שורות פֿון האַלקינס "מײַן נצחון":

...ס'האָט די קלעם מיך ניט צעבראָכן,
ניט געמאַכט מיך קליין,
כ'בין אַרויס מיט אַ נצחון
איבער זיך אַליין —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
זייער שאָטן אויף מײַן שײַן האָט
זיך ניט אָפּגעזעצט.

ער האָט מיר אויך פֿירגעזונגען זייער אַ קאָמיש לידל, וואָס זיי ביידע, האַלקין און פּרייגערזאָן, האָבן פֿאַרפֿאַסט, דאָס איז געווען אַ מין "מאַקאַ-ראָניק" — אַ געמיש פֿון רוסיש, ייִדיש און העברעיִש. דאָס לידל, האָט זיך אָנגעהויבן, געדענק איך, מיט די ווערטער:

אוי וויי, שמולקע, אוי וויי, הירשקע,
ס'קאַזשדים דניאָם ווסיאָ הירשע, (ביטערער) הירשע.

דאָס לידל, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָט פּרייגערזאָן, שוין זייענדיק אויף דער פרײַ, געזונגען מיט זײַן מעלאָדיע און פֿאַרשריבן אויף אַ טאַשמע. כ׳גלייב, אַז די קינדער זײַנע, האָבן עס אויסגעהיט און מיטגעבראַכט קיין ישׂראל.

סוף 1955 — האָט מען מיך ענדלעך באַפֿרײַט פֿון צוואַנגס-לאַגער און כ׳בין צוריק געפֿאָרן קיין מאָסקווע, אויפֿן קאַזאַנסקע וואָקזאַל האָט מיך צווישן אַנדערע באַגעגנט מײַן טײַערער לערער עליע פֿאַלקאָוויטש ז״ל, וועלכער האָט מיר אײַנגערוימט, אַז שמואל האַלקינען האָט מען אויך מיט אַ צײַט צוריק באַפֿרײַט. ער געפֿינט זיך אין מאָסקווע, באַגריסט מיך גאָר האַרציק און וואָלט מיך גערן געוואָלט זען...

ווער קען דען פֿאַרגעסן די ערשטע באַגעגעניש אונדזערע?... איך האָב געטראָפֿן דעם ליבן, גוטן האַלקינען אַ באַוואָקסענעם מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, דורכגעוועבט מיט גרײַזע פֿראַסטיקע פֿעדים, געקליידט נאָך אין זײַן וואַטאָווער לאַגער-הלבשה... מיט עפּעס אַ מין פֿאַרשטיקטן כליפּ זענען מיר צוגעפֿאַלן איינס צום אַנדערן. דערנאָך — לאַנג און שווײַגנ-דיק באַטראַכט איינער דעם צווייטן...

...ער איז מיט אַ צײַט צוריק ערשט געקומען פֿון לאַגער. דאָרט האָט מען פֿאַר אים נישט געפֿונען קיין אַנדער באַשעפֿטיקונג ווי רייניקן קלאָזעטן. געקומען איז ער אויף צוריק, ניט ווי קיין רעהאַביליטירטער, נאָר מען האָט אים אָפּגעלאָזט נאָך דעם, ווי אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט באַשטימט, אַז ער איז שוין סײַווי אַ נוצלאָזער אינוואַליד... (אין לאַגער זײַענדיק האָט ער שוין דורכגעמאַכט צוויי שווערע האַרץ-אַטאַקעס). איצט האָט ער בײַ זיך אין דער היים, אויפֿן פֿורמאַנאָוו-געסל, געמוזט לעבן האַלב-לעגאַל, ווײַל אין מאָסקווע איז אים נאָך פֿאַרווערט געווען צו וווינען.

...ער האָט מיר געבעטן עפּעס לייענען פֿון מײַנע לאַגער-לידער...

קיין זאַך אויף דער וועלט האָט האַלקין אַזוי ניט ליב געהאַט ווי אויס-דיכטן, לייענען און הערן לידער; מיט יעדן געלונגענעם פֿערז, אַן אייגענעם צי אַ פֿרעמדן, פֿלעגט ער זיך פֿרייען ווי אַ קינד. די העכסטע מדרגה פֿון התפּעלות איז געווען אַן אויסגעשרײַ אין שכנותדיקן צימער אַרײַן:

— מאַרי, דו הערסט? הער! הער!

אויף וואָס מאַרי ז״ל, די טרײַע פֿרוי זײַנע, פֿלעגט אַרײַנקומען מיט אַ שײַנענדיקן שמייכל:

— איך הער, איך הער. אַוודאי הער איך...

שפּעטער האָט ער שוין אויך געלייענט אייגענע לידער. איינע אַ ליד האָט מיך אויפגעטרייסלט אויפן גאַנצן לעבן. דאָס דאָזיקע ליד איז דאָכט זיך, דערגאַנגען צו דער פריַיער וועלט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "די גאָלדענע קייט".

דער קיצור פון אָט דער ליד: ווען ס'איז צעשטערט געוואָרן דער בית המקדש, האָט דער כהן-גדול אַ וואָרף געטאָן די שליסלען צום הימל און דערפאַר, וויַיזט אויס, זענען פאַרבליבן ביז היַינט, צעזייט אויף גאָר דער ערד, כהנ'ס, קאַגאַנס, קאַגאַנאָוס, קאַגאַנאָווסקיס... מיר האָבן פון אונ-דזער, להבדיל, בית-המקדש, ווען ער האָט געברענט, די שליסלען ניט געוואָרפן, נאָר געלאָזט זיי ביַי זיך — און דערפאַר וועלן מיר באַשטראָפט זיַין און אונדזער נאָמען וועט אויסגעמעקט ווערן פון דער ערד...

ווען האַלקין האָט דערזען טרערן אין מיַינע אויגן, האָט ער מיך פאָטערלעך געטרייסט:

— פונדעסטוועגן איז גוט, וואָס איר האָט אויך אין לאַגער געשריבן לידער. מע דאַרף שריַיבן, פאַרשריַיבן, באַשריַיבן באַדאַרף מען, קערלער — אַלץ וואָס דו האָסט פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק און אויף תמיד. שריַיבט! ער האָט אַ פיר געטאָן ביַים האַלדז: — מע קען, חלילה, דערוואָרגן ווערן, ווען סע בליַיבט שטעקן די שטומקייט אין גאָרגל!...

* * *

שמואל האַלקין — דער איינציקער פון דער גרויסער און פרעכטיקער פלעיאַדע נאָכאָקטאָבערישע דיכטער, וועלכער האָט זיך על פי נס אַרויס-געגליטשט פון אונטער דער מערדערישער האַנט... די לעצטע יאָרן האָט ער פיל געקרענקט. פון דעסטוועגן האָט ער פאַרמאָגט און אויסגעהיט אין זיך אַזויפיל חן, פאָטעטישע גאַנצקייט און מענטשלעכע גוטסקייט, אַז אַלע אַרום — יינגערע און אַפילו עלטערע — האָבן זיך געטוליעט צו אים און האָבן זיך געוואַרעמט ביַי זיַין שיַין.

האַלקינען איז פרעמד געווען טראַגישע פאָטעטיק, זיַין אַלץ אַרום-נעמענדיקע מילדקייט און זיַין פאַרטיפטער ליריש-פילאָזאָפישער אוניווער-סאַליזם האָבן נישט געדולדעט קיין שום מין קעמפערישן טעמפעראַמענט. דערמאָנט זיך איינע פון זיַינע אויפטרייסלענדיקע לאַגער-פאָעמען "דער

וידוי פֿון סאָקראַט״ *. דערצו איז ער, צי פֿון געוווינשאַפֿט, צי פֿון ביז גאָר ביטערער דערפֿאַרונג, פֿאַרבליבן זייער פֿאַרזיכטיק, געהיט פֿון אַ בייז אויג און צײַטנווײַז זיך געלאָזט פֿירן דורך דער שווערער האַנט פֿון אינערלעכן צענזאָר. דאָך און טראָץ דעם זענען די מערהייט פֿון זײַנע פּאָעטישע ווערק, געשאַפֿענע אין צוואַנגס-לאַגער און אויך נאָך דער אַזוי גערופֿענער באַ-פֿרײַונג, — די לידער און באַלאַדעס, סײַ די פֿאַרעפֿנטלעכטע און נאָך מער — די נישט פֿאַרעפֿנטלעכטע, — דער וואָגיקסטער בײַטראָג צו דער יידישער וועלט-ליטעראַטור. די דאָזיקע גוטע, זיבן מאָל אין פֿײַן געטובֿלטע, לירישע סטראָפֿן פֿונעם לעצטן גרויסן יידישן דיכטער אויף רוסישער ערד, וועלן מער פֿון אַלץ עדות זאָגן און באַלײַכטן די שטאָק-פֿינצטערע עפּאָכע אינעם לעבן פֿון סאָוועטישן יידנטום.

זײַענדיק אין ״טאָל פֿון לײַדן, וואָס ניט אַרומצוכאַפּן מיטן בליק און ניט מיט ווערטער זיי אַרויסצורײדן״ זײַענדיק דאָרט, ווו ״ס׳פּלאָגט דיך דאָס געיאָמער פֿון מענטשן-לײַב וואָס ווערט געפּלאָגט, ווײַל ס׳איז קיין אויס-לייזונג ניטאָ מער פֿון אָט דעם שדים-כּתבֿ — דעם ״נאָמער״, / וואָס יעדער אויף דער פּלייצע טראָגט״... געפֿינט נאָך דער דיכטער קראַפֿט און מוט אין זײַן צעווייטיקט האַרץ, כּדי דערמאָנען די אומגעבראַכטע פֿרײַנד און קלאָגן:

״די לעצטע זײַנען אַפּ — ס׳האָט זייער טראָט פֿאַרשלונגען / דאָס אייביקע געטופּ פֿון פֿיס, וואָס לעבן הייסט; / און ווי יתומים ווי פֿאַר-שעמטע, ניט געטרייסט — / די לידער זייערע, וואָס האָבן אַזוי דרייסט געקלונגען, / אַוועק אין קלעם אויף קיינמאָל ווערן אויסגעלייזט, / און אַלע זייערע די שענסטע, בעסטע טואונגען — / פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרמעקט, פֿאַררעכנט זיי פֿאַר אַלדאָס בייז״. (״ווי וואָלט איך לעבן דאָרט״).

און אָט ווענדט זיך אין איינעם אַ ליד די פֿרוי פֿון געפֿאַנגענעם דיכטער:

״און אויב איר ווילט דעם ריינעם, שיינעם אמת, — / זײַ מוחל ליבער, מיר דאָס האַרבע וואָרט, / אויב ס׳איז דאָס בעסטע, שענסטע אין דער קלעם איצט / דאַרפֿסט זײַן דאָרט, איז איצטער דאָרט דײַן אָרט״. (״איך בין זײַן פֿרוי״).

דער דאָזיקער ווירדיקער שטאָלצער שלוס-אַקאָרד שטעלט פּאַקטיש

* ״לידער פון תפיסה און לאַגער״ (פאַרלאַג ״ישראל בוך״, תל-אביב, 1988), ז׳ 122.

צום שאַנד-סלופּ אויף דורות די סאָוועטישע פֿאַרברעכער קעגן מענטש און מענטשלעכקייט.

ס׳איז אַלעמען אַזוי גוט געווען וואָס האַלקין האָט פֿאַר די לאַגער-יאָרן, אין פּראָסט און אין וויוגע, נישט אָנגעוואָרן זײַן גלעטנדיק-ברוסטיקע שטימע און לייענענדיק זייער טרויעריקע, צו מאָל — פֿאַרצווייפּלטע און דאָך פֿול מיט לויטערן בטחון לאַגער-לידער, האָבן זײַנע מילדע אויגן אַרײַנגע-קוקט גלײַך אין הארצן אַרײַן:

"און יענע שאַרפֿע גוף-צעברעכנדיקע שטיינער / אין וועג, וואָס זײַנען אויפֿגעשטאַנען מיר אַנטקעגן — / זיי האָבן ניט פֿאַרקרימט דעם וועג פֿון מײַנע וועגן, — ניט אָפּגעשטויסן מיך פֿון אים, ניט אָפּגעפּרעמדט, / ווען צווישן שטיין און שטיין בין איך געווען פֿאַרקלעמט / דו זעסט, דער קוואַל, ער ווערט דאָך נאָכאַמאָל געלײַטערט / און דו האָסט זיך פֿון אים ניט ווילנדיק דערווײַטערט / אָף איין שפּאַן מער, ווי דו האָסט רעכט דערויף — / און דײַן נשמה אין דער קלעם, כאָטש פֿרײַ דער גוף".

די סטראָפֿן געהערן צו אַ ליד "דער אָנהויב וועג". און פֿאַרשטענדלעך איז געווען פֿאַר אַלע, אַז בלויז טרײַהייט צום אייגענעם שטאַם, צו די געלײַטערטע פֿאָלקס-קוואַלן, צום אמת, האָבן געקענט אויסהיטן דעם דיכטער פֿון פֿיזישער פּײַן און מאָראַלישן אונטערגאַנג. אַפֿילו אין קלעם פֿון "גוף-צעברעכנדיקע שטיינער", אַפֿילו ווען דער קערפּער איז פֿאַרקנעכט, איז מעגלעך אויסצוהיטן שטאָלצע אינערלעכע פֿרײַהייט. און פֿאַרקערט: האָסטו כאָטש אויף איין שפּאַן דערווײַטערט זיך פֿון יענעם קוואַל, "פֿאַר-קרימט דעם וועג פֿון דײַנע וועגן" — וועט דיר קיין שום אַזוי גערופֿענע אויסערלעכע פֿרײַהייט נישט העלפֿן — "די נשמה בלײַבט אין קלעם" — פֿאַרבלײַבסט אַ פּאַדלער קנעכט.

און דווקא אין די, אין געהיים אויסגעווייטיקטע, "לידער פֿון תּפֿיסה און לאַגער" אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דער דיכטער צום ערשטן מאָל אין זײַן גרויסער ריין-תּוכיקער עכטקייט, ממש ווי אַ באַפֿרײַטער פּראָמעטיי, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם גרעסטן זיג — דעם "נצחון איבער זיך אַליין". און דווקא פֿון דער שטאָק-פֿינצטערניש קומען אַרויס אַזעלכע קלאָרע ליכטיקע שורות:

דער חושך זאָל אַנטרינען —
אַ ליכטל טראָג אַרײַן.

און אויב ס'וועט ניט באַגינען,
וועט כאָטש ניט פֿינצטער זײַן.
("ניט יאָג די נאַכט מיט פֿלעקענער")

אין די יאָרן 1957-1955, יאָרן — ערשט נאָך אונדזערע לאַגער-אָפּקומענישן, ווען ס'פֿלעגט זיך נאָך צײַטנווײַז דוכטן, אז פֿון הינטער די פּלייצעס טרעט נישט אָפּ און ס'באַגלייט אונדז נאָך אַלץ דער באַוואָפֿנטער קאָנוואָי, ווען "די וועגנט צו מיר אין שטוב זיי האָבן אויערן / און אפֿשר אויגן אויך וואָס קאָנען בויערן / נישט נאָר אַ צווישן-וואַנט — אויך פֿעסטונג-מויערן..." אין יענע יאָרן האָט שמואל האַלקין נישט איין מאָל געלייענט פֿאַר מיר זײַנע טורמע-און לאַגער-לידער. געוויס, מיין איך, בין איך נישט געווען דער איינציקער, צו וועמען דער דיכטער האָט געהאַט גענוג צוטרוי פֿאַר אַזאַ מין אײַנשטעלעניש; נאָר אויב נישט דער איינציקער בין איך, ווייס איך, פֿאַרט געווען צווישן די געציילטע. און דאָס וועט מיך וואַרעמען ביז צו די לעצטע מינוטן מײַנע.

האַלקין, האַלקין... כ'האָב נאָך פֿיל וואָס דערציילן וועגן אים און זײַן דיכטונג און אפֿשר וועל איך זיך נאָך אומקערן צו אָט דעם פֿרישן, לעבעדיקן פּאָעטישן קוואַל. און דערווײַל, ווי וועט זײַן דער סוף פֿון מײַן מעשה-האַלקין? אָט הערט:

דו פֿרעגסט מיך דעם סוף — ס'איז אַ סוף אויך געווען
נאָר ס'איז, ווי עס טרעפֿט זיך, אַן אומגליק געשען:

אַ טייל פֿונעם סוף, מיטן שלאָף איז אַוועק,
אַ טייל האָט פֿאַרטראָגן אַ פֿיש אויפֿן עק,

אַ טייל האָט פֿאַרכאַפּט אַ לבֿנהניקער שטראַל,
די רעשט האָט דערשלונגען די קו אין דער שטאַל...

נאָר אַנדערע זאָגן, ס'האָט אַנדערש געטראָפֿן:
דער סוף איז צוריק צו דעם אָנהייב אַנטלאָפֿן.

און ביידע איניינעם — דעם הירש אויפֿן האָרן,
בײַם הירש אויפֿן האָרן — די מעשה געבאָרן.

דער הירש איז געשטאָרבן, דער האָרן פֿאַרלאָרן,
די מעשׂה — זי ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן.

(האַלקין "די באַלאַדע וועגן דעם שיפֿל און
דעם ווינט", פֿון בוך "ערדישע וועגן")

ירושלים, 1990

שלמה מיכאָעלס און זײַן טעאַטער

די פֿײַערונגען, געווידמעט דעם 100סטן געבוירן־טאָג פֿון געניִאַלן יידישן בינע־קינסטלער שלמה מיכאָעלס האָבן געטראָגן אַ טיף־סימבאָלישן כאַראַקטער, באַזונדערס דאָרט — אין רוסלאַנד. אין מאָסקווע, לענינגראַד און אַנדערע שטעט האָט די פּראָגרעסיווע פּרעסע און די טעאַטראַלע געזעלשאַפֿטלעכקייט אויף גאָר אַ ברייטן פֿאַרנעם אָפּגעמערקט דעם דאָזיקן יובֿיליי, אָפּגעמערקט מיט כּבֿוד און שטאָלץ נישט נאָר פֿאַר דער יידישער טעאַטער־קולטור, נאָר אויך ווי אַ "וויעכאַ" — ווי אַ וויכטיק־ווערטפֿולן עטאַפּ אין דער געשיכטע פֿון סאָוועטישער בינע־קונסט בכלל.

די דאָזיקע פֿײַערונגען זעען מיר אויס באַזונדערס פּילדײַטיק אויפֿן פֿאָן פֿון דער איצטיקער, וואָלט איך געזאָגט, סמוטנער צײַט אין רוסלאַנד, ווען די ליכטיקע כּוחות פֿון דער דאָרטיקער דעמאָקראַטיע ווערן געהאַמעוועט דורך די אַרויסגעקראָכענע פֿון אַלע פּערעסטראָיקע־לעכער — פֿראַנק־און־פֿרײַ צעיושעטע פֿאַרשידנמיניקע אַנטיסעמיטיש־פֿאַשיסטישע פּאָגראָם־אָרגאַניזאַציעס.

אויך פֿאַר אונדז — דאָ אין ישׂראל, זענען די מיכאָעלס־פֿײַערונגען ביז גאָר וויכטיק.

זיי זענען וויכטיק צוליב טיפֿער באַנעמען, זיך דערגרונטעווען צום שורש, סײַ פֿון דעם פֿריִערדיקן עליה־און עמיגראַציע־שטראָם, סײַ פֿון דער איצטיקער מאַסן־עליה און פּליטים־־פֿאַרפֿלייצונג, וואָס קומט פֿון יענעם צערודערטן לאַנד...

* * *

דער מאָסקווער יידישער טעאַטער האָט ווי באַוווסט, זיך אויסגעבילדעט פֿון דער גראַנאָווסקי־סטודיע אין פּעטראָגראַד אין יאָר 1919, אויך אין אַ צערודערט־שטורמישער עפּאָכע, נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. ס'איז אָבער אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן דער איצטיקער סמוטע און יענער רעוואָלוציִאָנערער שטורם־און־דראַנג עפּאָכע. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז

דאָן איז געווען אַ צײַט נישט נאָר פֿון בלוט און שרעק, נאָך אויך פֿון האָפֿענונג — דער מיראַזש פֿון סאָציאַלן יושר און פֿרײַער פֿעלקער־ברודערשאַפֿט, וועלכע ס׳האָט פּראָקלאַמירט אָקטאָבער, האָט נאָך גוטע עטלעכע יאָר, שוין נאָך 1919, באַהערשט די הערצער און מוחות פֿון פֿילמיליאָניקע מאַסן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע. און צי דען נאָר אין רוסלאַנד ? . . .

און ס׳איז נישט געווען קיין צופֿאַל אין דער פֿילגעליטענער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער נאָר אַ גליקלעכער אײַנפֿאַל, ס׳איז געווען ממש אַ זיווג מן השמים, וואָס די סאַמע מאָדערנע רוסישע און אייראָפּעישע טעאַטער־קונסט אין געשטאַלט פֿון דעם ראַפֿינירטן רעזשיסער און בינע־מײַסטער אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי, האָט געשלאָסן מיט דער ענטוזיאַסטישער, אײַנגעוואָרצלטער אין יידישקייט טעאַטער־גרופּע בראָש מיט שלמה מיכאָעלס. פּונקט ווי ס׳איז געווען אַ גליקלעכער אײַנפֿאַל פֿון יענער צײַט די באַגעגעניש פֿון יונגן ״הבימה״־קאָלעקטיוו מיט וואַכטאַנגאָוון . . .

אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי איז נאָך אין זײַן געבוירן־שטאָט ריגע שטאַרק דערווײַטערט געווען פֿון וועלכן ס׳ניט איז יידישן לעבנס־שטייגער און פֿון מינדסטן מין יידישער טראַדיציע. פֿאַרענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע, האָט ער פֿון קינדווײַז טיף אײַנגעזאַפּט אין זיך די רוסישע קולטור. זײַן טעאַטראַלע אויסבילדונג באַקומט ער אין דער באַרימטער מאַקס ריינהאַרט־סטודיע, דאָרט אין בערלין שפּירט ער נאָך מיט גרויס אינטערעס די ערשטע דערפֿאָלגרײַכע עקספּערימענטן פֿון פּיסקאַטאָר־טעאַטער. שפּעטער באַגײַסטערט ער זיך מיט די געוואַגטע טעאַטראַלע אויפֿטוען פֿון גרויסן רוסישן רעזשיסער ווסעוואָלאָד מייערכאָלד; דער זעלבער גראַנאָווסקי, וועלכער האָט זיך שוין אין 1919 קונה שם געווען אַלס רעזשיסער פֿון דער גראַנדיעזער פֿאַרשטעלונג פֿון סאָפֿאָקלס ״קעניג עדיפּ״ אין פּעטראָגראַדער צירק . . . דווקא ער, דער דאָזיקער פֿולשטענדיק אַסימילירטער ייד און מאָדערנער רוסיש־אייראָפּעישער בינע־קינסטלער, איז פּלוצים ווי באַהערשט געוואָרן פֿון דער אידעע צו שאַפֿן אַ יידיש־טעאַטראַלע סטודיע . . . דווקא אים, גראַנאָווסקין, איז באַשערט געווען זיך אָנטרעפֿן אויפֿן דווינסקער בחור, וואָס האָט שוין געהאַט באַדאַרפֿט פֿאַרטיידיקן זײַן דיפּלאָם אין אַ פּעטראָגראַדער יורידישן פֿאַקולטעט — אויף שלמה וואָפּסי (מיכאָעלס).

ס׳קלערט זיך מיר, אַז בײַ גראַנאָווסקען האָט נישט גענומען קיין סך צײַט, ער זאָל זיך אָנשטויסן, אַז דער דאָזיקער קורצוווקסיקער אימפּולסי־

ווער און אויסדריקלעכער חבֿרהמאַן, וואָס לייענט אַזוי אייגנאַרטיק און ליידנשאַפֿטלעך ביאַליקס "דאָס לעצטע וואָרט" און די לידער פֿון ש. פֿרוג, איז ווי אַנגעמאָסטן פֿאַר זײַנע פּלענער וועגן אַ מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער און אַז דער גאַנצער ענין מיט יוריספּרודענץ, וועלכע ס׳האָבן אים, שלמהן, אָנגעהאַנגען זײַנע טרײַע עלטערן, צוליב תּכלית, ליגט אים אַפֿילו ניט אין דער לינקער פּאה, ווײַל קודם ברוּיזט אין אים די ליַידנשאַפֿט פֿון אַ גע-בוירענעם קאָמעדיִאַנט.

וואָס אַן אמת איז, אַז אויך מיכאָעלסן איז ווײַט נישט פֿרעמד געווען די רוסישע קולטור, אָבער פֿריִער פֿון אַלץ איז ער געווען דער פּאַסיקסטער מענטש וואָס איז מסוגל געווען אויפֿצושפּאַרן פֿאַר גראַנאָווסקען די סודותפֿולע פֿאַר אים טויערן צו ייִדיש-העברעיִשער קולטור, ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר, געשיכטע — צו דער ליכטיקער און פֿײַנפֿולער פֿאַרגאַנגענהייט און טאָגטעגלעכקייט פֿון עם הספר — פֿון ייִדישן פֿאָלק.

אין די פּערזענלעכקייטן פֿון גראַנאָווסקי-מיכאָעלס האָבן זיך צוזאַמענ-געטראָפֿן צוויי שעפֿעריש-קעגנווירקנדיקע קרעפֿטן און אוודאי וועט עס קלינגען מעכאַניש, אויב מירן דאָס פֿאַרגלײַכן צום אָנשלוס פֿון צוויי קעגנזעצלעכע עלעקטראָצירנדיקע ספֿערעס, וואָס צעבליצן זיך העל פֿאַרן געבורט פֿון עלעקטרישן שטראָם... ס׳פֿאַרבלײַבט אָבער פֿאַר אונדז דער היסטאָרישער פֿאַקט, אַז בלויז דער צוזאַמענטרעף פֿון מיכאָעלס-גראַנאָווסקי האָט שעפֿעריש אַרויסגעקוואַלט פֿון זיך דעם פֿענאָמען אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער — דעם מאָסקווער גאָסעט.

ס׳גייט אָבער הײַנט אַ רייד וועגן שלמה מיכאָעלסן, וואָס האָט גע-שטאַלטיקט דעם דאָזיקן אוניקאַלן טעאַטער-קאָלעקטיוו, נישט נאָך 20 יאָר, נאָך דעם, ווי פֿון אים איז אַוועק זײַן גרינדער און ערשטער וועגווײַזער, נאָר אויך טאַקע צוזאַמען מיט אים, בעת ער, גראַנאָווסקי, איז נאָך געשטאַנען בײַם רודער.

אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס פּרינציפּיעל-נײַע און אייגנאַרטיקע פֿון דאָזיקן ייִדישן טעאַטער? קודם — דער האַרמאָניש-צוזאַמענגעשפּילטער אַנסאַמבל, נישט נאָר דער אַקטיאָרן-אַנסאַמבל נאָר אויך די ווונדערלעכע האַרמאָניע פֿון אַלע טעאַטער-קאָמפּאָנענטן: מוזיק, דעקאָראַציעס, באַ-וועגונג. לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז מיטן גאָסעט האָבן מיטגעאַרבעט אַזעלכע מוזיקער ווי מילנער, קריין, אַחרון, קינסעלגאָף, פּולווער און

אַנדערע, אַזעלכע קינסטלער ווי מאַרק שאַגאַל, ראַפֿאַעל פֿאַלק, אַלעקסאַנ־דער טישלער, נתן אַלטמאַן, איסאַק ראַבינאָוויטש . . .

אַפֿילו אין די ערשטע צען יאָר, ווען ס'האָט נאָך פּרעוואַלירט גראַ־נאָווסקיס אָריגינעלע אָבער האַרב־זעלבסטהערשערישע רעזשיסערישע קאָנ־צעפּציעס, זענען דאָך און אַפֿשר טראָץ דעם, מיינסטנס צווישן די אַקטיאָרן נישט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיין געהאָרכזאַמע מאַריאָנעטן נאָר אַרויס־געהויבן זייער שעפֿערישע אינדיווידואַליטעט און באַוויזן אויסצופֿורעמען אַ רייַכע פּולבלוטיקע געשטאַלטן־וועלט. שוין נישט רעדנדיק פֿון דעם געניאַלן פּאַרטנערן־פּאָרל מיכאָעלס און זוסקין — נישט צום פֿאַרגעסן זענען די פֿאַרשיידנאַרטיקע איבערגעשטאַלטונגען פֿון אַזעלכע אויסנאַמ־לעכע אַרטיסטן ווי דניאל פֿינקעלקרויט, שרה רויטבוים, יעקבֿ חזק, גערטנער, שידלאָ, ליאַליע ראָם, מינקאָווע, עדאַ בערקאָווסקי און אַנדערע.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פֿון די ערשטע טעג איז דאָרט פֿון דער בינע־ראַמפּע פּראָקלאַמירט געוואָרן, אַז "דער אַלטער יידישער טעאַטער איז געשטאָרבן ברוך דייַן אמת", איז עס פֿאַרט נישט אַזוי די מעשה. אין דער אמתן, האָט ווי מיר דאַכט, דער גאָסעט שעפֿעריש געירשנט, געצויגן זייַן ייִחוס פֿון דער שפּרודלדיק־פֿאָלקסטימלעכער טעאַטראַלישקייט, פֿון קלוגן גראָטעסקן און הייליק־נאַיוון גאָלדפֿאַדען־טעאַטער.

ציִענדיק זייַן ייִחוס פֿון גאָלדפֿאַדענען האָט אָבער מיכאָעלס און זייַן טעאַטער לחלוטין איגנאָרירט די פֿאַרשונדעוועטע מעלאָדראַמאַטיק פֿון גאָרדין־רעפּערטואַר. ס'איז דעריבער מאָדנע, וואָס בשעתו האָט די "הבימה" באַשטימט סאַלוטירן מיכאָעלסן און דעם יידישן טעאַטער דווקא מיט "מירעלע אפֿרת" . . .

אָבער לאָמיר זיך צוריקוועדנן צו דער פּערזענלעכקייט פֿון מיכאָעלסן גופֿא. ירמיהו דרוקער ז"ל, דער באַקאַנטער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַט שרייַבט אין זייַנע מעמואַרן "באַגעגענישן מיט מיכאָעלסן" ("ירושלימער אַלמאַנאַך", 20, 1990):

"יאָ, מיכאָעלסעס טאַלאַנט איז נישט אין איינצאָל נאָר אין מער־צאָל. ער איז שטענדיק געווען דער טאַלאַנט פֿון טאַלאַנטן — אַקטיאָר, רעזשיסער, טריבון, דענקער, טעאָרעטיקער, אימפּראָ־וויזאַטאָר און וווּנדערלעכער מיטשפּרעכער. אַלץ בייַנאַנד און אַלץ באַזונדער און אַלץ איז געווען באַשייַנט מיט גייַסטיקער

מאַכט און אינערלעכער פּראַכט. אַפילו זײַן שיחת חולין, זײַנע טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקע געשפּרעכן דאַרפֿן דערלערנט ווערן״.

* * *

— פֿון וואָס הייבט זיך אָן בײַ דעם פֿויגל זײַן פֿלי־אַרויף צום הימל? — האָט ער אַ מאָל געפֿרעגט בײַ זײַנע תּלמידים. און אַז מיר האָבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן — האָט ער פֿאַרקלערט און פּאַמעלעך, גלײַך ער וואָלט ריידן צו זיך אַליין, אָנגעהויבן צו סילעווען זײַנע ווערטער:

— כ׳מיין אַז פֿון טיפֿן אָטעם, פֿון אָנפֿילן די לונגען מיט גאָר דער לופֿט, מיט אַלע ריחות פֿון דער היימישער ערד, מיט גאָר דער וואַרעמקייט פֿון דער היימישער נעסט אויפֿן בוים. — — — — — — — — — — — —

געווען איז צווישן זײַנע פֿילצאָליקע פֿרײַנד און פֿאַרערער איינער אַ באַוווּסטער פּראָפֿעסאָר, אַ פֿיזיאָלאָג, זײַן נאָמען געדענק איך שוין ניט, — אַ טרײַער תּלמיד און מיטהעלפֿער פֿון באַרימטן רוסישן געלערנטן איוואַן פּעטראָוויטש פּאַוולאָוו.

...דאָס איז געשען ערגעץ אין די ערשטע טעג פֿון יאָר 1936. מיט אַ שווער האַרץ איז אונדזער פּראָפֿעסאָר געקומען מבֿקר חולה זײַן דעם שטערבלעך־קראַנקן לערער זײַנעם. דערוואַרט האָט ער צו טרעפֿן אַ קראַנקן צעבראָכענעם זקן, אַ מענטש, וואָס איז שוין מער אויף ״יענער זײַט״ און ווער־ווער, נאָר ער, דער פֿאַרשטענדיקער אַקאַדעמיק פּאַוולאָוו, נייטיקט זיך געוויס נישט אין קיין טרייסט בײַ אַזאַ צושטאַנד...

ווי נשתּומם איז אָבער געבליבן דער פּראָפֿעסאָר, ווען ער איז אַריבער די שוועל פֿון פּאַוולאָווס צימער:

בײַ זײַן קראַנקן־בעט איז געשטאַנען אַ גרויסער ווײַסע עמאַל־שיסל פֿול מיט קאַלטער וואַסער און דער חולה האָט מיט גרויס פֿאַרגעניגן געפּליושקעט אין איר די נאַקעטע, האַריקע האַנט.

— האַ? קאָלעגאַ — האָט דער געלערנטער גוטמוטיק זיך אַ זײַטל געטאָן פֿון זײַן געלעגער — דערלויבט מיר, מײַן טײַערער, נאָך אַ ביסעלע זיך פּאַליושקען...

און ווידער האָט פּאַוולאָוו צוגעמאַכט די אויגן, ווי פֿאַרטיפֿט אין גאָר אַן ערנסטער עבֿודה, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו שווענקען די האַנט אין וואַסער. דאָס גרויע בערדל האָט זיך ווי געריסן צום סופֿיט... מיט אַ האַלב־אָפֿן מויל האָט ער מיט דערלײַכטערונג זשעדנע געשלונגען, ממש

פּאַסמאַקעוועט יעדן אָטעם לופֿט. און אויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַלע זײַנע גלידער אונטער דער קאָלדרע, האָבן זיך ווידער אָנגעגאָסן און קלינגען ווידער מיט קלוגער מוטיקער ענערגיע. די באַקן זײַנע האָבן זיך גערויטלט מיט נישט ווייניקער יִינגלשקייט, ווי אויף זײַן באַוווּסטן פּאָרטרעט פֿון קינסטלער ניעסטעראָוו.

— הוף... — האָט ער צופֿרידן אַרויסגעאָטעמט און צום לעצטן מאָל אַ פּאַטש געטאָן איבערן וואַסער, אַזוי, אַז די צעשפּריצטע טראָפּנס האָבן דערגרייכט צום גאַסט — אָט דאָס הייסט געלעבט!...

און ערשט אָט איצט, ווי אויפֿסנײַ דערזעענדיק זײַן פֿרײַנד, ווי ער שטייט עס אַזוי אַ מבולבלער בײַ דער טיר מיט אַ פֿאַרקנייטשטן שטערן, מיט געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן זיך ווי צוויי פֿראַגע-צייכנס אויפֿגעהויבן איבער די פֿאַרחידושטע אויגן, ווי ער שטייט עס אַזוי מיט פֿאַנאַנדערגענומענע הענט, אַ קינדיש-אומבאַהאָלפֿענער אין זײַן פֿאַרלעגנהייט — האָט פּאַוולאָוו אויסגעשאָסן און פֿאַרגאַנגען זיך אין אַ קוויטשיק-יִינגלש געלעכטער. אויך אונדזער פּראָפֿעסאָר האָט זיך נישט ווילנדיק, פֿאַנאַנדערגעלאַכט. ווי ער האָט שפּעטער דערציילט, האָט ער דאַכט זיך, קיינמאָל אַזוי געשמאַק נישט געלאַכט, נישט וויסנדיק, אייגנטלעך, די סיבה פֿון אַזאַ געלעכטער...

— אָבער, זאָל גאָט מיר מוחל זײַן, טײַערער איוואַן פּעטראָוויטש, צי קענט איר מיר נישט דערקלערן וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט נאָך אַלץ לאַכנדיק געבעטן זיך דער גאַסט — וואָס האָט איר דאָ נאַר-וואָס גע-כּישופֿט?

— וואָס רעדט איר, באַטיענקע — האָט פּאַוולאָוו שמייכלענדיק פּראָ-טעסטירט — איך — אַ מכשף? איך בין, ווייסט איר דאָך, אַ פֿיזיאָלאָג און דערצו, ווי זאָגט מען עס דאָרטן, — אַ "מאַטעריאַליסט!"

— וואָס זשע האָט איר פֿאָרט אָקערשט געטאָן?

— אַן איבעריקס מאָל באַשטעטיקט מײַן טעאָריע וועגן ערשטיקע און באַדינגלעכע רעפֿלעקסן!...

— פֿינקטלעכער?

— כ'האָב זיך אַליין געהיילט.

— נאָך פֿינקטלעכער?

— כ'האָב זיך געטובֿלט אין... מײַנע קינדעריאָרן...

ווען דער פּראָפֿעסאָר האָט איבערדערציילט מיכאָעלסן פּאַוולאָווס

רייד, איז פֿאַר מיכאָעלסן דעם קינסטלער, פֿאַרענטפֿערט געוואָרן זייער פֿיל. מיט זײַן מעכטיקן כּוח הדמיון, האָט ער זיך לײַכט אַריבערגעטראָגן אין אַלטן פּראָווינציעלן ריאַזאַן, וואָס בײַ די הויכע גרינע ברעגעס פֿון דעם שיינעם טײַך אָקאַ... דאָרט האָט זיך אַ מאָל ליב געהאַט צו באָדן, שווימען און פּליושקען זיך... דאָס לעבנסדורשטיקע ייִנגל וואַניושאַ פּאַוולאָוו...

מיר, מיכאָעלסעס תּלמידים, זענען שטענדיק איבערראַשט געווען פֿאַר זײַן אויסערגעוויינלעכער פֿעיִקייט אַרויסצוהייבן פֿון געוויינטלעכע, דאַכט זיך, לעבנס-דערשײַנונגען, זייער מענטשלעך-פּאָעטישן תּוך. אָבער ווען אונדזער מיכאָעלס האָט איבערדערציילט די דאָזיקע געשיכטע האָבן מיר אים דערזען אַליין ביז אין די טיפֿענישן פֿון דער נשמה, אַן אויפֿגעטרייסלטן פֿון פּאַוולאָווס לערע, וועלכע האָט זיך אַזוי אומגערן אַנטפּלעקט פֿאַר אים אין אַ נײַער שײַן — אין דער שײַן פֿון עכטער פּאָעזיע...

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

אַנטקעגן דעם, וואָס מיכאָעלס און זײַן טעאַטער זענען שפּעטער טעטיק געווען אין זייער אַ ביטערער צײַט, אין דער סאַמע טראַגיש-אַנט-שיידנדיקסטער עפּאָכע אינעם גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק. נישט אומזיסט האָט מיכאָעלס אָפֿט ליב געהאַט ציטירן י״ל פּרצן: ״טרייסט מײַן פֿאָלק, ס׳באַ-דאַרף די טרייסט!״

צוליב טרייסטן דאָס פֿאָלק, צוליב היילן דאָס פֿאָלק, צוליב שטאַרקן דאָס פֿאָלק איז בעיִקר, אויסגערעכנט געווען דער טעאַטער-רעפּערטואַר פֿון מאָסקווער גאָסעט — ״שולמית״, בר-כּוכבא״, ״שלמה מײַמאָן״, ״שפּאַניער״, ״מאַלצײַט״, ״פֿריילעכס״, אַפֿילו ״טביה דער מילכיקער״ און אַנד.

יאָ, מיכאָעלס און זײַן טעאַטער האָבן נישט אויפֿגעהערט צו טובֿלען זייער צושויער אין די זיסע וואַסערן פֿון די אור-יונגע יאָרן פֿון אונדזער אַלטער געשיכטע — צוליב טרייסטן, היילן און שטאַרקן דאָס פֿאָלק.

* * *

נישט אומזיסט האָבן די קאָמוניסטישע הענקער באַשטימט אָנהייבן די הריגה איבער דער ייִדישער קולטור מיטן מאָרד פֿון שלמה מיכאָעלס. מיכאָעלס האָט פֿאַרקערפּערט מיט זיך די העכסטע דערגרייכונג דעם שע-פֿערישן מאַנבלאַן פֿון דער ייִדישער קולטור אין ס״פֿ, אַ גענײַאַלער שוי-שפּילער, וועמענס אייגנאַרטיקע אַנדערשקייט ס׳האָט קיינער נישט געקענט פֿאַרבײַגיין, אָדער באַשטרײַטן.

די רײַכקייט פֿון זײַן געשטאַלטן-גאַלעריע איז אומבאַגרײַפֿלעך רחבֿות-דיק: פֿון אוריאל אַקאָסטאַ ביז טבֿיה דער מילכיקן! פֿון בנימין השלישי ביז קעניג ליר! און יעדעס נײַ-געשאַפֿן געשטאַלט איז געווען אַן אמתע אויפֿ-טרייסלונג פֿאַר דער קאַלירפֿולער און שפּרודלדיקער דאַן טעאַטראַלער מאַסקווע! מיכאָעלס — דער שיין-צעוואַקסענער דעמב, וועמענס מעכטיקע וואָרצלען ס׳האָבן אַנגעשלאָגן אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון יידישער קולטור און פֿאָלקס-טראַדיציע, וועמענס קרוין ס׳האָט זיך באַהעפֿט מיט דער מאָדערנער לאַנד-און וועלט-קונסט.

אַ גרויסער אויטאָריטעט אין פֿראַגן פֿון קינסטלערישער שעפֿעריש-קייט, האָט מען זיך צו אים אַפֿשר מער צוגעהערט ווי צו סטאַניסלאַווסקין, ווײַל דער לעצטער איז שוין דאַן געוואָרן אָפֿיציעל אַקאַדעמיזירט, קאַזיאָנע קאַנאָניזירט...

זיי האָבן באַשטימט אָנצוהויבן מיט שלמה מיכאָעלסן...

דעם פֿלאַם-פֿײַערדיקן אָראַטאָר און אומדערמידלעכן אַנטיפֿאַשיסט, דעם, וועמען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן איבערוואַרפֿן אַ בריק צווישן דעם סאָוועטישן און דעם וועלט-יידנטום, נאָך לאַנגע יאָרן פֿון געצוווּנגענער אָפּגעזונדערטקייט. איינער פֿון די ערשטע האָט ער געוואָרפֿן זײַן צעווייטיקט-אַלאַרמירנדיקן רוף: „אייניקייט!״ — אייניקייט פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק אין אָנבליק פֿון טאָטאַלער פֿאַרניכטונג, אייניקייט אין קאַמף מיט דער שרעק-לעכסטער מגיפֿה פֿון פֿאַשיזם; אייניקייט פֿון יידישן פֿאָלק מיט אַלע פֿריי-הייטס-ליבנדיקע פֿעלקער!

דער אמת איז, אַז נישט נאָר יידן האָבן נויטיק באַדאַרפֿט די דאָזיקע אייניקייט. די אייניקייט פֿון דעם אַמיינסטן געטראָפֿענעם, און אַמיינסטן אײַנפֿלוסרײַכן יידישן פֿאָלק האָט אַרויסגעהאָלפֿן (און נאָך ווי!) סײַ גײַסטיק, סײַ מאַטעריעל און סײַ פֿיזיש דער סאָוועטישער אָרדענונג און דעם סאָוועטן-לאַנד. וועלכע האָבן זיך דאַן געפֿונען אין אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן, בלוטנדיקן מלחמה-צושטאַנד מיטן פֿאַרויסמאַרשירנדיקן היטלער-דײַטש-לאַנד.

מיכאָעלס איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָ-מיטעט און האָט געפֿעסטיקט די דאָזיקע אייניקייט.

צוויי יידן זענען מער פֿון אַלע אָנגעגריפֿן געוואָרן דורך דער געבעלס-פּראָפּאַגאַנדע: מיכאָעלס און ערענבורג...

טויזנטער ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט פֿלעגן שרײַבן בריוו מיט פֿאָלגנדיקן אַדרעס: „מאָסקווע, מיכאָעלסן"...

אין קיִעוו, נאָך די גרעסטע בלוט-שחיטות איבער דער ייִדישער באַ-פֿעלקערונג, נאָך באַבי-יאַר, האָבן די דײַטשן פֿאַרשפּרייט פֿלוג-בלעטלעך מיטן פּאָרטרעט פֿון שלמה מיכאָעלס: „זוכט אויס און פֿאַרניכטעט די קרעציקע ייִדן. אַזוי זעט אויס אַ ייִד".

יאָ, מיכאָעלס האָט צופֿיל אויסגעזען ווי אַ ייִד און די „ייִדישע אייניקייט" האָט מען שוין אויך מער נישט באַדאַרפֿט אין 1948 יאָר!

צוזאַמען מיטן גרויסן נצחון פֿון רוסלאַנד איבער היטלער-דײַטשלאַנד איז אויך געקומען דער נצחון פֿון דער פֿאַשיסטישער אידעאָלאָגיע איבער די סטאַליניסטישע זעלבסטהערשער, וועלכע האָבן נאָך בעת דער מלחמה זאָרגפֿעליק געבאָוועט אין זיך די גיפֿטיקע שלאַנג פֿון גרויסרוסישן שאָווי-ניזם...

איצט, אין 1948, איז די ייִדישע אייניקייט זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז; נישט אייניקן האָבן זיי געדאַרפֿט, נאָר אָפּזונדערן, אָפּזונדערן, כּדי גרינגער צו שעכטן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט שלמה מיכאָעלסן...

דער מיניסטאָרן-ראַט פֿון ווײַסרוסלאַנד האָט אים אַרויסגערופֿן. אים, דעם גרויסן מומחה, דעם וויצע-פֿאָרזיצער פֿון קאָמיטעט פֿאַר די סטאַלין-פּרעמיעס, „ער זאָל דאָרט אינספּעקטירן אַ פּאָר טעאַטראַלע פֿאָרשטע-לונגען"... אַרויסגעפֿאָרן איז ער דעם צוועלפֿטן יאַנואַר, פֿאַרנאַכט. אין אַ מעת-לעת אַרום האָט מען שוין געפֿונען זײַן רציחהדיק-צעהרגעטן קערפּער אויף די חורבֿות פֿון מינסקער געטאָ...

— זאָל זײַן... אַן אויטאָמאָבילן-קאַטאַסטראָפֿע!... — האָט באַפֿוילן סטאַלין, נאָכדעם ווי מען האָט אים ראַפּאָרטירט וועגן דעם אָפּגעטאָענעם שטיקל אַרבעט...

דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער איז נאָך אַ שטיק צײַט געווען טעטיק... מע האָט אַפֿילו באַשטימט צוויי מלוכהשע סטיפּענדיעס אויף מיכאָעלסעס נאָמען פֿאַר דער שטודירנדיקער טעאַטראַלער יוגנט...

אָבער אין גערדיכטעניש פֿון פֿאָלק האָט מען שוין דאַן אינסטינקטיוו געפֿילט — מיכאָעלס איז בלויז דער ערשטער קרבן, די ערשטע בלוטיקע פֿאָרשפּיל צו די טראַגישע קאַטאַסטראָפֿאַלע געשעענישן פֿון די יאָרן 1948—1953.

דאָס פֿאַרגעפֿיל פֿון גרויסן פֿאָלקס-אומגליק וואָס דאַרף ערשט קומען האָט זיך ממש געטראָגן אין דער לופֿטן, בעת דער גראַנדיעזער לוויה פֿון מיכאָעלסן, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ סטיכייאישן מאַסן-פּראָטעסט, טראָץ אַלע באַוואָרענישן פֿון די מאַכטהאָבער. אַמשטאַרקסטן האָט דאָס פֿאַרצייכנט דער גרויסער דיכטער פֿון סאָוועטישן יידנטום — פּרץ מאַרקיש. ("ש. מיכאָעלסן — אַ נר תּמיד ביים אָרון").

מען האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ צער-און צאָרנדיק לייבן-האַרץ, כּדי דאָן צו ברעכן אַלע צוימען פֿון פֿאַרזיכטיקייט און קעגנשטעלן זיך דער אַפּי-ציעלער סטאַליניסטישער ווערסיע וועגן אַן "אויטאָמאָבילן-קאַטאַסטראָפֿע".

פֿאַרדעקט די וווּנדן האָט אויף דיין געזיכט דער שניי,
באַרירן זאָל דיך ניט פֿון פֿינסטערניש דער שאָטן,
נאָר ס'ברויזט אין דיינע אויגן, טויטערהייט, דער וויי
און ס'שרייט די פּיין פֿון האַרץ פֿון דיין צעטראָטנס:
כ'וויל קומען, אייביקייט, פֿאַר דיין געשענדטער שוועל
מיט מאָרד-צייכנס און לעסטער אויפֿן פּנים,
ווי ס'גייט אַרום מיין פֿאָלק אויף פֿינף זעקסטל וועלט, *

פֿאַרשטייט זיך, אַז פּרץ מאַרקיש האָט נאָר ווייטיקלעך געאָנט, פֿאַר-געפֿילט די גרויסע בראָך, וואָס דאַרף ערשט קומען, דערפֿאַר אָבער האָט ער גאַנץ דייטלעך אַרויסגעבראַכט די בלוטיקע פֿאַרבינדונג צווישן די מערדער פֿון מיכאָעלסן מיט די פֿאַשיסטישע רוצחים פֿון זעקס מיליאָן יידן.

און ס'שטראָמט דער טרויער, שטומערהייט ער מאָנט,
אַרום דעם האַרץ פֿון גאַנצן פֿאָלק דיין בראָך אַדורך איז!
ס'באַערן אין די קבֿרים דיך מיט אויפֿשטיין זעקס מיליאָן,
ווי דו האָסט זיי מיט אומפֿאַלן באַערט אויף מינסקער חורבֿות.

דער צעשטורעמטער דיכטער האָט געטראָפֿן אין סאַמע פּינטל. דאָס דערמאָרדן מיכאָעלסן איז געווען אַ המשך פֿון דער היטלעריסטישער ענדלייזונג-פּאָליטיק. דאָס איז געווען די נקמה פֿון פֿאַשיזם איבער דעם גרויסן יידישן קינסטלער, דעם סאַמע אויפֿריכטיקן און אַנטשלאָסענעם אַנטיפֿאַשיסט — שלמה מיכאָעלס.

* ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געהערט לייענען מאַרקישן האָט די שורה געקלונגען "אויף אַלע עקן וועלט".

די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן גאָר גיך דערוויזן, אַז אָט דער מאָרד איז אויך געווען אַ פֿאָרשפּיל צו דער ברייט-פֿאַרמאָסטענער אַקציע פֿון די קרעמל-הערשער, וועלכע האָבן געשטעלט פֿאַר זיך ווי אַ ציל — און דאָס איז איצט אַ סוד פֿאַר „גאַנץ בראָד" — די פֿאַרזעצונג פֿון דער פֿאַשיסטי-שער יידן-אויסראָטונג אויף דער טעריטאָריע פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

און ווידער טאַקע ווילט זיך מיר פֿאַרענדיקן מיט דרוקערס רייד אין זײַנע מעמואַרן וועגן שלמה מיכאָעלסן, ווערטער מיט וועלכע ס'וועלן זיך סאָלידאַריזירן אַלע וואָס האָבן געהאַט די זכיה אים נעענטער צו קענען און באַזונדערס זײַנע פּילצאָליקע תּלמידים — יידישע און העברעישע אַקטיאָרן, צעזייטע איבער גאָר דער וועלט — פֿון ישׂראל ביז צו ניו-יאָרק, פֿון פּאַריז ביז צו קאַנאַדע:

„זײַן ליבטיקער נאָמען געהער צו יענע נעמען, וואָס זאָגן זייער אַ סך... דאָס איז דער נאָמען פֿון פֿאַרשידענע יום טובֿים, ניגונים און גע-שטאַלטן, פֿון אויפֿבליצנדיקע געדאַנקען, צאַפּלדיקע ווערטער ווי ערשט-געפֿאַנגענע פֿיש, פֿון זילבן וואָס קײַקלען זיך מיט געקלאַנג פֿון גילדענע מטבעות, פֿון קוועקזילבערדיקע ריטמען, פֿון פּיס, וואָס שפּירן און פֿירן, פֿון הענט וואָס ריידן און פֿון פֿינגער וואָס מיינען און זאָגן עפּעס!

אַז וויל דעם אויג וואָס האָט אים געזען! אַז וויל דעם אויער, וואָס האָט אים געהערט!"

1991-1977

בנימין זוסקין

(פֿון בוך „בוטער אויגוסט 1953" *)

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זענען אַרויס פֿון דאַברושינס הויז. אויף דער גאַרקי-גאַס איז געווען גאַנץ פּוסטלער. ס׳האָבן געאײַלט פֿאַרשפּעטיקטע לײַט, גלײַכגילטיקע צו די שרײַענדיקע נעאָן-פֿײַערן און ליכטיק-דעקאָרירטע וויטרינעס פֿון די לאַנג שוין געשלאָסענע קראָמען. אויך אויטאָ-מאַשינעס האָבן זיך גאָר זעלטן פֿאַרבײַגעיאָגט. אויף די ראָגן האָבן זיך לאַנגווײַליק אַרומגעדרייט די מיליציע-שומרים, אַרויס-קוקנדיק, ווײַזט אויס, אויף אַ צופֿעליקן שיכּור אין אָט דער וואָכעדיקער האַלב-נאַכט.

כ׳האָב באַגלייט זוסקינען אַהיים צום טווערסקאָי בולוואַר. ער איז נאָך אַ צײַט געווען אונטער דער ווירקונג פֿון דאַברושינס רייד און אַ פֿאַר-קלערטער, איינגעטעניהט נישט אַזוי צו מיר, ווי צו זיך אַליין: יאָ, יאָ, אונדזער ליבער יחזקאל מאַיסייעוויטש איז גערעכט: מע טאָר נישט אַראָפּ-לאָזן די הענט...

ס׳האָט זיך פֿאַרשניטן אין זכּרון אַ פֿראַזע:

— וואָס ווייסטו, קערלער, ווי מיר איז שווער!...

און נאָך אַ פֿראַזע פֿון אַנגסטלעכער פֿאַרצווייפֿלונג:

— צו וואָס האָט ער, שלמה, געדאַרפֿט פֿאָרן אין דעם פֿאַרשאָלטענעם מינסק?... ווײ-ווײ, וואָס ער האָט אונדז אָפּגעטאָן!...

ס׳האָט זיך דערמאָנט ווי זוסקין האָט נישט אויסגעהאַלטן, דאָן בעת ער איז געשטאַנען אין ערן-קאַראַול בײַם אָפֿענעם אָרון פֿון געהרגעטן שלמה מיכאָעלס — ער האָט זיך דאָן פּלוצעם אָנגעהויבן שלאָגן מיט די פֿויסטן אין קאָפּ: ווײ, ווײ, ווײ צו אונדז אַלעמען!

* פֿאַרלאַג „אייגנס", ירושלים 1978.

מען האָט אים דאָן קוים צוגענומען פֿון אָרון. אָבער באַרויקט האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט.

לעצטנס האָט ער שוין גאָר נישט אַזוי זיכער ווי אַמאָל, זיך אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן, גלײַך דער באָדן, וואָלט אַלץ מער אַוועק פֿון אונטער די פֿיס.

יאָ, זינט יענעם פֿינצטערן יאַנואַר פֿון 1948, אָן מיכאָעלסן, האָבן מיר פֿאַר זיך דערזען גאָר אַן אַנדער זוסקין...

זאַרגלאָז און גליקלעך האָט זיך אַנטוויקלט זײַן אוניקאַלער ליריש-קאָמעדיאַנטישער טאַלאַנט אונטער דער שוץ פֿון די מעכטיקע מיכאָעלס-פֿליגל.

געווען אַמאָל אַ ייִדישער אַרטיסט, אַ גרויסער קונדס, געליבט און געבאַלעוועט פֿון אַלע אַרום — סײַ פֿון בינע-קאָלעגן, סײַ פֿון די גרויסע טויזנטער צושויער, סײַ פֿון דער טעאַטראַלער פּרעסע: אָבער ער אַליין האָט עס ווי ניט געשפּירט. ער איז שטענדיק ערנסט געווען פֿאַרטאָן און פֿאַרטיפֿט אין זײַנע ראָלן, אין זײַן שפּיל.

דערוואַקסענע שפּילן אין ערנסטקייט, קינדער נעמען אָן פֿאַר ערנסט יעדער שפּיל. און זוסקין איז געווען און שטענדיק פֿאַרבליבן אַ קינד — תּמימותדיק און תּמיד עטוואָס פֿאַרחידושט האָבן די ברעמען אַרויפֿגעפּלאָ-טערט איבער די פֿאַרשײַטע קונדייסיש-לאַכנדיקע אויגן-שפּאַלטן. טאָמער האָט ער נישט געשפּילט איז דאָס גאַנצע לעבן נישט ווערט געווען קיין גראָשן. טאַקע נאָר ווי בײַ זײַן האָצמאַכן פֿון די "בלאָנדזשנדע שטערן" און טאַקע נאָר ווי בײַ זײַן מוטיק-פֿריילעכן בדחן פֿון "פֿריילעכס" — זײַן לעצטע ראָל און זײַן לעצט "פֿריילעכס" — אין לעבן.

אין לעבן פֿלעגט ער זיך פֿאַרהיקען בײַם ריידן. אויף דער בינע — האָט ער לגמרי פֿאַרגעסן ווי מע טוט דאָס, כ'מיין, אַז די איינציקע זאַך, וואָס ער וואָלט נישט געקענט אויסשפּילן אויף דער בינע איז — די ראָל פֿון אַ זאַהיקע...

זוסקין — דער קאָנגעניאַלער בינע-פּאַרטנער פֿון שלמה מיכאָעלסן (בנימין השלישי און סענדערל די ייִדענע, שימעלע סאָראָקער און סאָלאָ-וויטשיק, קעניג ליר און זײַן לץ...) — אַ זעלטענע פּאָר, ווו איינער איז נישט קיין שאָטן פֿון אַנדערן, נאָר אַ קעגנזײַטיקע, טיף-אינערלעכע אָפּ-שפּיגלונג איינער פֿון צווייטן, — די פֿולסטע האַרמאָניע פֿון קעגנזעצלעכע מוזיקאַלע קאָנטראַסטן...

אָבער צוזאַמען מיט מיכאָעלסן האָט זוסקין פֿאַרלאָרן נישט נאָר זײַן צווייטן "איך", נאָר אויך זײַן ערשטן "אים", נישט נאָר זײַן אינטימסטן נשמה-פֿרײַנד, נאָר אויך זײַן ערשטן און טרײַסטן מורה-דרך...

מיכאָעלס האָט געפֿורעמט און פֿאָטעטיש-באַפֿליגלט דעם גאַנצן טעאַ-טער-קאָלעקטיוו, פֿילאָזאָפֿיש באַהויכט און באַרײַכערט די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט פֿון יעדן אַרטיסט באַזונדער און פֿון זוסקינען — זײַן באַליבטן זוסקינען, אַלעמענס ליבלינג זוסקינען — אַוודאי און אַוודאי!

דעם טעאַטער-אַנסאַמבל האָט ער דערצויגן אין גײַסט פֿון ליבשאַפֿט צו יִדיש און צו די אייביקע פֿאָלקס-ווערטן אונדזערע.

אויך אין דער רוסישער טעאַטער-וועלט, אויך צווישן רוסישע שרײַבער און קונסט-טוער פֿלעגט מען זיך רעכענען מיט זײַן וואָגיק און אָריגינעל וואָרט. נישט נאָר מחמת זײַן שלימותדיק, בילדעריש רוסיש-לשון, זײַן גוואַלדיקער ערודיציע אין פֿראַגן פֿון לאַנד-און וועלט-קונסט, זײַנע אייגנ-אַרטיקע און דרייסטע קונסט-קאָנצעפּציעס — נאָר אויך דערפֿאַר וואָס אויף אַלע זײַנע ספּאָנטאַנע רעפֿעראַטן, לעקציעס און סעמינאַרן פֿאַר דער רוסיש-ריידנדיקער אוידיטאָריע, האָט ער תּמיד אַרויסגעהויבן זײַן שטאָלצע שיינע יִדישקייט. אַ גוואַלדיקן דערפֿאָלג האָבן געהאַט זײַנע תּנ"ך-אימאַזשן, זײַנע פּסוקים, משלים און מעשׂה'לעך פֿון די הגדות, פּערל פֿון יִדישן פֿאָלקלאָר, וועלכע ער פֿלעגט מײַסטעריש אַרײַנפֿלעכטן אין זײַנע אַרויס-טרעטונגען, ווו יעדעס וואָרט איז געווען צום אָרט.

מיכאָעלס האָט געניי געוווּסט דורך וועמען קאָן מען אַ קלאַפּ טאָן אין די סאַמע העכסטע פֿענצטער — די גרעסטע חשובֿסטע רוסישע שרײַבער און אַרטיסטן, לאַורעאַטן, גענערעלער, העלדן א.אַ.וו. האָבן אים ממש פֿאַרגעטערט...

"ער האָט נישט געטאָרט שטאַרבן, ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו שטאַרבן"... אַזוי האָט שפּעטער מיט יאָרן געשריבן וועגן אים דער באַוווּסטער קינאָ-סצענאַריסט אין עליה-אַקטיוויסט פֿעליקס קאַנדעל.

אָבער ער איז ניט געשטאָרבן — מען האָט אים פּראָסט-פּשוט גע-הרגעט, — פֿאַרנאַרט קיין מינסק און אין אַ פֿינצטערער נאַכט מיט אייזערנע דרענגער צעשפּאָלטן זײַן שאַרבן — געקעפּט די יִדישע קולטור אין סאָוועטן-רוסלאַנד...

ווער קען דען איבערגעבן דאָס געפֿיל פֿון פֿאַריתומטקייט, די געדריקטע שטימונג פֿון יאוש און געפֿאַלנקייט, וואָס האָט באַהערשט די יִדישע

אַקטיאָרן. איבערן מאָסקווער יידישן טעאַטער זענען געדיכטער געוואָרן די דראָענדיקע כמאַרעס און ס'האָבן אַלץ שטאַרקער געבלאָזן בייזע פּײַנט־לעבע ווינטן...

ווי אומבאַהאָלפּענע שאָף האָבן זיך די יידישע אַקטיאָרן געזאַמלט, צונויפגעשלאָגן זיך אין רעדלעך, שטיל און צעשראָקן עפּעס געשעפּטשעט איינער דעם אַנדערן, אַרומקוקנדיק זיך פון אַלע זײַטן: גיפטיקע קלאַנגען וועגן „מלוכה־פּאַראַט" האָבן זיך געשפּרייט אין און אַרום טעאַטער...

אָבער ווען זוסקין האָט זיך באַוויזן האָבן אַלע אויגן, האָבן אַלע הערצער זיך אַ ציי געטאָן צו אים מיט געבעט, מיט צוטרוי און גלויבן ווי אויפן איינציקן רעטער, ווי אויף דער לעצטער האָפענונג.

און ער איז געשטאַנען צווישן זיי, דאָן שוין אַ קראַנקער, אַ בלייכער און צעפּײַניקטער פון לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. פאַרשוווּנדן איז ערגעץ דער גרויסער זאָרגלאָזער קונדס מיט זײַן ריין־שטראַלנדיקן שמייכל. פאַר זיי איז געשטאַנען זייער אַן ערנסטער און אחריותדיקער מאַן, — דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. ווי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ, האָט ער מײַסטעריש (צום ערשטן מאָל אין לעבן) געשפּילט ערנסטקייט. און די סאַמע געניטסטע קאָמעדיאַנטן האָבן בלב ונפש געגלויבט, אַז דאָס איז... נישט קיין שפּיל!...

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זוסקין שטרענג זיך צעבייזערט, — וואָס שטייט איר דאָרט ווי די געליימטע לעמער?! צו דער אַרבעט, חבֿרה, צו דער אַרבעט!...

און מיט אַ שאַרפן בליק האָט זיך זוסקין אַ קער געטאָן צום שטענדיק פאַרדאַגהטן און זייער פייאיקן רעזשיסער־געהילף:

— ציבולעווסקי, ווו ביסטו דאָרט, דער גוטער זאָל דיך ניט נעמען! הייב אָן די רעפּעטיציע!

אַלע האָבן מיט פאַרלײַכטערונג אָפּגעעטעמט און פלייסיק זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט...

און ווידער קער איך זיך אום, צו יענעם זוסקינען, וואָס כ'האָב אין אַ שפּעטער האַלב־נאַכט באַגלייט אַהיים, נאָך אונדזער וויזיט בײַ דאָברושינען. נײַן, כ'בין נישט בײַגעווען יענע בילד, וואָס כ'האָב נאָר־וואָס געשילדערט, יענע בילד אין טעאַטער האָט זיך פאַרקריצט אין זכּרון לויט די אָפּהערציקע רייד פון זוסקינען אַליין, פון זוסקינען, בײַ וועמען ס'איז פּלוצעם פאַרשוווּנדן

זײַן שלאַנקער עלאַסטישער טראָט. ער איז געגאַנגען שווער און געבויגן, גלײַך אַ באַרג וואָלט זיך אַרויפֿגעוואַלגערט אויף די פּלייצעס:

— וואָס ווייסטו, קערלער, ווי מיר איז שווער!...

* * *

נאָך איין מאָל, איצטער שוין צום לעצטן מאָל מיט בנימין זוסקין. מיר האָבן זיך אומגעקערט פֿון קראַפּאָטקין-גאַס 10. עמעצער האָט פֿאַר-אָרדנט אויסצוזאָלן די לעצטע האַנאָראַרן, וואָס אונדז איז שולדיק געבליבן די ליקווידירטע "איינקייט" און דער צעגראַמירטער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט...

אין דרויסן האָבן געשמיסן ווינט און רעגן. זוסקין האָט מיך פֿאַררופֿן אונטער זײַן שירעם. מיר זענען שווײַגנדיק געגאַנגען און געשפּירט האָב איך ווי דאָס לייב זײַנס ציטערט פֿון קעלט, כאָטש אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ טײַערן וואַרעמען פֿוטער, וואָס מיכאָעלס האָט אים אַמאָל געשאָנקען — אַ מתנה פֿון אַמעריקע... ער האָט זיך נישט באַקלאָגט, נאָר מיט עפּעס אַ מין מידער טרויעריקייט אַרויסגעזאָגט:

— כ'בין קראַנק. כ'בין זייער קראַנק...—————

...געווען אַמאָל אַ ייִדישער אַקטיאָר, אַ גרויסער קונדס... געשפּילט האָט מען אַמאָל אַ גאַנץ שוואַכע "קאַלווירטישע" פּיעסע פֿון שמואל האַלקין; און זוסקין, צוליב גרויס ליבשאַפֿט, ווײַזט אויס, צום מחבר, האָט מיט זײַן גאַנצער אַרטיסטישער קראַפֿט, באַלעבט דאָס בלוטלאָזע געשטאַלט פֿון דער הויפּט-ראָל. "אהרן-פֿרידמאַן" אַזוי, דאַכט זיך, האָט געהייסן יענער ספּעקטאַקל. איך בין דאַן געווען אַ יונגער נאָך סטודיאַנט און שטאָלץ בין איך געווען אײַנצוחזרן די איינציקע פֿראַזע, מיט וועלכער כ'האָב זיך געווענדעט, — עפּעס אַ קלייניקייט! — צו זוסקינען אַליין, בזה הלשון:

— וואָס מאַכט מען רב אהרן?

אויף וואָס "אהרן" ד. ה. זוסקין אַליין, פֿלעגט פֿריילעך און גוטמוטיק ענטפֿערן:

— מע טראָגט אַ גאַרב!...

אָבער, ווײַ, אין גאַנג פֿון די רעפּעטיציעס, אַט מען מײַן איינציקע רעפּליקע "אַרויסגעשניטן" פֿון טעקסט...

נאָך יענער שלימזלדיקער פֿאַר מיר רעפּעטיציע, האָט זוסקין מיט אַ

מינע פֿון אַ פֿאַרשוועכער, סודותדיק אַ ווונק געטאָן צו מיר, איך זאָל אַרײַנקומען אין זײַן צימערל, ווו ער פֿלעגט זיך גרימירן:

— מיר וועלן זיך — האָט ער געזאָגט — אויספּײַפֿן אויפֿן רעזשיסער. אײַער רעפּליקע און מײַן ענטפֿער וועט פֿאַרבלײַבן כּל זמן די פּיעסע וועט אויפֿגעפֿירט ווערן.

— ס׳הייסט? — האָט איך נישט פֿאַרשטאַנען.

— גאַנץ פּשוט: ווען כ׳וועל נאָר אַרויסקומען פֿון דער בינע, זאָלט איר שוין וואַרטן אויף מיר... הינטער די קוליסן.

ווער ס׳האָט זוסקינען נישט געקענט, וואָלט זיכער געווען, אַז דאָס מאַכט ער אַזוי חוזק פֿון אַ "גרינעם" סטודיאַנט, דאָס טרײַבט ער אַזוי לצנות... אָבער ניין, קיין לצנות האָט ער נישט געטריבן און אויף חוזק איז ער בכלל נישט פֿייאיק געווען. כ׳האָב באַשטימט ערנסט אָנגענומען די שפּיל... גלײַך נאָך דער פּרעמיערע האָב איך שוין געוואַרט הינטער די קוליסן. ס׳האָבן אויך געוואַרט אַנדערע אַרטיסטן, דער טעאַטער-דירעקטאָר, דער רעזשיסער און אַליין שלמה מיכאָעלס, כּדי, ווי ס׳פֿירט זיך, באַגריסן זוסקינען נאָך דעם ערשטן ספּעקטאַקל. ווען זוסקין איז אַרויסגעקומען פֿון דער בינע, אַ באַרוישטער פֿון די אַפּלאָדיסמענטן, האָבן זיך אַלע געוואָרפֿן צו אים, אָבער יענער האָט ווייך און אַנטשיידן אַלעמען אָפּגעשטויסן ווי איינער רעדט: "אַ ביסעלע געדולד, מײַנע הערן!" און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין מײַן ריכטונג. איך בין אַוועק אים אַנטקעגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ:

— וואָס מאַכט מען, רב אהרן?

אויף וואָס יענער האָט פֿריילעך און גוטמוטיק געענטפֿערט:

— מע טראָגט אַ גאַרב!...

אַלע האָבן פֿאַרוווּנדערט צוגעקוקט די סצענע. בלויז מיכאָעלס האָט מיט קלוגער פֿאַרשטענדעניש צוגעשמייכלט און... דעם צווייטן, ווען ער האָט באַגריסט מיט יענער פּרעמיערע, בין איך געווען...

און אַזוי האָבן מיר פֿאַרגעזעצט, כּל זמן מען האָט נישט אַראָפּגענומען פֿון רעפּערטואַר "אהרן פֿרידמאַן". שפּעטער האָט זיך אונדזער קורצער "דיאַלאָג" אַריבערגעטראָגן אויך אויף אַנדערע פֿאַרשטעלונגען, אין וועלכע איך פֿלעג פֿאַרנומען זײַן, ווען זוסקין האָט געשפּילט. ס׳איז געוואָרן אַ שטיק טראַדיציע און זוסקין פֿלעג עס אַפֿילו פֿאַרדריסן און ער האָט זיך

באמת געערגערט, ווען כ׳האָב נישט געוואָרט צו דער צײַט הינטער די קוליסן.

און נאָך האָט זיך איין מאָל געטראָפֿן: כ׳האָב זיך שטאַרק געאײַלט נישט צו פֿאַרשפּעטיקן אויף אַ רעפּעטיציע און אין גאַנג האָב איך זיך קונציק אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ פֿרײַ טרעפּל פֿון אַן איבערפֿולטן פֿאַרבײַ-פֿליִענדיקן טראַמוואַי. כ׳בין געבליבן הענגען פֿון דרויסן. און דאָ האָב איך פּלוצעם דערזען ווי פֿון טראָטואַר דראָט מיר מיטן שטעקן זוסקין. ס׳איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן: כ׳האָב זיך געמעגט ריכטן אויף אַ ווייסטן „פּעטשאַטאָק״. מיר האָבן גוט געוווּסט, ווי זוסקין האָט פֿײַנט אַזעלכע שטיק, ווײַל ער ציטערט סע זאָל, חלילה, עפּעס נישט געשען מיט אונדז...

פֿון זײַן ביטערן פּסק האָט מיך דאַן אויסגעלייזט מײַן ייִנגלשע חוצפּה: כ׳האָב אַרויסבאַפֿרייט אַ האַנט פֿון טראַמוואַי אַרויס און זי פֿרעגנדיק אויסגעשטרעקט צו אים, ווי בעת מײַן רעפּליקע:

— וואָס מאַכט מען ר׳ אַהרן?

און יענער, דער סאָלידער און שטרענגער פּראָפֿעסאָר מײַנער, אין מיטן דער באַלעבעטער גאַס, האָט תּיכּף זיך צעשמייכלט, פֿאַרוואָרפֿן דעם שטעקן איבער די אַקסלען, פֿאַרבויגן זיך ווי אונטער אַ מאַסע — ס׳האָט געדאַרפֿט הייסן:

— מע טראָגט אַ גאָרב! — — —

— — — — — —

— כ׳בין קראַנק. כ׳בין זייער קראַנק... — האָט ער אַ דערדריקטער איבערגעחזרט, שטייענדיק שוין בײַ דער טיר פֿון זײַן וווינונג. דער רעגן האָט אויפֿגעהערט, אויך דער ווינט איז לינדער געוואָרן. ער האָט זיך נישט געאײַלט אַוועקצוגיין, זענען מיר געשטאַנען, געשוויגן. און איך האָב שוין נישט געהאָט יענע חוצפּה אַ פֿרעג צו געבן ווי אַמאָל:

— וואָס מאַכט מען רב אַהרן?...

מיר האָבן זיך געזעגנט און ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי מײַן מאַמע ע״ה, ווען דאָס וואָגאָן-פֿענצטער, וואָס האָט אונדז פֿאַנאַנדערגעשיידט האָט צום לעצטן מאָל אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן.

דער נסתּר

(1950-1884)

„שוין דעם דריטן מעת-לעת ווי אונדזער עשעלאָן "ווינניצע-ביראָ-בידזשאַן" טראָגט זיך איבער די ברייטפֿעלדיקע און גערדיכטוואַלדיקע סאָ-וועטישע רחבֿותן, מיט אַ שנעלקייט פֿון 600 קילאָמעטער אַ מעת-לעת, שטעלט זיך אַפֿילו אויף קיין רגע ניט אָפּ, ניט נאָר אויף ווער ווייסט וואָס פֿאַראַ פּאַלוסטאַנקעס, נאָר אַפֿילו אויף סטאַנציעס, ווו די ערד איז צעווירעט מיט אָן אַ שיעור אייזערנע ליניעס"... ("עשעלאָנען גייען קיין ביראָ-בידזשאַן", מאָסקווע, "עמעס", 1948).

אַזוי הייבט אָן זײַנע פּיפּיקע רעפּאָרטאַזשן וועגן יענער רײַזע דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פֿון "איינִיקייט", דער זשורנאַליסט אי. ליומקיס.

600 קילאָמעטער אַ מעת-לעת! איר שטעלט זיך פֿאָר די "גראַנדיעזע" שנעלקייט פֿון סך הכּל... 25 קל"מ אַ שעה?

פֿאַקטיש האָט דאָך אונדזער ליומקיס אויסגעזאָגט פֿונעם חדר — די בערך 10.000 קילאָמעטער ביז ביראָבידזשאַן האָבן מיר זיך געשלעפּט כּמעט אַ גאַנצן חודש... אין די הייסטע זומער-טעג. העבער 300 משפּחות (בײַ די 1000 מאַן).

אָבער דער עולם אונדזערער — אַ קאָלאָריטער טיפּאַזש ייִדן, ייִדענעס, בחורים, מיידלעך און טײַערע קינדערלעך פֿון ווינניצע, מוראַפֿע, כמעלניק, בערשאַד און אַנדערע שטעטלעך פֿון מײַן היימישער פּאָדאָליע, זיי האָבן מיט געדולד און בטחון איבערטראָגן דאָס ציגײַנערשע שלעפּן זיך איבער די "סאָוועטישע רחבֿותן" אין די ענגע און שמוציקע "טיעפּלושקעס" (פּראַכט-וואַגאָנעס צום איבערפֿירן פֿי)... זיי זענען שוין צוגעוווינט געווען צום באַשטענדיקן וואַנדער, הונגער און נויט. אייניקע פֿון זיי, זענען פֿריער געקומען אין די צערוינירטע היימען פֿון דער עוואַקואַציע, ווו זיי האָבן אויך קיין האָניק ניט געלעקט... אַנדערע — די ייִנגערע, זענען געקומען פֿון פֿראָנט, פֿון די מלחמה-פֿײַערן, געווען אויך צווישן יענעם עולם צע-בראָכענע, פֿאַראיינזאַמטע, צופֿעליק לעבן-געבליבענע, טייל האָבן שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון גאָר אַן אַנדער מין "טיעפּלושקעס" — שווער-

פאַרריגלטע פונדרויסן, מיט שמאָלע פאַרקראַטעוועטע פענצטער-שפּאַלטן, — וואַגאָנען, אין וועלכע די דײַטשן און אוקראַאינישע פּאָליצאַיען האָבן געפירט צום טויט... מיטגעפאָרן איז אויך אַ סטײַקעלע בלייבע מלחמה-יתומימלעך...

וואָס האָט זיי איצטער אַלעמען געצויגן קיין ביראָבידזשאַן? — ניין, נישט די טומלדיקע פּראָפּאַגאַנדע פון דער "אייניקייט", נאָר דער סמוטנער עקשנותדיקער חלום — אַוועק פון דער "היים", ווו די ערד איז אָנגעזאַפּט מיט ייִדיש בלוט, אַוועק פון די גויאישע שכנים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן בײַם דורכפירן די גרויסע ייִדן-שחיטה, אָדער נאָר געראַבעוועט דאָס ייִדישע האָב-און גוטס, אָדער יענע — די שטיל-צופרידענע און כּלומרשט מיטפילנדיקע. פּטור ווערן פון דער אייביקער שׂנאה. זײַן צווישן ייִדן...

ווי געזאָגט, איז דער עולם בדרך כּלל געווען פול מיט האָפענונג און אַפילו גאַנץ אויפגעלייגט. צווישן יונגע פּאַרלעך האָבן זיך געקניפּט ראָמאַנען. ס'האָבן זיך שוין אויסגעזוכט אַ פּאָר ליבהאָבער-שדכנים, וועלכע האָבן אײַנגעלייגט וועלטן, אַבי ס'זאָל זיך אויספּיקן אַ שידוך, אַבי גלאַט אַזוי, צוליב מצווה ווענן, צונויפפירן אַ פאַראייניזאַמטע פּאָר. אונדזער ליומקיסן האָט זיך אַפילו אײַנגעגעבן אַזאַ מין פּאָרל ברענגען אונטער דער אימפּראָוויזירטער חופּה און ס'איז אָפּגעשפּילט געוואָרן אַ פריילעכע ייִדישע חתונה מיטן גאַנצן קנאַק! ס'האָט זיך צונויפגעקלאַפּט אַ קלעזמער-קאַפּעליע, בראש מיטן בערשאַדער פלייטיסט... דער חתן — אין מיליטערישע בגדים, וועלכע ער טראָגט נאָך אַלץ פון מלחמה געבראַכט, — אויף דער ברוסט קלינגען אונטער די בלישטשענדיקע שלאַכט-מעדאַלן — האָט געשמייכלט אין פריידיקער פאַרלעגנהייט, די כּלה — אַ כמעלניקער יתומעלע נעבעך, האָט ביטער געוויינט און דער עולם האָט מיטגעוויינט און... געטאַנצט אַ "שער", אַ "פריילעכס"... אַ "מצווה-טענצל"...

מעגלעך, אַז ליומקיסן איז נישט אַזוי אָנגעגאַנגען די גרויסע מצווה, נאָר די זשורנאַליסטישע "ראַזשינקע" אין די רעפּאָרטאַזשן זײַנע: אַ ווערטעלע — "אַ חתונה אויף רעדער" — אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן...

נאָר ווער ס'האָט באמת אַ גליקלעכער אַרויסגעשײַנט פון אויבן-אָן (געזאָגט האָט מען, אַז ער איז "פון כּלה'ס צד"). איז דאָס געווען איינער אַ מיטלוווקסיקער ייִד, בײַ וועמען די גרויסע קלוגע און פער-שוואַרצע אויגן זענען איבערפולט געווען מיט אַזוי פיל נחת און ברכה איבער אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר, אַז אַלעמען האָט ממש געצויגן צו אים — יעדער איינער

האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט צו אים, אָדער אויסהערן כאָטש איין וואָרט פֿון זײַנע שמייכלענדיקע ליפּן אונטער די געדיכטע, עטוואָס גרײַז-ווערנדיקע וואָנסן. אָבער דער ייִד איז געווען בטבֿע נישט פֿון די צופּיל ריידנדיקע, ער האָט מער געשוויגן ווי גערעדט, מער ליב געהאַט זיך צוקוקן און צוהערן, איידער אַרויסזאָגן זיך, ווי זײַן שטייגער, — מיט געציילטע פֿילדײַטיקע ווערטער אָדער גאָר מיט אַן אָנדײַט, מיט אַ רמז. און דאָס איז שוין געווען געגנוג...

אַלע האָבן געוווּסט, אַז אינעם איינציקן פּאַסאַזשיר-וואַגאָן, דאָרט ווו ס'געפֿינט זיך די "נאַטשאַלסטווע" מיט דער קאָנטאָר פֿונעם איבערוואַנ-דערער-עשעלאָן, פֿאָרט אויך מיט, אָט דער אויסטערלישער ייִד; ער האָט זיך באַזעצט ביחידות אין סאַמע עקסטן קאָנדוקטאָרן-קעמערל. דאָרט זיצט ער יום ולילה און פֿאַרצייכנט עפּעס מיט אַ קליין בלײַשטיפֿטל אויף אַקוראַט-געשניטענע בויגעלעך פּאַפּיר, אָדער ער איז גאָר פֿאַרטיפֿט אין איינעם פֿון זײַנע ביכער — ער לייענט.

די ערשטע צײַט האָט ווייניק ווער געוווּסט, אַז אָט דער "למד-וואָווניק", ווי אים האָט אין דער שטיל געקרוינט אַ געוועזענער שוחט פֿון סניטקעווו, איז גאָר נישט מער ווי אַ ייִדישער שרײַבער, אַ "פּיסאַטיעל", הייסט עס... נאָך ווייניקער האָבן געוווּסט, אַז דער "חבֿר פּנחס" איז אונדזער באַוווּסטער **דער נסתּר.** אַנדערע האָבן צוערשט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: אַז קיין "מאַכער" איז ער נישט — דאָס זעט מען דאָך... הײַנט וואָס געפֿינט ער זיך אין דעם "פּאַסאַזשירסקע וואַגאָן" מיט דער "נאַטשאַלסטווע" און זיי, די "מאַכערס" גיבן אים אָפּ כּבֿוד ווי עפּעס אַ יחיד במינו?...

ווען דער צוג פֿלעגט זיך ניט זעלטן פֿאַרהאַלטן אויף עפּעס אַ פֿאַר-וואָרפֿענעם פּאָלוסטאַנעק און ווײַבער פֿלעגן אין דרויסן, פֿאַר די וואַגאָנעס, צעלייגן אַ פֿײַער אונטער אַ טרינעזשקע, כּדי אָפּצוקאָכן אַ שטיקל געקעכץ פֿון אַ ביסל הירזש, פֿון עטלעכע קאַרטאָפֿל, אין ערגסטן פֿאַל — פֿון קאַרטאָפֿל-שאָלעכץ; ווען חבֿרה-קליינוואַרג פֿלעגט דאָ דערבײַ פֿאַרהילכן די לופֿט מיט פֿריילעך געפֿילדער, אַרומגעיאָגט זיך און געשפּילט "אין מלחמה".

דאַן פֿלעגט זיך צײַטנווײַז אויך אַרויסכאַפּן פֿון זײַן קעמערל דער נסתּר. באמת האָט ער זיך, ווי מעגלעך, פֿאַרבליבן שטיל און אומבאַמערקט, כּדי קיינער זאָל אים נישט שטערן אַרומקוקן זיך און באַטראַכטן דאָס, וואָס ער האָלט פֿאַר נייטיק צו באַטראַכטן; כּדי ער זאָל קענען אויסגעפֿינען

און אָפּשטעלן, ענדלעך, זײַן אויפֿמערקזאַם-נײַגעריקן בליק אויף אַזאַ איינעם, װעמען, װי ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ער האָט טאָקע צו דער מינוט געזוכט... געפֿונען אַזעלכן, פֿלעגט ער דאַן איידל אונטערגיין, הערצלעך באַגריסן זיך און שטאַרק אַ פֿאַרקלערטער אַ זאָג טאָן בערך: ״איר װײסט, װאָס כ׳װאָלט אײַך געװאָלט פֿרעגן, רב ייִד?...״ און אַט אַזוי פֿלעגט מען שוין אין צװייען פֿאַמעלעך אַװעקשפּאַצירן און דער ״רב ייִד״ האָט גלײַך פֿון דעם נסתּרס קאַרגע פּאָר װערטער דערשפּירט, אַז יענער האָט נישט נאָר אָפּענע אויערן, נאָר אויך אַן אָפֿן האַרץ, װאָס דאַרשט אויסצוהערן זײַנע, דעם ייִדנס איבערלעבענישן... און װעלכער ייִד, ייִדענע — יונג צי אַלט — װער האָט דאַן נישט געהאַט װאָס אויסצודערציילן װעגן זײַנע איבער-לעבענישן? װער װאָלט נישט געדאַנקט אַזאַ, פֿאַר װעמען מע קען אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ? אַזאַ, װאָס הערט דיך אויס נישט מיט קיין פֿאַר-שטאָפּטע אויערן, אָדער ער פֿאָרט נישט אַרײַן אין מיטן די רייד מיט זײַן אייגן בינטל צרות?...

יאָ, דער נסתּר האָט װייניק גערעדט, אָבער דערפֿאַר האָט ער פֿאַרמאָגט דעם גרויסן טאַלאַנט פֿון קענען אויסהערן און איינזאַפּן אין זיך יענעמס רייד. ער האָט אויך פֿאַרמאָגט דעם שאַרפֿסטן חוש אויסצוגעפֿינען נאָך דעם, װעמען ער מוז אויסהערן. זייער װייניק, געציילטע פֿאַרמאָגן אַזאַ מין געטלעכע באַגאַבונג!...

שפּעטער װען מען האָט זיך שוין אַפֿילו דערװוּסט, אַז דער ״חבֿר פּינחס״ איז נישט מער װי אַ ״יעװרייסקי פּיסאַטיעל״, האָט זיך אויך אויף קיין האָר נישט געמינערט זײַן חשיבֿות.

דער סניטקאָװער שוחט, װאָס איז לעצטנס אין שטעטל געװען אַן ״אופּאָלנאָמאָטשענע״ ד. ה. אַ באַפֿולמעכטיקטער בײַם זאַמלען אוטיל-רױװאַרג און װאָס האָט, אין געהיים, אָנגעפֿירט מיט אַ שטילן מנין פֿון עשעלאָן, האָט בסוד-סודות איבערגעגעבן צװישן די זײַניקע, אַז ״דער דאָזיקער פּיסאַטיעל״ — ״דער למד-װאָװניק״ איז גאָר אַ למעלה מן הטבֿע: ער האָט בעת זײַן באַזוך בײַ אים, געזען מיט די אייגענע אויגן — אַן אָפֿן קבלה-ספֿרל נעבן אים אויפֿן טיש. איין זאַך איז אים, דעם שוחט, געװען קשה: ״צו װאָס האָט אַזאַ אייזערנער למדן באַדאַרפֿט נאָך דערצו די װײַבערשע תּחינות, װעלכע זענען אויך געלעגן דערנעבן?...״

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט װי צו דעם נסתּר האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען מענטשן, װאָס האָבן זיך גענייטיקט אין אַן ענטפֿער אויף מאין-יבֿוא-

עזרי? אין אַן עצה, אין אַ גוט וואָרט אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן סתּם געוואָלט זיך אַרויסריידן פֿון האַרץ. די "מאַכערס" האָבן צוערשט נישט צוגעלאָזט, אָבער שפּעטער האָבן זיי בלית-ברירה אײַנגעשטעלט אַ שטיקל ריי צו אים.

האָט זיך איין מאָל געמאַכט: ס'האָט זיך האַסטיק אַרײַנגעשטעלט אַ פֿאַרוויינטע פֿרוי און פֿאַרבראָכן די הענט — "ווי מיר, חבֿר פּנחס, צו וועמען זיך קערן, צו וועמען זיך ווענדן?... פֿאַרמאָגט האָבן מיר איין זון, איין אויג אין קאָפּ... האָט מען אים אַוועקגענומען אויף דער מלחמה... פֿון די ערשטע טעג — אַזוי ווי אין וואַסער אַרײַן: נישט קיין בריוול און נישט קיין גרוס... פֿון אומעטום ענטפֿערט מען — "פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אָן שום ידיעות"... שוין העכער צוויי יאָר, זינט ס'איז אויס-מלחמה און פֿון אים, מײַן איינציקן, — נישט צו זען און נישט צו הערן... אָבער ער לעבט דאָך ערגעץ! אַ מאַמעס האַרץ פֿילט... ער לעבט, נישט אמת, חבֿר פּנחס?..." זי האָט מיט אירע פֿאַרוויינטע אויגן אַרײַנגעקוקט דעם נסתּר אין פּנים, גלייך ס'וואָלט זיך געווענדט נאָר פֿון זײַן באַשטעטיקונג, אַז ער, דער זון אירער, לעבט טאַקע.

— כ'מיין — האָט דער נסתּר ווייך און פֿול מיט מיטלייד פֿאַרזיכטיק געסילעוועט די ווערטער — כ'מיין און איך גלויב, אַז אַ מאַמעס האַרץ... ווייסט בעסער פֿון מיר.

— האַ-האַ! זעט איר שוין? — האָט אַ שײַנענדיקע, מיט נצחון אויס-גערופֿן די ייִדענע — איר זאָגט אויך, אַז ער לעבט!

און פּלוצעם — אַ צאָרנדיקע:

— איז פֿאַר וואָס, פֿרעגט זיך, האָט ער, דער שלימזל מײַנער, דאָס מאַנעלע מײַנס, צוליב וואָס האָט ער מיך געשלעפּט קיין ביראָבידזשאַן, און איך, די בהמה, האָב זיך געלאָזט פֿירן?... ווי וועט ער, מײַן טײַער קינד, מײַן איינציק אויג אין קאָפּ, ווי וועט ער געפֿינען אונדזער נײַעם אַדרעס, אַז שוין באַלד אַ חודש ווי מיר שלעפּן זיך צו אַלדי רוחות, אַהין, ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט?... ניין, בעסער, זאָל ער זיך ווײַטער פֿאָרן, אויב ער וויל — דער לאָ-יוצלח מײַנער — איך וועל זיך תּיכּף לאָזן אויף צוריק!...

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, ייִדענע! — האָט עס דעם נסתּר אַביסל אַרויסגעבראַכט פֿון די כּלים. תּיכּף אָבער איז ער צוריק ווייך

געוואָרן, זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן פּלאַץ, אויך די פֿרוי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און ער האָט פֿול מיט זיכערקייט און גלויבן שטיל אָנגעזאָגט: צעברעכט זיך נישט, האַרציקע פֿרוי, פֿאַרט ווײַטער מיט אײַער מאַן און דער זון אײַערער... דער זון אײַערער וועט אײַך, אם־ירצה־השם, געפֿינען אויך אין ביראָבידזשאַן... די ייִדענע איז אַוועק אַ באַרויִקטע.

כאָטש — כ׳בין בײַגעווען בעת אָט דער סצענע, וויל איך נישט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איך גיב איבער פּינקטלעך יענעם שמועס פֿון דעם נסתּר מיט דער פֿאַרצרותטער פֿרוי. אַ מענטשלעכער זכּרון איז דאָך פֿאָרט נישט קיין טייפּ־רעקאָרדער, ער מוז פֿיינלעך רעסטאַווריִרן, אויב ס׳לאָזט זיך און אויב ניט — מוז ער, לײַדער, אויך אימיטירן...

שוין אַ חדשים צוויי ווי מיר זענען געקומען קיין ביראָבידזשאַן און די דאָזיקע געשיכטע איז מיר שוין אין גאַנצן אַרויס פֿון קאָפּ; ווען איין מאָל זענען מיר אינדרײַען געגאַנגען אויף דער לענין־גאַס, פֿאַרטיפֿט אין עפּעס אַ שמועס — איך, דער שרײַבער ראַבינקאָוו און די דיכטערין ליובע וואַסערמאַן ע״ה.

פּלוצעם האָב איך דערשפּירט ווי הינטער דער פּלייצע פּליקט מיך עמיצער בײַם אַרבל. כ׳האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט: פֿאַר מיר איז געשטאַנען יענע פֿרוי, זי איז געווען פֿאַרסאַפּעט, דאָס טיכל האָט זיך אַראָפּגערוקט פֿון קאָפּ צום נאַקן און די האָר האָבן זיך צעפֿלויגן, צעשויבערטע פֿון אַ האַרבסטיקווינטל. קענטיק זי איז מיר נאָכגעלאָפֿן פֿון ווײַט:

— חבֿר — האָט זי קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — חבֿר, אפֿשר ווייסט איר מיר צו זאָגן: ווי קען מען געפֿינען יענעם אַלטן פּיסאַטיעל מיט די גוטע אויגן?...

כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זי מיינט דעם נסתּר. — צו וואָס דאַרפֿט איר אים? — האָב איך אויף צוריק געפֿרעגט.

— אוי — האָט זי אויסגעשריגן אַ פֿריידיק־צעיאָכמערטע — כ׳האָב דאָך טאַקע באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון מײַן זון! מײַן איינציק ייִנגעלע, מײַן טײַער קינד האָט זיך אויסגעזוכט!... כ׳מוז איצטער זען דעם פּיסאַטיעל, דאָס האָט ער דאָך מיר דער ערשטער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מײַן זונדעלע לעבט! אַ געזונט אויף אים, ס׳איז דען אַ פּיסאַטיעל? ס׳איז דאָך אַן אמתער צדיק!...

— — — — —

* * *

די וואָס ווען זיך פֿאַראינטערעסירן מיט דער בירָאָבידזשאַנער פּרעסע פֿאַרן יאָר 1948-1947 וועלן זיכער באַמערקן, אמת אַ פּאַרזיכטיקע, אָבער דאָך — פּראָפּאַגאַנדע-ווענדונג צום אַרויסהייבן די וויכטיקייט פֿון ייִדישער קולטור-אַרבעט, פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור...

די היגע ייִדישע שרייַבער — מילער, ראַבינקאָוו, באַרזשעס, בראָנפּמאַן — זײַ האָבן ממש געציטערט פֿון שרעק — און נישט אָן קיין גרונט — אַז דאָס וועט זיך אויסלאָזן צום שלעכטן. אין די ביינער איז נאָך געלעגן דאָס 1938-1937 יאָר, ווען מען האָט פֿאַרשניטן אָן רחמנות די טרייַסטע ייִדיש-טוער אין שפּיץ מיט פּראָפֿעסאָר ליבערבערג, יאַנקל לעווין און אַנדערע צענדליקער.

בלויז די דיכטער ליובע וואַסערמאַן און ישראל עמיאָט האָבן מיט פֿאַרערונג און גלייבן געקוקט אויף דעם נסתּר, וועלכער האָט, פֿאַרשטייט זיך אין דער ערשטער ריי, משפּיע געווען אויף דער ייִדיש-"אויפֿלעבונג" אין יענעם קורצן צייַט-אָפּשניט.

ס'געדענקט זיך אַ באַגעגעניש מיטן "באָס" פֿון דער ייִדישער אויטאָ-נאָמער געגנט אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי.

דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי-געגנטקאָם באַכמוטסקי, איז געווען אַן אַסימילירטער ייִד און האָט זיך לויט זײַן קולטור-ניוואָ מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט פֿון דעם טיפּ פּאַרטיי-אָנפֿירער פֿון העכערן פּריוועליגירטן ראַנג. זײַן גײַסטיקער באַגאַזש — אַן אמתער ציטאַטניק פֿון סטאַלינס קורצן קורס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי-געשיכטע, פֿון די לעצטע פּאַרטיי-אינסטרוקציעס און לייט-אַרטיקלען פֿון "פּראַוודאַ"... אמת, אויך קינסטלע-רישע ליטעראַטור האָט ער פֿון צײַט-צו-צײַט געמוזט איבערבלעטערן, דערעיקרשט אַזאַ, וואָס איז רעקאָמענדירט געוואָרן ווי "אילוסטראַטיווער מאַטעריאַל, צו די אַרויסזאָגונגען פֿון די קלאַסיקער פֿון מאַרקסיזם-לעניניזם".

געאַרבעט פֿאַר אים האָבן אַ גאַנצע ריי פֿאַרטרעטערס מיט סעקרעטאַרן, וועלכע פֿלעגן אָנפֿירן (אונטער זײַן השגחה, פֿאַרשטייט זיך) מיט פֿראַגן פֿון לאַנדווירטשאַפֿט, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, קולטור, דערציִונג אאַ"וו.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון איינעם פֿון אַזאַ פֿאַרטרעטער אין פֿראַגן פֿון אידעאָלאָגיע אַ געוויסן "כאַווער בראַכין", האָט אונדז אײַנגעלאַדן אויף

אַ שמועס אַליין דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון ביראָבידזשאַנער געגנטקאָם.

דאָס האָט געדאַרפֿט באַטײַטן פֿאַר אונדז ד. ה. פֿאַר דעם נסתּר און פֿאַר מיר, אַז מע טיילט אונדז צו אַ באַזונדער כּבֿוד. דערשלאָגן זיך אַן אוידענציע בײַ אַזאַ הויכן פּאַרטיי-מנהיג איז געווען פֿיל שווערער ווי זיך דערשלאָגן אַ באַגעגעניש מיטן בעל הבית פֿון ווײַסן הויז אין אַמעריקע, צי אַפֿילו שווערער, ווי דערשלאָגן זיך צו אַ העכערן סוכנות-פּקיד בײַ אונדז אין ישׂראל (בפֿרט נאָר, ווען ס׳גייט אַ רייד וועגן פֿראַגן פֿון יידישער קולטור...).

בקיצור:

— מיר קלײַבן זיך מאָרגן, הייסט עס, אויף אַ ספּעציעלער אויפֿנאַמע בײַם "פּריץ" אַליין...

אַזוי האָט פֿאַרזיכטיק אָנגעהויבן זײַן שמועס מיט מיר דער נסתּר.

מיר זענען געזעסן אינצווייען אין זײַן האָטעל-צימערל. ס׳האָט שוין אָנגעהויבן צו דעמערן, נאָר צוליב געמיטלעכקייט ווײַזט אויס, האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט אײַנשליסן קיין שײַן. מיר האָבן געזופּט היימישע, גוט-פֿאַרקאָכטע טיי, וועלכע ליובע וואַסערמאַן (אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן!) פֿלעגט אונדז געווינטלעך ברענגען פֿון איר דירה אין אַ טשײַניק, אַרומגעוויקלט אין אַ זויבערן האַנטעך. נסתּר האָט פֿאַרקלערט געוואַרעמט זײַנע פֿינגער, בײַ דער הייסער גלאָז. די שטאַרקע טיי האָט דאַכט זיך, דורכגעלויכטן אַלע געוועבן פֿון די איידעלע פֿינגער זײַנע.

— בײַ לײַטן אַ שרײַבער — האָט ער פּאַמעלעך פֿאַרגעזעצט זײַן געשפּרעך, וואָס האָט באַדאַרפֿט קענטיק האָבן אַ שייכות צום פֿריִער געזאָגטן — בײַ לײַטן אַ שרײַבער ווייסט איין זאַך — זײַן עבֿודה, "מאָל מאָלער און שווײַג" — דאָס איבעריקע וועט שוין אַליין קומען... מיר, די יידישע שרײַבער קענען זיך נישט דערלויבן אַזאַ מין ראָסקאָש. מיר מוזן נאָך זאָרגן סע זאָל זײַן אַ לייענער למשל, קינדער זאָלן זײַן — אַ פֿאָלק זאָל זײַן! מיר, די געבליבענע נאָכן חורבן, קענען, חלילה, צו יעדער מינוט פֿאַלן אונטער דער מאַסע פֿון אַזאַ עול, פֿון אַזאַ "קליינינקייט" ווי עצם-קיום פֿון אַן אַלט קולטור-פֿאָלק... וואָס קענען מיר שוין זאָגן, אַז אַפֿילו אונדזער טײַערער שיינגײַסט, אונדזער יצחק לייבוש פּרץ איז שוין דאַן פֿרי געפֿאַלן אונטער דער דאָזיקער לאַסט...

אָך ווי ס׳וואָלט זיך געוואָלט זײַן נישט מער ווי פּראָסט-פּשוט אַ גוטער

שרײַבער! — האָט ער מיט בענקעניש און צער אַרויסגעזיפֿצט — טאָר מען נישט, קען מען נישט... לאָזט מען נישט!... — — — — — — — — — — —

* * *

נאָך דעם, ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט אַלע פֿאָרמאַליטעטן בײַם פּאַמפּעזן מלוכה-מויערל פֿון ביראָבידזשאַנער געגנטקאָם, כּדי באַקומען דעם אַרײַנגאַנגס-דאָקומענט צו "אים אַליין", האָט מען אונדז אויף טעפּער-געשפּרייטע טרעפּ, אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן צווייטן שטאָק, ווו ס'האָט זיך גע-פֿונען באַכמוטסקיס קאַבינעט. מיר האָבן נישט לאַנג געוואַרט בײַ דער געשוואָלענער, מיט סיראָטע-פֿאַרצויגענער טיר, ביז דער "כּאָוער בראַכין" אַליין איז אַרויס און אונדז פֿאַרבעטן צום ערשטן סעקרעטאַר. בראַכין, איז דאַרף מען זאָגן, שטיל און אומבאַמערקט פֿאַרשוווּנדן, נאָך דעם ווי ער האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט און פֿאַרגעשטעלט פֿאַר באַכמוטסקין...

אַ גרויסער לענגלעכער קאַבינעט, ווו דער דרויסן קוקט אַרײַן דורכן פֿענצטער הינטער די מאַסיווע פּלייצעס פֿון באַכמוטסקין, וואָס זיצט בײַ נאָך אַ מאַסיווערן שרײַבטיש, באַשטעלט מיט אַ מענגע "ציאַצקעס", פֿענדלעך, שרײַב-מכשירים און אַ וועלט מיט טעלעפֿאָן-אַפּאַראַטן. פּערפּענדיקוליאַר צום שרײַבטיש, לענגויס דעם גאַנצן קאַבינעט — אַ באַראַטונגס-טיש, באַדעקט מיט גרינעם געוואַנט. בײַם אַט דעם טיש — עטלעכע טוץ בענקלעך...

באַכמוטסקי האָט שווער אויפֿגעהויבן זײַן קערפּער פֿון ווייכן פֿאָטעל, אויף זײַן זאַט פּנים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַדאַרפֿט באַטײַטן אַ שמייכל פֿון ברייטהאַרציקער און גוט-ברודערישער גאַסטפֿרײַנד-לעכקייט:

— נעענטער, נעענטער צו מיר, טײַערע חבֿרים, כ'בין שטענדיק צופֿרידן זיך טרעפֿן מיט פֿאַרשטייער פֿון אונדזער שעפֿערישער אינטעליגענץ... באַזונדערס, בע-כע, מיט סאָוועטישע שרײַבער, מיט די אינזשינערן פֿון מענטשלעכע נשמות, — ווי דער חבֿר סטאַלין האָט אײַך געניאַל אָנגע-רופֿן... איר זייט געקומען צו אונדז פֿון מאָסקווע, אָבער זאָל זיך אײַך נישט דאַכטן, אַז איר זײַט געקומען אויף אַ פּוסטן פּלאַץ... וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט איר אַשטייגער וועגן אונדזער קלייניקען מאַיאַקאָווסקי?...

פֿאַרחידושטע האָבן מיר זיך איבערגעקוקט מיט דעם נסתּר, נישט

פֿאַרשטייענדיק אַז מיט אַזאַ מין טיטל האָט ער געקרוינט איינעם אַ הילפֿלאָזן גראַמענפֿלעכטער, אַ קאָמוניסט, אַ פֿראָנט־קעמפֿער און דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטן בחור, אָבער ביַי די בעסטע כּוונות, איז פֿאַרט שווער געווען אים אָנצורופֿן דיכטער...

מילא. אָפּגעקומען מיט ״בע־מע״ אונדזער מיינונג וועגן ״קליינינקען מאַיאַקאָווסקי״, האָבן מיר זיך, לויט זיַין איַינלאַדונג, צוגעזעצט לעבן טיש, ווּ ער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אונדז אינפֿאָרמירן וועגן די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, מיט ״פֿאַקטן״, מיט ״ציפֿערן״, מיט נעמען פֿון ״פֿאַרגעשריטענע מענטשן״ און, פֿאַרשטייט זיך, מיט ציטאַטן וועגן סאָציאַליזם און פֿעלקער־פֿריַינדשאַפֿט.

דערנאָך האָט זיך דער ״באָס״ פֿאַראינטערעסירט וועגן דעם איבער־וואַנדערער־קאָנטיגענט, מיט וועלכן מיר זענען געקומען און צי קען מען דערוואַרטן וויַיטערדיקע עשעלאָנען.

— אַלץ איז געווענדט פֿון איַיך, חבֿר באַכמוטסקי — האָב איך גע־ענטפֿערט.

— וואָס קען איך נאָך טאָן? — האָט יענער ענערגיש זיך אַ קער געגעבן אין מיַין זיַיט.

— איר פֿאַרשטייט, אַז ייִדן, ווי אַלע בירגער פֿון אונדזער לאַנד, קענען בויען דעם סאָציאַליזם אומעטום, ווּ זיי זאָלן זיך נישט געפֿינען...

— נו, יאָ — האָט אונטערגעכאַפּט אונדזער ערשטער סעקרעטאַר און גיכריידעריש אַרויסגעקלאַפּט פֿון ערגעץ אַ ציטאַט: ייִדן זענען גלייכ־באַרעכטיקט אין דער גרויסער סאָוועטישער פֿעלקער־משפּחה... נישטאָ ביַי אונדז קיין אַנטיסעמיטיזם.

— זעט איר דאָך — האָט מיט אַ שטילן שמייכל זיך אַריינגעמישט דער נסתּר — ייִדן וועלן גערן פֿאָרן קיין בירָאָבידזשאַן בלויז ביַים איינציקן באַדינג: אויב זיי וועלן דאָ געפֿינען אַ **ייִדישער היים**.

— וואָססס? — האָט מיט חשד זיך אַ זיַיטל געטאָן צום נסתּר דער ערשטער סעקרעטאַר — ״אַ ייִדישע היים?״ דאָס שמעקט דאָך, אַנטשולדיקט, מיט... מיט נאַציאָנאַליזם!

דאָ האָב איך זיך שוין געמוזט אַריַינמישן מיט פֿון פֿריִער צוגעגרייטע ציטאַטן פֿון קאַלינינס רעדעס, וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אַ ייִדישער מלוכהשאַפֿט און אויך מיט ציטאַטן פֿון חבֿר לענינען וועגן דער פּראָגרע־סיווקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק און זיַין קולטור (געווען אויך אַזעלכע...).

אונדזער סעקרעטאַר האָט זיך אַ ביסל פֿאַרקלערט און דאַן האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט דער נסתּר:

— איר פֿאַרשטייט, חשובֿער חבֿר באַכמוטסקי, איר וואָלט מיט גרויס דערפֿאָלג געקענט זײַן אַ פּאַרטיי-סעקרעטאַר אין יעדער געגנט און אַפֿילו קאַנט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, אָבער באַוווּסט וואָלט איר געווען בלויז אין די גרענעצן פֿון אײַער געגנט, אָדער קאַנט... ווער ווייסט אויף דער וועלט דעם נאָמען פֿון אײַער שעף — דעם סעקרעטאַר פֿון כאַבאַראָווסקער קאַנט-קאָמיטעט? — קיינער! אָבער אײַער נאָמען ווייסט די גאַנצע וועלט, אַ דאַנק דער ייִדישער וועלט-פּרעסע, אַ דאַנק די ייִדן אויף גאָר דער וועלט, וואָס ווילן זען אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד אויך אַ ייִדישע היים, אַ סאָציאַליס-טישע היים, וווּ ייִדיש איז די מלוכה-שפּראַך און וווּ ס'אַנטוויקלען זיך ייִדישע קולטור-און דערציִונגס-אינסטיטוציעס...

מיר האָבן זיך צעזעגנט, געדענקט זיך, גאַנץ פֿרײַנדלעך און באַכמוטסקי האָט צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס אין זײַנע מעגלעכקייטן, אַז ביראָבידזשאַן זאָל באמת ווערן אַ צוציִונגס-קראַפֿט פֿאַר די ברייטסטע ייִדישע מאַסן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד.

און ס'האָט זיך ווירקלעך אָנגעמערקט אַ שטיקל ווענדונג. ס'איז אַפֿילו אַרויס אַן אינסטרוקציע פֿון געגנטקאָם וועגן דעם, אַז ייִדיש זאָל ווערן אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד אין אַלע מיטל-שולן פֿון דער געגנט...

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען מיט נסתּרן פֿון דער געגנטקאָם-געבײַדע, האָט ער געפֿרעגט:

— ווייסט איר, קערלער, דאָס קאָמישע לידל: "אַ מענטש איז געגליכן צו אַ פּענכער — ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס, נאָר גיסט אים אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — גייט פֿון אים דער וואָזדוך (לופֿט) אַרויס". גיב גאָט, אַז דער פּענכער זאָל נישט פּלאַצן...

אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי "דער פּענכער" האָט טאַקע געפּלאַצט און דאָס האָט דער נסתּר דערשפּירט אַ ביסל פֿריִער פֿון מיר. דעריבער טאַקע האָט ער עטוואָס פֿריִער פֿון מיר פֿאַרלאָזט ביראָבידזשאַן און צוריקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. — — —

— — — — —

* * *

די לאַנגע רייזע קיין ביראָבידזשאַן און דאָס, וואָס אין ראַטנפֿאַרבאַנד

זענען נאָך אין 1947 יאָר, פֿאַרבליבן נישט מער ווי צוויי טיפּשים — איינער פֿון די עלטסטע ייִדישע שרײַבערס — דער נסתּר און איינער פֿון ייִנגסטע — קערלער, וואָס האָבן נאָך געהאַט די אילוזיע אַז מע קען געפֿינען אַ צוקונפֿט פֿאַר ייִדיש און ייִדישקייט אין... ביראָבידזשאַן, און ביידע האָבן ערנסט געקלערט באַזעצן זיך דאָרט און לאָזן וואָרצלען, די צוויי סיבות האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מײַן ענגערע נאָענטשאַפֿט צו דעם גרויסן ייִדישן שרײַבער דעם נסתּר.

כ׳בין שוין אַ פּאָר מאָל נאָך מײַן קומען פֿון ביראָבידזשאַן, געווען בײַ דעם נסתּר אין זײַן צימערל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער געבײַדע פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער. אַ פּאָר מאָל האָב איך דאָרטן געטראָפֿן מאַרקישן. אַן אַנדערש מאָל — זוסקינען, נאָך אַ פּאָר מענטשן, וועלכע ס׳לוינט זיך ניט אָנרופֿן...

אָבער איינער אַ באַזוך, דאַכט זיך דער לעצטער, האָט זיך פֿאַרגעדענקט אויף שטענדיק.

אין איינעם אַן אָוונט פֿון יאָר 1949 בין איך געקומען אויף אַ טעאַטער-פֿאָרשטעלונג פֿון גאָסעט*... כ׳האָב נישט אויסגעהאַלטן ביז צום צווייטן אַקט פֿון „פֿריילעכס", וועלכן די גוטע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט, געטאַנצט, געזונגען, זיך געווערטלט, ווי מעכאַניש-אָנגעדרייטע מאַריאָנעטן, בײַ אַ האַלב-פּוסטן צעשראָקענעם טעאַטער-זאַל. זוסקין איז שוין געלעגן אין שפּיטאָל אַ קראַנקער... ס׳איז געווען ערבֿ דער ליקווידאַציע. כ׳האָב זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן צווייטן שטאָק, ערגעץ לעבן די רעפּעטיציע-זאַלן, צו דעם נסתּרס צימערל.

זײַן פֿרוי לענאַ סעגאַלאָווסקי, אַ געוועזענע ייִדישע אַקטריסע, אָבער דער עיקר אַ טרײַ ייִדיש ווײַב מיט אַ פּנים וואָס איז וווּנדערלעך שיין פֿון גוטסקייט, האָט מיך אויפֿגענומען מיט איר טרויעריק-ווייכן שמייכל.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, קערלער — האָט אויך דער נסתּר זיך אויפֿגעהויבן אַנטקעגן.

און גלײַך:

— הערט נאָר, הערט זיך נאָר אײַן סאַראַ ייִדיש מיר פֿאַרמאָגן! — און ער האָט מיר גלײַך אויף דער שטעל, אַרויסגעלייענט עטלעכע זאַצן פֿון אַן אַלטן טײַטש-חומש.

* גאָסעט — רוסישע פֿאַרקירצונג פֿון „מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער".

— פּיניע — האָט לענאַ געוואָגט איבערצושלאָגן איר מאַן — פּיניע, וואָס ביסטו גאָר מכבד אַ גאַסט מיט עבֿרי-טײַטש, ווען מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, היימישע פלעצעלעך מיט מאָן און אַ גוט גלעזל טיי קען מען אויך געפֿינען...

— געדעבכט, מײַן ווײַב... — האָט זיך נסתּר אונטערגעגעבן. ווען לענאַ האָט זיך פּראַווערנע אַנגעבויגן און אויפֿגעעפֿנט די טירלער פֿון געפּעס-שרענקל, האָב איך פּלוצעם צווישן די ריין-פֿינקלענדיקע טיי-גלעזער און שעלעכלעך דערזען אַ... נישט דערטרונקען פּערטעלע בראַנפֿן. איך בין ווי געפּלעפּט געוואָרן: געוווּסט האָב איך, אַז דער נסתּר האָט אפֿשר אַפֿילו קיינמאָל נישט פֿאַרזוכט פֿון דעם ביטערן טראָפּן. שטאַרקע טיי, ווייס איך, האָט ער יאָ ליב געהאַט.

דער נסתּר האָט איבערגעכאַפּט מײַן פֿאַרחידושטן בליק:

— לענעלע, ווײַז מיר, זיי אַזוי גוט, דאָס פּערטעלע!...

לענאַ האָט שווײַגנדיק דערלאַנגט אים דאָס פֿלעשל.

דער נסתּר האָט אויפֿגעהויבן דאָס האַלב-פֿאַרפֿולטע פּערטעלע אַנטקעגן דעם עלעקטרישן לעמפּל און כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז טרערן האָבן זיך צעפֿינקלט אין זײַנע פֿײַער-שפּריצנדיקע אויגן.

— זע, קערלער און פֿאַרגעדענק: פֿאַרנאַכט, פֿאַר זײַן לעצטער רײַזע קיין מינסק איז שלמה מיכאָעלס געקומען צו אונדז מיט אָט דעם פֿלעשעלע בראַנפֿן: „כ׳וויל — האָט ער געזאָגט — אויסטרינקען פֿאַר אײַער געזונט האַלב פֿון דעם פּערטעלע בראַנפֿן. די צווייטע העלפֿט וועל איך אויס-טרינקען, אויב דער אייבערשטער וועט וועלן איך זאָל זיך אומקערן אויף צוריק...״

— זיי האָבן אים דאָרט אומגעבראַכט און פֿאַרבליבן איז... האַלב פֿון אַ פּערטעלע בראַנפֿן... וואָס וועט פֿון אונדז פֿאַרבלײַבן?...

— אוי שלמה, שלמה... זיי האָבן אונדז אַראָפּגענומען דעם קאָפּ!...

— — — — — —

* * *

דער נסתּר... דער וואָס האָט זיך נאָר אַמאָל פֿאַרטיפֿט אין זײַן „געדאַכט״ למשל, אין זײַנע סימבאָלישע צויבער-מעשׂהלעך פֿול מיט פֿאַר-נעפּלטע און איינצײַטיק קינדיש-תּמימותדיקע רמזים, דער וואָס האָט זיך פֿילבאַר אײַנגעהערט אין דעם עכט-חסידישן ניגון פֿון זײַן פֿאָטישער

פּראָזע — יענער וועט שוין אויפֿן גאַנצן לעבן ערגעץ טראָגן אין זיך זײַנע, נסתּרס, נאָגנדיקע בענקענישן און אייביקע זוכענישן פֿון אַל דאָס שיינס און אַל דאָס ריינס...

די "פּראָלעטאַריש-מאַרקסיסטישע" ליטעראַטור-קריטיקער האָבן נישט איין מאָל (און נישט אומזיסט, דאַרף מען צוגעבן) געריסן פֿון אים שטיקער פֿאַר זײַן סימבאָליזם, זיי האָבן אינסטיקטיוו געשפּירט אין זײַן שעפֿערישן נוסח, אַ מין נישט צוטריטלעכע מחיצה, וועלכע דער פּאָעט פֿעסטיקט אויס צווישן צלם אלקים און דעם — נישט געדאַכט זאָל ער ווערן — דעם ניט גוטן.

און ווען דער נסתּר האָט זיך ענדלעך "געבראָכן", ווי זיי, די קריטיקער יענע, האָט זיך עס אויסגעוויזן, ווען ס'איז ענדלעך דערשינען זײַן ריאַליסטישע עפּאָפּיי "משפּחה מאַשבער" מיטן קורצן זעלבסט-אַנגעצווונגענעם פֿאָרוואָרט — אַ מין טרוקן געשיכטלעך-סאָציאָלאָגיש "שיר המעלותל" קעגן "אַ גוט אויג" פֿון זעלבן — "נישט געדאַכט זאָל ער ווערן" — ערשט דאַן האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט טאַקע דער זעלבער נסתּר אין גאָר אַן אַנדער שײַן און אפֿשר אויף נאָך אַ העכערער מדרגה.

צווישן דער מייסטעריש-געשילדערטער וועלט פֿון דער ייִדישער שטאָט נ., צווישן גרויסן המון פּאַרשוינען, טיפּיזירטע ביז צום שאַרפֿסטן גראָטעסק, יעדערער מיט זײַן פֿירונג, מיט זײַנע תּנועות און פּאָסטעמקעס, הייבן זיך אַרויס די צוויי גיגאַנטישע געשטאַלטן — דער פּעטער לוזי — דער גרויסער לערנער, דער אייביק-אומרויִקער זוכער פֿון שלימותדיקער גלײַכגעוויכט צווישן געטלעכן אמת און מענטשלעכן יושר. לוזי, וואָס איז געווען דאָס שיינדל און דאָס געוויסן פֿון דער מיוחסדיקער משפּחה מאַשבער, וואָס רײַסט מיט זײַן ברודער — דעם נגיד ר' משה און גייט אַוועק צו די בראַסלעווער, צום "טויטן רבין" פֿון די בעל-מלאכות און אָרעמעלײַט — צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע...

דער זעלבער לוזי, וועט שפּעטער זיך דערנענטערן צו גאָר אַ פּאָליאַרן געשטאַלט (דאָס צווייטע גיגאַנטישע געשטאַלט וואָס מיר האָבן פֿריִער אין זינען געהאַט) — דאָס איז סרולי גאָל.

דאַכט זיך, אַז דער נסתּר האָלטנדיק זיך בײַ "יענעם מין קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוווּסטער געבאָט: "מאָל, מאָלער, און שווײַג"... האָט נישט געשאַנעוועט די ייִדישע גבֿירים און תּקיפֿים פֿון דער שטאָט נ. ער האָט אויך געזוכט און אויסגעפֿונען פֿיל

גוטע מידות בײַ דעם אויסטערלישן פּאַרשוין סרולי גאַל: ברייטהאַרציקייט, אײַנשטעלעניש און הילף פֿאַר די באַעוולטע קבצנים, אַפֿילו טיף-לירישע צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור...

און דאַך, לויט אַלע האַנדלונגען פֿון דאָזיקן לומפּ, וואָס קומט פֿרעסן דווקא צו די נגידישע טישן (נישט זאָגנדיק אַפֿילו קיין "גוט-מאָרגן" אויס פֿאַראַכטונג צו זיי, די נגידים...) און זיי, די גבֿירים, אויס פּחד פֿאַר זײַנע קללות, מאַכן אים דאָך אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן אין זייערע פּאַקאיעס, גיבן אים אָרט בײַ זייערע טישן... פֿון דער גאַנצע האַלטונג, פֿון אָט דעם חוצפּהדיק נגידישן "פּריזשיוואַל", אַרײַנזאָגער, מוסר-זאָגער — וואַקסט פֿאַר אונדז אויס דאָס מאַקאַברישע געשטאַלט, פֿון איינעם אַזעלכן וואָס האָט שוין דאַן געטראָגן "פֿײַער אין זײַנע פּאַלעס" — דאָס אור-געשטאַלט פֿון יענע, וואָס האָבן זיך שפּעטער ספּעציאַליזירט אויף מאַכן "פּראָלעטאַ-רישע רעוואָלוציעס", מיט דער פֿאַנאַטישער איבערצײַגונג, אַז טאַקע נאָר בײַ זיי שטייט אײַן דער ריינסטער און דער איינציקער אמת. איצט לוינט אים שליסן יד-אחת מיטן תמימותדיק-ריינעם לוזי, נאָר אויב ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען יענער וועט ווידערשפּרעכן און זאָל ער נאָר, סרולי, באַקומען די מאַכט, וועט ער אים אויך לאָזן שמידן "אין קייטן ווי די קאַטאָרזשאַנעס"...

דאָסטאָיעווסקי האָט געניאַל פֿאָרויסגעזען, וואָס קען אַרויס, אויב זײַנע "ביעסי" — די ניט-גוטע, וועלן קומען צו דער מאַכט.

דער נסתּר, שילדערנדיק מיט פֿאַרבאָרגענעם עקל זײַן סרולי גאַל, האָט שוין יאָרן געשפּירט אויף דער אייגענער הויט די טעמפּע ריטער פֿון די פֿאַרשידענע קאָמיסאַרן, מוסר-זאָגער און טשעקיסטן, וועלכע האָבן אים לסוף ביז צום טויט פֿאַרקאַטעוועט אין זייערע טורמע-קאַזעמאַטן...

* * *

די לעצטע צײַט, ווי מע דערציילט, פֿלעגט ער אין דרויסן כּמעט ווי ניט אַרויסגיין. שעהען-לאַנג פֿלעגט ער זיצן אויף איין אָרט — אויפֿן נידעריקן פֿוס-בענקעלע, גלײַך ער וואָלט שבֿעה געזעסן נאָך די אַלע, וועלכע מען האָט שוין אַוועקגענומען.

קיין בוך האָט ער שוין אויך לאַנג נישט געבלעטערט. אַפֿילו די זעלטענע עבֿרי-טײַטש ספֿרימלעך, מיט וועלכע ער פֿלעגט זיך אָפּט אַזוי קוויקן. זיי זענען אויך שוין לאַנג פֿאַרבליבן ניט גערירט אויף די פּאָליצעס, ווי פֿאַר-געסענע און פֿאַראיינזאַמטע קינדער... אמת — דאָס אַלטע בערדיטשעווער

תּהילימל, וואָס פֿלעגט געוויינטלעך ליגן פֿאַרבאָרגן ערגעץ הינטער די עבֿרי־טייַטש ביכלעך — דווקא אָט דאָס תּהילימל איז געלעגן אָצינד אויף דער טומבעטשקע אָן אויפֿגעמישטס — אָפֿן פֿאַר יענעמס אַ זייַטיק אויג.

אַ מאָדנע מין שטילקייט האָט איבערגעפֿולט דאָס קליינע צימערל אויפֿן דריטן שטאָק פֿון דעם ליקווידירטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער.

לענאַ איז געזעסן קעגנאיבער און בלומרשט געשטריקט עפּעס אַ לייַבל. זי האָט אָבער צו אָפֿט געוואָרפֿן אַן אומרויִק־פֿאַרדאגהטן בליק אויף איר מאַן... וועלנדיק, ווייַזט אויס, אַרויספֿירן אים פֿון די אַנגסטיקע מחשבֿות, האָט זי האַפֿערדיק און צערטלעך אַ פֿרעג געטאָן: — מירן אפֿשר טרינקען אַ גוט גלעזל טיי, פּיניע?

ווי פֿון דער טיף האָט נסתּר אויפֿגעהויבן אויף זייַן פֿרוי אַ פּאָר טרויעריק־מילדע אויגן אונטער דער ברעמען־געדיכטעניש:

— ס׳איז טאַקע כּדאַי זיך אַ ביסל דערוואַרעמען... — איז ער מסכּים געווען.

לענאַ האָט תּיכּף זיך אויפֿגעשטעלט און אָנגעגאָסן פֿון טערמאָס אין אַ פֿינקלדיקער גלאָז, שטאַרקע, שמעקעוודיקע, גוט פֿאַרקאָכטע טיי, אַזאַ ווי פּיניע האָט שטענדיק אַזוי ליב געהאַט.

זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט טרינקען טיי. ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט.

פּלוצעם האָט לענאַ אָנגעשפּיצט דאָס געהער און אַ צעשראָקענע זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

אויך דער נסתּר האָט דערהערט פֿון דאָרט, אויף די טרעפּ — פֿרעמדע, שווערע, געמאָסטענע טריט. ער איז עטוואָס בלייך געוואָרן, נאָר פֿול מיט דערלייַכטערונג האָט ער אַרויסגעמורמלט — אַ דאַנק דעם אייבערשטן: זיי זענען שוין געקומען אויך נאָך מיר...

מײַן לערער עליע פֿאַלקאָוויטש

(1979-1898)

1. פּאַפּיר

ס׳טרעפֿט זיך צו מאָל — ס׳פֿאַלט אָן אויף מיר אַ פּחד פֿאַרן ווײַסן בויגן פּאַפּיר און ס׳קומט מיר אָן שווערלעך און ס׳דויערט גאַנץ היפּשלעך ביז צום ערשטן פּען-קריץ.

און דאָס קומט אַוודאי אויס מורא, כ׳זאָל, חלילה, נישט פֿאַרשוועכן מיט מײַן שוואַך וואָרט די ווײַספֿאַרשנייטע, מיט בלוט באַפּלעקטע שלאַכט-פֿעלדער הינטער מאָסקווע אין די יאָרן 1943-1941, ווי אויך שפּעטער מיט אַ יאָרצענדליק — די ערד אונטער דער פּאָליאַרער צפֿון-שײַן, אַן ערד אויף וועלכער — טו נאָך הײַנט אַ גוטן קלאַפּ מיט דער שפּיצהאַק, אָדער גאַנץ אָפּט, — טו נאָר אַ גוטן צעשאַרעווע דעם ערשטן שנייפּלאַסט — שטויסטו זיך אָן אויף רעשטלעך פֿון אַ מענטשן-גוף, אויף איינעם פֿון די פֿיל טויזנטער געפֿאַלענע אַרבעטס-קנעכט פֿון דער רוצחישער סטאַלין-אימ-פּעריע.

אויך איצט, ווען כ׳פּרוּוו זיך אַרויסרופֿן אין מײַן זכרון דאָס לעבעדיקע געשטאַלט פֿון מײַן ליבן לערער עליע פֿאַלקאָוויטש ז״ל באַפֿרײַ איך זיך קוים פֿון דער שרעק פֿאַרן ווײַסן בויגן פּאַפּיר . . .

און וויבאַלד ס׳גייט אַ רייד וועגן פּאַפּיר בין איך שוין אויך גענייגט אָנצוהייבן מײַן איצטיקע באַשרײַבונג מיט איינעם, זאָל זײַן נאָר פֿאַר מיר, וויכטיקן עפּיזאָד: דאָס איז געווען ערגעץ אין יאָר 1944. אין איינעם פֿון די זאַלן פֿון מאָסקווער ליטעראַטן-הויז איז פֿאָרגעקומען מײַן ערשטער ליטע-ראַרישער אָוונט . . . אַ פֿאַרחלשטער, מיט אַ ציטערדיק קול האָב איך געלייענט מײַנע ערשטע פֿראַנט-לידער און ס׳איז געווען פֿאַר וואָס צו ציטערן, כאָטש יחזקאל דאָברושין האָט זיך, קען מען זאָגן, ענטוזיאַסטיש אָפּגערופֿן אין זײַן אַרײַנפֿיר-וואָרט, זענען דאָך אין זאַל געזעסן אַזעלכע קאָריפֿייען פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער דיכטונג ווי מאַרקיש, קוויטקאָ, פֿעפֿער, האַלקין, פֿינינבערג, — דיכטער וועמענס סטראָפֿן ס׳האָבן זיך

פֿאַרקריצט אין האַרץ און אין זכּרון ממש פֿון די פֿריסטע קינדעריאָרן.

און פּלוצים אין דער מיט פֿון מײַן לייענען, האָט צופֿעליק אַ בלאָנדזשע געטאָן מײַן בליק איבערן זאַל און אַרויסגעכאַפּט ערגעץ פֿון די לעצטע רייען אַ בראַוון מיליטערמאַן, אַ קאַפּיטאַן. אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט און זײַן שטילער, לויטערער שמייכל האָט אַ כוואַליע געטאָן אויף מיר מיט פֿרייד: „פֿאַלקאָוויטש האָט זיך צוריקגעקערט פֿון פֿראָנט!"

און שטאַרקער בין איך געוואָרן בײַ זיך און מײַן שטימע האָט זיכער און יונג זיך צעקלונגען און מיר האָט זיך שוין געדאַכט, אַז אַלע מײַנע גרויסע פּאָעטן באַגיטיקן און בענטשן אויף מײַן דעביוט.

נאָכן אָוונט בין איך צוגעפֿאַלן צו זײַן ברוסט און ער האָט מיך פֿאַטערלעך צוגעדריקט צו זיך. מיר אַלע, סײַ זײַנע תּלמידים, סײַ די אַרומיקע, האָבן געוווּסט, אַז ער, פֿאַלקאָוויטש, איז בטבֿע געצוימט אין זײַנע עמאָציעס. דעריבער בין איך דאָן אַזוי גליקלעך-איבערראַשט געווען פֿון זײַן אָפֿנהאַרציקער געררירטקייט.

— וואָס קלערט איר טאָן, חבֿר קערלער? — האָט ער נאָך אַ קורצער פּאַוזע געפֿרעגט.

— דערווײַל בין איך אַ מלחמה-אינוואַליד, כ'דאַרף נאָך אַ ביסל צוהיילן די וווּנדן און... כ'גרייט צום דרוק מײַן לידער-ביכל...

— וואָס שייך אײַערע לידער, זאָלט איר, אויב אײַך איז באַקוועם, אַרײַנקומען צו מיר מאָרגן אַכט דרײַסיק. ס'ווילט זיך, פֿאַרשטייט איר מיך, איבערלויפֿן מיטן אויג וואָס איר פֿאַרמאָגט, ביז צו דער לעצטער שורה, — האָט ער מיר שוין מעשׂה-לערער כּמעט ווי באַפֿוילן.

„אויב אײַך איז באַקוועם", פֿאַרשטייט זיך, אַז צו מאָרגנס פֿרי, פּונקט אַכט מיט דרײַסיק, בין איך שוין געווען אין זײַן ענגלעכער דירה אויף גראַנאָווסקי-געסל 7. כ'בין געזעסן אין אַ ווינקל לעבן זײַן מאַסיוון אַלט-מאָדישן שרײַבטיש, אויף וועלבן אַלץ איז געלעגן צו דער האַנט אַקוראַט אויסגעסדרט און ער, פֿאַלקאָוויטש, מיט אַ בלײַשטיפֿטל אין האַנט, איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין מײַן לידער-העפֿטל. ניין, זײַן אויג איז נישט „איבער-געלאָפֿן" — זײַן בליק האָט ממש געפּויזעט, פֿאַרהאַלטנדיק זיך בײַ יעדן וואָרט און בײַ יעדן פֿערז באַזונדער. איז אים עפּעס געפֿעלן — פֿלעגט ער צופֿרידן איבערחזרן דאָס וואָרט, די פֿראַזע, דעם פֿערז, די סטראָפֿע, זיך אײַנהערנדיק ווי צו אַ קאַמערטאָן אינעם אָפּקלאַנג, וואָס וויברירט נאָכן אַרויסגעלייענטן. איז אים אָן אַנדער זאַך נישט געווען צום האַרצן —

פֿלעגט ער מיט פֿאַריבל אַ בליק טאָן אויף מיר גלײַך כ'וואָלט אים ״אָפּ-געקוילעט די קאַפּאָטע״:

— דאָס טויג לחלוטין ניט!

— דאָ דאַרף מען צולייגן אַ האַנט!

— דאָס דאַרף מען אַרויסוואַרפֿן!

און יעדער אַזאַ מין זאָג — געפּעסטיקט מיט קאַרגע אָבער וואָגיק-דערוויַזלעכע באַמערקונגען.

פֿון הינטער זײַן זאַכלעכקייט האָט אַרויסגעלויכטן נישט נאָר גרויסע באַהאַוונטקייט, וואָס שייך דעם ייִדישן וואָרט, נאָר דער דינסטער חוש, די איידלסטע פֿילבאַרקייט צו פּאָעזיע!

און דעם דאָזיקן מענטשן האָבן אַ מאָל זײַנע קעגנער, הינטער די אויגן פֿאַרשטייט זיך, אָנגערופֿן ״טרוקענער פּאַרשוין״!

אַוודאי האָב איך מיט האַרציקער דאַנקשאַפֿט אָנגענומען די מײַנסטע זײַנע באַמערקונגען און דעם אָפֿיציעלן רעדאַקטאָר מײַנעם, דעם וווּנדער-לעכן דיכטער עזרא פֿינינבערגן איז ווייניק וואָס אויסגעקומען צוגעבן עפּעס נײַעס צו מײַן ערשטער לידער-זאַמלונג.

ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן בײַם געזעגענען זיך און פֿאַלקאָוויטש האָט מיר צוריק געגעבן דאָס לידער-העפֿטל, וואָס כ'האָב אַליין צונויפֿ-געסטריגעוועט פֿון פֿאַרשידענע פּאַק-פּאַפּירלעך, האָט ער מיר געזאָגט:

— איך זע, אַז איר האָט ניט, פֿאַרשטייט איר מיך, קיין פּאַפּיר, אַפֿילו צום איבערשרײַבן די לידער. ס'איז מלחמה-צײַט, — האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן — אין אַלץ איז אַ מאַנגל. אויך אין פּאַפּיר... כ'קען אײַך אַרויס-העלפֿן.

און זאָגנדיק דאָס, נעמט ער אַראָפּ פֿון איינער אַ ביכער-פּאָליצע אַ גאַנץ היפּשן פּאַפּירן-סטאָס:

— דאָס זענען די גראַנקעס (אָפּצוגן) פֿון מײַן בוך ״ייִדיש״. ס'מאַכט נישט אויס, — אויף דער אַנדערער, דער ריינער זײַט קען מען שרײַבן אַפֿילו גרויסע ווערק, אַבי סע זאָל זיך שרײַבן.

יאָ, ס'האָט זיך מיר דאַן גאַנץ געשמאַק געשריבן אויף שפּעטערדיקע לידער און פֿאַרצייכענונגען פֿאַר דער ״אייניקייט״ און דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. און קיין פּחד פֿאַרן ווײַסן בויגן פּאַפּיר האָב איך אויך נישט געהאַט, כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָבן פֿאַלקאָוויטשעס עטוואָס פֿאַרגעלטע אָפּצוגן נישט צו פֿיל דערמאָנט אין שניי-ווײַסע פּאַפּיר-בויגנס.

בעת אונדזער אײַליקן אָפּרײַזן פֿון רוסלאַנד, האָב איך געמוזט לאָזן אויף הפֿקר פֿיל טײַערע פֿאַר מיר ביכער, מאַנוסקריפּטן, בריוו פֿון אייגענע און פֿון שרײַבער...

אָבער מער פֿון אַלץ וועט מיר באַנק טאָן דער פֿאַריתומטער און אַוודאי ערגעץ פֿאַרפֿאַלענער כּתבֿ־יד פֿון מײַן ערשטער לידער־זאַמלונג, געשריבן אויף דער אַנדערער זײַט אָפּצוגן פֿון מײַן לערערס בוך "ייִדיש".

2. טרייסט

דער ברוויזנדיקסטער ים, דער סאַמע שטורמישער אָקעאַן, זיי געניסן אויך אַ מאָל פֿון שטילקייט און רו... די מערדערײַען, אַפֿילו פֿאַר און נאָך סטאַלינס הערשאַפֿט, האָבן זיך קיינמאָל ניט געשטילט. בימי סטאַלין האָבן צײַטנווײַז די שטורמישע כוואַליעס פֿון טאָטאַלן טעראָר דערשטיגן צום בלוטיקסטן אומזין, אַוועקגעשלעפּט מיט זיך מיליאָנען קרבנות און צווישן זיי, די טיכטיקסטע און טרײַסטע זין און טעכטער פֿונעם ריזיקן לאַנד.

די יאָרן 1938-1937 געהערן צו איינעם פֿון די דאָזיקע אומזיניקע פּעריאָדן... מענטשן האָבן, דאַכט זיך, ווי תּמיד געטאָן זייערע געוויינלעכע טואונגען: געאַרבעט אין זייערע צעכן אָדער קאַנטאָרן, געקומען מידע אַהיים, צו ווײַב און קינדער, געכליאָפּטשעט דעם מאַגערן זויערקרויט־באָרשטש, געיובֿלט אויף ריזיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס צום רום פֿון "גרויסן פֿירער, לערער און וועגווײַזער פֿון אַלע פֿעלקער"...

מענטשן האָבן געזויפֿן בראָנפֿן, געזנותעוועט מיט אָרעמע לאַגער־אלמנות, בייז געיאָפּקעט זיך און געקריגט אין דער ענגשאַפֿט פֿון שמוציקע קאָמונאַלע קוואַרטירעס, "העלדיש געשטאַנען אויף סטאַכאַנאָווישע וואַכ־טעס, כּדי אויסצופֿילן פֿאַר דער צײַט "די געניאַלע סטאַלינישע פּינפּיאָר־פּלענער", געגאַנגען אויף אָנצאָליקע מיטינגען, געהויבן די הענט און אַפּלאָדירט, ווען יעדעס מאָל האָבן נײַע רעדנער געשטעלט צום שאַנד־סלופּ אַלץ נײַע און נײַע "שונאים און פֿאַררעטער פֿון פֿאָלק".

די זעלבע מענטשן אָבער, בעת געציילטע פֿאַרווײַלונגען אָדער אינטימע געשפּרעכן אַפֿילו מיט נאָענטע פֿרײַנד, זענען אינערלעך ווי עפּעס פֿאַר־גליווערט געוואָרן. ווען מען האָט פּלוצים דערהערט, אַז דעם און דעם וויכטיקן טוער, וועמען מען האָט ערשט נעכטן געטראָגן אויף די הענט, געלויבט ביזן הימל, האָט מען שוין הײַנט דעמאַסקירט ווי אַ לאַנגיעריקן

שעדיקער און געפּערלעכן קלאַסן-שונא, אַז יענעם און יענעמס שכן, אָדער גוט-באַקאַנטן האָט מען בײַנאַכט צוגענומען אין אַרעסט, האָט שוין קיינער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום עמאָציעס. ס׳האָט בלויז שטאַרקער אַ ציטער געטאָן די אינערלעכע פאַרגליווערטקייט...

און מיליאָנען מענטשן האָבן זיך שוין דאָן געשפּירט אַזוי גוט ווי די געוויסע פאַרהיפּנאָטיזירטע קראָליקעס קעגן אַלמעכטיק-פינצטערן שלונג פון אַ פאַנטאַסטיש-גיגאַנטישער קאָברע-שלאַנג...

דעם דאָזיקן אַ ביסל צו באַרעדעוודיקן און דאַכט זיך ווייניק זאָגעוודיקן אַרײַנפיר צו מײַן עיקר-המעשׂה ווילט זיך דערוויַיל צוימען מיט דעם, אַז גראָד אין יאָר 1937, האָב איך, אַ שטאַרק צעטומלט נײַנצן יעריק בחורל פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם ייִדישן קאָלכאָז אויף די קרימער סטעפּעס, טאַקע נאָר ווי פּלוצים זיך דערזען אין אַ רעשיקן איבערפולטן קאָרידאָר פון דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער-סטודיע אויף סטאָליעשניקאָוו-געסל 8.

און דווקא אין זעלבן אומגליקלעכן יאָר האָט מאָסקווע זיך געלויכטן מיט זייער אַ שיינעם, זייער אַ מילדן הארבסט, — מעגלעך אַפילו — דעם שענצטן אין מײַן לעבן! און איך בין געווען צווישן די גליקלעכסטע 17, וועמען די אויפנאַם-קאָמיסיע פון די קאָנקורס-עקזאַמענעס, די קאָמיסיע בראש מיט שלמה מיכאָעלסן אַליין, האָט אָפּגעקליבן פון די פיל צענדליקער קאַנדידאַטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין מזל און קיין זכיה פאַררעכנט צו ווערן צווישן די סטודענטן פון דער באַרימטער דראַמאַטישער שול בײַם מאָסקווער ייִדישן מלוכה-טעאַטער.

דער ערשטער און דריטער שטאָק פון סטאָלעשניקאָוו-געסל 8, האָט פון פרי ביז פאַרנאַכט, און אַ מאָל טאַקע אין די נעכט אויך, געקאָכט און געזאָטן ווי אַן עלעקטרא-קעסל פון העכסטער שפּאַנונג. פאַר אונדז באַ-זונדערס. פאַר אונדז, די נײַ-געקומענע, האָט יעדער לערנטאָג אַנטפּלעקט אַלץ נײַע חידושים און דערקענטענישן און געוועקט דאָס פאַרבאַרגנסטע פײַער פון אונדזער יוגנט — לײַדנשאַפטלעכע שעפערישקייט, פרײַ פון יעדער מין פּאַסקודסטווע אין לעבנס-שטייגער.

אין אונדזער שווערן גאַנג אַרויף זענען געווען ניט ווייניק וויטיקלעכע דורכפאַלן, ס׳האָבן זיך אָבער אויך געטראָפן קליינינקע נצחונות, וואָס האָבן אונדז פאַרפולט מיט גרויס פרייד און האָפענונג.

מאָלט אײַך, אַז מיר האָבן זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן אויף אונדזער פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל און ס׳וואָלט מיר דאָ נישט געקלעקט קיין

אָרט און קיין צײַט אויסצורעכענען די אַלע פֿאַרדינסטפֿולע, באַרימטע אין רוסלאַנד, סײַ יידישע, סײַ רוסישע קונסטקענער, געשיכטע-פֿאָרשער, טעאַטראָלאָגן, מוזיקער, אַרטיסטן, ליטעראַטור-פֿאָרשער, שרײַבער, באַלעט-מײַסטערס... וואָס האָבן אין אונדז אַרײַנגעקנעלט במשך די פֿיר יאָר פֿון אונדזערע שטודיעס.

דאַכט זיך מיט וואָס, משטיינס געזאָגט, האָט זיך שוין געקענט אויסטיילן אין שײַן פֿון אַזאַ שטערנשאַפֿט פֿון טאַלאַנטן דער באַשיידענער און קאָרעקט-אײַנגעהאַלטענער לערער פֿון יידישער שפּראַך, עליע פֿאַלקאָוויטש?

ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין אונדזער אַודיטאָריום, אַ שלאַנקער אין זײַן פֿײַן געפּרעסטן, אַ ביסל אַלטמאָדיש-קלאַסישן טונקל-בלויען קאָסטיום, זייער אַן ערנסטער און בלויז בײַם פֿרײַנדלעכן "גוט מאָרגן" האָבן זײַנע גרוילעכע אויגן אַ פֿאַרשעמטן שמייכל געטאָן.

מיר זענען געזעסן שטיל און מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט אונדזער נײַעם פּעדאַגאָג, וואָס האָט זיך געקליבן אונדז לערנען גראַמאַטיק, סינטאַקסיס, אָרטאָגראַפֿיע, אָרפֿאָעפּיע און אַלע "איבעריקע נוצלאָזע נודאַטעס", וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, צו אונדזערע פּראָפֿעסיאָנעלע באַדערפֿענישן.

— די טעמע פֿון הײַנטיקן אַרײַנפֿיר — האָט פֿאַרזיכטיק אָנגעהויבן פֿאַלקאָוויטש — האָט אַ דירעקטע שייכות צו מײַן קורס "שפּראַכקענטעניש", בעיקר צו מײַן צווייטער לעקציע "וואָרט און שריפֿט" און ס'רעדט זיך הײַנט וועגן "די עלעמענטאַרסטע היגיענישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָמענטן פֿון אינטעלעקטועלער אַרבעט"...

מיר זענען געבליבן מיט אָפֿענע מײַלער און אויסגעגלאָצטע אויגן: נו-נו האָט איר עס געהערט אַ פֿאָרמולירונגל: "עלעמענטאַרע"... מאָמענטן"...

אָבער וואָס ווײַטער מיר האָבן זיך אײַנגעהערט אין פֿאַלקאָוויטשעס געמאָסטענער שטים, אין זײַנע דערווײַזלעכע אַרגומענטן, אין זײַנע באַדאַכטע, קלוגע עצות, צו וועלכע מע דאַרף נאָר צולייגן קאָפּ, — אַלץ מער האָבן מיר זיך איבערצײַגט, אַז מיר זענען טאַקע פֿינצטערע עם-הארצים. ווי קענען מיר עפּעס לערנען פֿון די סאַמע אינטערעסאַנטע און פֿאַרכאַפּנדיקע לעקציעס, אויב מיר קענען ניט פּינקטלעך פֿאָרמולירן קיין געדאַנק, ווײַל אונדזערע אין אײַלעניש כאַאָטיש פֿאַרשריבענע קאָנספּעקטן זענען

אויס ווי נאָך אַ שריפֿה, פֿון וועלכער מען האָט אומזיסט געוואָלט אַרויס־כאַפּן אַלץ, פֿאַרגעסנדיק דאָס וויכטיקסטע...

דאָס איז צווישן אונדז און פֿאַלקאָוויטשן האָט זיך געבראָכן, גלייך נאָך דער ערשטער לעקציע.

מען קען ניט זאָגן, אַז צווישן אונדז האָט זיך איינגעשטעלט עפּעס אַ מין גוטברודערשאַפֿט, ווייל צו גרויס איז געווען אונדזער דרך־ארץ צו אים. דאָך האָבן בייזע צינגער געפּלאַפּלט, אַז אונדזערע שיינע מיידלעך פֿאַרטרויען אים זייערע ערשטע ליבע־שמערצן...

ער האָט געוווסט, אַז מיר זענען טאַקע אַ שטאַרק פֿריילעכע חבֿרה אָבער אונדזער אָרעמע סטיפּענדיע קלעקט קוים צוליב נישט שטאַרבן פֿון הונגער. פֿלעגט ער טאַקע אינמיטן דער לעקציע סתם אַזוי זיך אַ זאָג טאָן:

— ס'לוינט זיך ניט אַרומשלעפּן איבער די נאַרישע סטאָלאָוועס, אויפֿן מאַרק קען מען שפּאָט ביליק איינקויפֿן מערעלער, ציבעלקעס, אַ פּאָר קאַרטאָפֿעלער — ס'איז געזונט, נערהאַפֿט, ס'איז ריינע וויטאַמינען. — דערביי פֿלעגט ער אויך געבן אַ רעצעפּט ווי אַזוי דאָס צוגרייטן סע זאָל זיין באַטעמט.

דוד בערגעלסאָן האָט אַ מאָל געשריבן וועגן אים אין זיינס אַן אַרטיקל: "דער מענטש וואָס האָט קיינמאָל אין ערגעץ ניט געאײַלט און קיינמאָל אין ערגעץ ניט פֿאַרשפּעטיקט". און אַזוי איז דאָס טאַקע: ער פֿלעגט שטענדיק קומען צו דער צייט, כאָטש ער האָט זעלטן גענוצט טראַנספּאָרט, מיינסטנס — געגאַנגען צו פֿוס.

* * *

אַלע זענען מיר געקומען פֿון ייִדיש־ייִדישע היימען, אַלע האָבן געשמאַק גערעדט, געלייענט און געטעמט מיט ייִדיש און, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַנאַטיש פֿאַרליבט געווען אין ייִדיש־טעאַטער. און ס'איז כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז אַלע האָבן מיר געהערט צום לעצטן דור וואָס האָט נאָך באַוויזן צו פֿאַרענדיקן די פֿולע צען קלאַסן פֿון דער ייִדישער מיטלשול. די מערהייט פֿון אונדז, האָט אויך צוגעזען ווי ברוטאַל מען האָט ליקווידירט די לעצטע ייִדישע שולן, ווי מען האָט געשלײַדערט ייִדישע לערנביכער און גאַנצע שול־ביבליאָטעקן אויף די מאַקאַלאַטור־וועגענער, ווי מען האָט גענומען אין אַרעסט צענדליקער טײַערע ייִדישע לערערס. מיר זענען איבערפֿולט געווען מיט ביטערן פֿאַרדראָס, מיט הייס יוגנטלעכן צער־און־צאָרן. ס'האָט

ממש אַרויסגעשריגן פֿון אונדז דער גרויסער "סטיִטש ? !", ווײַל וואָס-וואָס, נאָר סאָוועטישע פּאַטריאָטן זענען מיר פֿאַרט געווען.

אמת, מיר האָבן שוין געהאַט גענוג שׂכל כּדי נישט אַלעמען פֿאַרטרויען אונדזערע בלוטיקע טענות, אַפֿילו די ליבסטע פּעדאַגאָגן אונדזערע, צו וועלכע מיר האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס אַפּשיי. נישט פֿאַראַן אָבער, זאָגט מען, קיין כּלל אָן קיין אויסנאַם.

אַזאַ מין אויסנאַם איז געווען פֿאַר אונדז נישט קיין אַנדערער, ווי עליע פֿאַלקאָוויטש. פֿאַרוואָס עפּעס דווקא ער ? — קען עס פֿאַר זײַטיקע אויסזען גאָר אויסטערליש — טאַקע נאָר ווי אַ נס-מן-השמים . . .

באַקלערט זיך נאָר : אַ שטאַלטנער, שטענדיק אַקוראַט צוגעקעמטער, פֿריש אויסגעצוואָגענער, זויבער אויסגעגאָלטער, אינערלעך, ווי זאָגט מען דאָס, אַ פֿאַרקנעפּלטער אויף אַלע קנעפּלעך און ווי ס'דאַכט זיך, אַ טרוקן-קאָרעקטער מאַן, וואָס אין געשפּרעך איז ער קאַרג און איבעקלײַבעריש אויפֿן וואָרט, אַ מענטש ווען ס'איז גענוג איין שמייכל, כּדי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם פֿון אַ טאָג אַקאַדעמישער ערנסטקייט — דווקא אים, וועמען נישט נאָר קיינעם פֿון אונדז, — קיינעם פֿון זײַנע קאָלעגן איז אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן אַזאַ ווילדער געדאַנק, אַז מען קען גאָר מיט אים זײַן "פֿאַניבראַט", דווקא אים האָבן מיר זיך פֿאַרטרויט און אויסגעגאָסן פֿאַר אים אונדזערע פֿאַרביטערטע הערצער !

דאָס איז געווען אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען מיר — איך און נאָך צוויי מײַנע חבֿרים זענען פֿאַרבליבן מיט פֿאַלקאָוויטשן אַ פּאָר שעה שפּעטער נאָך די לימודים, טאַקע בײַ זיך אין קלאַס. אַלע זענען זיך שוין דעמאָלט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. אַלע צימערן און לערן-זאַלן זענען שוין אַפֿילו געווען אויפֿגערוימט און פֿאַרבליבן אומהיימלעך ליידיק און פֿינצטער.

— ווי בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק . . . — האָט עמיצער פֿון אונדז טרויעריק געשפּאַסט.

אונדזער לערער האָט געוואָרפֿן אַ פֿאַרזיכטיקן בליק אויפֿן "ווױצלער" . . .

פֿאַרבליבן זענען מיר אינפּירן כּדי זיך עצהנען וועגן אַן ייִדיש-איבערזעצונג פֿון גאָגאָלס אַן איינאַקטער, וואָס מיר האָבן זיך געקליבן שפּילן. נאָך דער גלענצנדער קאָנסולטאַציע, האָט פֿאַלקאָוויטש ווידער זיך אײַנגעקוקט אינעם "ווױצלער" און אויך אין אַלע אונדז :

— הערט אויס, חבֿרה-לצים — האָט ער זיך אויך דערלויבט אַ שפּאַס צו טאָן — הערט אויס, איר מוזט מיר ניט אַרויסלייגן אויפֿן טיש אַלע

אײַערע פּראָבלעמען, איר האָט זיי, פֿאַרשטייט איר מיך, גאַנץ גענוג, אָבער כ׳זע אַז עפּעס קימערט אײַך גאָר ערנסט. קען איך אפֿשר אויך אין דעם פֿאַל קאָנסולטירן?...

אין דער טונקעלער שײַן פֿונעם איינציקן לעמפּל אויפֿן הויכן סופֿיט האָבן זײַנע פֿאַרשפּיצטע קינבאַקן און די עטוואָס קורנאָסע נאָז אַ ביסל געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון באַרימטן מיצרישן ספֿינקס: אַ שטאַרק אויס-דריקלעך פּנים, פֿון וועלכן ס׳איז שווער עפּעס אַרויסצולייענען. אָבער זײַן שטים, ווער קען דען פֿאַרגעסן זײַן שטים, וואָס האָט געקלונגען אַזוי מילד און מיט אַזויפֿיל פֿאָטערלעכער וואַרעמקייט...

געדאַכט האָט זיך, אַז פֿון אונדזערע יונגע צעווייטיקטע הערצער האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן שווערע שטיינער צו די פֿיס פֿון אונדזער באַליבטן לערער, וואָס איז איצטער געזעסן עטוואָס געבויגן, מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט די אייבערשטע העלפֿט פֿון פּנים. ער האָט שווײַגנדיק אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלץ וואָס מיר האָבן דערציילט, אונדזערע ביטערע ספֿיקות, אונדזער בלוטיקן פֿאַרדראָס, אונדזער האַרצרײַסנדיקן „סטײַטש, טאַטע-פֿאָטער!"

ס׳האָט געדויערט אַ צײַט נאָך דעם ווי מיר זענען אַנטשוויגן געוואָרן און ער האָט זיך געוועקט פֿון זײַן שווײַגן.

הײַזעריקלעך און שטיל האָט ער אָנגעהויבן סילעווען זײַנע ווערטער ווי געקליבענע פּערל:

— מיט וואָס קען איך אײַך, קינדער, טרייסטן? מיט דעם, אַז ס׳איז נאָך ניט גענוג פֿינצטער, כּדי די זון זאָל זיך ווידער באַווײַזן? — ס׳אַ קנאַפּע טרייסט! כאָטש כ׳גלויב מיטן גאַנצן האַרצן, אַז אויפֿגיין וועט זי, אונדזער זון. איך וועל דאָס ניט באַווײַזן צו זען, אָבער איר? — אפֿשר יאָ. ניין, געוויס יאָ! פֿאַר מיר אָבער איז אַ גרויסע טרייסט דאָס וואָס איר, די יונגע, ווייטיקט מיט דעם זעלבן וואָס איך, דער אַלטער נאַר... ס׳אַ טרייסט און אַ האָפֿענונג!

— נאָך אַ זאַך זאָגט מיר צו, אַז מער וועט איר מיט קיינעם ניט רעדן דערפֿון. אַפֿילו צווישן זיך הערט אויף צו רעדן וועגן די דאָזיקע איבער-לעבענישן. פֿאַרגעסט ניט, פֿאַרשטייט איר מיך, אַז איר לערנט זיך טעאַטער-קונסט און דער גרויסער בינע-קינסטלער אַנטפּלעקט זיך אָפֿט מאָל מער אין פֿאַרשוויגענעם ווי אין אַרויסגערעדטן וואָרט. אַזוי זעט מיר אויס, ווי מיר דאַכט, די אמתע הײַנטצײַטיקע דראַמע...

3. אָריענטירן

אין 1942, ווען די דײַטשיש-פֿאַשיסטישע גאַרגלשנײַדער, מיט זייער געפֿאַנצערטן וואָפֿן, מיט זייער איבערוועגנדיקער קריגס-טעכניק און אַוויאַציע, האָבן איבערגעשניטן און באַלאַגערט די וויכטיקסטע וועג-מאַגיסטראַלן צו מאָסקווע, און גערדאַכט האָט זיך, אַז אָט-אָט — און ס'וועט פֿאַלן די אוראַלטע קרוינשטאָט פֿון רוסלאַנד — איז עליע פֿאַלקאָוויטש, אַ מענטש שוין אין די טיפֿע פֿערציקער, פֿרײַוויליק אַוועק אויף די פֿאָדערשטע שלאַכט-פּאָזיציעס.

וועגן די גבֿורות פֿון אָט דעם באַיאָרטן און, דאַכט זיך, טיפּיש-ציווילן מאַן, וואָס האָט אויף זײַן לעבן ניט געהאַלטן קיין ביקס אין די הענט, האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווּסט פֿון די מיליטערישע קאָמוניקאַטן און די צײַטונגען, פֿון איליאַ ערענבורגס פֿאַרצייכענונגען אין "פּראַוודאַ", פֿון בערגעלסאָנס אַרטיקל אין דער "אייניקייט"...

צוערשט איז ער געווען אַ סאַניטאַר. ער האָט אויף זײַנע פּלייצעס אַרויסגעטראָגן פֿון סאַמע פֿײַער 88 פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און אָפֿיצירן, זיי געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף. אַן אַנדערש מאָל האָבן די דײַטשן אַרומגערינגלט און גענומען אין פּלען, אויף אַ פֿאַרויסגערוקטער סאָוועטישער קריגס-פּאָזיציע, אַכצן זעלנער, צווישן זיי אַ לײַכט-פֿאַר-וווּנדעטן אָפֿיציר און דעם סאַניטאַר פֿאַלקאָוויטש... ס'האָט קאַלט און ווינטיק געשנייט און ס'איז שוין צוגעפֿאַלן נאַכט און די פֿאַשיסטן האָבן זיי מיט קלעפּ און זידלערײַ געיאָגט אַריבער דער דײַטשער פֿאָדער-ליניע, מיט פֿאַרדרייטע שטעגלעך, ביז צו עפּעס אַן אָפּגעברענט דאָרף מיט אַ פּאָר גאַנץ-פֿאַרבליבענע קלוניעס. אין איינער פֿון די קלוניעס האָט מען די געפֿאַנגענע פֿאַרשפּאַרט אויף נאַכט. פֿאַרריגלט די טירן און אַליין אַוועק ערגעץ הוליען... קענטיק, זיי זענען זיכער געווען, אַז די געפֿאַנגענע וועלן זיך אין ערגעץ ניט אַהינטאָן. האָבן דאָך אין יענע ביטערע טעג פֿון אַרומ-רינגלונג, פֿון הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג, פֿון אַנטוישונג אין דער "גע-ניאַלער" אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט פֿונעם "גענעראַליסימוס", האָבן דאָך דאָן טויזנטער סאָוועטישע קריגסלײַט ניט געפֿונען קיין אַנדער ברירה, ווי אַליין זיך איבערגעבן אין די הענט פֿון דעם דײַטש...

לאַנג האָט פֿאַלקאָוויטש אַרײַנגערעדט און דערוויזן דעם אָפֿיציר, אַז

מע מוז נאָך הײַנט אין דער נאַכט זיך אַרויסקלײַבן פֿון דאַנעץ, כּל-זמן מע איז נאָך נאָענט צו די סאָוועטישע פּאָזיציעס.

דער אָפֿיציר איז מסכּים געווען, אַז מען מוז אַנטלויפֿן, אָבער פֿאַר אים איז געשטאַנען די פּראָבלעם, ניט אַזוי אין די, ווי אויף קאַטאָוועס, צוגע-ריגלטע טירן, נאָר אין דעם, ווי אַזוי געפֿינט מען אַ וועג אויף צוריק, זיך ניט אָנשטויסנדיק אויף קיין דײַטשישן פּאַטראָל.

— איך ווייס, איך ווייס דעם וועג אויף צוריק! — האָט מיט רויִקער זיכערקייט געמאָלדן פֿאַלקאָוויטש.

— ווי קען דאָס געמאָלט זײַן? — האָט זיך יענער מיט אומצוטרוי געחידושט.

— גאַנץ פּשוט. איך האָב גוט פֿאַרגעדענקט אַלע אָריענטירן פֿון דעם וועג, מיט וועלכן מען האָט אונדז אַ הער געבראַכט. חוץ דעם איז מיר דאָ באַקאַנט יעדער שטיין און שטעגל, ווײַל אויף דעם באַצירק בין איך געווען איידער מיר זענען אָפּגעטראָטן פֿון דאַנעץ.

און פֿאַלקאָוויטש האָט גענוי מיט אַלע פּיטשטשעווקעס איבערדערציילט אויך אַזעלכע אָריענטירן: דאָ האָט ער פֿונוויטנס באַוויזן צו פֿאַרצייכענען אין געדאַנק אַ געזעמל פֿון טאַנקען, דאָרט — אַ באַוואַכטן געווער-סקלאַד, ערגעץ ווו — אַ באַפֿעסטיקטן פֿײַער-פּונקט... דאָס דאַרף מען איצט אויסמײַדן, פֿאַרשטייט זיך... ענדלעך האָט דער אָפֿיציר באַשטימט:

— גוט, באַטיאַ *, דו וועסט אונדז פֿירן!

שפּעטער האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצורעדן אויך די איבעריקע גע-פֿאַנגענע, אַז מען מוז תּיכּף מאַכן פּליטה, און פֿירן אויף צוריק וועט דער "באַטיאַ". ס'האָט זיך שוין אויך געמאַכט אונטער דער האַנט אַ דעמבן דריינגל, מיט וועלכן איינער אַ ספּעציאַליסט, אַן אַמאָליקער פֿערד-גנבֿ, האָט שטיל און אָן איין סקריפּ אויפֿגעשפּאַרט די קלוניע-טירן.

אויף מאָרגן פֿרי האָבן אַלע אַכצן סאָלדאַטן זיך אומגעקערט צו זייערע אייגענע קריגס-פּאָזיציעס.

אַז אַ גאַנצע גרופּע געפֿאַנגענע זאָל אַזוי גיך זיך אומקערן פֿון דײַטשישן פּלען איז דאָן געווען אַן אויפֿטרייסלענדיקע סענסאַציע און איבערן גאַנצן מערבֿ-פֿראָנט האָט זיך שנעל צעטראָגן די דאָזיקע נײַעס.

* באַטיאַ (טאַטוניע) פֿון רוסיש.

חוץ דעם האָט שוין די קאָמאַנדשאַפֿט פֿיבערהאַפֿט געגרייט אַן אָנגריף. לויט די פּינקטלעכע אָריִענטירן פֿונעם "באַטיאַ" פֿאַלקאָוויטש.

פֿון אַ געוויינלעכן סאָלדאַט האָט מען פֿאַלקאָוויטשן דערהויבן צום קאַפּיטאַן-ראַנג און באַלוינט מיטן לענין-אָרדען. פֿון דאַן און ביז צום סוף פֿון זײַן דינסט האָט מען אים שוין באַשטימט אויף אַ מער פּרעסטיזשפֿולער פֿראָנט-אַרבעט, אָבער ניט אויף קיין ווייניקער געפֿערלעכער — ער פֿלעגט פֿון אַ בונקער, ניט ווײַט צו די דײַטשישע טראַנשייען, זיצן גאַר אָפֿט אונטער אַ האַגל פֿון פֿײַער-קוילן און שראַפּנעלן און מיט אַ רויִקער שטים דורכן מעגאַפֿאָן אַגיטירן די דײַטשן... וואַרפֿן ס'געווער און זיך אונטערגעבן. וואָס אַן אמת — זײַן דײַטש איז געווען פּערפֿעקט. דאָ האָט אים טאַקע נישט אויסגעמיטן די קויל. נאָך אַ שווערער ווונד האָט זיך פֿאַרענדיקט זײַן מיליטערישע קאַריערע.

4. ס'לויפֿן יאָרן...

ס'לויפֿן די יאָרן, האַרבע יאָרן און ס'טויכן אויף אין מײַן געדענקשאַפֿט צעקײַטלטע ביאָגראַפֿישע פּרטים און עפּיזאָדן:

נאָכן ליקווידירן דעם "עמעס"-פֿאַרלאַג אין 1948 איז ער זיך מפֿרנס מיט לייענען לעקציעס, וועלכע זענען דאַן שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין פֿאַרשידענע מאָסקווער רוסישע אַודיטאָריעס. די טעמע "דער מענטש אויף דער מלחמה" איז נאָך, ליידער, ביז הײַנט אַקטועל און רופֿט אַרויס אינטערעס.

כ'שטעל מיך פֿאָר, ווי לײַט האָבן געהערט זײַן באַדאַכט און וואָגיק וואָרט.

כ'געדענק ווי ער האָט אַ מאָל געזאָגט: "צוליב איבערצײַגן דעם עולם מוז מען פֿריִער אַליין זײַן איבערצײַגט ביז צו די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דער נשמה. דאָס איז דער ערשטער כּלל אין דער קונסט פֿונעם רעדנער". "די קונסט פֿון אָראַטאָר" אַזוי האָט ער טאַקע אָנגערופֿן זײַנס אַ בוך, דער־שינען אין רוסיש אין די 60ער יאָרן.

און שפּעטער אין די פֿינצטערסטע צײַטן, ווען אַלץ וואָס האָט שייכות געהאַט מיט ייִדיש און ייִדישער קולטור האָט מען ליקווידירט, צעטריבן, חרובֿ געמאַכט, ווען די גרעסטע צאָל ייִדישע שרײַבער האָט מען פֿאַרשלעפּט צום טויט און צו קנעכטשאַפֿט אין די ווײַטע צוואַנגס-לאַגערן. אין יענע

טעג פֿלעג איך, נישט צו אָפּט, נאָר דאָך באַגעגענען אים אויפֿן טווערסקאָי בולוואַר, ער האָט געשפּאַנט צווישן דיביימער-אַלייען אַן איינזאַמער, ווי שטענדיק אַ שטאָלטנער, אָבער זײַן אַמאָל בלאָנדער קאָפּ, איז איצט געוואָרן שטאַרק פֿאַרשנייט, די קינבאַקן — שאַרפֿער, די אויגן צוגעלאָשן און בײַ די מויל-ווינקלען — אַ מין טראַציקע פֿאַרביטערטקייט. מיר פֿלעגן זיך אָפּשטעלן און ער, ווי ער וואָלט פֿאַרגעזעצט זײַן שווײַגנדיקן דיאַלאָג מיט זיך אַליין:

— ווען כ׳זאָל געננוי וויסן, אַז אַלע קורנאָסע נעמט מען שוין אויך, וואָלט איך אויפֿגעהערט וואַרטן דורך די נעכט אויף אַ קלאַפּ אין דער טיר...

אַן אַנדערש מאָל:

— איך האָב געזען אַ בער, אַ לייב, אַ העלפֿאַנט אין זייערע שטײַגן... איך שטעל זיך אָבער ניט פֿאָר מאַרקישן אין אַ שטײַג!

און אַזוי ביז אָנהייב פֿון יאָר 1950, ווען מיך האָט מען שוין אויך גענומען און כ׳האָב פֿאַרלאָרן פֿון אויג מײַן לערער אויף גאַנצע זעקס יאָר. ווען ערגעץ אין 1953 האָבן אָנגעהויבן זיך דורכברעכן מײַנע בריוולעך צו פֿאַרבליבענע חבֿרים אין מאָסקווע, פֿלעגן זיי תּמיד שרײַבן, אַז "רעב עליע" פֿרעגט זיך שטאַרק נאָך אויף מיר און צי קען מען מיט עפּעס אַרויס-העלפֿן...

ווען אין סוף 1955 האָט מען מיך ענדלעך באַפֿרײַט און כ׳בין געקומען אין מײַנע לאַגער-בגדים מיטן צוג "וואָרקוטאַ-מאָסקוואַ", האָבן מיך באַ-געגנט געציילטע פֿרײַנד און ווי גרויס איז געווען מײַן פֿרייד ווען צווישן די געציילטע האָט מיך אויך באַגעגנט מײַן אַלטער, מײַן האַרציקער לערער עליע פֿאַלקאָוויטש.

ס׳לויפֿן די יאָרן און ווידער קייטלען זיך אָפּ אַ פּאָר עפּיזאָדן:

מיטן די 60ער אָנהייב 70ער יאָרן. איך און מײַן פֿרוי זענען שוין צווישן די ייִנגערע פֿון אונדז, וואָס ראַנגלען זיך אָפּן און עקשנותדיק פֿאַר אַ פֿרײַער עליה קיין מדינת ישראל. פֿאַלקאָוויטש איז קראַנק. גייט זעלטן אַרויס אויף דער גאַס. געפֿין איך אַ מאָל אַ געלעגנהייט פֿון עמיצנס אַ "כּשרן" טעלעפֿאָן (אונדזער אַפּאַראַט הערט מען אונטער) און כ׳טו אַ קלונג צו מײַן לערער. ער דערקענט מײַן קול:

— איך ווייס ווענן אײַך כּמעט ווי אַלץ, זאָל גאָט אײַך געבן כּוח! דאָס ווינטש איך — דער פֿאַרעלטערטער אַטעאיסט — שמייכלט ער אַרײַן אין טרײַבל.

אַ צווייט מאָל קלינגט איך:

— האַלאָ, ווער רעדט? — רופֿט ער זיך אָפּ מיט אַ הייזעריקער שטים.

— איר זײַט פֿאַרקילט, חבֿר פֿאַלקאָוויטש?

— וואָס עפּעס?

— איר זײַט הײַזעריק...

— ס'איז פֿון שווײַגן, מײַן טײַערער, פֿון אַ סך שווײַגן...

אַ דריט מאָל בעט ער מיך:

— קלינגט אָפּטער, כ'וויל וויסן ווי סע גייט אײַך. כ'גלייב ס'וועט זיך ענדיקן גוט.

— יאָ, אָבער...

— וואָס "אָבער"? מיך דאַרפֿט איר ניט שאַנעווען. היט בעסער די אייגענע ביינער, זײַט פֿאַרזיכטיק. איר זײַט שוין אַ געשלאָגענער.

ווען מיר האָבן אין מאַרץ איין-און-זיבעציק, ענדלעך באַקומען די אויסגעקרענקטע וויזע-דערלויבעניש, האָב איך געבעטן אַ פֿרײַנד ער זאָל מיטטיילן די פֿריידיקע בשׂורה פֿאַלקאָוויטשן. ווי איבערראַשט מיר זענען געוואָרן ווען אין אַ פּאָר שעה אַרום — אַ קלאַפּ אין טיר און סע שטעלט זיך אַרײַן אַ צעשטראַלטער אונדזער טײַערער ר' עליע פֿאַלקאָוויטש. שווײַגנדיק אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט ער יעדן פֿון אונדז שטאַרק געדריקט צום האַרצן און טרערן, אַזעלכע לויכטנדיקע גרויסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זײַנע אויגן.

* * *

אַ שטיק צײַט האָט עליע פֿאַלקאָוויטש געאַרבעט אין מאָסקווער "עמעס"-פֿאַרלאַג ווי דער הויפּט-רעדאַקטאָר פֿון קינסטלערישער ליטעראַטור. צו אים האָבן זיך אײַנגעהערט בערגעלסאָן און דער נסתּר, מאַרקיש און קוויטקאָ, האָפֿשטיין און קושניראָוו און... ווער ניט? זײַן שיטה איז געווען אויסהיטן פֿון צופֿעליקער באַריידעוודיקייט דאָס וויכטיקסטע פֿונעם טעקסט — די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט פֿון מחבר.

וואָלט ער איצט "דורכגעלאָפֿן" מיט זײַן שאַרף אויג די דאָזיקע פֿאַרצייכענונגען, וואָלטן זיי זיך געוויס באַפֿרײַט פֿון אַ היפּש ביסל ווילדגראָז... ס'איז שוין אָבער אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך און ער פֿעלט מיר זייער שטאַרק, מײַן ליבער לערער... ביז די לעצטע טעג פֿון מײַן לעבן.

יורשים

אַ וואָרט וועגן רחל בוימוואָל

„יעדער באַיאָרטער מענטש האָט דאָך געהאַט אַ מאָל אַ קינדהייט, נאָר זייער ווייניק געדענקען וועגן דעם"... אַזוי האָט ערגעץ געזאָגט איינער פֿון די זעלטנסטע דערציילער, דער פֿראַנצויז סענט עקזופּערי.

ס'טרעפֿן זיך אָבער אַזעלכע לײַט, וואָס ביז צו זייער טיפֿסטער עלטער ליכטיקט אַרויס פֿון זיי די פֿריסטע קינדהייט. אַזאַ זעט מיר אויך אויס די דיכטונג פֿון רחל בוימוואָל... די הײַנטיקע, די דולע און די מכּלומרשט קלוגיטשקע וועלט ניכטערט אונדז די גאַנצע צײַט מיט אַ ביטול־שמייכעלע:

— פּאָעזיע איז דען אויך אַ פּראָפֿעסיע?...

וועגן דעם, אַז דיכטונג איז נישט נאָר באַרוף, נאָר אויך פּראָפֿעסיאָנעלע מײַסטערשאַפֿט זאָגן עדות גאָר נישט ווייניק פֿון רחל בוימוואָלס לידער אין אַלע אירע פֿילצאָליקע ביכער און ביכעלעך, ווו דורך די סאַמע ראַפֿינירטע און ריַפֿסטע פּאָעטישע סטראָפֿן שמייכלט אַרויס די גאָרע פֿרישקייט פֿון איר שווערער און דאָך אומפֿאַרגעסלעכער קינדהייט.

אין יאָר 1930 איז אין מאָסקווער „צענטראָפֿאַרלאַג" דערשינען דאָס ערשטע ביכעלע פֿון דער 15יעריקער דאַן רחלע בוימוואָל א"נ „קינדער־לידער". דאָס ביכעלע איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור־געזעלשאַפֿטלעכקייט, ווי אַן אויסנאַמלעכע געשעעניש.

געוויינטלעך שאַפֿן קינדער־ליטעראַטור דערוואַקסענע שרײַבערס. אַזעלכע באַרימטע און באַליבטע אין רוסלאַנד וואָרט־מײַסטערס, ווי טשוקאָווסקי, מאַרשאַק, אונדזער לייב קוויטקאָ, שפּעטער אויך רחל בוימוואָל, האָבן אַנטפּלעקט פֿאַרן קינד אַ וועלט פֿול מיט חידושים און מיט געשטאַלט־לעכע דערקענטעניש.

אַן אַנדער זאַך איז געשען מיט רחלס ערשט ביכעלע „קינדער־לידער". זי האָט אַנטפּלעקט, בעיקר פֿאַר די דערוואַקסענע, דאָס וווּנדער און דעם חן פֿון איר גרויסער קינדער־וועלט.

כ'האָב אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דער דיכטונג פֿון רחל בוימוואָל „דאָס וווּנדער פֿון אַ גרויס געזאַנג"

אַזוי האָט געהייסן די אַרומנעמיקע עסיי. כ׳מיין, אַז דאָס וווּנדער האָט זיך אָנגעהויבן, איז געשטיגן און אויסגעצײַטיקט זיך טאַקע פֿון יענעם קליינעם ביכעלע.

פֿון דאַן, קרובֿ צו 60 יאָר, זענען דערשינען צענדליקער פּאָעזיע-זאַמלונגען און ביכער פֿון אונדזער טאַלענטירטער דיכטערין. אירע קינדער-לידער און קלוגע, פֿול מיט יידישער חכמה, מיט געוואַגטע רמזים און אַרײַנזאָגעכצן, "מעשׂהלעך פֿאַר קליין און גרויס", זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן נישט נאָר אין יידיש, אויך אין פֿיל אַנדערע לשונות און באַזונדערס אין רוסיש אין אַ מיליאָניקן טיראַזש...

און מיר הערן נישט אויף צו גאַפֿן ווי אונדזער דיכטערין, טראָץ איר שווערער לעבנס-דערפֿאַרונג, האָט אויסגעהיט אין איר געזאַנג אַזוי פֿיל קינדערישע פֿאַרחידושטקייט פֿאַר וועלט און מענטש, פֿאַר גראָז און בלעטל. אַפֿילו אין יענע לידער, וואָס האָבן צו פֿאַרדאַנקען זייער עקשנותדיק מײַסטערשאַפֿט דווקא דער ביטערסטער לעבנס-דערפֿאַרונג, הערט זיך די שטים פֿון אַ באַעוולט קינד:

"דער אויסדרוק "פֿון אײַזן" — ער צווינגט שוין הײַנט לאַכן / איך ווייס, אַז פֿאַראַן זײַנען שטאַרקערע זאַכן, / נאָר איך וועל פֿון דעם זיך ניט ווּיסנדיק מאַכן / מיט טרערן וועל איך אין די אויגן דערווײַזן: / אַז איך בין פֿון אײַזן! / אַז איך בין פֿון אײַזן!"

אין 1966 בין איך שוין, נישט הײַנט געדאַכט, געווען אַ סירובֿניק און, פֿאַרשטייט זיך, איבערגעריסן אַלע באַציִונגען מיט "סאָוועטיש היימלאַנד".

דאָך בין איך געזעסן אין צושויער-זאַל פֿון מאָסקווער ליטעראַטן-הויז, ווו מען האָט דערלויבט אײַנצואָרדענען די ערשטע און איינציקע גרויסע באַגעגעניש מיטן מאָסקווער יידישן לייענער.

ס׳האָט זיך פֿאַרגעדענקט ווי דער הייס-דאָרשטיקער נאָך אַ יידיש וואָרט, עולם האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעקילט און זיך גענודזיעט, אויס-הערנדיק אַזוי פֿיל קאַזיאָנע רייד סײַ פֿון רוסישע ליטעראַטור-פּקידים, סײַ פֿון יידישע "אידעאָלאָגיש-אויסגעהאַלטענע" גראַמענפֿלעכטער און פלוצים האָט זיך דער זאַל אַ רודער געטאָן, אויפֿגעלעבט, כאָטש פֿון דער בינע האָט זיך געטראָגן נישט קיין פֿריילעכער מאַזשאָר, נאָר דער האַרבער טראַגישער אמת. רחל בוימוואָל האָט געלייענט:

"ניט גערעדט מיט דיר לאַנג, מײַן לייענער /און דו האָסט געוואַרט געדולדיק, / וואַרף נישט אויף מיר קיין שטיינער, / גלויב, אַז ניט איך בין

שולדיק: / איך האָב ניט געשטומט ווי אַ פֿיש / און איך האָב ווי אַ שלאַנג ניט געשוויגן / ווי אַ באַרג טײַכל דורכזיכטיק-פֿריש, / האָט זיך דורכגעשלאָגן מײַן ניגון, / נאָר אין וועג איז געלעגן אַ שטיין, / און ער איז געווען ניט איינער / איך גלויב, אַז דו וועסט מיך פֿאַרשטיין / און ניט וואַרפֿן אויף מיר קיין שטיינער...״

״דו ביסט אַ מבֿין אויף אַלץ, / אויף שיינעם און אויף ניט שיינעם... / מיר האָבן ניט איין פּוד זאַלץ / אויפֿגעגעסן אין איינעם... / טאָ ווער האָט געמאַכט אַזוי, / אַז מיר זאָלן דאַרפֿן זיך שיידן, / ווער האָט געמאַכט אונדז גרוי, / מיך און דיך —ביידן?״.

די שווערע פּאַוזע אין זאַל, נאָכן דורכלייענען דאָס דאָזיקע ליד, האָט פּלוצים זיך אַ בראַך געטאָן — דער אויפֿגערעגטער ייִדישער עולם האָט לאַנג און התלהבֿותדיק אַפּלאָדירט... צוזאַמען מיט דער גרינטלעכער איבעררשאַצונג פֿון ווערטן, וואָס האָט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דעם גרויסן נס —דעם נאַציאָנאַלן ווידער-געבורט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין ס״פֿ, איז אויך געקומען דער פֿײַנלעכער חשבון הנפֿש פֿון דער דיכטערין רחל בוימוואַל:

״דאָרט אין דער טיף בײַ מיר לידער געטויטע / הענגען אויף תּליות פֿון גלײַכגילט געבויטע, / ליגן אין גריבער דורך צווייפֿל געגראָבן, — / ס׳פּיקן זיי טרערן ווי פֿינצטערע ראָבן״, און זי שרײַט אויס אין פֿאַרצווייפֿלונג: ״לאָזט אויף דער שוועל מיך ניט, שוועסטער און ברידער, / איך בין דער מערדער פֿון אייגענע לידער״.

אָנדײַטנדיק אויף דער סאָוויעטישער אָרטאָגראַפֿיע, וועלכע האָט זי געצווונגען קירצן די לאַנגע אותיות ״ווי דער דײַטשישער ייִד זײַן קאַפּאָטע״, — זאָגט זי ווײַטער שטאָלץ און אַנטשיידן: ״הײַנט הענג איך אויף אַ שלאָס-מעם אויף די לופֿטשלעסער פֿון מײַן יוגנט!״... פֿאַר דעם איינעם הויך-פּאָעטישן פּילדייטיק-רחבֿותדיקן זאַג קומט רחלען די העכסטע ליטעראַטור-אָנערקענונג!

מיר האָבן פֿריִער אָפּגעמערקט בוימוואַלס פּראָפֿעסיאָנעלע מײַסטערשאַפֿט. ס׳גייט אַ רייד בעיקר וועגן דער בילדערישער געדאַנקלעכקייט פֿון איר ליד, דאָן ווען די אָנגעלאָדענע שורה גיסט זיך אָן מיט אויסגעווייטיקטער, לײַדנשאַפֿטלעכער אַפֿאָריסטיק: ״ווערטער, / געהיימניספֿולע ווערטער, / איר האָט די קראַפֿט צו זײַן / גאָרנישט און אַלץ, / איר טריקנט אויס / און אויף אײַערע ערטער / בלײַבט דער אמת, ווי גרײַפֿלעך זאַלץ...״

ס׳ווילט זיך מיט פֿרייד און באַפֿרידיקונג אָפּמערקן, אַז אין אונדזער

ייִדיש היימלאַנד האָט איר פּאַטעטישע שאַפונג זיך צעבליט מיט אַ באַזונדער שיינקייט און קראַפּט — די שיינקייט און קראַפּט פון פאַרוואָרצלען זיך אין היימיש-פעלדזיקן ישׂראלדיקן באָדן.

דאָרט, פון וואַנען מיר זײַנען געקומען, האָט מען געקענט אָפּדרוקן אַ ליד, ווען ס'האָט, אַזוי צו זאָגן, „געעטעמט מיט אָפּטימיסטישן וועלט-באַנעם"... פערזענלעכע איבערלעבענישן, איינזאַמקייט, טרויער, פּײַן, באַ-עוולטקייט — דאָס אַלץ האָט מען דאָרט געמוזט פאַרשליסן אויף זיבן שלעסער, אויב נישט אין האַרץ איז טיף ערגעץ אין טישקעסטל — ווײַט פון אַ בייז אויג. דאָס אַלץ האָט געגילט ווי „אַ מלוכישער סוד", פונקט ווי ס'איז אַ סוד געווען לאָמיר זאָגן אַן ערד-ציטערניש, אַ פאָלקס-הונגער, דאָס אומברענגען אַ גאַנצע פאָלקס-קולטור, אָפּילו אַזאַ זאַך ווי די טשערנאָבילער אַטאָם-קאַטאַסטראָפע!

אויף דער פרײַער וועלט, באַזונדער אין ישׂראל, זענען ב"ה נישט פאַראַן קיין סודות. אויב ס'מאַכט זיך אַ מאָל אַ שטיקל סוד איז אויך נישט אויף לאַנג.

דאָ, קענען מיר, די געקומענע פון רוסלאַנד, זיך דערלויבן דאָס „ראַסקאַש" פון פעסימיזם און ס'איז דאָ פון וואָס טרויעריק צו זײַן — ס'איז אַ ביסל „צו פרײלער" אויף דער גרויסער וועלט און אַ היפּש ביסל „פרײ-לער" אין אונדזער קליינער מדינה, חוץ וואָס מען עלטערט זיך און דאָס געזונט איז אויך נישט אַזוי אײַ אײַ און דער מצבֿ פון אונדזער ייִדיש-קולטור איז אויך גאַנץ ביטער, נישט געקוקט אויף די גיגאַנטישע אויפטוען פון דעם חבֿר יצחק קאָרן און אויף די SOS-סיגנאַלן פון רבי מרדכי צאַנין...

אַזוי צי אַנדערש, נאָר בײַ רחל בוימוואַל טרעפן מיר אַן נישט ווייניק דורכדרינגלעך-טראַגישע מאָטיוון. לאָמיר ציטירן אַ ליד פון נישט מער ווי 6 שורות:

אין דער ווינטערדיקער נאַכט
אַרט מיך שוין ניט וואָס איך טראַכט,
ווי ס'נעמט טאָגן אויף דער גאַס,
ווערן מײַנע שויבן נאַס,
ס'הערן מיך די שויבן קלערן
און באַגיסן זיך מיט טרערן...

און דאָך, ווען מיר בלעטערן די אַכט בענדער פּאָעזיע און פּראָזע, אַרויסגעגעבענע אין ישׂראל, ווערן מיר הויפּטזעכלעך ממש פֿאַרפֿלייצט פֿון פֿרייד און פֿון זוניקייט, מיר בלײַבן פֿאַרגאַפּט און פֿאַרחידושט צו־זאַמען מיט דער דיכטערין, פֿאַר דער פֿרישקייט און ערשטיקייט פֿון אונדזער היימישער לאַנדשאַפֿט, מיר גיסן זיך אַרײַן אינעם בונטן-פֿילפֿאַרביקן שטראָם פֿון אונדזער גאַסן-המון, מיר לעבן און אָטעמען מיט דער לייד-און פֿרייד פֿון פֿאָלק און לאַנד.

״פֿול מיט קינדער! — / שוואַרצע בלאָנדע קעפּלעך... / און דער וועג — איז טרעפּלעך, / טרעפּלעך, טרעפּלעך / און די בערג — געהאַקט אין ווענטלעך, ווענטלעך, / גרעזעלעך זיך האַלטן פֿאַר די הענטלעך... / שטיין אויף שטיין — מחיצות. גרייטע, / לאָזן ניט צעווייען דאָס פֿאַרזייטע / ס׳קען אַ שטיין פֿאַרשטיין און ניט דערלאָזן / ס׳קען אַ שטיין באַשטיין, ס׳זאָל ניט צעבלאָזן. // הייבן אָן די הוילע בערג צו גרינען / פֿעלדער, וועלדער / קענסט אויף זיי געפֿינען / וואָרעם ס׳ווייסט דאָך יעדער איינער, / אַז אַ גרעזל קען צעשפּאַלטן שטיינער. /

תּנ״ך-שיינקייט אין די יונגע מענער, / איינער פֿון דעם אַנדערן איז שענער — / לאַנגע מאַנדל-אויגן, בויגנס — ברעמען / אַז פֿון וואַנען קען אַזוינס זיך נעמען! // פֿול מיט זון מיט קינדער אין די וויגן, קעמלען, לעמער, אייזעלעך און ציגן... / אײַ איז דאָס אַ לאַנד — אַ פֿאַרגעניגן!״

אַזוי באַזינגט רחל איר ערשטן שפּאַציר איבערן לאַנד — ״אַ טיול״.

רחל בוימוואָל האָט שוין באַוויזן אַרײַנצושרײַבן איינעם פֿון די שענצטע קאַפּיטלעך אין אונדזער אַלגעמיינער מזמור שיר לירושלים. אייניקע פֿון אָט די פּרעכטיקע געזאַנגען זענען שוין ברייט באַרימט געוואָרן בײַם ייִדישן ווי אויך בײַם רוסיש-לייענער. אַזעלכע לידער ווי ״ירושלים״, ״ירושלימער ווינטן״, ״ווען עס בליִען די מאַנדלען״, ״ירושלים פֿרילינגס-צײַט״ און אַנדערע, וואָלטן זיכער געקענט באַשײַנען יעדער מין אַנטאָלאָגיע וועגן אונדזער עיר הקודש. כ׳וועל אָבער קיין איינס פֿון אָט די וווּנדער-לידער נישט ציטירן.

כ׳וועל בלויז אַרויסשרײַבן אַ פּשוט שטייגער-בילד, וואָס אונדזער דיכטערין, פֿאַרוואַנדלט ווי איר שטייגער איז אין אַן אמתן פּאָעטישן פּערל:

״גאַנץ ירושלים טריקנט וועש אין דרויסן. / כ׳האָב עס פֿון אָנהויב ניט געקענט באַנעמען / און איצטער ערשט האָב איך זיך אָנגעשטויסן: מיט ריינע וועש, וואָס דאַרף מען דען זיך שעמען? / מיר האָבן אין די מאָסקווער

קאָמונאַלע קיכן / געטריקנט וועש ביינאַכט איבער די פּליטעס, / צי אויף די בוידעמער מיר פּלעגן קריכן / און פֿאַר אַ גנבֿ אַלע מאָל געציטערט, / אין דרויסן הענגען דאָרט בלויז רויטע פֿענער, / אָט די וואָס זאָגן צו, דער נאָך — פֿאַרפֿירן... / איצט זע איך איין, אַז טויזנט מאָל איז שענער / געוואַשן וועש פֿון אַלערליי קאָלירן״.

פֿאַראַן נאָך אַ סך צו דערציילן וועגן דער דיכטונג פֿון רחל בוימוואַל, וועלכע ס׳האָבן נישט איין מאָל פֿאַרזען אונדזערע קורצזיכטיקע ליטע־ראַרישע דעה-זאָגער און תּקיפֿים.

ווייס איך ניט צי פֿאַר אונדזער דיכטערין וועט זײַן אַ מאָל אַ צו גרויסער כּבֿוד צו באַקומען די ״סאָמע פּרעסטיזשפֿולע פּרעמיע פֿאַר ייִדישער ליטע־ראַטור״, וועלכע איז פֿאַר די לעצטע יאָרן, אַגבֿ, גאָר שטאַרק פֿאַרוואָסערט געוואָרן...

כ׳ווייס אָבער, אַז רחל בוימוואַל האָט דעם גרויסן כּבֿוד צו זײַן צווישן די באַליבסטע בײַ די ליבהאָבער פֿון ייִדישער פּאָעזיע סײַ דאָ, בײַ אונדז אין לאַנד, סײַ דאָרט, אין ווײַטן רוסלאַנד.

ירושלים 1989

שיקע דריז

(1971-1908)

כ׳מיין, אַז דער סאַמע טראַגישער צווישן די פֿאַרבליבענע ייִדיש־סאָוועטישע דיכטער אין די 60ער יאָרן איז געווען שיקע דריז ז״ל.

אַט דער ביז גאָר באַגאַבטער פֿאָלקס־דיכטער האָט צוגעגעבן פֿיל חשיבֿות און נאָך מער וואַרהאַפֿטיקייט דעם ייִדישלעכן מאַסקנבאַל פֿון דער אָפֿיציעלער ״היימלאַנד״־פּאָעזיע, ווײַל ער איז געגאַנגען אין איר שפּאַן... האָט ער טאַקע איינע אַ ליד ״אַ ציאַצקע אויף רעסאָרן״, וווּ ער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַרן קינד וואָס ער איז נישט בכוח אים קריגן אַ פֿערדל, און ער זאָגט ווײַטער:

״ניאַקע־וויאַקע בערעלע / אַליין וועל איך זיך שפּאַנען — /אפֿשר ועסטו כאָטש אַמאָל / צום גוטן מיך דערמאָנען. / אַ פֿאַרוויינטער פּאָר מײַן קבֿר, / שטיין וועט־ניט־וועט — / ניסים און מופֿתים פֿון רבֿ שיקען דערציילן, / סאָראַ פֿערד ער איז געווען!״

יאָ שיקע דריז איז געגאַנגען אין שפּאַן, אָבער נישט שטענדיק געהאָרכזאַם, צומאָל פֿלעגט ער צוזאַמען מיט די שלייעס אַוועק אין גאָר אַ פֿאַרקערטער ריכטונג, און דאַן שרײַבט ער אַזעלכע איצט באַרימטע עכט־נאַציאָנאַלע לידער ווי ״באָבי יאַר״ און ״אַ שיינער בוים״...

שטעלט אײַך פֿאָר אַ ייִד, אַ קינסטלער, אַ פֿריילעכער לונג־און־לעבער, וואָס טראָגט אין זיך געזונטן וואַרצלדיקן פֿאָלקס־אָפּטימיזם, כאָטש מע האָט נישט איינמאָל שוין ״...די הויט פֿון מיר געשונדן / דעם מאַרך פֿון מיר אַרויסגעצויגן, / געלאָזט אין הוילע ווונדן״, שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אַזאַ ייִד דערזעט זיך אַרומגערינגלט אַ פֿאַרקלעמטן אין דער מיט פֿון עפּעס אַ מין שדים־קאַרנאַוואַל... אַרום — מאַסקעס... מאַסקעס... מאַסקעס! אַן עכטע סאַצרעאַליסטישע פֿאַנטאַסמאַגאָריע: הינטער דער מאַסקע פֿון פֿעלקער־פֿרײַנדשאַפֿט — ראַסנהאַס, הינטער דער מאַסקע פֿון שלום־קעמפֿער — מלחמה־צינדער, הינטער דער מאַסקע פֿון סאָציאַלן יושר — אונ־טערדריקער אאַ״וו. וואָס בלײַבט נאָך פֿאַר אַזאַ מין פֿאַרקלעמטן דיכטער, אויב נישט אַרויפֿציִען אויף זיך די מאַסקע פֿון אַ פֿריילעכן לץ, אַ קונצנמאַכער מיט אַ פּנים, ״וואָס ניט סע וויינט און ניט סע לאַכט״?

״טיפּ־טאָפּ, גייט און קופּט / אַ בריטשקעלע פֿון אײַזן, / זעצט אײַך אויף און קומט צו מיר, / וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן: / אויף די ווײַסע מײַנע ווענט / וועלן שווימען שוואַנען, / שפּרינגען וועלן וועווריקעס / אויף די שלאַנקע טאַנען, / אויף מײַן סטעליע אין דער הייך / וועלן וואַקסן קווייטן, / און אַ פּאָרל ציגעלעך / שפּילן אויף די פֿלייטן. / טאַנצן וועט אַ מאַלפּעלע / אויף דעם העלפֿאַנדס רוקן. / און אַ לץ מיט גלעקעלעך / וועט פֿאַר אײַך זיך בוקן. / וועט איר שוין מסתּמא שרײַען / בראַוואָ, בראַוואָ — ביס... / מיר, דעם קונצנמאַכער / דעם לץ רב שיקע דריז. / נאָר מײַן מאַמע שווײַגן וועט, / מײַן טײַבעלע מײַן שוואַכס / און מיט אַ גאָלדן פֿעדעמל / צירעווען מײַן האַרץ /״...

דאָס איז דאָך די קלאַסישע פֿריילעכע מאַסקע, הינטער וועלכער ס׳קאָרטשעט זיך דער צעווייטיקטער פּאַיאַץ. דאָס איז די אַלטע שפּיל פֿון טראַגישער לצנות אין גאָר אַ נײַער קינסטלערישער קוואַליטעט, אין גאָר נײַע אומשטענדן פֿון ייִדיש־סאָוויעטישער ווירקלעכקייט! נישט אומזיסט טוט זיך אַ זאָג דער דיכטער, פֿאָרויס־פֿילנדיק דעם נאָענטן טויט: ״ווי לאַנג נאָך אויף דער וועלט, איז גלויב איך און האָף: דעם פּורים־שפּיל מײַנעם דערשפּילן ביז סוף״...

* * *

איך בין נאָענט באַפֿרײַנדעט געווען מיט דריזן; פֿריִער פֿון 1946 ביז מײַן אַרעסט — אָנהייב 1950. שפּעטער — סוף 1955, האָט ער דער ערשטער צווישן די ״ניט געזעסענע״ מיך באַגעגנט שוין אויף דער פֿרײַ — האַרציק און חבֿריש.

ער האָט זיך געטוליעט און געזוכט וואַרעמקייט אין אונדזער קליינער ייִדישער משפּחה. ער האָט דאַן אַפֿילו געווידמעט איינעם פֿון זײַנע שענסטע לידער־ציקלען מײַן קליינינק זונדעלע א״ב ״בערעלען״.

ווייס איך, קאָן איך עדות זאָגן, אַז שוין דאַן איז ער געווען אַ צעפּייניקטער, אַ צעבראָכענער ייִד, וועמען ס׳האָט אָן אויפֿהער געמאַטערט דאָס געוויסן (צום אונ־טערשייד פֿון אייניקע פּשוט ציניקער, וועמען ס׳האָט קיינמאָל, גאָרניט נישט געקימערט).

שיקע דריז, דעם ייִדישן דיכטער, האָט מען אין 1950 יאָר אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי, כּלומרשט פֿאַר נישט צאָלן קיין מיטגלידס־אָפּצאָל...

מיט שיקע דריזן זענען מיר זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, ווייל ער איז צו פֿיל אָוועק אין שפּאַן פֿון ״סאָוועטיש היימלאַנד״, אָבער קיין פּאַרטיי־מיטגליד איז ער, ווייס איך, קיינמאָל צוריק נישט געוואָרן!

דאָך איז ער שוין צו יענער צײַט באַרימט און באַליבט געווען צווישן רוסישע

פּאָעטן, און בעיקר בײַם רוסישן לייענער אַ דאַנק די מילאָניקע טיראַזשן, איבער־זעצטע אין רוסיש ביכלעך מיט זײַנע פֿאָלקסטימלעך־שפּילעוודיקע קינדער־לידער און פֿריילעך־טרויעריקלעכע שפּאַס־לידעלעך...

ערשט נאָכן טויט האָט מען אים אײַליק צוריק אַרײַנגענומען אין די רייען פֿון דער "רומפּולער" פּאַרטיי, כּדי אים מקבר זײַן ווי "אַ טרײַען מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", ווי ס'איז געשריבן געוואָרן אין טרויער־קאָמוניקאַט פֿון סאָוועטישן שרײַבער־פֿאַראיין.

יאָ, אַפֿילו נאָכן טויט האָט מען געשפּילט מיט שיקע דריזן זײַן טראַגישע "פּורים־שפּיל"...

ס'איז געווען אַוודאי אַ וואָך צײַט פֿאַר אונדזער אַפּפֿאָרן קיין ישׂראל. מיר זענען מיט מײַן פֿרוי געקומען אין גרויסן זאַל פֿון שרײַבער־פֿאַראיין אויף וואָראָווסקי 51, כּדי אָרויסבאַגלייטן אונדזער אַמאָליקן פֿרײַנט און באַליבטן דיכטער...

און דאָס האַרץ ווערט ביז הײַנט צעריסן פֿון וויי, ווען מיר דערמאָנען זיך די פּאָמפּעזע פּאַרטיי־"פּאַניכידאַ"... און כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער נפֿטר האָט ביטער אָרויסגעשמייכלט פֿון זײַן אָרון אַרויס...

יענער ביטערער שמייכל באַגלייט מיך אויך אַצינד, בעתן פֿאַרעפֿנטלעכן אויפֿסנײַ מײַן אַרבעט וועגן שיקע דריזן געדרוקט אין די וואַרשעווער "יידישע שריפֿטן" אין יאָר 1958.

ירושלים 1991.

אַ וואָרט וועגן שיקע דריז

(30 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט)

1.

ס׳טרעפֿן זיך אַזעלכע גוטע־פֿרײַנד (און אַפֿילו צווישן שרײַבער!) וועלכע גיבן ״גוטברודערישע״ עצות:

— איר באַהערשט דאָך זייער גוט די רוסישע שפּראַך, למאי זאָלט איר זיך נישט פּרוּוון שרײַבן רוסיש? — ס׳איז דאָך נישט מער ווי... פֿאָרם!

זיי מיינען — נאַציאָנאַלע פֿאָרם איז ווי אַ העמדל, וואָס מע קען עס אויסטאָן און אַרויפֿציִען אַ פֿרישס! ס׳איז נישט קיין העמדל, ס׳איז די הויט. די הויט, אין וועלכער דער דיכטער ווערט געבוירן און גייט פֿאַרלוירן. הויט איז טאַקע נישט קיין האַרץ און נישט קיין בלוט, פּשוט — הויט! נאָר גיי פּרוּוו אַראָפּשינדן פֿון זיך די הויט!...

אָט אין אַזאַ ״הויט״ איז געבוירן געוואָרן דער דיכטער שיקע דריז... בכלל איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן פֿאָרם פֿון אינהאַלט, בפֿרט בײַ אַזאַ אייגנאַרטיקן און אינטערעסאַנטן דיכטער ווי דריז.

אין וואָס־זשע באַשטייט די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט פֿון זײַן דיכטונג? נישט אין דער טעמאַטיק, כאָטש ייִדישע טעמאַטיק פֿעלט נישט אויס בײַ דריזן. מיר האָבן שוין געזען אַזעלכע ייִדישע דיכטער, וואָס נוצן דווקא ייִדישע טעמאַטיק און באַטיטלען עס דווקא מיט אונטערקעפּלעך: ״נאַציאָ־נאַלע עפּאָפּייע״, ״פֿאָלקסטימלעכע באַלאַדע״ און כּדומה. נאָר עליזא אָזשעשקאָוואַ האָט אין איר צײַט פֿיל טיפֿער באַשריבן דאָס ייִדישע לעבן און אָן שום אונטערקעפּלעך, פֿאַרבלײַבנדיק דערבײַ אַ... פּוילישע שרײַבערין.

אפֿשר שטעקט דריזס אייגנאַרטיקייט אין זײַן שפּראַך? אויך נישט אינגאַנצן, כאָטש ס׳איז פּשוט אוממעגלעך פֿאַרמינערן אויף וויפֿל נישט איז דאָס געשמאַקע, פּלעבייאיש־פּולבלוטיקע, בונטע און וואָגיקע מאַמע־לשון

פֿון דריזן. זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט באַשטייט קודם-כּל אינעם **אופֿן פֿונעם זאָגן, אינעם נוסח פֿונעם זינגען.**

ס׳דערמאָנט זיך מיר איינס פֿון זײַנע ווונדערלעכע קינדער-מעשׂהלעך ״אַ גוטע עצה״: אַ געדיכטער וואַלד, ווי געוויינלעך אין אַ מעשׂה, פֿאַר-שידענע חיות — בערן, פֿוקסן, נאָר אין די דאָזיקע וואַלד-חיות דערקענט איר מענטשלעכע כאַראַקטערן, תּנועות, העוויות און סע שאָקירט אײַך נישט, ווען איר דערזעט אין זיי פּלוצעם די אַלט-באַקאַנטע בעלעמער חכמים. סע שאָקירט נישט, ווײַל איר דערזעט זיי אין גאָר אַ נײַער שײַן און איר לאַכט און האָט פֿאַרגעניגן גלײַך מע וואָלט אײַך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערציילט די בעלמער געשיכטעס.

און פֿאַרשטייט זיך, אַז דער וואַלד און די בעלי-חיים זענען נישט ״פֿאַרייִדישט״. פּראָסט און פּשוט — זיי זענען ייִדיש, ווײַל אַנדערש קענען זיי נישט אַרויסקומען פֿון אונטער דער פּען בײַ דעם ייִדישן קינסטלער. פּונקט ווי בײַ דעם גרויסן רוסישן קינדער-שרײַבער קאָרניי טשוקאָווסקי שמעקט אַפֿילו זײַן ״ווײַטע אַפֿריקע״ און די באַרימטע ״לימפּאָפּאָ״ מיט רוסישער פֿאָלקס-מעשׂה.

דריז באַדאַרף נישט קיין שום ״אָנשטעלן״. ער איז לויט זײַן נאַטור פֿאָלקיש. אַנדערש רעדן, זאָגן, זינגען איז ער נישט בכּוח.

נישט לאַנג איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען אַ ליד פֿון איינעם אַ פּאָעט, אין וועלכן ס׳זענען פֿאַראַן אַלע אַטריבוטן פֿון אַ שיין פֿאָלקס-מעשׂהלע חוצן וויכטיקסטן — דער ״צוליב וואָס״. דער בפֿירוש-באַגאַבטער דיכטער האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון די אויסערלעכע ״פֿאָלקסטימלעכע שיינקייטן״, פֿאַרגעסנדיק דערבײַ, אַז יעדעס פֿאָלקס-מעשׂהלע, ווען עס דערציילט זיך אַפֿילו ״סתּם״, איז דאָס אויך מיט אַ בכּיוון.

פֿאָלקס-חכמה צילט און טרעפֿט שטענדיק אין ״סאַמע פּינטל״.

אָט די מעלה פֿון טרעפֿן שטענדיק ״אין פּינטל״ איז איינע פֿון די שטאַרקסטע מעלות אין דער דיכטונג פֿון שיקע דריז. און כּמעט אין זײַן יעדן ליד שמייכלט אַרויס דאָס עכט-ייִדישע ״נישט דאָס בין איך אויסן״ — אַ קינסטלערישע טראַדיציע, וועמענס וואָרצלען כ׳בין געניגט צו זוכן אין די גאָר אַלטע צײַטן, נאָך ביז צו מענדעלען.

מײַן זיידע פֿלעגט זאָגן:
״צו דער ביטערקייט פֿון כריין,

צו דער ביטערקייט פֿון ציבל,
קען דען עמעץ האָבן אַ פֿאַריבל ?
אָן אַ ביסל כריין בײַם טיש
איז דער שלײַען דען אַ פֿיש ?
אַ פעטשעריצע, אַ ווייסער-וואָס, —
אַ פּאָלימיסעק מיט גראָז — — —
— — — — — — — — — — —
נאָר אָט די ביטערקייט
פֿון מײַן פֿאַרדראָס, —
ווען איך ווייס ניט פֿאַר ווען,
און איך ווייס ניט פֿאַרוואָס,
מע האָלט אין איין שפּײַען
מיר שטענדיק אין פּנים,
ווינטש איך פֿאַרזוכן נאָר מײַנע שׂונאים״

(״מײַן זיידע פֿלעגט זאָגן״)

רײַך איז די קינסטלערישע פּאַליטרע פֿון דריזן. עלעמענטן פֿון משל-נמשל, מעשׂה און לעגענדע, ליריש-קאָמישער מאָנאָלאָג און דיאַלאָג, געזאַנג-ליד, באַלאַדע און עלעגיע. אָט די אַלע, ביז גאָר פֿאַרשידנאַרטיקע זשאַנרען פֿלעכטן זיך האַרמאָניש איבער אין זײַן דיכטונג. אַ מאָל איז אַפֿילו שווער צו זאָגן, צו וועלכן זשאַנער געהער דאָס אָדער יענץ ליד : אפֿשר צו אַלע און אפֿשר נישט צו איינעם פֿון די אויבן-אויסגערעכנטע. איינס איז אָבער קלאָר : דאָס איז נאָר זײַן כּתבֿ, זײַן שטים, זײַן נוסח. דריזן איז כּמעט אוממעגלעך ציטירן שורותווייז און אַפֿילו גאַנצע סטראָפֿן, ווײַל עס ברעכט זיך דער סוזשעט, און אויסער סוזשעט בלײַבט זײַן פּאָעזיע ווי מיט אָפּ-געהאַקטע פֿליגל. און דאָס איז ביז גאָר באַלערעוודיק, ווײַל דער עיקר איז דאָך פֿאָרט נישט דער סוזשעט, דער עיקר איז דאָך שטענדיק דער ״צוליב וואָס״ און דאָס באַשטעטיקט נאָכאַמאָל דעם שוין-אַרויסגעזאָגטן געדאַנק וועגן דעם, אַז בײַם עכטן דיכטער זענען פֿאָרם און אינהאַלט אָרגאַניש געקניפּט און געבונדן.

אָט פּרוווט, אַדרבא, ציטירט סטראָפֿנווײַז, אַזאַ ליד ווי ״דער באַנדער״ :

ווען איר זאָגט מיר צו אַ האַלבע וועלט,
אַ באַרג מיט גאָלד, אַ שטוב מיט געלט,

כ׳זאָל נעמען און וואַרפֿן מײַן באַנדערײַ —
נעם איך ניט, כ׳לעבן, ס׳איז ניט כּדאַי!

שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אינמיטן דרינען
ווערן די באַנדערס אינגאַנצן אַנטרינען,
מע קריגט ניט קיין פֿעסל פֿאַר טויזנטער רענדלער.
קומט אויסעט צו זײַערן קרויט אין די פֿענדלער,
און ווו וואָלט איר האַלטן אַ געזאַלצענעם פֿיש?
אַ געזײַערטן עפּל, אַ כּוסה צום טיש?
ניין, וויפֿל איר ווילט אײַך, מאַכט חוזק און קוועלט —
די וועלט אָן אַ קלעפּקע, איז פֿאַרט נישט קיין וועלט!

דאָ איז ווירקלעך, ווי די רוסן זאָגן: „נישט אַרויסצוּוואַרפֿן קיין וואָרט פֿון דעם ליד״.

און לסוף — נאָך אַן אינטערעסאַנטער שטריך: ווען מיר קוקן זיך צו, דערזעען מיר, אַז דריז נוצט זעלטן אַ דערפֿינדערישן, אַ נײַ-געפֿונענעם גראַם. בײַ אַנדערע פּאָעטן וואָלטן מיך געקימערט אַזעלכע „באַנאַלע״, „בדחנישע״ גראַמען ווי „וועלט — געלט״, „פֿענדל — רענדל״, „פֿיש — טיש״ אאַ״וו. בײַ דריזן קימערט עס נישט, פּונקט ווי עס גרילצט נישט אין אויער דער „פּרימיטיווער״ גראַם פֿונעם פֿאָלקס-ליד. די דאָזיקע גראַמען צעקלינגען זיך פּלוצעם פֿרישער פֿון אַלע אַסאָנאַנסן, ווײַל זיי טראָגן אין זיך תּמימותדיקן חן פֿון פֿאָלקס-דיכטונג, פֿון פֿאָלקס-חכמה.

כ׳קען בלויז נאָך איין דיכטער, בײַ וועמען ס׳איז נישט צו מערקן, אַז דער גראַם איז „פּרימיטיוו״ און „באַנאַל״ — דאָס איז דער גרויסער משה-לייב האַלפּערן.

2.

אין יאָר 1930 האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע ביכעלע פֿונעם דיכטער, אונטער דער רעדאַקציע פֿון לייב קוויטקאָ „ליטעריקע וואָר״ (קיִעוו, אוקרנאַצ-מינדפֿאַרלאַג).

ער איז געקומען אין דער סאָוועטיש-ייִדישער דיכטונג בעת דער שווערער און ראָמאַנטיש-באַגייסטערטער עפּאָכע פֿון די ערשטע פֿינפֿיאָרן. מאַרקיש האָט דאַן אויסגעשטורעמט זײַנע עפּישע ליִוונטן „נישט געדאַגהט״

און שפּעטער "אויפגאַנג אויפֿן דניעפּר". ס'באַווײַזן זיך כאַריקס "קײַלעכדיקע וואָכן", פּעפּערס "פּלאַסטן", אין וועלכע ס'ווערן אָפּגעשפּיגלט די "סאָציאַליסטישע בויונג פֿון לאַנד אין באַדינגונגען פֿון פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסן-קאַמף", ווי אויך דער "ווײ און מוט" (האַלקין), בעת דער "איבערגע-שטאַלטיקונג פֿונעם געוועזענעם תּחום און פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג".

נאַטירלעך, אַז אין דעם דאָזיקן מעכטיקן כאָר פֿון רײַפֿע דיכטער, איז אײַנגעשלונגען געוואָרן דאָס דינע קעלכל פֿונעם אָנפֿאַנגער. פֿאַרשידענע דיכטערישע השפּעות קרייצן זיך איבער אין זײַן "ליכטיקער וואָר". אָבער פֿון ליד צו ליד שפּירט זיך אַן עקשנותדיקער אינערלעכער גערעאַנגל פֿאַר זיך, אַלס דיכטער, פֿאַר אייגנאַרטיקייט. אויך די צווייטע לידער-זאַמלונג "שטאָלענער כּוח" אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון עזרא פֿינינבערג (קיִעוו 1940) איז נאָך פֿול מיט גערעאַנגל און זוכענישן. נאָר אָט שלאָגט זיך דורך אַ שטראָם הייסע, שטיל-פֿלאַטערנדיקע שורהלעך, אין וועלכע מע קען געפֿינען אַ געוויסע קרובֿהשאַפֿט צום הײַנטיקן דריז. דאָס זענען די לידער, ווו ער באַזינגט האַרציק דאָס לעבן און די העלדישע דינסט פֿון די סאָוועטישע גרענעצלער. אינגאַנצן נײַ און איבערראַשנדיק פֿאַר יענער צײַט איז די אינטימקייט, מיט וועלכער דריז באַרירט די דאָזיקע טעמע:

די הויכע בערג
אין ווײַסן שוים,
ווי עמעץ האָלט זיי
אויף אַ צוים
און אונטער בערג
אין טיפֿן טאָל,
אַן איינזאַם דאָרף —
אַ קנײַלכל וואָל . . .
ס'שלאָפֿט מײַן ערד,
פֿאַרוויגט פֿון ווינט,
ווי מײַנס אַן אייגן
האַרציק קינד.
און ס'דוכט זיך אויס
אויף מײַנע הענט

איך ניאַנטשע מיר
מײַן שיינע וועלט.
איך קוק אין אירע
קוואַלן טיף
און לייען מײַן לעבן
ווי אַ בריוו...

("רײַטנדיק אויפֿן פֿערד")

האַרט פֿאַר דער מלחמה האָט דער מאָסקווער "עמעס"-פֿאַרלאַג באַדאַרפֿט אַרויסגעבן אַ גרויס בוך קינדער-לידער פֿון שיקע דריז. דאָס בוך איז שוין אָפּגעדרוקט געווען אין אַ לוואָווער דרוקערײַ און לידער, איז דער גאַנצער טיראַזש אַוועק מיט די מלחמה-פֿײַערן... גראָד אין דעם דאָזיקן בוך, פֿון וועלכן עס האָבן זיך, פֿון דעסטוועגן, פֿאַרהיט אַ סך לידער, אַנטפּלעקט זיך צום ערשטן מאָל די רײַפֿע, פֿולבלוטיקע אייגנאַרטיקייט פֿון זײַן דיכטונג. פֿאַרשווונדן איז אָן אַ שפּור די נישט-אייגנטימלעכע פֿאַר דריזן, פֿינינבערגישע פּאַטעטיק, די באַזונדערע טענער, וועלכע דערמאָנען אַ מאָל כאַריקן און אַ מאָל האָפּשטיינען. פֿאַרבליבן איז אפֿשר בלויז ווי אַ ווײַטער שאָטן די גוטע בענטשנדיקע האַנט פֿון לייב קוויטקאָ.

כ'האָב אַזאַ שפּאַקטיוול
מיט אַלערליי מין גלאָז,
וויל איך — ווערט די סטעליע
געל און גרין און ראָז.

מײַן זיידנס באָרד די ווײַסע,
קען ווערן ווידער שוואַרץ
און רויט ווי טינט אין פֿלעשל —
דער קאָטער מיט דער קאַץ.

ווילט איר גלויבט מיר,
ווילט איר — ניין.
ווילט איר — נאָט אײַך
און קוקט אַליין.

("מײַן שפּאַקטיוול")

אין זײַנע קינדער-לידער, פּונקט ווי אין די „דערוואַקסענע" נוויטיקט זיך נישט דער דיכטער אינעם „אָנשטעלן". ער לייענט נישט קיין נודנע נאָטאַציעס פֿאַרן קינד, אים איז אָבער אויך פֿרעמד אינפֿאַנטילישקייט, סיוסיוקעריי, פּשוט — ער קוקט אינעם וווּנדערלעכן „שפּאַקטיוול" מיט קינדערישע אויגן, וואָס באַדײַט אפֿשר דאָס זעלבע, וואָס דיכטערישע אויגן.

„... פֿיל-פֿיל זאַכן, דאַכט זיך, פּראָסטע, פֿון לאַנגאָן אײַך באַקאַנטע, פֿון לאַנג שוין געוויינלעך-געוואָרענע, וועט איר געפֿינען אין דריזס לידער... און אָט די אַלע זאַכן וועלן זיך פּלוצעם צעפֿינקלען פֿאַר אײַערע אויגן מיט נײַע און פֿרישע פֿאַרבן, זיי וועלן זיך אַ קער טאָן צו אײַך פֿון אַן אומדערוואַרטער זײַט און דערפֿרייען אײַך מיט יענעם ליכטיקן און קלאָרן זין, וואָס ליגט אַ מאָל פֿאַרבאָרגן אין פּשוטע זאַכן. נאָר איר וועט זיי נישט באַנעמען, אויב איר וועט באַטראַכטן דאָס לעבן נישט זייער אויפֿמערקזאַם און נישט דורכן צויבער-שפּאַקטיוול פֿון פּאָעזיע"... (לעוו קאַסיל *, „די זון אין אַ קנעפּעלע" — פֿאָרוואָרט צו שיקע דריזס בוך „דער פֿריילעכער בעקער" אין רוסישער איבערזעצונג פֿון ט. ספּענדיאַראָוואַ, מאָסקווע, „דיעטגיז", 1959 יאָר).

אויך די טעמאַטיק פֿון זײַנע קינדער-לידער איז ביז גאָר אַ פֿאַרשידנאַרטיקע. פֿון די עכטע פֿאָלקס-מעשׂהלעך „דער זיידע נפֿתּלי מיט זײַנע משלים" ביז דעם פּרעכטיקן ליד וועגן ספּוטניק („אַ נס"), פֿון די שפּילעוודיקע „ווער בין איך", „גענעראַל בולבול" און אַנד. ביז „ווי אַזוי איך האָב זיך געשלאָגן פֿאַר גליק" און „לערער" — קינדער-לידער, וועלכע טראָגן מיט זיך אַ גרויסע אידעישע אָנלאָדונג. אָבער די אַלע לידער פֿאַראייניקט איינע און די זעלבע קינסטלערישע קוואַליטעט — גרויסער חן, אוממיטלבאַרקייט פֿון געפֿיל, פֿאָלקסטימלעכער הומאָר און אמתע דערפֿינדערישקייט בײַם דערציילן דעם סיפּור-המעשׂה.

3.

שוין נישט קיין ייִנגעלע איז דער דיכטער. „שוין צעביטן — ווי מע זאָגט — דעם פּאָפּציקער". און דרײַסיק יאָר זינט ס'האָט זיך באַוויזן זײַן ערשטע לידער-זאַמלונג.

נישט קיין גרינגן לעבנס-וועג האָט ער דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט זײַן

* איינער פֿון די אָנגעזעענסטע רוסישע סאָוועטישע קינדער-שרײַבער.

דור און צוזאַמען מיט זײַן לאַנד און פֿאָלק. מע דאַרף זיך משער זײַן, אַז נישט צוליב ווילקלאַנג טוט זיך דריז אַ זאָג:

דער קאָפּ איז גרוי,
די אַקסלען מיד...

פֿאַר די דרײַסיק יאָר דיכטערישע שאַפֿונג איז אַן אַן ערך באַרײַכערט געוואָרן די אידעישע וועלט פֿון זײַן פּאָעזיע, פֿאַרשידנאַרטיקער געוואָרן די טעמאַטיק און שטאַרק איז געשטיגן די פּאָעטישע מײַסטערשאַפֿט זײַנע. אָבער פּונקט ווי בײַ די ערשטע לידער און, אַפֿילו נאָך מער אַצינד, הערט ער נישט אויף צו צווייפֿלען אין דער ווערטפֿולקייט פֿונעם אויסגעדיכטעטן. דריז מוז נישט נאָר "אויסקרענקען" אַ ליד, ער מוז עס אויך אויסמײַסטרע-ווען און ביז ער לאָזט אַרויס "אַ שטיקל אַרבעט" פֿון די הענט קאָן אַ מאָל חלשן די נשמה.

פֿון קינדווייז געבליבן אַ יתום, האָט דער דיכטער שווער געהאָרעוועט און זיך אַרײַנגעטאָן מיט לײַב-און-לעבן אין דער מי. אַ קאָטלער, אַ סטאָליער, אַ שטיינשניצער. די דאָזיקע מלאכות האָט ער אין זײַן צײַט פֿולקאָם באַ-הערשט און, ווי באַוווסט, פֿאָדערן די אַלע מלאכות פֿאַר-קענטעניש, געניטע און קלוגע הענט. פֿון דאַנען גייט אויך, ווײַזט אויס, זײַן פּאָעטישע מײַסטער-שאַפֿט און פֿון דאַנען — דאָס פֿאַרליבטע געזאַנג וועגן פֿאַרשידענע פֿאַכן און פֿאַכלײַט — וועגן שעפֿערישער מענטשלעכער מי.

אונדזער נחמה ליפֿשיץ זינגט אַ "וויג-ליד". שווער איבערצוגעבן די דערשיטערונג, וועלכע הערשט אינעם זאַל נאָכן אויסזינגען דאָס דאָזיקע "וויגליד". אַזוינס פֿאַרגעדענקט זיך אויף שטענדיק!... פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָבן זיך גליקלעך צוזאַמענגעטראָפֿן דרײַ מײַסטערס (די זינגערין — ליפֿשיץ, מוזיק — באָיאַרסקע און ווערטער פֿון שיקע דריז). אָבער איבער אַלץ און אַלעמען הערשט, פֿון דעסטוועגן, דער טעקסט:

וואָלט איך אויפֿגעהאָנגען
דאָס וויגל אויף אַ באַלקן,
געהוידעט און געהוידעט
מײַן ייִנגעלע מײַן יאַנקל,

איז די שטוב אַנטרונען
מיטן פֿלאַם און פֿײַער,

ווי-זשע זאָל איך הוידען
מיַין יִינגעלע, מיַין טיַיערס ?...
ליולינקע, ליו-ליו...
ליולינקע, ליו-ליו...

וואָלט איך אויפֿגעהאָנגען
דאָס וויגל אויף אַ בוימל,
געהוידעט און געהוידעט
מיַין יִינגעלע, מיַין שלמהל,

איז מיר נישט פֿאַרבליבן
קיין פֿאָדעם פֿון קיין ציך,
איז מיר נישט פֿאַרבליבן
קיין בענדל פֿון קיין שיך...
ליולינקע, ליו-ליו...
ליולינקע, ליו-ליו...

וואָלט איך אָפּגעשוירן
די צעפּ מיַינע די לאַנגע,
און אויף זיי דאָס וויגל,
דאָס וויגל אויפֿגעהאָנגען...

ווייס איך נישט וווּ זוכט מען
די ביינדעלעך אַצינדער,
די ביינדעלעך די טיַיערע
פֿוןביידע מיַינע קינדער...
ליולינקע, ליו-ליו...
ליולינקע, ליו-ליו...

העלפֿט מיר, מאַמעס,
העלפֿט מיר
אויסקלאָגן מיַין ניגון,
העלפֿט מיר, מאַמעס,

העלפּט מיר
דעם באַבי-יאַר
פֿאַרוויגן!...
ליולינקע, ליו-ליו...
ליולינקע, ליו-ליו...

מיר דוכט, אַז קיינער פֿון אונדז האָט אַזוי שטאַרק נישט אויסגעדריקט אונדזער גרויסן פֿאָלקס-אומגליק בעת דער דײַטשיש-פֿאַשיסטישער ממשלה. דאָס דאָזיקע טראַגישע וויגליד אַגיטירט מער קעגן מלחמה ווי אַ סך אַנדערע דעקלאַראַטיווע "מונטערע" געזאַנגען.

דאָס וויגליד פֿון שיקע דריז — דאָס איז דערווײַל דער איינציקער ווירדיקער דענקמאָל אויפֿן מוראדיקן ברודער-קבֿר פֿון די קדושים פֿון באַבי-יאַר.

דוד האָפֿשטיין האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ פּשוט וואָרט לעבט איבער אַפֿילו אַ געטעסעטן שטיין.

ס'ליגט אין די דאָזיקע ווערטער אַ גרויסע טרייסט פֿאַר אונדז אַלעמען און אַ גרויסער לויב דעם דיכטער שיקע דריז.

זיאַמע טעלעסין

טעלעסין, אַט דער קרעפּטיקער דיכטער, אין וועלכן ס׳ראַנגלען זיך, צוזאַמענגעפּלאָכטן ווי וואָרצלען אין די באָדן־טיפֿענישן פֿון אַ ווײַסרוסישן באָר — צוויי סטיכייעס: עפּישער פּאַרמעסט און מילדער ליריזם, באַשפּרענקלט מיט שמייכלענדיקע חן־פֿינטעלעך פֿון שטייגערישן הומאָר; זיאַמע טעלעסין איז אין ישׂראל באַדאַכט און נישט צו־פֿיל אײַלעוודיק. נאָך זײַן ״געוויין פֿון זכּרון״ און ״קמץ אַלף — אָ״ איז דערשינען זײַן לידער־זאַמלונג ״דער וועג פֿון פֿויגל״ (פֿאַרלאַג ״י. ל. פּרץ״, תּל־אָביב, 1988).

ניין, ס׳האָט זיך נישט אײַנגעשטילט דאָס געוויין פֿון זכּרון: אויך אין די לעצטע זאַמלונגען שפּירט זיך עס ערגעץ ווו. אָבער דאָס געמיט פֿון די לעצטע צוויי זאַמלונגען, די פּאָעטישע אַטמאָספֿער איז טיף־סימבאָליש נישט נאָר פֿאַר זיאַמעס שווערער דיכטער־עליה, נאָר אויך פֿאַר דער אויפֿסנײַ־געבוירענער שעפֿערישקייט פֿון דער גאַנצער גרופּע דיכטער, געקומענע פֿון רוסלאַנד. ווי נאָך אַ פֿראָסטיקער, פֿינצטערער נאַכט האָט זיך פֿאַר די פֿאַרוויינטע אויגן בראשיתדיק אַנטפּלעקט אַ נײַע, אַ שפּאָגל פֿרישעווירקלעכקייט, ווו פֿיל, זייער פֿיל בלײַבט נאָך אַלץ אומפֿאַרשטענדלעך און פֿאַרהוילן פֿאַר אונדז, כאָטש... אַזוי היימיש, אַזוי היימיש!... און כּדי עס אָנצוטאַפּן, דערשפּירן מיט גאָר דײַן האַרץ, קערן מיר זיך אויפֿסנײַ צו דער מאַמעס ניגון, צו דעם טאַטנס תּפֿילה, צו די פֿריפֿאַרשניטענע קינדעריאָרן — צום סאַמע קמץ־אַלף — אָ:

לערנט זשע, אייניקלעך, ניט צו פֿאַרזאַמען,
אַ קאַפּעלע שפּעטלעך די שעה...
איז גוט לאָמיר זאָגן אַלע צוזאַמען:
קמץ־אַלף — אָ!
— — — — — — — —

* * *

אין אַ קלאָר־פֿליסנדיק טײַכל זעט מען די טיף און צי ס׳געפֿינט זיך עפּעס אין אָט דער קלאָרער טיפֿקייט. אין מוטנע וואַסערן זעט מען גאָרנישט, כאָטש

ס׳איז אפשר באקוועמער צו ״כאפן פיש״ פאר פארשידענע ליטעראטור־גריבלער און ״אויסטײטשער״.

זיאמע טעלעסינס דיכטונג איז קלאר און מײנסטנס טיף און אין דער טיפקײט איז צו זען, ממש ביז צום סאמע דעק, יעדעס פײן אויסגעשליפן דימענט־שטײנדעלע פון אונדזער ייִדיש־סלאווישן שפראך־אוצר.

טעלעסין איז בטבע א שטיק שווײַגער. א רענדל — א ווארט, ניט ווי בײַ אן אנדער פאליעסער — א פראזאיִקער, וואס איז בארעדעווודיק און מעלאדראמאטיש ביז צו חלשות. ער, דער דיכטער, וואס שפירט מיט זײַן גאנצן וועזן דעם ״וועג פונעם פויגל״, דער דיכטער, בײַ וועמען אויך די ווארצלען זײַנע זענען באפליגלט. ער, טעלעסין, איז אבער אויך, ווי די ווײניקסטע פון אונדז, ערדיש און שטאמיק אין זײַן ליריש־עפישער סטיכיִע. זײַן ווארט און בילד איז זאפטיק, וואגיק און קאנקרעט, ווי וואגיק און קאנקרעט ס׳איז די געאגראפישע מאפע פון זײַן שלאכטוועג ביז צו זײַן וועג קײן ארץ־ישראל.

צווישן די בעסטע ייִדישע שרײַבער, וואס האבן געהאט די זכיה זיך דורכצו־ברעכן א הײם פון סאוועטן־פארבאנד, האט טעלעסין אויף זײַן אופן געשטארקט זײַנע פליגל און פארטיפט זײַנע פאעטישע ווארצלען אין שטײניקן און דורותדיק־אויסגעבענקטן באדן פון אונדזער מדינת ישראל.

דאס איז אײגנטלעך מײַן איצטיקער ארײַנפיר צו אן ארבעט, װעלכע ס׳איז געדרוקט געווען אין די ווארשעווער ״ייִדישע שריפטן״ צוריק מיט 24 יאר. די ארבעט איז געקירצט און הײסט:

זיאַמע טעלעסין און זײַן דיכטונג

אַנטפּלעקונג

„אַ באַרג אַרויף דאַרף שטענדיק זײַן דײַן לעבן,
אַפֿילו ווען דו גייסט שוין באַרג אַראָפּ...״

(ז. טעלעסין „באַרג אַרויף״)

פּאַמעלעך, טראָט-בײַ-טראָט, שווער און האַרטנעקיק, האָט זיאַמע טעלעסין אויסגעטראָטן זײַן אייגענעם באַרג אַרויף. אויפֿן וועג האָבן געקאָנט זײַן און ס׳וועלן נאָך זיכער זײַן „שטיינער מאָביקע״ און „קאַרטשעס קנאָביקע״, באַרג-תּהומען און „בייזע זאַווייען״, אָבער איינס איז קלאָר: אָט דער פֿאַרעקשנטער ליטוואַק, אָט דער פּאָלישטשוק, וועט שוין פֿון אייגענעם וועג באַרג אַרויף נישט אָפּקערן...

— קיין טראָט אויף צוריק און פֿאָרויס! — אַזוי האָט נישט איינמאָל אויסגערופֿן דער לייטענאַנט טעלעסין, פֿאַרגעסנדיק אויף אַ צײַט דעם פּלאַנשעט פֿון אַ פֿראָנט-קאָרעספּאָנדענט, בעת ער האָט פֿאַרביטן דעם געפֿאַלענעם אין שלאַכט קאָמאַנדיר... און די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזט נאָך דעם אומבאַקאַנטן לייטענאַנט אויף לעבן און אויף טויט, אין סאַמע פֿײַער קעגן די פֿאַשיסטישע רוצחים.

צום ערשטן מאָל איז דאָס געשען ערגעץ הינטער וויאַזמע...

וויפֿל מאָל האָט ער צוזאַמען מיט די שלאַכט-באַלוינונגען אויך אַרײַנגעכאַפּט יענעם פּסק פֿון זײַן שעף-רעדאַקטאָר „ער זאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז ער איז נישט מער ווי אַ קאָרעספּאָנדענט, ער זאָל זיך נישט מישן אין נישט זײַנע ענינים!״... ער האָט צוגעזאָגט, און... פֿון דעסטוועגן האָבן עטלעכע עפּיזאָדן זיך איבערגעחזרט בײַם אָפּטרעטן פֿון אוקראַיִנע צי אין דער באַרימטער באַטאַליע בײַם קורסקער בויגן, צי דאָן, ווען ער ראַטעוועט פֿון אומקום די לעצטע 17 ייִדן פֿון סאַנדאָמיר. טעלעסינען איז באַשערט געווען צוזאַמען מיט זײַן אַרמיי-טייל פֿאַרסירן דאָס וואָלינער טײַכל סמיר. דאָרט,

ווי אין 1919 איז אַמאָל געפֿאַלן אין שלאַכט אשר שוואַרצמאַן, ס׳איז אים באַשערט געווען באַפֿרײַען מענדעלעס קאַפּוליע און באַזונדערס האָט זײַן מלחמה-מזל אים ״צוגעשפּילט״, ווי ער דערציילט איז זײַנע נאָטיצן ״עטוואָס ביאָגראַפֿיע״:

...״עס דאַרף זיך אַזוי מאַכן, אַז די 81-טע אינפֿאַנטעריע-דיוויזיע גייט אַוועק אויף האַמליע, פֿון דאָרטן — אויף קאַלינקאָוויטש, מײַן געבורטס-שטעטל! דער ערשטער, מיט די אויסשפּירער, רײַס איך זיך אַרײַן אין מײַן היים. דער ״דובניאַק״ — אַ גרויסע לאַנקע פֿאַרן שטעטל — איז אויסגע-שפּרייט מיט הרוגים — דײַטשן, אונדזערע... בוכשטעבלעך איבער טויטע קערפּערס לויף איך מיטן אָנגעצילטן אויטאָמאַט און שרײַ! אַלץ אַרום ברענט... און מײַן דיוויזיע באַקומט דעם נאָמען — ״81-טע קאַלינקאָ-וויטשער״... און אויף דודיטשער שליאַך אין אַ קאַנאַווע, לעבן אייזנבאַן-ליניע, ליגט פֿאַרשאָטן דאָס גאַנצע שטעטל מײַנס. מײַנע פֿעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, די בעלי-מלאכות, וואָס זענען מיר אַזוי נאָענט צום האַרצן... אויסצוויינען זיך איז קיין צײַט נישט געווען, מע וואַרפֿט אונדז אַריבער אויפֿן דריטן אוקראַינישן פֿראָנט...״

קאָן מען די מלחמה דען פֿאַרגעסן? —
ס׳האָט די ערד מיט פֿײַער זיך געשטיקט!
זיאָמע איז געווען מיט מיר, טעלעסין,
כ׳זע ווי ס׳פֿלאַמט אַ דאָרשטיקער זײַן בליק..

פֿעלד — פֿאַראַקערט, שלאַכט — שוין אָפּגעפֿלאַקערט,
נאָר ס׳קלאַפּט אַלץ אין הערצער נאָך דאָס אַש...
מיטן רוס, פֿאַר שלום — אין אַטאַקע
האַנט-בײַ-האַנט — אַ ייִד און אַ טשוואַש.

אַזוי האָט געשריבן אין זײַנס אַ ליד טעלעסינס פֿראָנט-חבר, דער באַוווסטער פֿאָלקס-זינגער פֿון טשוואַשיע פּעדער כוזאַנגאַי (״ליטעראַטור-נאַיאַ ראָסיאַ״, 5 אַפּריל 1963 י.).

דיכטער — שלאַכטלײַט פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה! צווישן די געפֿאַלענע אין שלאַכט סאָוועטישע שרײַבער וועלן מיר מיט פּיין און שטאָלץ נישט אויפֿהערן דערמאָנען צוויי און צוואָנציק ייִדישע דיכ-טער... אומגעקערט האָבן זיך ״פֿון סאַמע פֿײַער״ פֿיל וויניקער... גע-

האַרטעוועט אין איינעם און דעם זעלבן הייליקן מלחמה-פּלאַם, זענען זיי דאָך געקומען יעדערער מיט זײַן אייגענעם גאַנג, זאַג, ניגון.

טעלעסין איז געקומען פֿון דער מלחמה ווי אַ זיגער, מיט אַלע זײַנע קוים פֿאַרהיילטע ווונדן און בלוטיק-פֿאַרדינטע רעגאַליעס, ער האָט אַראָפּ-געוואָרפֿן פֿון זיך דעם שינעל און... ס'האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט איינער פֿון די אָריגינעלסטע און אייגנאַרטיקסטע דיכטער פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער ליטעראַטור.

טעלעסינס יעדעס מלחמה-ליד איז אייגנטלעך אַ פּאָעטיש-דראַמאַטישע נאָוועלע, זי איז האַרב און קאָנקרעט, פּונקט ווי האַרב און קאָנקרעט ס'איז געווען די שרעקלעכע געפֿאַר, וועלכע האָט באַדראָט די גאָרע מענטשהייט, פּונקט ווי קאָנקרעט און האַרב ס'איז געווען די מלחמה-ווירקלעכקייט, דער זעלנערישער טאָג-טעגלעכער שטייגער אין שווערן מאַרש, אויפֿן קאַרגן „פּריוואַל" אין די נאַסע ליימיקע טראַנשייען, און לסוף — אין בלוטיקן געראַנגל.

די דראַמאַטישע האַנדלונג פֿון טעלעסינס מלחמה-ליד וויקלט זיך שטענדיק פֿאַנאַנדער אויף אַ קאָנקרעטן געאָגראַפֿישן סעקטאָר פֿון דער מיליטערישער מאַפּע.

אין פֿעלד בײַ וועליקי לוקי
מיר דאַרפֿן דעם וועג זיי פֿאַרשפּאַרן...

(„דאָס שטיקל צוקער")

ערגעץ אויף די פֿליינען די וואָלינער,
ווו כ'בין געפֿאַלן אַ געפּלעפּטער פֿון אַ מינע...

(„ווען ניט דער טאָטער")

די שטיינער פֿון וואַפּנע אין ראַדולער טאָלן
מיר האָבן מיט שטיוול סאָלדאַטסקע צעמאָלן...

(„ווען ניט דער טאָטער")

עס שווימט מיטן וואַסער אַ מת
פֿון מאָזיר — אַראָפּ צו סעליבע...

(„אויב כ'וועל ניט ווערן דערהרגעט")

די נעמען פֿון אַ גאַנצער ריי לידער זענען אויך נעמען פֿון באַזונדערע אין שלאַכט דעראָבערטע פּונקטן, „באַזאָטלטע שליאַכן, פֿאָרסירטע טײַכן: „אויף די פֿעלדער די פּאָלטאַווער", „אויף דודיטשער שליאַך", „אויפֿן סטיר",

״אויף דער ווײַסל״ און אַנד. דאָרט אַפּילו, ווען קיין געאָגראַפֿישער נאָמען איז נישט דערמאָנט, איז אָבער אויך פֿאַראַן לאַנדשאַפֿט און רעליעף, קאַרגע, דאָך זאַפֿטיק-טרעפֿלעכע כאַראַקטער- און שטייגער-שטריכן פֿון אָט די ״באַפֿעלקערטע פּונקטן״.

מיר שטעלט זיך פֿאָר די סטראַטעגישע פֿראָנט-קאַרטע ערגעץ בײַ אַן אַרמיי-גענעראַל אין שטאַב, אויף דער קאַרטע רויטלען זיך די פֿענדלער, זיי צייכענען די געבראָכענע ליניע פֿון אונדזערע פּאָזיציעס און אָט... און אָט פֿאַלט דאָס דיקטערישע אויג פֿון אַ געוויינלעכן סאָלדאַט אויף איינעם פֿון די דאָזיקן פֿענדלעך.

פֿון די ליימיקע אָקאָפּעס / רוקן מיר אַרויס די קעפּ, / ס׳האָט דער רעגן לעצטע טראָפּנס / אינעם ברוסטווער אײַנגעקלעפּט.

מיר דערזעען ווי די דורכגענעצטע סאָלדאַטן צעשפּיליען זיך די קעלנער — דער רעגן האָט אויפֿגעהערט צו שמײַסן, און דער עיקר — סע זענען שטיל געוואָרן די האַרמאַטן (״שווימען אָפּ די וואָלקנס רויך, די פֿאַרזשמורעטע סאָלדאַטן קוקן אײַן זיך אין דער הויך...״) און דאָ — זעט גאָר — אַ רעגנבויגן מיט אַלע זײַנע ״שיינע זיבן פֿאַרבן״ און ״ס׳פֿאַר-בענקט זיך דעם זעלנער אַהיים״. ״אין די פֿאַרבן, אין די שיינע, יעדער האָט זיך זײַן קאָליר״... איינער געפֿינט זײַן קאָליר — די שײַנענדיקע בלײַקייט פֿון ״אירע אויגן״.

אַ בעריאָזקעלע אין גרינעם
פֿאַר אַ צווייטן מאָלט זיך אויס
און דער דריטער האָט אין זינען
דעם קאָליר פֿון זונענרויז.
זונענרויזן און בעריאָזעס!
כ׳בין ווי אַלע אַ סאָלדאַט
פֿאַרבן געלע, גרינע, ראָזע
בײַ מײַן שטוב האָב איך געהאַט.
נאָר דער רעגנבויגן-טויער
אויף אַ העלפֿט איז נאָך בײַ זיי...
דורכגענעצט אין קויט און גרויער
ליגן מיר אין דער טראַנשיי...

ווי פּראָסט זענען אָט די אדם-נאַקעטע שורות! דער אונטערטעקסט איז

דאָ אַנטבלויזט. ווי אַ וואָרצל-צווײַג, וועלכע סטאַרטשעט אַרויס פֿון דער לייִמיקער טראַנשיי-וואַנט. און דאָר, און טאַקע דערפֿאַר, מיין איך, דער-שיטערט זי דאָס ליד. דאָכט זיך אַזאַ געוויינלעכער קאָנטראַסט. אַ רעגנבויגן — דער אייביקער אידילישער סימבאָל פֿון שלום ושלווה, און די "דורכגע-נעצטע אין קויט אין גרויער" מלחמה-ווירקלעכקייט — און וואָס קען דען נאָך שטאַרקער און פּינקטלעכער אויסדריקן דאָס טראַגישע געמיט פֿון אויסגעבענקטע, אין תּוך — ציווילע מענטשן, אויסגעבענקטע נאָך ליבע, שיינקייט, היימישקייט, פֿרידן? ווי קען מען שטאַרקער באַווײַזן די העלדיש-קייט פֿון קריגסמאַן, וועלכער הייבט זיך אויף, ס'קען זײַן צום לעצטן מאָל, אין אָנגריף "פֿאַר דעם גאַנצן רעגנבויגן"?!

זיאַמע טעלעסין האָט נאָכן קריג אַרויסגעגעבן איין לידער-בוך אין ייִדיש — "אויף דער ליכטיקער וועלט" (מאָסקווע, מלוכה-פֿאַרלאַג "דער אמת", 1948) און צוויי — אין רוסישער איבערזעצונג: "לעבעדיקע וואָרצלען" (1957) און "נאָענט בײַם האַרצן" (1965, "סאָוויעטסקי פּיסאַ-טיעל"). סך הכּל קאַרגע דרײַ צענדליק שאַפֿונגען אין אָט די ביכער באַרירן דירעקט מלחמה-טעמאַטיק. און דאָך האָבן אָט די שאַפֿונגען ווי נאָך אַ לעצטן באָמבע-אויפֿרייס "ווען ס'צעגייען זיך די רויכן" — שאַרף אָנטפּלעקט פֿאַר אונדז די בלײַנדיקע צײַטיקייט פֿון צעצווײַגטן און פֿאַרוואָרצלטן עץ החיים — טעלעסינס דיכטונג.

דער שטאַם

פֿונוואַנען איך שטאַם? פֿון מײַן קינדהייט שטאַם איך...

(אַנטואַן דע סענט עקזופּערי, "קריגס-פּילאָט")

ס'איז צו דערקלערן פֿאַרוואָס אַ גרויסער טייל אונדזערע דיכטער פֿון די 20-30 יאָרן האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו דער אייגענער קינד-הייט. די מערהייט פֿון זיי איז אַרויס "פֿון קעלער-שטוב אויף דער זון". די קינדהייט איז געבונדן געווען מיטן אָרעמען שטעטעלע, דערדריקט, פֿאַר-שטויסן און פֿאַרחושכט פֿון סאָציאַלן אומרעכט און צאַרישן ווילקיר. ס'זענען נאָך אויך געלעגן אין טעם די בלוטיקע פּאָגראָמען פֿון פֿאַרשידענע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע באַנדעס. "מײַן קינדהייט, איך בענק נישט נאָך דיר, נאָך וואָס זאָל איך בענקען?..." האָט געמאָלדן קאָטליאַר, ער האָט זיי געיאָגט

פֿון זיך ווי אַ פֿיינפֿולן קאַשמאַר און פֿאַרט זיך נישט געקענט באַפֿרײַען פֿון זיי... בײַ אַנדערע איז דאָס פֿאַרגעקומען קאַטעגאָרישער — מע האָט זיך געפּרוּווט צוזאַמען מיטן "זיידנס מיטוואָך" בכלל אַרויסשלײַדערן אויפֿן מיסטקאַסטן פֿון דער געשיכטע די אייגענע קינדהייט. איך זאָג געפּרוּווט, ווײַל אַן עכטער דיכטער קען אַפּטאָן אַזאַ מין אומנאַטירלעך שטיקל אַרבעט בלויז דעקלאַראַטיוו; קינסטלערישע דערגרייכונגען אין אַזאַ געביט זענען, ווי מיר דאַכט — אויסגעשלאָסן. זאָגן דאַרף מען, אַז אונדזערע באַדײַטנדיקסטע, די גרונטלייגער פֿון דער סאָוועטיש-יידישער דיכטונג האָבן גראָד אַזעלכע "עקספּערימענטן" אויסגעמיטן, כאָטש אויך זייער קינדהייט האָט, לויט כאַריקן "קיינער אין זײַד נישט געוויקלט".

אָפּזאָגן זיך פֿון דער קינדהייט הייסט אָפּזאָגן זיך נישט בלויז פֿון פֿאַרגאַנגענעם, פֿון סבֿיבֿה, נאָר אויך פֿון שטאַם און פֿון דורות-באַפֿרוכפּערטן באָדן.

זיאַמע טעלעסין גייט, ניין — ער שטײַגט פֿון זײַן קינדהייט! דאָס שטימונגספֿולע עבֿט-טעלעסינישע ליד "צאַב-צאַבע", אין וועלכן ס'איז מיט אַזויפֿיל קינסטלערישן טאַקט, עמאָציאָנעל און דורכדרינגלעך געגעבן געוואָרן דער פּסיכאָלאָגישער פּאָרטרעט פֿון דעם פֿאַרדאַגהטן ווײַסרוסישן אָרעמפּויער, איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם דיכטערס באַציִונג צו דער קינדהייט. באַגלײַט פֿון דעם איינטאָניק-נאָגנדיקן רעפֿרען "צאַב-צאַבע" שווימט אַרויס פֿאַר אונדז דאָס בילד, ווי:

"אַ הילצערנעם וואָגן מיט מאָגערע סנאָפּעס / געשלעפּט האָט אַן אָקס און פֿאַרמאַטערט געסאָפּעט".

שווער סקריפּעט דער וואָגן, און אַ באָרוועס ייִנגעלע לויפֿט נאָך, כּדי אַרויסצופֿן אַ זאַנג פֿון די מאָגערע סנאָפּעס... מיר דערזעען דעם אַנטרײַבער אין אַ סאָלדאַטיש היטל, אין שיך אין יוכטאָווע, אין וועלכע ער איז, מסתּמא — באַמערקט דאָס דיכטער-קינד — געקומען ערשט נישט לאַנג פֿון מלחמה... "ער שלעפּט פֿאַר די הערנער פֿאַרעקשנט, פֿאַרמאַטערט דעם אָקסישן קאָפּ מיט דער טונקעלער לאַטע". דער פֿאַרביטערטער פּאָלישטשוק דערלאַנגט דעם ייִנגעלע אַ שטשאָב מיט דער בײַטש, אָבער דער דיכטער האָט נישט קיין פֿאַריבל.

ווער ווייסט צי פֿון שטשאָב, וואָס כ'האָב קינדווײַז באַקומען,
פֿון זאַנג, וואָס ביז בלוט האָט פֿאַרשטאָכן דעם גומען,

מײַן ליד איז געקומען,
מײַן פּיין און מײַן גאָב —
צאָב.

יאָ, אַ סך לידער זענען בײַ זיאַמען "אין פרײדן דערמאָנטע", ביז גאָר טרויערדיקע לידער ("די מאַמע פליקט פעדערן", "מיר קלײַבן איבער גרױפּן", "דער טאַטע", "חנוכּה" און אַנדערע). זיי זענען אָבער באַלויכטן מיט שמייכלענדיקער שײַן און חן פון דעם דיכטערישן כּישוף־רינגעלע — דער קינדהייט...

אייגנטלעך קען מען אַרויסלייענען טעלעסינס ביאָגראַפיע אין זײַן פּאָעזיע, נאָר עס לוינט זיך אָבער דערמאָנען עטלעכע, זאָל זײַן אַפילו גאַנץ טרוקענע ידיעות.

געבוירן אין 1907 אין שטעטעלע קאַלינקאָוויטש, וואָס אין דער ווײַס־רוסישער פּאָלעסיע. "זשאַמקע לייבע דעם בלעכערס" איז איינער פון די נײַן, וואָס די מאַמע שיפרה האָט געבראַכט "אויף דער ליכטיקער וועלט", און די וועלט איז געווען נישט גאָר ליכטיק. זיאַמע איז עלטער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויף גאַנצע צען יאָר! אַ ביסל געלערנט אין חדר און גאָר פרי אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן טאַטן בײַ בלעכערײַ — געדעקט דעכער און געפאַרבט קלויסטערס. זיאַמע איז געווען, קען מען זאָגן, אַ ייִנגערער ברודער פון איזי כאַריקס ראָמאַנטישן בלעכער־יונג פיניע. פון די "מינסקער בלאָטעס".

"האָט מינסק אָוועקגעשיקט אַ צוג מיט הייסע יונגען / האָט פיניע אויך צווישן זיי געברענט"...

אמת, זיאַמע איז, ווי געזאָגט, געווען צו יונג ער זאָל דאַן אָוועק צוזאַמען מיט יענעם צוג. און נאָך אַ זאַך — טעלעסינס בלעכער, שוסטער און שמידן זענען געוויס נישט אַזוי ראָמאַנטיש־צעזונגען ווי בײַ כאַריקן, דערפאַר אָבער באַשווערט מיט ביאָגראַפיש בלוט־און־פליש... טעלעסינס פּאָעזיע איז אַ ווײַטערדיקער עטאַפּ און אויך אַ פּאַרקערטע ריכטונג צו כאַריקס שעפערישן גאַנג.

כאַריק איז געגאַנגען פון געשטאַלטלעכער פּאַראַלגעמיינערונג צום אינדיווידואַליזירטן טיפּאַזש. טעלעסין גייט פון דער קאָנקרעטער לעבנס־דעטאַל צום פּאָעטישן סימבאָל פון דער שטייגער־געשיכטע און לעבעדיקן טיפּאַזש — צו דער קינסטלערישער פּאַראַלגעמיינערונג...

צו זיבעצן יאָר פֿאַרענדיקט טעלעסין די קאַלינקאָוויטשער מיטלשול. דאָן, אָנגערעגט פֿון באַריקס ערשטע לידער, האָט אויך זיאָמע זיך אַ נעם געטאָן צו דער פּען. מע האָט אָבער דערביַי געמוזט פֿאַרדינען אויף דער חיונה, און „אין דער ערד — זאָגט ער — איז בלעכעריַי געלעגן"... „עס זענען הונגעריק געווען די דערפֿער, אָן ברויט, אָן זאַלץ געזעסן איז דאָס שטעטל. צעראָבעוועט, דערשראָקן און צעבראָכן..." („געשלעג").

אין 1928 לאָזט זיך אַוועק אונדזער בלעכער־יונג קיין לענינגראַד, דערנאָך קיין מאָסקווע. אויך דאָ דעקט ער און פֿוגעוועט דעכער. איינציַיטיק באַזוכט ער דעם ליטעראַרישן קריַיז, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפֿירט דער באַקאַנטער ייִדישער שריַיבער בער אָרשאַנסקי. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם מאָסקווער מלוכה־אוניווערסיטעט, פֿאָרט ער אַוועק אויף באַשטענדיקער ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישער אַרבעט קיין מינסק...

אין מינסקער מלוכה־פֿאַרלאַג פֿון וויַיסרוסלאַנד איז אין 1939 דער־שינען אַ לידער־זאַמלונג „אויף אייגענער ערד". דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער דעביוט פֿון אונדזער דיכטער. לאָמיר פֿאַרצייכענען דאָס יאָר 1939. אין אייראָפּע האָט שוין געבושעוועט די מערדערישע אינוואַזיע פֿון דיַיטשישן פֿאַשיזם, דראָענדיקע כמאַרעס האָבן זיך אָנגערוקט אויך איבער דער אייגענער ערד. די ציַיט איז געווען אַ ביטערע און די געטין פֿון פּאָעזיע האָט, איידל גערעדט, נישט געשמייכלט צו אונדזער דיכטונג, באַזונדערס צו אַ יונגן ייִדישן דיכטער פֿון וויַיסרוסלאַנד. ווען טעלעסין איז געקומען מיט זיַין ערשט ביכעלע, האָט מען שוין נישט געטאָרט דערמאָנען אַפֿילו די אומפֿאַרגעסלעכע נעמען פֿון דעם וווּנדערלעך־צעזונגענעם ייִדיש־וויַיס־רוסישן טריאָ: קולבאַק — באַריק — אַקסעלראָד... עכטע רעוואָלוציאָ־נערע פֿאָלקס־טרובאַדורן, זענען זיי געשטעמפּלט געוואָרן אַלס „שׂונאים פֿון פֿאָלק"... ס'האָבן נאָך דאַן אַלץ נישט אויפֿגעהערט די אומגעזעצלעכע, פֿאַרעטערישע טעראָר־אַקטן קעגן ביידע „ברידערלעכע סאָציאַליסטישע קולטורן" — דער ווייסרוסישער און דער ייִדישער. אָבער די ייִדישע — ביַי וועמען עס זענען ליקווידירט געוואָרן אירע בעסטע, אָנגעזעענסטע פֿאַר־שטייער, די גרונטליינער אירע — זי איז געשטאַנען, קאָן מען זאָגן, אויפֿן ראַנד פֿון אומקום.

זיאָמע טעלעסין האָט אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט מיט זיַין דעביוט... דיכטער פֿון זיַין, אָדער כמעט פֿון זיַין עלטער האָבן שוין באַוויזן — ווער וויניקער, ווער מער — אָבער פֿאָרט באַוויזן צו געניסן פֿון זייער שעפֿע־

רישער פֿאַרטונע. רחל בוימוואַל, יאָסל קאָטליאַר, מענדל ליפֿשיץ און אַנדערע נעמען האָבן שוין גאַנץ דרייסט געקלונגען אין אַלגעמיינעם כאָר פֿון דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע. אינטערעסאַנט איז אַ קוק טאָן מיט היינטיקע אויגן אויף דעם פֿאַרשפּעטיקטן דעביוט פֿון זיאַמע טעלעסינען. שוין פֿון דעם ערשטן ליד, מיט וועלכן ס׳עפֿנט זיך "אויף מיין אייגענער ערד", טוט אויף אײַך אַ ווייע מיט פֿאַרבאָרגענעם אומרו פֿון יענער צײַט, ווען דער מענטש הייבט שוין אָן צווייפֿלען אין זיך אַליין.

"און אפֿשר דו ביסט גאָר אינגאַנצן נישט ווערט, / נישט ווערט, וואָס דיך טראָגט אַזאַ טייערע ערד?"

אויפֿן פּאָן פֿון אַ גאַנצער ריי דעקלאַראַטיווע און אויך נאַטור־ און שטימונגס־לידער ווארפֿן זיך אין די אויגן אַזעלכע, וואָס צייכענען שוין די ווײַטע קאָנטורן פֿון דעם דיכטערס קרעפֿטיקער אײַגנאַרטיקייט ("קינדער־יאָרן", "באַלאַדע פֿון סקריהאַלאָווער טראַקט"), אין דעם ליד "פֿאַרבײַ מיל" פֿילט זיך מעגלעך אַ געוויסע השפּעה פֿון משה קולבאַקן, דאָך עפֿנט עס, אָט דאָס ליד, אַ וועג פֿאַר די שפּעטער־קומענדיקע זאַפֿטיקע און געשמאַקע שטײַגער־פּאָרטרעטן, וועלכע געהערן אָן שום ספֿק נאָר צו טעלעסינס פּענדזל.

"פֿאַרבײַ מיל, פֿאַרבײַ ראָד, פֿאַרבײַ הרעבליע דורכן בראָד / גייט דער פֿעטער אַרטשע, גייט מײַן פֿעטער אַרטשע. / די שטיוואַליעס האַרט ווי לוב, / אַ שפּאַן — אַ גרוב, אַ שפּאַן — אַ גרוב. / ווי־זשע גייסטו, פֿעטער? גיי איבער די ברעטער, טו אויף רעכטס נאָר אַ שפּאַן, ס׳איז אַ קלאַדקע דאָרט פֿאַראַן. / — אייס איך מיר "אַ קלאַדקע"... / זי וועט אונטער מײַנע פֿיס/ זיך צעטרעשעטשען אויף געוויס. / איכ׳ל גיין אינמיטן, / איכ׳ל גיין אינמיטן..."

און אָט זענען זיי, די געבורט־ווייען פֿון טעלעסינס דיכטונג:

"אַלע בלאָווע אָזיערעס אַ זויבערקייט באַצירט / ס׳איז מײַן רויע זינגעוודיקייט אַלץ נישט געסטאַלירט... וועל איך אין דעם מאָך אָט דאָ אָוועקשטעלן זיך שווער / און ווי אַ בוים אַרײַנוואַקסן אין דער שוואַרצער ערד... און איבער אַלע אָזיערעס, ווו די בלאָוקייט רינט, / וועל איך זיך צעזינגען ווי אַ כוואַליע אויפֿן ווינט".

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך טועה געווען, אַז ער מוז ערשט "אַרײַנוואַקסן אין דער שוואַרצער ערד". נישט מער — ס׳האָט געדאַרפֿט קומען דער שרעקלעכער טאָג, ווען אויף מינסקער גאַסן זענען געפֿאַלן די ערשטע

פֿאַשיסטישע באַמבעס, און דער יונגער דיכטער איז אַוועק מיט דער אַפּ־טרעטנדיקער אַרמיי... מינסק האָט געפּלאַקערט, געברענט האָט זײַן היים, "זײַן" רעדאַקציע פֿון זשורנאַל "שטערן", "זײַן" טיפּאָגראַפֿיע, ווו ס׳איז געלעגן צום דרוק דאָס צווייטע ביכל זײַנס... ס׳האָבן שפּעטער געדאַרפֿט קומען די טראַגיש־העראָישע מלחמה־דערפֿאַרונגען, אַז ער, זיאַמע טע־לעסין, זאָל מיט זײַן הייסן באַוווסטזײַן און קלוגן דיכטער־האַרץ דערשפּירן ביז צום גרונט די אייגענע "טיפֿע וואָרצלען", כּדי זיך צעזינגען נישט "ווי קיין כוואַיע אויפֿן ווינט", נאָר אַזוי, ווי קיינער האָט ביז אים נישט געזונגען.

טיפֿע וואָרצלען

...די גאַנצע חכמה פֿונעם בוים
איז אין די וואָרצלען זײַנע...
("וואָרצלען")

ביימער און וואָרצלען! אפֿשר מיסברויכן מיר צופֿיל מיט די דאָזיקע ווערטער, אָבער אַנדערש איז שווער צו רעדן וועגן טעלעסינס דיכטונג. אָט זענען די נעמען פֿון גרויסע, כ׳וואָלט געזאָגט, לעבנס־ציקלען פֿון זײַן לידער־בוך, וואָס דאַרף אינגיכן דערשײַנען, ענדלעך — אין ייִדיש: "ווען ס׳פֿאַלט אַ בוים", "טיפֿע וואָרצלען", אָט זענען נעמען פֿון באַזונדערע לידער, צעוואָרפֿענע איבער דעם גאַנצן בוך — "מאַלאַכאָווקער וואַלד", "אין וואַלד נאָך שוואָמען", "די אָספּע", "דאָס בלעטל", "אַ בעריאָזע מיט אַ יאָדלע", "דער טאָפּאָל־בוים", "די ריאַבינע" אאַ״וו.

יעדער בוים באַזונדער אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אײַך יעדעס מאָל אויפֿסנײַ, ווען איר פֿאַרטיפֿט זיך אין לעבעדיקן וואַלד פֿון טעלעסינס דיכטונג. די סאָסנע, די ריאַבינע, דער בערעסקלעט — ס׳איז נישט נאָר קיין באַזונדערע נעמען, יעדער בוים רעדט צו אײַך מיט זײַן אייגענער שפּראַך. אַוודאי איז טעלעסין פֿון דער קינדהייט נאָך געבונדן מיט דער לעבעדיקער נאַטור. דערמאָנט זיך זײַן... "סקריהאַלאָווער טראַקט":

"מיט וועלכן עס קומען אין שטעטל אַהער / אַ וואָלאָסט מיט פּויערים אפֿשר נאָך מער — — — / פֿון שטעטל אַרויס — אין שטעטל אַרײַן / די

דערפֿער פֿאַליעסער געזונט זאָלן זײַן — / זיי גיבן פּרנסה און יעטוועדער זאַך / די ייִדן די פּראָסטע פֿון יעטוועדער פֿאַך״.

נישט נאָר די פּויערים, אַליין די נאַטור — וואַלד און פֿעלד פֿלעגן קומען און פֿאַרפֿלייצן קאַלינקאָוויטש, אַן אַרומגערינגלטס פֿון דערבײַיִקע דערפֿער (פּונקט אַזוי גרייפּט איצט אָן דער גרויסשטאָטישער פּייזאַזש אויף די אַרומיקע דערפֿלער). די פּרעבטיקע פּאָעמע ״געשלעג״ (״סאָוועטיש היימלאַנד״, נומ׳ 1, 1963), אַ פּאָעמע געהאַמערט אין ווײַסע פֿערזן, מאָלט פֿאַר אונדז אַזוי פֿריש, געשמאַק און דורכדרינגלעך ״די נעבט אויף פּאַשע״, די פֿאַרשקענדיקע פֿערד, דעם טרעשטשענדיקן שײַטער (״גוט אײַנקוקן דו פּרוווסט זיך אין דער חשכות, נאָר חוץ דעם שײַטער און אַ שטיקל הימל איבערן באַרנבוים און גייענדיקע וואָלקנס, מער זעסטו גאָרנישט. הערן הערסטו גאָרנישט. פֿון צײַט צו צײַט פֿון באַלאַבאַן דאָס קלאַפּן כאַפּסט אויף גאָר מיטן אָנגעשפּיצטן אויער...״) — דאָס איז טעלעסין און ס׳רופֿט זיך אויך איבער מיט די קלאַסישע פּײַזאַזשן פֿון נאַכט־פּאַשע (נאָטשנאָיע) בײַ טורגעניעוון און ניעקראַסאָוון. אין ייִדיש איז, מיר דוכט, קיין ענלעכס נישט פֿאַראַן... און דאָך איז בײַ טעלעסינען דאָס נאַטור־בילד נישט לשם נאַטור־בילד. טעלעסינס וועזן רעדט אַרויס פֿון דער נאַטור. ביימער און וואָרצלען זענען דאָ פּאָעטישע קאַטעגאָריעס און סימבאָלן, און ווילט איר — דער תּוך פֿון זײַן דיכטונג.

טעלעסינס זאַפּטיקע און פֿילפֿאַרביקע פּאָרטרעטן־גאַלעריע, אָנגעזאַפּט מיט סביבה־אַטמאָספֿער און מיט לעבנסשטייגער, מיט בענקשאַפֿט און מיט האַפֿערדיק־צעשמייכלטן זאָג, אַז קיין וואַנט קען די צײַט נישט אָפּשטעלן אַפֿילו, ווען זי כאַפּט זיך אַרײַן אין די גדערים פֿון בערל דעם שוסטערס נײַעם זייגער (״אַ וואָרע געשיכטע פֿון בערל דעם שוסטער״), זײַנע בלע־כערס, שמידער, טאַנדעטניקעס, זײַן קאַלינקאָוויטש — דאָס אַלץ איז וואָרצלען — לעבעדיקע וואָרצלען. ניין, דאָ גייט נישט אין שטעלן מצבֿות דעם פֿאַרשניטענעם שטעטל. דאָ גייט בפֿירוש — אין לעבעדיקע וואָרצלען, אין דור־דורותדיקייט, אין דער אומשטערבלעכקייט פֿון די פֿאָלקס־גענען און פֿון פֿאָלקס־געניוס...

אָבער טעלעסין איז אויף קיין האָר נישט באַגרענעצט דורך זײַן קאַלינ־קאָוויטשער גאַלעריע — בײַנאַנד מיט דעם טראַגיש־אומגעקומענעם ייִדישן ליטעראַטור־פֿאָרשער דאָברושינען (״דאָברושינס שטעקן״), קומט דער לי־רישער פּאָרטרעט פֿון דיאַדקאָ יאַנקאָ קופּאַלאַ (״דזיען דאָברי״), צוזאַמען

מיט די ליריש-באַהויבטע שורות וועגן שפּראַך-פאָרשער זאַרעצקי ("דער דריטער גראַמאַטישער מין") קומען די וויטיקדיקע סטראָפן וועגן זיין שלאַכט-חבר דעם רוס, וועמען ער האָט "מיט שוואַרצער ערד פאַרשאָטן", אָפּטרעטנדיק "פון די פעלדער די פאַלטאַוער" ("זונענרויזן"), ס'קומען די דראַמאַטיש-צערטלעכע רוסישע פרויען-געשטאַלטן אין די לידער "בעת דער מלחמה" און אין "אַ פאַרווייעט כוטערל". בייַנאַנד מיט דער מייַסטע-ריש-אויסגעטאָקטער טראַגישער אידיאָמאַטיק פון "מייַן האַרציקער יידיש פון פוילן" קומט "מייַן רוסישע שפּראַך", צוזאַמען מיטן "דריטן גראַמאַטישן מין" קומען "די סלאַווישע ווערטער אין יידיש" — צוויי, וואָלט איך געזאָגט, עכטע פערל אין אונדזער פּאָעזיע.

אַגבֿ, וועגן די סלאַווישע וואָרצלען אין דער יידישער דיכטונג פון טעלעסינען לוינט זיך באַזונדערס אָפּשטעלן.

אַוודאי איז טעלעסין קודם-כּל — פאָלקסטימלעך-יידיש, זיין פאָלקס-טימלעכקייט איז נישט קיין אָנגעוואָרפענע, נישט קיין געבאַרגטע און נישט קיין געקינצלטע, זי קומט פון די אייגענע טיפסטע קוואַלן. אַזאַ איז ער ("איז בין איך אַ ליטוואַק, איך בין"). אָבער זיאַמע טעלעסין איז אויך דער סאַמע סלאַווישער צווישן אונדז. קיינעם האָט זיך נישט איינגעגעבן מיט אַזוי-פיל נאַטירלעכקייט און רייץ אַסימילירן אין אונדזער מאַמע-לשון סלאַווישע סטיליסטיק און סלאַווישע זינגעוודיקייט, דאָס קומט ווי די פאָלקסטימלעכ-קייט זיינע אויך פון אייגענע קוואַלן און אפשר אויך פון געירשנטע בייַ די פאָרגייער. לאָמיר נאָכאַמאָל דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט אונדזערע גלענצנדיקע סטיליסטן משה קולבאַק און איזי כאַריק, לאָמיר דאָ דערמאָנען אַהרן קושניראָווס "ראַסיאַ" און זיין אומפאַרגעסלעכע איבערדיכטונג פון דעם "וואָרט וועגן אינאָרס חייל", לאָמיר דערמאָנען עזרא פינינבערגן און יאַשע זעלדינען. צוזאַמען מיט זיאַמע טעלעסינען האָבן אָט די וואָרט-מייַסטערס אומגעהויער באַרייַכערט אונדזער שפּראַך-אוצר, אַסימילירנדיק אין יידיש דעם סלאַווישן שטראָם. אָט האָט איר אַ ליד "דאָס בלעטל", עס זינגט זיך ממש אין רוסיש:

"...האָט אַ ווינט אין גאָרטן / לאַנג דעם בוים געשמיסן — / אים אַ בלעטל דאָרטן / האָט ער אָפּגעריסן. / ווי עס האָט דאָס בלעטל / אָנ-געהויבן בעטן / בייַ דעם ווינט דעם בייזן / אַז ער זאָל אים רעטן. / אַז ער זאָל ניט לאָזן / ליגן אויפן גראָז אים / אַז ער זאָל צוריק אים / אויפן בוים פאַרבלאָזן, / אַז דער רעכטער זומער / איז דאָך ערשט געקומען /

ביז דער ווינט האָט ענדלעך / זײַנע רייד פֿאַרנומען. — — / אויף דער האַרטער קאָרע / הענגט דער בלאַט און ציטערט. / אונטער הימלען קלאָרע / ביימער גרין־צעבליטע. / ס׳צייטיקן די פּרוכטן, / פֿויגלען זינגען לידער. / און דעם בלאַט נעמט דוכטן, / אַז ער בליט שוין ווידער...״

צי דאַרף מען דען לאַנג זוכן אין אָט דעם עבט־רוסישן פֿאָלקס־מאָטיוו דעם טיפֿסטן אָפּקלאַנג אויף עכט־ייִדישער טראַגיק?...

טעלעסינס מײַסטערשאַפֿט קומט פֿון געוואַגטער טרײַשאַפֿט צו דער אייגענער דיכטערישער אינדיווידואַליטעט. לאָמיר זיך דערמאָנען זײַן באַרימטע ״מעמאָריאַלע ברעט״ געדרוקט אין די ״ייִד. שריפֿטן״, אין וועלכער ער האָט אויף זײַן אופֿן זײַן אויסגעשריגן זײַן צער און צאָרן פֿאַר די אומגעבראַכטע ייִדישע שרײַבערס.

ס׳טרעפֿט, אַז טעלעסין כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט וועגן זײַן שעפֿערישער מעטאָדיק:

הערט איר, ווען איך וואָלט געקאָנט
מאַכן פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט —
כ׳וואָלט נישט זשאַלעווען קיין הענט,
לידער שרײַבן כ׳וואָלט פֿאַרשפּאָרט...
נאָר מיט מיר איז פּונקט פֿאַרקערט —
איך בין דאָך אַ דיכטער פֿאָרט,
מאַכט זיך מיר אַ קוואָרט, איר הערט?
מאַך איך פֿון דער קוואָרט אַ וואָרט!

מאַכן ״פֿון אַ וואָרט אַ קוואָרט״ איז, כ׳לעבן, אַ גאַנץ לוינבאַרער ביזנעס. אונדז וווּנדערן שוין אַפֿילו נישט אַזעלכע קונצנמאַכער. ערגער — ווען מע מאַכט פֿון אַ וואָרט... דער רוח ווייסט וואָס... אָבער מאַכן פֿון אַ קוואָרט אַ וואָרט, דאָס איז שוין גאָר אַ הויכע מדרגה. דאָס איז טעלעסינס דיכטונג.

ס׳ווילט זיך אַרויסשרײַבן אָט דאָ איינס פֿון טעלעסינס שעדעווערן:

די מוזע

אַ זאָג געטאָן כ'האָב איינמאָל צו מײַן מוזע.
דו לייג זיך נישט קיין פֿייגעלער אין בוזים.
דערהערנדיק פֿון מיר אַזוינע ווערטער,
פֿאַרווונדערט איז געוואָרן מײַן באַשערטע
און אָנגערופֿן זיך אַ טיף-פֿאַרקלערטע

"ווי קאָן מען, זאָגט זי, גלײַכגילטיק פֿאַרבײַגיין,
ווען ס'פֿאַלט אַראָפּ אַ פֿייגעלע פֿון צווײַגל ?...
ס'נעמט וויינען אויף דער ערד אַ יעדעס גרעזל,
ווען ס'טוט אַ פֿאַל אַראָפּ אַזאַ מין ווען...
בײַם האַרצן גלײַך דערוואָרעמען מען מוז אים !
וואָס הייסט, נישט לייג קיין פֿייגעלער אין בוזים ?"

וואָס אַ ליטוואַק קען ! ער נעמט אָן אָפּגעריבענעם באַגריף, צו וועלכן דיכטער רירן זיך שוין נישט צו אַוודאי אַ יאָר פֿופֿציק — "מוזע !" שמעלצט עס צונויף מיט אַן אידיאָמאַטיש פֿאָלקס-ווערטל — "לייג זיך נישט קיין פֿייגעלער אין בוזים", ברענגט עס צוריק פֿון געוווינטער געשטאַלטלעכקייט צו תּמימותדיקער בוכשטעבלעכקייט און... ס'הייבט אָן פֿינקלען אַ נייער פֿאָעטישער דימענט מיט אַלע בעסטע חנען און טיפֿסטע מיינען !... ווי פּראָסט און ווי פּשוט דאַכט זיך דער וועג באַרג אַרויף נאָך יעדער עבֿט-נאָוואָטאָרישער דערגרייכונג ! ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז נישט נייטיק דערבײַ ברעכן די לעקסיק, דעם ריטם, דעם גראַם, נישט נייטיק ברעכן קיין פּיסקעס, און עגאָצענטריש פּרוּוון זיך דערלאַנגען מיטן לינקן פֿוס צום רעכטן אויער !

און לסוף — נאָכאַמאָל צו טעלעסינס אני מאמין, ווידער צו "די וואָרצלען", מיר גלויבן דעם דיכטער, אַז ביז הונדערט און צוואָנציק, אַז

עס וועט די ערד, ווו איך וועל זײַן פֿאַרקנאָטן
אויף איילן דרײַ, נישט קאָנען מיך פֿאַרטויבן.
כ'וועל דורך די וואָרצלען הערן ווי דורך דראָטן
וואָס טוט זיך דאָרטן אויף דער ערד פֿונאויבן.

יאָסל קאָטליאַר

(1962-1908)

יעדע גראַדאַציע, וואָס שייך דורות אין דער ייִדיש-סאָוועטישער ליטעראַטור איז, ווי מיר דאַכט, אַ באַדינגלעכער ענין, בפרט ווען ס׳גייט אַ רייד וועגן אַ ליטעראַטור וואָס איז ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן, בעת זי האָט קוים דערגרייכט דרײַסיק יאָר פון איר עקזיסטענץ. יאָ, באַדינגלעך, אָבער קיין אַנדער מאָס פאַרמאָגן מיר נישט. מוזן מיר טאַקע אָננעמען, אַז דער דיכטער יאָסל קאָטליאַר געהערט צום דריטן דור פון דער נאָכאָקטאָ-בערישער ייִדישער ליטעראַטור אין ס״פ. דאָס איז געווען אַ דור וואָס איז אויפגעקומען און האָט זיך אײַנגעריגנגלט אין מיט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען וויניק ווער ס׳האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דער גוואַלדיקער פאַרמעסט פון דער ייִדישער קולטור-בויאונג דאָרט — ייִדישע שולן, פאַר-שולן, אוניווערסיטעטן, פאָרש-צענטערס, פאַרלאַגן, ביבליאָטעק- און קלוב-וועזן, אַ פאַרצווײַגטע פרעסע, אַ סטאַבילער ייִדישער מלוכה-טעאַטער, מוזי-קאַלע אַנסאַמבלען אאַ״וו. — ווער האָט געקלערט אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ שיינער מיראַזש, וואָס וועט זיך אויסלאָזן אין אַ בלוטיקן טײַך, אין וועלכן ס׳וועלן דערטרונקען ווערן די בעסטע און שענסטע בויער פון אָט דער קולטור?...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק פון אונדזער ביטער-דערפאַרענער עלטער צו יענער זיסער, האָפערדיקער און בלינד-פאַרגלייבטער יוגנט...

איך לייען די לידער קאָטליאַרס פון יענער צײַט און, ווי זאָגט ער דאָרט אין איינער פון זײַנע לידער: ״...די אויגן איך פאַרמאַך און ס׳קומט מיר אויף״: ערגעץ אין יענע פרי-יאָרן פון די צוואַנציקער, אויפן טומלדיקן באַרקאַווער וואָקזאַל איז אַרויסגעשטיגן אַ דאַרינק בחורל מיט אַ קליינ-שטעטלדיק געפלאָכטן רענצל, ער איז נאָך באַרוישט פון דורכגעמאַכטן וועג:

אַ וועג, אַ וועג
ווי צוויי מעת-לעת די לענג,

אַן אויפֿגעבליטע רחבֿות האָט באַצויגן
אַ גאַנצע וועלט.
אַ וועלט אַ גאַנצע הענגט
אויף מײַנע ברייטע נייגעריקע אויגן.

דאָס דאָרע פֿאַרטרוימטע בחורל, זע איך, הייבט אויף דאָס געפֿלאָכטענע רענצל און... וואָס איז דאָס? מיר דאַכט, אַז פֿון רענצל אַרויס טראָגן זיך צו מיר פֿאַרשידענע קולות, גלײַך פֿרילינגדיקע פֿייגל וואָלטן פֿון דאָרט אַרויסגעצוויטשערט... אַ ווונדערלעך רענצעלע איז דאָס געווען! ווײַל צווישן די צוויי זאַרגעוודיק פֿאַרלאַטעטע פּאַרלער וועש, וואָס די גוטע מאַמע האָט מיט ציטערדיקן אומרו אַרײַנגעלייגט, זענען דאָרט, ווייס איך, אויך געלעגן אָשר שוואַרצמאַנס לידער און דוד האָפּשטיינס „בײַ וועגן"... דאָרט זענען אויך געלעגן יידישע צײַטונגען פֿון זײַן היימשטאָט באַר־דיטשעוו — „די וואָר", „דער אַרבעטער"... און אין אָט די צײַטונגען — י. קאָטליאַרס ערשטע געדרוקטע לידער, אויך די ערשטע לידער פֿון זײַנע יונגע חבֿרים — מאָטל הארצמאַן, אַבֿרהם גאָנטאַר, שײַע ליטיניעצקי... די ערשטע קריטישע אַרטיקלען פֿון זײַן בעסטן פֿרײַנד און פֿאַרערער סיאָמע זשוקאָווסקי...

„די אויגן איך פֿאַרמאַך און ס'קומט מיר אויף"... יונגע צעפֿלאַמטע פּנימער, בלישטשענדיקע אויגן און פֿאַרגלייבטע הערצער. מען אַמפּערט זיך וועגן ליטעראַטור, פּאָעזיע, קונסט, מע דעקלאַמירט און מע זינגט פֿריידיקע לידער... און ווען מען גייען אַן אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס גאַנץ אָפֿט איז מען הונגעריק און ס'איז צײַטנווײַז, נישטאָ ווו איבערצונעכ־טיקן?... אַ טייל יאָטן, וועלכע זענען נאָך נישט אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט, האָבן נאָך נישט קיין וווינונג, וועלן, ווײַזט אויס, ווידער בלײַבן נעכטיקן טאָקע דאָ, אין די ענגע צימערלעך פֿון דער קאָמיוגישער צײַטונגס־רעדאַקציע...

* * *

דער יונגער יאָסל קאָטליאַר דערשפּירט זיך גאַנץ היימיש אינעם קאָכיקן לעבן פֿון דער דעמלטיקער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט. ס'גייט אַוועק אַ צײַט און ער ווערט איינער פֿון די אַקטיווסטע טרובאַדורן פֿון דער דאָזיקער יוגנטלעכער גרופּע בײַ דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע".

ווי באַוווסט זענען פֿון אַט דער יונגער שרײַבער-גרופּע געקומען אין אונדזער ליטעראַטור אַ גאַנצע ריי פּאָעטן און פּראָזאַיִקער (י. קאַטליאַר, פּ. סיטאַ, ע. קאַזאַקעוויטש, גרינגויד, מ. שטורמאַן, טוזמאַן...).

פֿון זײַנע ערשטע לידער-זאַמלונגען "ליכטיקער געבוירן", "ענטוזיאַזטן" און ווײַטער — קריפּטיקט זיך דעם דיכטערס קלאָרער ענערגישער און געמאָסטענער פֿערז:

"יונגקייט מײַנע, קלעטער, קלעטער מיט דער זון בײַנאַנד
סאַראַ גלענצנדיקער וועטער אין מײַן היים, מײַן לאַנד"...

און צום סוף פֿון אַט דער ליד:

סאַראַ גלענצנדיקן וועטער
טראָגן מיר דער וועלט.

אַז ווויל און אַז ווײ — דעם גלויביקן, ווילט זיך מיר איצט זאָגן.

געקומען אין דער דיכטונג פֿון דער אָרעמער האָרעפּאַשנער מאַסע, זינגט ער ווי אירס אַ טרײַ קינד:

כ'האָב גאָרנישט פֿאַרמאָגט,
און אַצינדער אַ לעבן פֿאַרמאָג איך,
פֿאַרשײַטקייט פֿון קינדהייט
און מונטער פֿון יוגנט
און שטײַפֿקייט פֿון גלויבן.

כ'טראָג דיך, מײַן לעבן,
צוזאַמען מיט אַלעמען טראָג איך,
צוזאַמען מיט אַלע,
וואָס האָבן צו זיך מיך דערהויבן.

ווי יונג-פֿאַרגלויבט, ווי קאַטעגאָריש ס'קלינגט אין זײַן לירישן ציקל "בעז און ברויט": "ס'וועלן געשלעגן נאָך גיין, סע זאָלן צערינען, צעגיין, ווי אַט דער קויטיקער שניי — דײַנער און אַלעמענס ווײ".

ווידער אַ מאָל — ווילט זיך איצט זאָגן:
אַז ווויל איז געווען און אַז ווײ איז געוואָרן!...

געבוירן און אויפֿגעוואַקסן אין אַ קעלערשטוב אין איינס פֿון די אָרעמסטע באַרדיטשעווער הינטערגעסלעך, איז טאַקע נישט קיין ווונדער, וואָס ער דערמאָנט מיט אַזויפֿיל פּיין און ביטערניש זײַן קינדהייט: "מײַן קינדהייט, איך בענק נישט נאָך דיר. נאָר וואָס זאָל איך בענקען?...

מײַן קינדהייט, כ'האָב דיך נישט דערמאָנט,
וואָס זאָל איך דערמאָנען? —
אין ייִנגלשן בליק כ'פֿלעג שוין טראָגן
דאָס געלזוכט פֿון מאַמעס פּנים,
דעם שטומען געוויין פֿון מײַן שוועסטער,
וואָס פֿלעג מיט פֿאַרביסענע ליפּן
דאָס קליידל פֿאַרלאַטען,
די שיכבענדלעך קורצע
פֿאַרקניפּן...

"וואָס זאָל איך דערמאָנען?" סע רעדט זיך נאָר אַזוי! אין דער אמתן פֿאַרפֿאָלגן אים, קענטיק, די בילדער פֿון דער טרויעריקער פֿאַרגאַנגענהייט, דער דיכטער קערט זיך, צײַטנווײַז, ווידער אום צו דער פֿאַרשפּילטער קינד-שאַפֿט זײַנער און צום אַמאָליקן שטעטל. צי דען טאַקע נאָר צוליב נאָר שטאַרקער אונטערשטרײַכן די איצטיקע "פֿריידיקע יוגנט"? נישט נאָר צוליב דעם!

דער אָקטאָבער-שטורעם האָט זיך פֿאַרבייגעטראָגן איבער דעם, אַזוי געררופֿענעם, תּחום-המושבֿ, און ווי ס'האָט זיך גערדאַכט, אויסגעלייזט פֿון דורותדיקן דלות און פֿון אומקום די אַרבעטנדיקע און דעקלאַסירטע מאַסן, אָבער גאַנצע ייִדישע ישובֿים צוזאַמען מיטן אײַנגעשטעלטן לעבן-סדר האָט אָראָפּגעשווענקט די ברודנע כוואַליע פֿון באַנדיטיזם. "סע האָט דאָך קיינעם נישט געשוינט דער בראָך פֿון ווינט, דער פֿלייץ פֿון שטראָמען"... פֿונ-דאַנען, ווײַזט אויס — די פּיינפֿולע עלעגישע טענער וואָס קלינגען, דאַכט זיך, ווי אַ דיסאָנאַנס צו קאַטליאַרס מאַזשאָר-גאַנג אין יענער צײַט.

ס'איז שוין אַפּריל. כ'לייג צו צום לאָד די אויגן —
אַ שוואַלב ליגט טויט, די פֿליגל — אויף דער האַלב.

דורך גרויסן ים געפֿלויגן איז די שוואַלב
און נאָר דורך אונדזער גאַס נישט דורכגעפֿלויגן!...
("אַפּריל")

אָדער אין דעם ליד "שטעטעלע" —
אַ קלייניקס גאָר, ווי אַנדערע אַ סך
ס'האָט אָפּגעברענט אין בירגער-קריג אין הייסן.
געלעגן איז עס נאָענט ביי דעם שליאַך
און דאַכט זיך, אַז ס'האָט כּאַדאַרקאָוו געהייסן...

"אַפּריל", "שטעטעלע", "טויט", "שאַרמאַנקע", "כ'האָב דערנסטמאָל דאָס לעבן באַגעגנט" און נאָך לירישע לידער און מייסטערהאַפּטע פּאָעטישע נאָוועלן זענען באַרופֿן צו פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון די רוצחיש-פֿאַרשניטענע פּאָגראָם-קרבנות.

און זיי שליסן אייגנטלעך די גרויסע טראַגישע פּאָגראָם-עפּאָפּייע, וועלכע ס'האָבן אויסגעבלוטיקט אין זייערע ווערק די קאָריפֿייען פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט-רוסלאַנד.

דער בירגער-קריג און דאָס שטעטל איז אויך איינע פֿון די מאַגיסטראַלע טעמעס פֿון קאָטליאַרס נאָך נישט פֿאַרעפֿנטלעכטן גרויסן ראָמאַן אין פֿערזן "וואָלין" — דאָס עפּישע קרוין-ווערק, וואָלט איך געזאָגט, פֿון זיינע העכער פֿינף און דרייסיק יאָר פּרוכטיקער שעפֿערישער מי. דאָס איז אַ ווערק פֿון אַן אייגנאַרטיקן רייפֿן מייסטער מיט צענדליקער פֿולבלוטיקע געשטאַלטן; אויפֿן פֿאָן פֿון די שטורמישע יאָרן פֿון רעוואָלוציע, בירגער-קריג, די שחיטות איבער יידן און די רואינירונג פֿון יידישן מיטלשטאַנד נאָך די אַלע יאָרן. כ'ווייס נישט ווער ס'האָט נאָך געלייענט דאָס דאָזיקע ווערק, נאָר איך בין קענטיק געווען צווישן די ווייניקע וואָס האָבן געלייענט און געהערט אים אַליין לייענען זיין "וואָלין". אָנשרייבן אַזאַ מין ווערק איז פֿאַר יענער צייט געווען אַ גרויסע איינשטעלעניש און מען האָט באַראַפֿט זיין געהיט פֿון אַ בייז אויג...

די משפּחה פֿון יאָסל קאָטליאַר האָט, ליידער, נישט מיטגענומען מיט זיך קיין ישׂראל דעם מאַנוסקריפּט פֿון "וואָלין" און ס'ווילט זיך גלייבן, אַז ערגעץ האָט ער זיך אויסגעהיט צווישן זיינע ווילנער פֿריינד און פֿאַרערער...

רחבֿותדיק איז די וועלט פֿון קאָטליאַרס דיכטונג און ביז גאָר נאַטירלעך איז דער איבערגאַנג פֿון אינטימע לירישע געזאַנגען צו ברייטער עפּישער

שילדערונג. אָט איז ער לייִדנשאַפֿטלעך-פּובליציסטיש און ס׳הילכט "קלינגענדיק מעש" אין זייַן קול און אָט גיט ער אַרויס אַ גאַנצן בוך אונטערן נאָמען "שטילערהייט". ער איז דער דיכטער פֿון ניט געצוימטער פֿרייד, ווייליונגערישער שטיפֿערייַ און איינצייַטיק איז ער טיף-עלעגיש.

לעצטנס האָט ער געשריבן אויך משלים, אין וועלכע ס׳פֿעלט די טראַ-דיציאָנעלע "מאָראַל". דער נמשל איז דאָרט אויסבאַהאַלטן, ווי אין אַ פֿאָלקס-מעשׂהלע; קאַטליאַרס קינדער-לידער, וועלכע זענען איבערזעצט אין רוסיש, אוקראַיִניש, אוזבעקיש און ליטוויש. — זיי אַליין, זענען אַ דאַנקבאַרע טעמע פֿאַר אונדזער ליטעראַטור-קריטיק.

דראַמאַטיש אין זייַן שאַפֿונגס-גייַסט, גלענצנדיק באַהערשנדיק די קונסט פֿון דיִאַלאָג, האָט ער אויך געפּרוווט זייַנע כּוחות אין דער קליינ-קונסט-דראַמאַטורגיע.

ניין, יאָסל קאַטליאַר אין נישט באַגרענעצט מיט וועלכן ס׳נישט איז זשאַנער, אָבער אומעטום שפּירט זיך זייַן נוסח, זייַן אָטעם, זייַן דיכטערישע פּערזענלעכקייט, זייַן מוזיקאַלישקייט.

אַזוי מעלאָדיש זענען געווען סערגיי יעסענין אין דער רוסישער דיכ-טונג, בייַ אונדז — איזי כאַריק און משה קולבאַק.

אַ שיינער האַרבסט. אַן אומרויִקע האַלבנאַכט,
אַ ווייַסער נעפּל-קנויל באַשוועגקט דאָס גלאָז,
ווי שוואַרצע, קליינע, זינגעוודיקע שוואַלבן,
די ווערטער בעטן: אויף דער פֿרייַ אונדז לאָז!
איך ציטער אויף, איך קאָן זיך נאָך צעזינגען,
איך קאָן נאָך אויפֿוועקן די שכנים פֿונעם שלאָף!...

נישט אומזיסט האָט מען געזונגען און מע זינגט מיט אַזויפֿיל חשק אַ סך לידער קאַטליאַרס. זייַן דיכטונג פֿאַרמאָגט אין זיך דעם כּוח פֿון דעם, "וואָס אין פֿידעלע שטעקט", די קראַפֿט פֿון אַזוי גערופֿענעם "באַדינגלעכן רעפֿלעקס" אין דער קונסט — די געשטאַלטלעכע אַסאָציאַטיווע קראַפֿט.

אַז מע זאָגט מיר אוקראַיִנע
זע איך זיך, דורך שטרעקעס גרינע,
פֿאָרן מיט אַ שליאַך אַ קרומען
אין אַ שטעטל הינטער אומאַן.

און ווײַטער גייט אַוועק די שילדערונג פֿונעם פֿאַרשניטענעם שטעטל, ס'לעבן אויף און ס'ווערן אונדז טײַער די גוטע מומע העניע, דער פֿעטער מיכל, אַ פּשוטער האָרעפּאַשניק און אַ לערנער, וואָס היט און פּוצט זײַנע ספֿרים, "וואָרעם ביכער מאַכן קלוג די וועלט!..." און ס'באַהערשט אײַך אַ מוראדיקער צאָרן קעגן זייערע אומברענגער — די פֿאַשיסטישע רוצחים.

צוליב קורצקייט וועגן, מוז איך זיך באַנוגענען בלויז מיט נאָך איין אויסצוג פֿון זײַן טיף-דראַמאַטישער נאָוועלע "דאָס מיידל און דער ים". דאָס מיידל באַקומט אַ ידיעה, אַז איר געליבטער איז העלדיש אומגעקומען, באַשיצנדיק די וואַסערן פֿון רוסלאַנד —

עס האָבן די ווערטער ווי גלעקער געקלונגען,
און ס'האָט זי געשטיקט יעדער אות פֿון דער בריוו:
"די שיף איז דערטרונקען"... דערטרונקען, דערטרונקען,
און אַרקע, איר אַרקע, ז'געווען אויף דער שיף...
געווען? און די אויגן די בריִענדיק-שטאַרקע,
וואָס זי האָט דורך ווײַטן מהלך געפּילט,
זיי לעבן שוין מער נישט? און וואָס איז איצט אַרקע?
אַ חלום? אַ שאָטן? נישט מער ווי דאָס בילד,
דאָס ים-בילד, וואָס ס'טראָגט איצט אינדרויסן אַנטקעגן
דער וועבטער צו גלעזערנער טיר פֿון מוזיי;
דאָס לאָזט ער אַרײַן די אומענדלעכע ברעגן,
די כוואַליעס און אַרקען, וואָס ליגט אונטער זיי...
זי ט'מיטגיין!... זי לויפֿט. קאָרידאָרן און זאַלן,
און ס'מישן זיך בילדער אין ראַמען פֿון גאָלד.
— אָט איז ער! — און זי איז פֿאַרחלשט געפֿאַלן
לעם ים, וואָס עס האָט אײַוואַזאָווסקי געמאָלט.

און אָט אַזוי יעדעס ליד, מער צי ווייניקער געלונגען, נאָר איר אויפֿווירקונגס-קראַפֿט ליגט אין דער געשטאַלטלעכער אַסאָציאַטיווקייט.

צווישן די דיכטער, וועלכע שטייען אַמנאָענטסטן צו די אייביק-פֿרישע קוואַלן פֿון פֿאָלקס-שאַפֿונג איז געווען דער פֿרי-פֿאַרשטאָרבענער יאָסל קאָטליאַר.

זײַן פֿאָלקסטימלעכקייט קומט, ווי מיר דאַכט, פֿון דער דערציילערישער

פאָלקס-ליד פון דעם „הערט מיך אויס מענטשן, וואָס ביי אונדז האָט זיך פאַרלאָפן . . .״

אָט ליגט פאַר מיר זיין לעצטער בוך, אַרויסגעגעבן אין יידיש „אויס-געלייזטע ערד״ (מלוכה-פאַרלאַג „דער עמעס״, 1948). חוץ דער פּאָעמע „שיקע ראָם איז אַהיים געקומען״, גייען אַריין אין בוך פינף לידער-ציקלען: „אַ שטאָט אָן ליכט״, „פּליטים״, „יידישע נעמען״, „מענטשן אין געשלעג״, „נאָך מלחמה״. ווי ס׳איז צו זען פון אָט די נעמען כאַפּט אַרום דאָס דאָזיקע בוך אַלע גרויזאַמע און העראָישע יאָרן פון דער גרויסער אַנטי-נאַצי מלחמה. דאָס דאָזיקע בוך איז נאָך נישט דערשאַצט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור. ס׳איז אַן אמתער קאַטליאַרישער פּאָעטישער פּנקס פון יענע יאָרן, אַ פּנקס, געשריבן מיט בלוט, מיט גאַל, מיט פייער. דאָ זענען פאַראַן לירישע לידער, לידער פון צער און צאָרן, איינגעהאַלטענער מאַנצבילשער געוויין איבער די אומצאָליקע קרבנות פונעם היטלעריזם, עפּישע שילדע-רונגען וועגן פראָנט און הינטערלאַנד און דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעבראַכט פּראָסט און מענטשלעך מיטן „הערט מיך אויס״-נוסח.

ווי קיינער פון אונדז, האָט יאָסל קאַטליאַר געירשנט ביי פּעפערן די „פּראָסטע ווערטער״ אָבער זיין מעלה ליגט נישט אין דער פּראָסטקייט, גיכער פון אַלץ — אין דער נאַטירלעכקייט זיינער. אין די בעסטע שאַפונגען האָט ער דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון פּאָעטישער מייסטערשאַפט — גרויסע נאַטירלעכקייט. נישטאָ קיין אָנשטעל, קיין פּאָזע. זיין אייגנאַרט דרינגט אַרויס פון דעם וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געדיכטעט, צוליב אַ בלישטשע טאָן מיט „אייגנאַרט״, זיין מאַניער איז קיינמאָל נישט פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין קיין מאַניערלעכקייט און תכלית-שנאה האָט ער פיינט געהאַט יענע אומגעלומפּערטע „מאָדערניסטן״, וועלכע קריכן פון דער הויט, אַבי צו זיין „אָריגינעל״ אויף אַזעלכע פלעגט ער בייז און איראָניש אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט:

— שיזאָפרעניאַ! . . .

מיט איין שטריך, מיט געציילטע ווערטער און טיילמאָל מיט איין טרעפלעכן זאַג, פלעגט יאָסל קאַטליאַר גאַנץ אָפט דערשיטערן דעם לייענער. ער איז געווען אַ מייסטער אויך פון דעם קליינעם אַפאָריסטישן ליד. לייענט דורך אַ ליד פון פּראָסטע צען שורות און ס׳גייט איך דורך אַ גרויל איבערן לייב:

ווי אַלע פֿלייסן זיך אַרומפּוצן דעם אָרון
און אויף דער ברוסט וואָס איז שוין קאַלט געוואָרן
פֿאַרלייגט די הענט, ווי איינער זאָגט: כ׳בין ״זאַט!״
ער ליגט אַ רואיִקער. פֿאַר אַלע זײַנע יאָרן
האָט ער אַזויפֿיל בלומען נישט געהאַט...

אַ סוף, אַ סוף! עס קאָן אים איצט נישט שטערן,
מע מעג אים איצט באַערן, נישט באַערן...
עס פֿאָרט דער מתים-וואָגן באַרג אַראָפּ,
און איך גיי נאָך און וואָס איך זאָל נישט קלערן
שאָקלט צו דער טויטער מיטן קאָפּ...

אין דעם פֿאָלקס-ליד דערציילט זיך גאַנץ אָפּט וועגן דעם ווי ״אָנגעהויבן האָט זיך די ליבע״... ס׳איז אָבער דאָרט זעלטן וועגן דערמאָנט געוואָרן, אַז ליבע לאָזט זיך אויס. זאָל זײַן אַפֿילו די סאַמע אומגליקלעכע ליבע — פֿאַרמאָגט זי נישט קיין סוף. שטאַרקער פֿונעם טויט איז די ליבע, וועגן וועלכער עס זינגט דאָס פֿאָלק ״אין ברונעם וועל איך זיך אַרײַנוואַרפֿן — און וועל געוויס זיך דאָרט דערטרינקען... — פֿון אַלע צרות וועל איך דאָרט פֿאַרגעסן, — נאָך דיר, מײַן ליבער, וועל איך בענקען...״

צו פֿריִ איז אַוועק פֿון אונדז יאָסל קאָטליאַר. זײַנע לעצטע לידער זענען די שענצטע, די קלוגסטע און די קרעפֿטיקסטע אין זײַן שאַפֿן. יוגנטלעכער טעמפּעראַמענט געפּאָרט מיט רײַפֿער מײַסטערשאַפֿט, תּמימות מיט חכמה נישט צום צעשיידן — אַזוי זעען אויס זײַנע לעצטע דורכזעיִקע — שטענדיק-זינגעוודיקע פֿערזן.

״די אויגן איך פֿאַרמאַך און ס׳קומט מיר אויף״...

ס׳קלינגען אין מיר ווידער און ווידער די עטלעכע ווערטער, וואָס כ׳געדענק שוין איצט נישט פֿון וועמען כ׳האָב זיי צום ערשטן מאָל דערהערט: צי פֿון יאָסל קאָטליאַר, צי פֿון פֿאָלק אַליין:
אַ ליבע הייבט זיך אָן...

מאָסקווע, אויגוסט 1963
ירושלים, 1991

דוד ספּאַרד און זײַן דיכטונג

1. אַ זעגל אין ווינט

איך בלעטער אויף ס'ניײַ די לידער-זאַמלונג, וואָס מײַן פֿרײַנד פֿון פּוילן, דער דיכטער דוד ספּאַרד, האָט מיר צוגעשיקט קיין מאָסקווע נאָך אין יאָר 1961.

לאָמיר זיך דערמאָנען: די רעגירער פֿון דעמלטיקן „פֿאָלקס-פּוילן" האָבן נאָך דאַן נישט געפֿונען פֿאַר נייטיק אַנטפּלעקן זייער גאַנצע כאַמסטווע, זייער דורותדיקע ייִדן-שׂנאה, ווי אויך זייער ערשט-געירשנטן סטאַליניס-טישן נעאָנאַציזם. פֿאַרקערט — צוליב פֿאַרשיידענע טאַקטישע סיבות האָבן זיי דאַן טאָלערירט און אַפֿילו געשטיצט ייִדישקייט און ייִדישע קולטור. זיי האָבן אַפֿילו גאַנץ אָפֿט קאָקעטירט מיט דער פֿאַנסקער „גרויסמוטיקייט" אין באַצוג צו זייערע ייִדיש-אָפּשטאַמיקע מיטבירגער...

לאָמיר זיך אויך דערמאָנען, אַז דוד ספּאַרד האָט דאַן פֿאַרנומען אין פּוילן זייער אַ בכּבֿודיקע ליטעראַריש-געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע...

איז אָט, בלעטער איך „אַ זעגל אין ווינט", דערשינען, ווי שוין געזאָגט, אין 1961-טן יאָר. און אַ מאָדנע זאַך. — לייענענדיק דאָס בוך פֿאַרגעס איך לחלוטין וועגן דעם דעמלטיקן ליבעראַלן קאַמופֿליאַזש פֿון כּלומרשטער ייִדישער אײַנגעפֿונדעוועטקייט אין פּוילן... חוץ אַ קליינע צאָל לידער פֿון ערשטן ציקל „מאַרגנליכט", ווו דער דיכטער ראַנגלט זיך אַ פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַר זײַנע יוגנט-אידעאַלן און וויל נאָך אַלץ נישט אָפּטרעטן פֿון דער ציין-צעבראַכענער אַזוי-גערופֿענער „אָפּטימיסטישער וועלט-אַנשויאונג", חוץ אָט דעם בינטל לידער, ווו ער קנײַפּט זיך די באַק, אַבי די רויטע פֿאַרב זאָל שטיין, — זענען אַלע איבעריקע שאַפֿונגען — ליד נאָך ליד — שאַפֿונגען פֿון אַ ייִדישן דיכטער, פֿול מיט פּײַן פֿאַרן פֿאַרשניטענעם ייִדנטום פֿון פּוילן, פֿול מיט שווערן פֿאַרגעפֿיל פֿאַרן גײַסטיקן אונטערגאַנג פֿון די לעצט-פֿאַרבליבענע.

נישט אומזיסט האָט דער באַרימטער ייִדישער קינסטלער מאַנע קאַץ,

נאָכן דורכלייענען דעם לידער־מאַנוסקריפּט פֿון „אַ זעגל אין ווינט" אַ זאָג געטאָן מיט דער כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אים התלהבות:

— אויב אַ דיכטער פֿון הינטער דעם „אײַזערנעם פֿאָרהאַנג" קען שרײַבן אַזעלכע ייִדישע לידער, וועל איך מיט פֿרייד אילוסטרירן דאָס בוך פֿון אַזאַ דיכטער!...

דער נאָמען „אַ זעגל אין ווינט" איז אַנטשפּרעכיק צום דיכטערישן געמיט פֿון יענער צײַט, צו די אינערלעכע גרעניצנגלעכישן און ווייטיקפֿולע פּאַרטײַעטע לעכצונגען פֿון דיכטער:

צעעפֿנט פֿון דאָס נײַ — אַ זעגל אינעם ווינט —
עס שווימט מײַן האַרץ צו לאַקנדיקע ווײַטן —
— — — — — — —
און אויב איך וועל די ווײַט שוין נישט דעריאָגן,
— — — — — — —
וועט די כוואַליע שוין אַליין מײַן האַרץ דערטראָגן —
אויב נישט צום ברעג איז צו דעם אויסגעבענקטן הימל.

בדרך כּלל ווערט יעדער בוך בײַ דוד ספֿאָרדן באַגאָמענט מיט זעלטע־נער טרעפֿלעכקייט, אָבער „אַ זעגל אין ווינט", דער נאָמען אַליין טראָגט אין זיך גאָר אַ גרויסע לירישע אָנלאָדונג פֿון אינטענסיווער לאַנג־אויס־געשוויגענער מחשבֿה, וואָס מוז ענדלעך זיך דורכרײַסן און עקספּלאָדירן אין ליד, זי מוז דורכברעכן די אָפֿיציעלע קאַנאָנען פֿון פּאַרטייִשער דיס־ציפּלין און זעלבסט־צענזור. ס'מוז צערינען דער בייזער כּישוף פֿון די „פּאַראַגראַפֿן שטומע" און ס'אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דעם דיכטערס אויסגעווייטיקטע ווידערשפּעניקייט אינעם דורכדרינגלעכן לידער־ציקל, וועלכער טראָגט אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישן נאָמען „מרידה". אָט קומט ער, דער אויסגעבלוטיקטער חשבון הנפֿש: — „ווער האָט אויסגעמישט פֿאַר מיר מיט בלינדקייט אַלע ווײַטן / און אין בלינדקייט מיר באַפֿוילן שטאַרבן? / ווער האָט מיך באַשטימט אַלס איינציקן דערלייזער איבער אַלע צײַטן / און אויסגעוויילט פֿאַר דערנער־קראַנץ מײַן ברענענדיקן שאַרבן?"

און דער אַפֿאָריסטיש־פֿאַרשאַרפֿטער שלוס־אַקאָרד:

גליטשיק איז דער וועג פֿון יעדער פּשרה
און צבֿיעותדיק די שלווה פֿון גן־עדן —

די שטים פֿון דורות רופֿט און וואָרנט:
אין פֿאַרלייקענונג נישט זוכן די אַנטשיידונג.

צו די לידער פֿון דאָזיקן בוך וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אין אונדזערע ווײַטערדיקע באַהאַנדלונגען וועגן דער פּאָעזיע פֿון דוד ספֿאַרד. דערווײַל אָבער אַ פּאָר עפּיזאָדן פֿון דעם דיכטערס לעבנסגאַנג.

2. זכות אָבֿות

ס'איז געווען אין די ערשטע טעג, ווען די משפּחה ספֿאַרד האָט עולה געווען קיין ישׂראל און זיך באַזעצט אין ירושלים. דאָס באַזעצן זיך אין ישׂראל איז פֿאַר די ספֿאַרדס געווען אַ גורלדיקע אַנטשיידונג. אויך אין לאַנד האָט מען דאָס אויפֿגענומען ווי אַ סימבאָלישע געשעעניש — ס'האָט זיך אַ ביסל געטומלט. באַזונדערס — אין אונדזער היגן ייִדיש-וועלטל...

דוד האָט זיך אומגעקערט שפּעטלעך אין דער נאַכט פֿון איינער אַ ליטעראַרישער אימפּרעזע אין תל-אָבֿיבֿער לייוויק-הויז. ער איז געווען דער לעצטער בײַם אַרײַנשטײַגן אין פֿאַרטונקלטן "שירות". זיך אײַנגעמאָסטיעט צווישן נאָך צוויי פּאַסאַזשירן אויפֿן הינטערשטן געזעס, האָט ער געפּרוווט אויסגלײַכן די פֿיס און אַ מידער צוגעמאַכט די אויגן. די טאַקסי האָט ווייך און פּרוזשיניק זיך אַרויסגעטראָגן אויפֿן ברייטן שאָסיי, וואָס פֿירט קיין ירושלים. אינווייניק איז געווען כּמעט פֿינצטער; בלויז איין לעמפּעלע האָט באַלויכטן פֿאַרן שאָפֿער זײַנע רעגולירונגס-אײַנריכטונגען. די דרויסנדיקע שאָרכעניש פֿון די שינעס איבערן אַספֿאַלט האָבן ווי אײַנגעוויגט. דוד האָט געכאַפּט, ווײַזט אויס, אַ לײַכטן דרימל, אָבער צו זײַן וואַכן אויער האָט זיך דערטראָגן אַ לעבהאַפֿטער געשפּרעך צווישן צוויי פֿאָרנדיקע פּאַסאַזשירן. "ס'אַ וואָלינער ייִדיש", האָט צופֿרידן אַ קלער געטאָן דוד און אַ וואַרעמע היימישקייט האָט זיך צעגאָסן איבער די גלידער... פּלוצים האָט ער אויפֿגעכאַפּט פֿון געשפּרעך זײַן אייגענעם נאָמען:

— און אַז איך וועל אײַך זאָגן, אַז דוד ספֿאַרד איז געקומען אין לאַנד אַרײַן, וועט איר מיר גלייבן?

— ווידער אַ מאָל געקומען צו גאַסט? — האָט יענער גלײַכגילטיק אַרויסגעגענעצט.

— נייז, זאָג איך איַיך. דאָס מאָל — אויף שטענדיק. צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה!

— דוד ספּאַרד? ער איז דאָך געווען אַ גרוי-וי-סער קאָמוניסט?!

דוד האָט נישט אויסגעהאַלטן און סקעפּטיש אַ וואָרף געטאָן פון הינטער זייערע פּלייצעס:

— נישט אַזאַ גרוי-וי-סער!...

ביידע ייִדן האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און געפּרווט זיך אײַנקוקן אין דער טונקלעניש.

איינער האָט ברוגזלעך אַ ברום געטאָן: — אַ טבֿע פון ייִדן — זיך אַרײַנמישן, ווען צוויי אַנדערע רעדן!

דער צווייטער — מיט חוזק: ער גייט אונדז דערציילן וועגן ספּאַרדן! מען וואָלט געקענט מיינען, ר׳ ייִד, אַז איר זענט מיט אים אַ גאָר נאָענטער שמעלקע...

— נישט אַזאַ נאָענטער, נאָר אַ ביסל בין איך מיט אים יאָ באַקאַנט...

— האָט דוד אַ שטילן שמייכל געטאָן.

— אַ ביסל... — האָבן שוין יענע מיט ביטול צוריק זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס.

פון די פריִע יאָרן אין סאָנאַציע-פּוילן איז דוד ספּאַרד באמת געווען אַ הייסער, אַ פאַרגלויבטער, אַ הונדערט-פּראָצענטיקער, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, קאָמוניסט. זײַן גײַסטיקע השפּעה האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַ גאַנץ ברייטן קרײַז ייִדיש-פּוילישער אינטעליגענץ און דאָס מעגלעך — אַ דאַנק זײַנע גרינטלעכע קענטענישן, זײַן באַהאַוונטקייט אין דער טעאָריע פון מאַרקסיזם, זײַן אַנאַליטישער איבערצייגונגס-קראַפט. אָבער געוויס און בעיקר האָט מען זיך צוגעהערט צו דודן אַ דאַנק זײַן פּערזענלעכן שאַרם, אַ דאַנק זײַן אויפריכטיקייט און טיף-מענטשלעכער עטיק, זײַן שאַרפע פילבאַרקייט פאַר יושר וצדק — דאָס וואָס ער האָט אייגנטלעך געירשנט און אַרויסגעטראָגן נישט פון די מאַרקסיסטישע ספרימלער, נישט פון די קאָנספּיראַטיווע יוגנט-קרײַזלעך, נישט פון די וועלטלעכע אוניווערסי-טעטן, — נאָר פּשוט פון זײַן פרום-ייִדישער היים, ווו אַלץ האָט געאָטעמט מיט תורה און מסורה.

אויף די בלוטנדיקע שפּורן פון חורבן-פּוילן, באַקלאָגנדיק דאָס אומגעבראַכטע פאָלק, זײַנע "שטעטעלעך וואָלינער" און יעדן באַזונדער פון זײַן פאַרשניטענער משפּחה קומט אויף פאַר אים אַזאַ בילד:

איך האַלט די אויגן צו און זע:
ס׳איז פֿרי פֿאַר טאָג,
אין שטומער שטוינונג בלאָסן זיך די ווענט,
פֿון געלעגער גייט דער טאַטע קרעכצנדיק אַראָפּ,
קוקט אַ ווײַלע אײַן זיך אין מײַן שלאָפֿנדיק געזיכט
און זײַנע אויגן ווערן פֿול מיט ליכט.
אַ שמייכלענדיקער גייט ער צו דאָן צו דער שאַנק,
נעמט אַ ספֿר שטיל אַרויס —
און באַלד פֿאַרשפּינט דאָס גאַנצע הויז
זײַן טרויעריק געזאַנג.

(״כ׳שליס די אויגן צו״ פֿון בוך ״לידער״, 1957)

מיט יאָרן שפּעטער, שוין אין ישׂראל, האָט דוד נישט איין מאָל דערמאָנט מיט גרויס ליבשאַפֿט און יראת הכּבֿוד זײַן פֿאָטער דעם תּלמיד חכם ר׳ אריה-לייב, — דעם אָזוריאַנער רבֿ, וועמענס גוטער שם ס׳האָט זיך געשפּרייט איבער גאַנץ וואָלין און ווײַטער.

— ער, דער פֿאָטער מײַנער, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, — פֿלעגט זיך בײַ דודן אומגעריכט אַרויסרײַסן דער טראַדיציאָנעלער זאָג, וואָס אַזוינס פֿלעגט ער ווי געוויינלעך אויסמײַדן, — ער איז געווען און פֿאַרבליבן פֿאַר מיר אַ מוסטער פֿון שלמותדיקער גײַסטיקייט... ער האָט דער ערשטער געפֿורעמט מײַן מענטשלעכן איך, מײַן כאַראַקטער, מײַן אינערלעכע וועלט, מײַנע עטישע ווערטן...

באַזונדער פֿלעגט דוד אונטערשטרײַכן די אויסערגעוויינלעכע טאַלע-ראַנץ פֿון זײַן פֿאָטער, דעם פֿרומען רבֿ.

ווען ער האָט זיך, למשל, איבערצײַגט אַז אין חכמה ואין עצה — זײַן ליבער זון איז אַוועק אויף אַ פֿרעמדן דרך, האָט ער נישט געריסן קיין קריעה, ער האָט בלויז אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיפֿצנדיק אַ פֿרעג געטאָן:

— וועסטו כאָטש אַמאָל זאָגן קדיש נאָך מיר, מײַן זון?...

״אויף דאָס האָב איך, דער פֿאַרנאַרישטער, נישט געקענט אים צו-זאָגן״ — פֿלעגט דוד מיט גרויס צער און חרטה נישט איין מאָל איבער-חזרן...

און געשען איז אַזוי: דער קאָמוניסט דוד איז אַראָפּגעקומען פֿון וואַרשע, כּדי אַרויסבאַגלייטן זײַן פֿאָטער צו דער אייביקער רו...

דאָס גאַנצע שטעטל, קינד־און־קייט, זענען געגאַנגען נאָך דער לוויה פֿון באַליבטן רבֿ. אויך דודס פּאַרטיי־חבֿרים זענען מיטגעגאַנגען...

דוד איז געשטאַנען בײַם קבֿר אַ פֿאַרשטאַרטער פֿון צער, אַרומגענומען צערטלעך און, דאַכט זיך, געפּרוווט מיט עפּעס טרייסטן די וויינענדיקע מאַמע, אָבער אַלץ ווי אין אַ גערדיכטן נעפּל. פּלוצים האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע מין שטילקייט. אַלע אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין אים, אין דודן... די אויגן בײַ די פֿרומע האָבן געמאָנט: „נו־נו!". די אויגן בײַ זײַנע פּאַרטיי־חבֿרים האָבן געוואָרנט: „בשום אופֿן — ניט!". אָבער דוד האָט דאָס אַלץ ווי נישט באַמערקט. עפּעס ווי אַן אינערלעכער כּוח וואָלט אים אַ שטויס געטאָן פֿאָרויס און ער האָט אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין אָנגעהויבן צו זאָגן קדיש...

3. „ס'איז יעדער גאַנג פֿון זיך צו זיך"...

שוין פֿון יאָר 1932 איז דוד ספֿאַרד אַן אַקטיווער טוער אין דער ייִדישער לינקער באַוועגונג פֿון פּוילן, בעיקר — וואַרשע, איינער פֿון די גרינדער פֿון דער לינקער ייִדישער שרײַבער־גרופּע און איר פֿאָרשטייער אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקי 13. ער איז אויך געווען מיטגליד פֿון ייִדישן ביוראָ בײַ דער קפּ"פּ.

די דאָרטיקע גרופּע לינקע אָדער פּראָלעטאַרישע שרײַבער, וואָס איז אַנטשטאַנען צום סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן, איז נאַטירלעך שטאַרק באַווירקט געווען פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. די שאַרפֿע יעווסעקישע באַטאַליע אַרום די „פּראָבלעמען פֿון ירושה" וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק האָט אויך געפֿונען אַ גאַנץ בולטן אָפּקלאַנג אין די ערשטע ווערק פֿון אַט דער שרײַבער־גרופּע. זעט עס טאַקע אויס ווי אַ ווונדער, וואָס דווקא ער, דוד ספֿאַרד, האָט לחלוטין אויסגעמיטן די „רעוואָלוציאָנערע" באַנאַליטעט פֿון „מיר, צעקריגטע מיט די טאַטעס, מיר פֿאַרברענען אַלטע שמאַטעס"... אָבער אויב זיך גוט אַרײַנטראַכטן איז דאָס גאָר קיין ווונדער נישט. ווייסן מיר דאָך אַז דוד ספֿאַרד איז געווען און פֿאַרבליבן ביזן סוף „אַ טאַטנס אַ קינד" און אָפּשליידערן פֿון זיך טראַדיציאָנעלע ייִדישע קולטור־ווערטן, וואָלט פֿאַר אים באַטײַט אַזוי גוט, ווי אָפּזאָגן זיך פֿון זיך אַליין, פֿון דער אייגענער היים, קינדהייט, טאַטע־מאַמע, סבֿיבֿה, פֿאָלק... ס'וואָלט אַפֿילו

אויף באַטײַט — אָפּזאָגן זיך פֿון זײַן אייגענעם פּלאַץ אין די קאַמפּס-רייען פֿאַר סאָציִאַלן יושר...

סוף 1931 האָט דוד ספֿאַרד אין אוניווערסיטעט פֿון נאַנסי (פֿראַנקרײַך) באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿישע וויסנשאַפֿטן פֿאַר זײַן דיסערטאַציע — "די רעכט פֿון קעגנזאַצן אין דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון העגעל".

דער דענקער, דער דיכטער, די פּערזענלעכקייט דוד ספֿאַרד האָט זיך קיין מאָל נישט געפּרוווט אויסבאַהאַלטן פֿאַר דער האַרבער ווירקלעכקייט און אירע קעגנזאַצן, וועלכע האָבן געבושעוועט און זיך נישט איין מאָל צוזאַמענגעשטויסן אין אים זעלבסט און אַרום אים. ווי ווײַט מעגלעך האָט ער אפֿשר געפּרוווט ברענגען אין באַדינגלעכער גלײַכגעוויכט אָט די קעגנזאַצן. ס'איז געווען אַ שווערע סיזיף-האַרעוואַניע פֿון קײַקלען שטיינער באַרג אַרויף, אָדער אַ מין געראַנגל מיט ווינטמילן ווי בײַ דאָן-קיכאָט. אונדזער דיכטער איז אָבער געווען אַ פֿאַרעקשנטער אידעאַליסט וואָס איז ערשט שפּעטער געקומען צום אויספּיר, אַז "וואָרטער פֿאַרפֿירן" און "גליטשיק איז דער וועג פֿון יעדער פּשרה"...

"אַ זעגל אין ווינט" איז דאָס ערשטע בוך, וווּ בהדרגהדיק, טראָט-בײַ-טראָט, ליד נאָך ליד, קומט ענדלעך דער דיכטער צו זיך און ס'רינט ווייטיקדיק אויס די יוגנטלעכע אילוזיע וועגן דער פּלומרשטער האַרמאָניע צווישן אַזעלכע קעגנזאַצן וואָס שליסן לגמרי אויס איינס דאָס אַנדערע: ייִדישקייט און פּסעודאָ-אינטערנאַציאָנאַליזם, מענטשלעכקייט און דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, סאָציִאַלער יושר און קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע. און דאַן קומט אַן אויסגעצייכנטע פּאָעטישע פֿאָרמולע, ווו די וואָר פֿאַרוואַנדלט זיך פּלוצים אין... פֿאַרגאַנגענהייט:

אין גראָען נעפּל ציט זיך הינטער מיר די וואָר,
אַ טײַך אַ בלוּיער — קומט מײַן חלום מיר אַנטקעגן.
("אַ זעגל אין ווינט")

ווּ זשע איז ער, דער אויסגעבענקטער חלום, וואָס קומט אַנטקעגן ווי אַ בלויער טײַך? פֿאַרשטייט זיך אין זײַן שיר השירים — אין זײַן טרויעריקער "ליבע-ליד":

ס'קען גרײַלער אויך אַזוי געשען:
עס וועט צו דיר נישט פֿירן שוין מײַן וועג

און נישט באַשערט וועט זײַן מיר דיך צו זען.
דער טרוים פֿון מײַנע קינדער-טעג,
וואָס האָט אין טונקלע בית-המדרש-ווענט
אויפֿגעלויכטן ווי דער סנה,
וועט שטאַרבן שטיל אויף מײַנע הענט —
אַ רויטע רויז אויף ווײַסן שניי —
ס׳קען גריילער אויך אַזוי געשען.
נאָר אויב עס קען אַ מאָל אַ כוואַליע נישט דערגיין,
נישט דערטראָגן ביז צום ברעג די בענקשאַפֿט פֿונעם תהום,
געבוירן ווערט אַ צווייטע פֿון איר זילבערדיקן שוים,
און די צווייטע טראָגט די ערשטע אויך אין שויס —
אין ווײַסן שניי פֿלאַמט העלער נאָך די רויטקייט פֿון דער רויז.

דאָס דאָזיקע ״ליבע-ליד״ האָט ער מיטגעבראַכט קיין פוילן נאָך זײַן ערשטער (אָפֿיציעלער) רײַזע קיין ישׂראל, מיטגעבראַכט צוזאַמען מיט אַ גאַנץ בינטל פֿאַרבענקטע און התלהבֿותדיקע לידער ווי ״אויף אַ ווײַטער ערד״, ״אויפֿן ברעג פֿון ים״, ״יעקבֿ און רחל״, ״חיפֿה בײַ נאַכט״, ״טעג און נעכט״ און אַנדערע. ער האָט נאָך דאַן בפֿירוש נישט געקלערט וועגן עולה זײַן . . .

דוד ספֿאַרד האָט מער ווי פֿיל אַנדערע געטראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פֿון אַחריות און לשם דער אילוזאָרישער מיסיע פֿון פֿלאַנצן ייִדישע קולטור צווישן די לעצט-פֿאַרבליבענע רעשטן פֿון פוילישן ייִדנטום, פֿון ״פֿלעגן זײַנע ווערטער, די פֿירקאַנטיקע עקשנים״, איז ער געוויס איבער-צײַגט געווען, אַז אַזוי איז שוין באַשערט: ביז צום סוף פֿון זײַנע טעג-פֿאַרבלײַבן מיט דער וואָר, וואָס איז שוין אייגנטלעך אַ פֿאַרגאַנגענהייט . . .

פֿון איין זײַט — בלײַבט ער נאָך אַלץ טרײַ זײַן פּאָעטישער דעקלאַ-ראַציע, וועלכע ער האָט נאָך אַזוי דראַמאַטיש אויסגעדריקט אין זײַן פֿריערדיקער זאַמלונג ״לידער״

אַז איך וועל פֿאַרלאָזן די ערד דאָ —
ווער וועט צו להכעיס די מערדער
פֿון דורות די ליידן און פֿריידן
אין ייִדישן לשון באַשיידן — —
— — — — — —

און ווער וועט די גאָלדענע קייט ווײַטער שמידן
פֿון די גרויסע שבת-יום-טובֿדיקע ייִדן — — —

פֿון דער אַנדערע זײַט — וועט ער זיך שוין איצט קיין מאָל נישט באַפֿרײַען פֿון דער שרפֿנדיקער בענקשאַפֿט צום לאַנד, וואָס ער האָט איין מאָל בלויז באַוויזן צו זען. ס'וועלן אים באַגלייטן די "זינגענדיקע קלאַנגען פֿון אַ נאָענט-ווײַטער שפּראַך", דער גאַנג פֿון די ישׂראל-קינדערלעך ווען "עס בענטשט די ערד", "און עס גייט די זון מיט זיי צוזאַמען אין דער ריי", ער וועט שוין פֿאַרבלײַבן איבערפֿולט מיט דעם ניגון פֿון יענער "ווײַטער ערד"

אַ ליד וואָס האָט זיך אויסגעשלייפֿט
אויף דער פֿינצטערניש פֿון לאַנגע וואָגל-נעכט
אויף דעם בלענדיק טויטן-ליכט
פֿון חלפֿים-שאַרף
און זײַנע שורות — סטרונעס פֿון אַן אַלטער האַרף —
האָבן שוין אין אַלע פֿײַערן געגליט און אויסגערייפֿט.
אויף אַ ווײַטער ערד בײַ שטורעם-ברעגן
איז דאָס ליד געבאָרן —
און עס זינגען דאָס אַלע גילדענע קאַיאָרן
און אַלע פֿרײַע ווינטן אויף די וועגן.

פּול מיט אומרו און ליבשאַפֿט פֿליסטערט ער אויס אין די נעבט זײַן תּפֿילה, זײַן "געבעט", מיט וועלכן ער עפֿנט דאָס בוך "מיט באָרוועסע טריט" (1966):

"טו אָפּ די פּײַן פֿון וואָלקדיקע טעג, / פֿון בלאָנדזשעניש אויף טונקלען ראַנד, / קער אום צוריק די זיכערקייט פֿון וועג / צו יענעם שיינעם יונגן לאַנד, / ווו קרומגיין הייסט פֿאַרגיין, / און ליגן הייסט פֿאַרראַט, / און גלויבן הייסט פֿאַרשטיין, / און וואָרט הייסט טאַט".

אין זעלבן בוך זעצן זיך פֿאָר און ווערן פֿאַרטיפֿט די מאָטיוון פֿון נאָסטאַלגישע דערמאָנונגען: "כ'בין געקומען פֿון זיך אַליין, / פֿון אַ בישוף-לאַנד, / דאָרט ווינט מײַן פֿאָלק / אויף אַן אָפּגרונט-ראַנד / צווישן הויכע בערג / און די עכאָס פֿון זײַן באַרג-געזאַנג — / ווײַסע שיפֿן אויף אַ בלויען ים, / רויטע פֿעלדזן אין אַ מדבר-גלות, / ווי פֿאַרקילטער פֿלאָם, / ווי פֿאַרגליווערט בלוט".

אַגבֿ, בײַם ציטירן די דאָזיקע שורות, ווילט זיך אונטערשטרײַכן אייניקע וויכטיקע אייגנשאַפֿטן פֿון ספֿאַרדס פּאָעזיע, ווו ס׳פֿעלן אויס קלינגענדיקע מעטאַפֿאָרעס, אָריגינעלע עפּיטעטן, מאָדערנע גראַמען-אַסאָנאַנסן און אַל דאָס איבעריקע פֿון רײַכן פּאָעטישן אַרסענאַל, אָבער אַ דאַנק דער אויס-נאָמלעכער אויפֿריכטיקייט פֿון געזאָגטן און געזונגענעם, קערן זיך אום פֿון דער באַנאַליטעט צוריק צום ערשטיקן און ס׳צעפֿינקלען זיך מיט זאַפֿטיקער פֿרישקייט די אַזעלכע טויזנט מאָל געהערטע "הויכע בערג", "ווײַסע שיפֿן", "בלויער ים" אד"ג.

4. אויף אייגנערד

זײַן בוך לידער, וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען בײַ אונדז אין מדינת-ישׂראל וואָלט אייגנטלעך אויך באַדאַרפֿט אָנגערופֿן ווערן "אני מאמין" — איך גלייב. דאָס בוך הייסט אָבער "ברענענדיקע בלעטער", ווייל דאָס זענען ווירקלעך בלעטער, וועלכע ברענען און וועלן, גלייב איך, נישט איבערברענען, ווײַל אויף זיי האָט דער דיכטער פֿאַרקריצט אַזאַ שׂרפֿנדיקן ווייטיק, וואָס קען געלינדערט ווערן בלויז דורך ייִדישן בטחון. אַזוי פֿיל טיפֿע אַנטוישונג, וואָס קען מבֿטל ווערן בלויז דורך אויסגעלײַטערטן ייִדישן גלויבן.

די מערהייט לידער פֿון אָט דער זאַמלונג זענען אויסגעווייטיקט געוואָרן אינעם לעצטן חושכדיקן פּעריאָד פֿון גלות-פּוילן: — "האָסט אויפֿגעהויבן דאָס פּרוכת פֿון דער נאַכט", — ווענדעט זיך דער דיכטער צום אויף ס׳נײַ דערוואַכטן כאַם-און פֿאַן-רוצח — "מײַן גלויבן וואָס האָט דעם לעצטן פֿונק באַוואַכט, דערמאָרדעט בײַ דעם טויער".

נישט גרינג איז געווען דעם דיכטער אין יענע טעג. דאָס האָט ער דאָך געשפּירט מיט אַלע און פֿאַר אַלע "די בייזע שׂנאה-בליקן פֿון פֿאַראַכטונג און פֿון חרם", וואָס "פֿויזן ווי די ווערעם און באַגלייטן פֿון די גאַסן אין די היימען"; דאָס איז ער דאָך דורכגעגאַנגען דעם דאָרנדיקן וועג איבער "געקרייציקטע טעג און איבער נעכט, ווען פֿון וואָלקן קריכט אַרויס אַ פּאַסיקל לבֿנה ווי אַ מעסער, און פֿירט נאָך זיך אַ שטערנדל ווי אַ ציטערדיקע שאָף", דאָס איז ער דאָך פֿול-צער געזעסן בײַם פּוסטן ברעג און אַ פֿאַר-ביטערטער געקלאָגט: "ווּעמען וועלן אלולדיקע ווינטן / אויסדערציילן איצט אויף מאַמע-לשון / דעם עלנט פֿון פֿאַרוואָרלאָזטע בית-עלמינס? / מיט

װעמען װעלן איצטער ייִדיש רעדן, / װעלדער פּױלישע / און לײַכטנדיקע בלױע טײַכן װי לבֿנות?" און פֿאַרלאָזנדיק ענדלער פּױלן צוזאַמען מיט "מחנות ייִדן", "װי צעפֿלאַשעטע געיאָגטע פֿײגל", נעמט דאָך דער דיכטער מיט זיך און לאָזט דאָך דער דיכטער איבער נאָך זיך עפּעס אַזױנס, װאָס איז נישט פֿאַרגענגלעך ביז אין דער אײביקײט:

אָ, לאַנד פֿון מײַן געבױרן,
מעגן דײַנע האַרבסטן שײנע מער נישט העלן
אױף די אָבֿל-שװעלן
פֿון מײַן אײנגעװאַלגערט הױז —
סײַ װי איז שױן אַזױ באַשערט,
אַז אומגײן זאָל מײַן שאָטן באָרװעס
אין די חורבֿות,
פֿון דײַן הײליקער געשענדטער ערד
דורך יעדן דור און יעדער צײַט,
ביז אין דער אײביקײט.

און אָט דורך דעם כּישופֿדיקן דערנערקרײַז — פֿון לית דין ולית דײן — צו זיך, צום אײגענעם שורש, פֿון "טומלדיקער אַלגעמײנקײט" — קומט ער פֿון תּוהו ובֿוהו — צו בראשית, צו שטילער פֿאַרכטיקער ליבשאַפֿט-תּפֿילה אונטער די "פֿאַרטאָגיק-שטױנענדיקע שטערן", בײַ די לױכטנדיקע שטײנער פֿון ירושלים:

עס טרעפֿט —
איך גײ אַרום פֿאַרשיכּורט דאָ
מיט יאָרן טױזנטער באַהעפֿט
מיט דורות הונדערטער געאָרעמט.

יאָ, "פֿאַרליבטע זענען בלינד" — זאָגט דער דיכטער אין אײנעם אַ ליד, װאָס איז גרױס מיט חידושדיקער ליבשאַפֿט צו ישׂראל, און ער פֿאַרענדיקט דאָס דאָזיקע ליד:

"... איך װײס, אַז פֿאַרליבטע זענען בלינד —
אַז גאָט אַלײן זאָל זיך אױף זײ דערבאַרעמען".

װעגן דער שװאַנען-ליד פֿון דוד ספֿאַרד, װעגן זײַן לעצטן לעבנס-בוך

״שפּאַצירן אין דער נאַכט״, זענען שוין פאַרעפֿנטלעכט עטלעכע אינטע-רעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען און אונדזער ליטעראַטור-קריטיק וועט, קלער איך, נישט איין מאָל נאָך זיך אומקערן צו אָט דעם מערקווירדיקן לידער-באַנד.

מיט וואָס טיילט זיך אויס דאָס דאָזיקע בוך? דאָס איז וואָלט איך געזאָגט, די צענטראַלע בלוט-אַרטעריע מיט אַלע אירע אָפּצווייַגונגען פֿון דעם דיכטערס לאַנגיעריקער שעפֿערישקייט. דאָס איז די קאָנצענטראַציע און פֿאַרטיפֿערונג פֿון זיין סטיליסטיק, פֿון זיין טעמאַטישן קרייַז, פֿון זיינע זשאַנער-מעגלעכקייטן.

צוויי גרונט-פֿאַקטאָרן האָבן באַשטימט דעם עיקר-כאַראַקטער פֿון אָט דער לעצטער לידער-זאַמלונג: ערשטנס, זענען אַלע שאַפֿונגען — פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה — דורכגעטראַכט און אויסגעווייטיקט געוואָרן שוין אין מדינת ישׂראל, אויף ״אייגנערד״, — ווי דוד ספֿאַרד רופֿט אָן איינע פֿון זיינע לידער.

צווייטנס, איז לויט באַזונדערע סטראָפֿן און גאַנצע לידער נישט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער דיכטער האָט, מעגלעך, אונטערבאַוווסטזיניק, — שוין געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער דיכטעט אויס דאָס לעצטע סך הכּל-ווערק זיינס...

דאָ, אויף אייגנערד, בעיקר — אין ירושלים, — קומט ערשט צום בולטסטן אויסדרוק דעם דיכטערס נטיה צו עלעגישקייט, אָדער ווי די היינטצייַטיקע רופֿן דאָס: ״אינטעלעקטועלע דיכטונג״. דאָס אייגנטימלעכע פֿאַר זיין עלעגישקייט איז דאָ נישט קיין טרוקענער דידאַקטיזם, נאָר אַן אָנגעגליטער טיף-לירישער מחשבֿה-שטראָם. ס׳קען דוכטן — רויִקע באַ-דאַכטע ״שפּאַצירן אין דער נאַכט״, אין דער אמתן אָבער איז דאָס אַ געשפּאַנטער אינערלעכער דיאַלאָג קודם מיט זיך אַליין, אויג-אויף-אויג מיטן אייגענעם געוויסן, וואָס מאָנט ענטפֿער און דולדעט נישט קיין פֿאַר-ענטפֿערונג...

אינעם ליד ״קריג״ זאָגט דער דיכטער: ״אַ לעבן-לאַנג איך וויל בלויז מאַכן שלום / מיט זיך אַליין״, ״און בלויז מיט זיך אַליין / איך פֿיר אַ קריג״. ס׳איז אויך ״אַ קריג״, ריכטיקער געזאָגט, אַ פֿילאָסאָפֿישער ויכּוח מיטן עבֿר, וואָס איז דאָרטן אפֿשר געווען אַ מאָל וואָר און אויך מיט דער איצטיקייט דאָ, וווּ די נייַע פֿלאַנצונגען און ביימער זענען ״פּונקט ווי מיר שוין אויך דורות אַלט / און אין זייער נייַעם גאַנג / דעם עבֿר מיטן עתיד זיי באַהעפֿטן / מיט געזאַנג״...

פֿאַראַן אין די "שפּאַצירן" לידער, דורכגענומענע מיט בראשיתדיקן ציטער פֿון באַטרעטן "די אויסגעבענקטע ערד, וואָס האָט זיך אונדז געחלומט אין דער פֿרעמד", פֿון דער סודותדיקער שטילקייט, ווען מע קומט צו זיך, פֿאַרבלײַבנדיק "מיט זיך" און ס'פּישופֿן זיך אַרויס אַזעלכע קלאַסישע סטראָפֿן ווי: "פֿרעמדע ווינטן האָבן מיך פֿאַרשיכּורט, / האָב איך אויס־געגרעדט שוין אַלע רייד. / איצט איז מיר פֿאַרבליבן בלויז דער עיקר — / שווײַגנדיקע פֿרייד".

אָבער דער דיכטער דוד ספֿאַרד, איז, איצט אפֿשר מער ווי אַלע מאָל, זייער ווײַט פֿון אידילישער שלוה — מיט פֿיבערדיקן אומרו זענען פֿאַרפֿולט זײַנע "לעצטע שפּאַצירן אין דער נאַכט": סײַ אין די לידער פֿון לײַבלעכער קרובֿהשאַפֿט מיט דער "הייליקער ערד, וווּ ס'ווינען איצט וואַכיקע מענטשן", סײַ אין זײַנע שואה־לידער, וווּ ס'הערט נישט אויף צו זידן דאָס בלוט פֿון די דערמאָרדעטע (אין אַזעלכע באַלאַדישע פּערל ווי, למשל, "אַ חלום" און "די טויטע כּלה"), און סײַ אין זײַן אויסטענהן זיך מיטן אייבערשטן און מיטן סדר העולם, טענות אויפֿן פֿאַלקסטימלעכן דרך פֿון "פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא", אויף וועלכע ס'הילכט אָפּ דער האַרצרײַסנדיקער שלוס־אַקאָרד:

אַלע שטאַרבן מיר ווי קינדער,
די אויגן פֿול מיט חידוש און מיט שרעק,
אַלע ווערן מיר געבוירן בלינדע
און בלינדע גייען מיר פֿון דער וועלט אַוועק.
("ווי קינדער")

פֿילזײַטיק איז געווען זײַן טאַלענטירטע שעפֿערישקייט — אַ פּאָעט, אַן עסייִסט, אַ דערציילער, אַ רעדאַקטאָר, לעקטאָר און קולטור־בויער... אָבער ער האָט זיך נאָך אויסגעצייכנט מיט גאָר אַ זעלטענעם טאַלאַנט — אַ מענטש איז ער געווען, אַ מענטש פֿון גאָטס גענאָד. ער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ ים מיט מענטשלעכקייט און גוטער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די אַרומיקע, פֿאַר פֿרײַנד און קאָלעגן, — נאָענטע און אַפֿילו ווײַטע...

מיט באַזונדער ליבשאַפֿט דערמאָנען מיר, די ייִדישע שרײַבער, געקומענע פֿון רוסלאַנד, דעם נאָמען דוד ספֿאַרד ז"ל: ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אײַנגעבראָכנע און פֿאַרביטערטע פֿון סטאַלינס מאָרד־און שקלאַפֿן־לאַגערן, אין מיט פֿון די פֿופֿציקער יאָרן — האָט ער פֿון דעמלטיקן

פּוילן, דער ערשטער אויסגעשטרעקט צו אונדז זײַן ברידערלעכן אָרעם, דערמוטיקט אונדזער ווײַטערדיקע שעפֿערישקייט, ברייטהאַרציק געדרוקט אונדזער ווערק אין די "ייִדישע שריפֿטן", וועלכע ער האָט דאַן רעדאַגירט. מיר האָבן פֿאַרגעזעצט אונדזער אַקטיוון שעפֿערישן קאָנטאַקט אויך נאָך דעם, ווי ס'איז אויפֿגעקומען "סאָוועטיש היימלאַנד", ווײַל נאָר דאָרט, אין די "ייִדישע שריפֿטן", האָט מען אונדז געגעבן אַ פֿיל פֿרײַערע מעגלעכקייט אַרויסצוקומען מיט אונדזער ייִדישן וואָרט. ס'האָבן אונדז נישט איבער-געשראָקן און אויך ספֿאַרד האָט איגנאָרירט די געמיינע פּראָטעסטן און מסירות פֿון די סאָוועטיש-ייִדישע יודענראַטלער...

גייט אַוועק אַ מענטש — גייט אונטער אַ וועלט.

אַוועק איז דוד ספֿאַרד און פֿאַר אונדז איז אונטערגעגאַנגען אַ גרויסע, אַן איין-און-איינציקע וועלט, וואָס וועט אונדז ווייטיקלעך אויספֿעלן סײַ אין די שווערסטע מינוטן פֿון פּײַן, סײַ אין די געציילטע רגעס פֿון פֿרייד. און מירן געדענקען ביזן סוף פֿון די אייגענע טעג אַז ער פֿעלט אונדז אויס ווי לופֿט און ווי ברויט און ווי דאָס ריינע געוויסן פֿון אונדזער פּילגעליטענער ייִדישער ליטעראַטור.

זײַנע מילדע געבענטשטע הענט פֿון אַ רעדאַקטאָר און ליטעראַטור-קריטיקער וועלן זיך שוין קיין מאָל נישט צורירן צו אונדזער סטראָפֿע און צו אונדזער שורה, נישט בלעטערן אונדזערע ביכער...

אונדז וועט אויספֿעלן זײַן גרויסע פֿריינדשאַפֿט, זײַן באַהאַרצטער טרויעריקער שמייכל, זײַן טרײַ און קלוג וואָרט, זײַן אויסגעפּײַניקטער פּערז...

ירושלים 1982

אין דער וועלט פֿון גיטל מייזיל

פֿון די צוואַנציקער יאָרן ביז הײַנט, אין צענדליקער צײַטשריפֿטן פֿון אונדזער „אימפעריע יידיש", זענען צעשפרייט און צעוואָרפֿן גיטל מייזילס שאַפֿונגען — ליטעראַטור-קריטיק, עסייען, זכרונות וועגן שרײַבער, קינסטלער און איבערזעצונגען פֿון דער קלאַסישער און הײַנטצײַטיקער וועלט-ליטעראַטור, אויך אַפֿילו אַ בינטל לידער אין ע. קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערינס". פֿון דעסטוועגן קען מען נישט פֿאַרעכענען גיטל מייזיל צו די זייער שטאַרק פּראָדוקטיווע מחברים. איר וואָרט לאָזט זיך הערן נישט אָפֿט, דערפֿאַר אָבער לאָזט זיך עס נישט פֿאַרגעסן. איר קול קלינגט זעלטן, דערפֿאַר אָבער — דײַטלעך, איבערצײַגעוודיק און אויסנעמלער-פֿריש.

אָט די ביז גאָר סימפּאַטישע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ ליטעראַטאָר-עסייאיסט טיילן זיך אויס נאָך בולטער און זענען אויס נאָך ווערטפֿולער בײַ הײַנטיקן טאָג, ווען אויף אונדזער „אָלימפּוס" הערשט, לײַדער צו אָפֿט, דילעטאַנטישע אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און „פּראָפֿעסיאָנעלע" וואָרט-דעוואַלואַציע. אַ ביסל צו פֿיל, זאָלן זיי מיר מוחל זײַן, פּרימיטיווע איבערדערציילער, אַ מאָל אויך אַרײַנזאָגער, אָדער גאָר — גאַנץ-ראַפֿינירטע גאָרנישט-זאָגער...

„ווען מע גיט אַרויס אַ בוך עסייען איין מאָל אין 70 יאָר, דערצו נאָך אין יידיש זענען די אָביעקטיווע שוועריקייטן און סוביעקטיווע באַוואָרענישן — אין לשער".

אַזוי הייבט זיך אָן דאָס בוך „עסייען" פֿון גיטל מייזיל (פּרץ-פֿאַרלאַג, תל-אביב, 1974). סאַראַ גלענצנדיקער זאָג, וואָס כאַראַקטעריזירט, נישט ווילנדיק די פּערזענלעכקייט פֿון עסייאיסט גופֿא! נישט דאָס קימערט אונדזער מחברין, וואָס דאָס בוך „עסייען" איז ערשט איר ערשטלינג, נישט דאָס אַפֿילו, וואָס איר אַליין איז שוין, ביז הונדערט און צוואַנציק, זיבעציק! נאָר גאָר אַן אַנדער זאַך פּײַניקט זי: „וויפֿל און ווי אַזוי איך האָב נישט געקליבן, אָפּגעקליבן, אויסגעקליבן און איבערגעקליבן — בין איך געבליבן הינטערשטעליק און שולדיק, אַרום און אַרום, קעגן אַ סך און אַ סך מחברים,

קעגן לייענערס... קעגן מײַן אייגענעם, פּערזענלעכן און שרײַבערישן געוויסן. און דער עיקר: שולדיק קעגן תּקופֿות און סבֿיבֿות, וואָס איך האָב געהאַט דעם גרויסן זכות צו לעבן אין זיי און מיט זיי".

אַן אַנדער מאָל, שוין צום סאַמע סוף פֿון בוך, שילדערט גיטל מייזיל, פֿאַרבײַגייענדיק, איר שעפֿערישן געמיט-צושטאַנד:

"עס האָט זיך סײַ-ווי געדאַכט, אַז די נײַ-אָנגעשריבענע שורות שאָקלען, יעדעס מאָל מיטן קאָפּ אויף "ניין"! עס איז נישט דאָס"...

ס'איז גאָר נישט פּאַראַדאָקסאַל קלערן מיר, וואָס דווקא די גוואַלדיקע ציטערדיקע אחריות פֿאַרן אַרויסגעזאָגטן וואָרט, דווקא די פּײַן פֿון קלײַבן און איבערקלײַבן, פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַן אמתער ברכה סײַ פֿאַר אונדזער ליטעראַטור און סײַ פֿאַר די לייענער פֿון איר בוך, מיט וועמען גיטל מייזיל פֿירט בעתן שרײַבן "אַ פֿאַרבאָרגענעם און אויך אַן אָפֿענעם געשפּרעך". אָט דאָס געשפּרעך פֿירט זי פֿרײַ, היימיש, צו מאָל אַפֿילו אינטים און צו מאָל אין אַן אויפֿגערעגטן געמיט — ס'איז פֿאַראַן ב"ה פֿון וואָס זיך צו רעגן אין אונדזער צײַטעלע, בפֿרט ווען סע גייט אַ רייד וועגן ליטעראַטור, ייִדישער ליטעראַטור, וועגן "תּקופֿות און סבֿיבֿות"...

יעדע שעפֿערישע פּערזענלעכקייט פֿאַרמאָגט זײַנע בלוטיק-אייגענע טעמאַטישע גרונטמאָטיוון; אָט די מאָטיוון קלינגען שטענדיק — אַ מאָל שטאַרקער און דײַטלעכער, אַ מאָל — עטוואָס צוגעלאָשן, ווי שטילע מוזיק-טענער, וועלכע באַגלייטן דעם קינסטלער און זײַן שאַפֿונגס-פּראָצעס, אין זײַן לעבנס-וועג בכלל.

גיטל מייזיל, וועגן וואָס און וועגן וועמען זי זאָל נישט פֿירן איר געשפּרעך, געפֿינט זי און טיילט שטענדיק אויס אַזעלכע עיקרדיקע באַ-גלייטונגס-טענער בײַם באַהאַנדלטן קינסטלער און זײַנע קונסט-ווערק. און דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל גיטל מייזיל אַליין, פֿאַרמאָגט זיך אַוודאי אירע נאַטירלעך-אייגענע ברײַענדיקע טעמאַטישע גרונט-מאָטיוון, וואָס פֿילן אַן מיט זין און ליבשאַפֿט איר יעדן עסיי.

און אָט אַזוי טאַקע איז געבויט איר עסייען-ווערק — לויט די עיקר-דיקע ליניעס פֿון איר שעפֿערישן פֿאַרויסגאַנג. דאָס בוך "עסייען" באַשטייט פֿון דרײַ טיילן:

א׳, ב׳ און ג׳. און פּונקט אַזוי ווי ס'איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס די ערשטע טייל הייבט זיך אָן מיט אַלף, פּונקט אַזוי נאַטירלעך איז פֿאַר גיטלען דאָס אַרײַנשליסן אין אָט דעם אות, פֿריִער פֿון אַלץ, די ראשונים פֿון דער

ייִדישער קולטור אין סאָוועטן-פֿאַרבאַנד, וועלכע זענען אויף אַזאַ מערדע-רישן אופֿן דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן. ס'איז דאָך אירע אַ טיף-בלוטנדיקע פּערזענלעכע טעמע. ווייסן מיר דאָך, אַז גיטל מייזילס פֿריִע יוגנט וואָרצלט אין דער תּקופֿה און אין דער סבֿיבֿה פֿון באַרימטן "קיִעווער פּעריאָד", אינעם נאָכרעוואָלוציאָנערן פּעריאָד פֿון שטורמישן אויפֿבלי אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון רוסלאַנד, אין פּעריאָד פֿון גרעסטער האָפֿענונג און פֿיינלעכסטער שרעק.

דוד בערגעלסאָן, דער נסתּר, לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש — מיט יעדן פֿון אָט די גרויסע קינסטלער, האָט די מחברין געהאַט דאָס גליק אויך שפּעטער, נאָכן קיִעווער "שטורם-און-דראַנג-פּעריאָד", זיך באַגעגענען אָדער אין וואַרשע, אָדער אין בערלין... זי שילדערט זייערע פּאָרטרעטן מיט אינטימער האַרציקייט. מילד, ווי מיט אַקוואַרעל געמאָלט, מיט אומרו און צער, ממש ווי וועגן אַן אייגענער פֿאַרשניטענער און פֿאַרשוועכטער יוגנט.

אָבער דער עיקר — אונטערשטרייכנדיק די אייגנטימלעכע ספּעציפֿיש-קייט פֿון יעדן צווישן די שרייבער-קדושים — הייבט גיטל מייזיל אַרויס דאָס אַלגעמיינע ביי זיי — דעם ייִדיש-נאַציאָנאַלן תּוך, וואָס ברעכט נישט זעלטן די צוימען פֿון טיפֿסטער פֿאַרבאָרגנקייט, די פּענטעס פֿון פֿאַר-בלענדעניש און פּחד.

אין דעם ערשטן אָפּטייל קומט אויך אַריין די גלענצנדע אַנאַליטישע אַרבעט "שלמה מיכאָעלס און מאַקס ריינהאַרד", אין וועלכער די עסייאיסטין טיילט זיך מיט אירע מחשבֿות וועגן די צוויי גרויסע טעאַטער-פּערזענלעכ-קייטן, וועגן זייערע אַזוי פֿאַרשידענע סצענישע וועגן, וואָס האָבן זיך נישט איין מאָל געקרייצט, וועגן דער ענלעכקייט פֿון דעם אַזוי פֿאַרשידענעם טראַגישן סוף פֿון די צוויי... און דאָך און מער פֿון אַלץ — וועגן זייער **פּאַראַלעלן** גאַנג אין דער טעאַטער-קונסט וואָס קען זיך קיין מאָל אין ערגעץ נישט איבערקרייצן — דער גאַנג פֿון טיף-ייִדישן קינסטלער שלמה מיכאָעלס, וואָס וועט נאָך לאַנג אָפּהילכן אין אונדזער פֿאָלקס-זכּרון און דער כּמעט שפּורלאָזער גאַנג פֿון דעם "ייִדיש-אָפּשטאַמיקן" מאַקס ריינ-האַרד אין דער דייטשער קונסט.

פּערזענלעכע זכרונות, געפֿאָרשטע ביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן און דער-ווייזלעכער אַנאַליז — אָט די דריי עלעמענטן קומען נישט באַזונדער, אָדער קינסטלער-צוזאַמענגעקלעפּט אין די עסייען פֿון גיטל מייזיל, נייערט זיי

שאַפֿן איין ווונדערלעך געשמעלץ, איין איינהייטלעכן דערציילערישן שטאָף, פֿון וועלכן זי פֿורעמט אירע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן.

באַזונדערס בולט איז אַט די שרײַבערישע מאַניר אין די לירישע עסייען וועגן צוויי גרויסע ליריקער אין אונדזער קולטור — דעם אומגעבראַכטן קאָנגעניאַלן בינע־פּאַרטנער מיט מיכאָעלסן — בנימין זוסקין — דעם "וואָס האָט פֿאַרשפּרייט סײַ אויף דער בינע, סײַ צווישן פּובליקום אַ חיותדיקן, טאַנצנדיקן און זינגענדיקן אָפּטימיזם" און וועגן דעם פּראָזע־מייסטער איציק קיפּניסן. דעם לירישן דערציילער וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן געשפּרייט אַרום זיך, צעשמייכלטע גוטסקייט און דורשט צו גערעכטיקייט אין אַן עפּאָכע פֿון דורכאויסיקע אומרעכט און אַכזריות.

מיט גרויס בקיאות אין דער פּראָבלעמאַטיק פֿון דער נייער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע האָט דורכגעבראַכן די קאַזיאָנע קראַטן פֿון "סאָצרעאַ־ליזם", רעדט גיטל מייזיל אין איר אַרבעט "צוויי ביכער אין איין אָטעם" (וועגן נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם און וואַסילי גראָסמאַן) כאָטש זאָגן דאַרף מען, אַז ס'איז שוין אַ ביסל צו פֿיל פֿאַר "איין אָטעם", — נישט אַזוי וועגן די קאָנקרעטע צוויי באַהאַנדלטע ווערק ווי וועגן אַרום אַט די ווערק.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס דווקא אין אָפּטייל א' קומען אויך אַרײַן די צוויי עסייען וועגן יוסף פּאַפּיערניקאָוו (40 יאָר ארץ־ישׂראלדיקייט) — עסייען וועלכע לויכטן זיך ממש מיט גוטהאַרציקן הומאָר, מיט ליבשאַפֿט צום דיכטער און זײַן ליד; נישט קיין וווּנדער וואָס דווקא דאָ איז אויך אַרײַנ־געפּאַסט דער זייער אינטערעסאַנטער פּאָרטרעט פֿון יעקב פֿרידמאַן ז"ל.

קענטיק, אַז אַט די צוויי וויכטיקע ישׂראל־דיכטער זענען פּונקט אַזוי אײַנגעבאַקן געוואָרן אין הארצן, פּונקט אַזוי בלוטיק־אייגן געוואָרן ווי די ווידערגעפֿונענע יוגנט, דאָ אין ישׂראל און אפֿשר איז דאָס אַ גאָלדן בריקל נישט צום צווייטן* נאָר צום דריטן אָפּטייל ג' — דאָרט ווו ס'ווערט באַ־

* אין אָפּטייל ב' קומען עסייען וועגן פֿרויען־שאַפֿונג (מרים אולינאָווער, רייזל זשיכלינסקי, רחל ינאית־בן־צבי, יוכבד בת־מרים, הדסה רובין), געבנדיק טרעפֿלעכע ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. רעדנדיק וועגן דער איינמאַליקער שעפֿערישער באַזונדערקייט פֿון יעדער באַליבטער דיכטערין, דערווײַזט גיטל מייזיל קרעפֿטיק און איבערצײַגעוודיק די ספּע־ציפֿישקייט פֿון פֿרויען־פּאָעזיע בכלל, בײַ דער גלײַכבאַרעכטיקער פֿולווערטיקייט פֿון אָט דער שאַפֿונג. לוידער קאָנען מיר זיך איצט נישט אָפּשטעלן גענויער אויף אָט די אינטערעסאַנטע אַרבעטן. ס'ווילט זיך אויך אָפּמערקן דעם טיף־אַנאַליטישן, אוניווערסאַלן עסיי "ווירדזשיניאַ וואָלף און אירע מיטצײַטלער", וואָס פֿאַרדינט, גלייב איך, אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג.

האַנדלט ישׂראל-ליטעראַטור, ישׂראל-ווירקלעכקייט און ישׂראל-פּראָבלע-מאַטיק?

דער עפּיגראַף צום אָפּטייל ג׳ — "עס איז געווען בשעת דער צווייטער וועלט-מלחמה — ווען מאַיאַ, דעמאָלט פינף יאָר אַלט, האָט מיך פּלוצים געפרעגט: — מאַמע, אַ מלחמה ענדיקט זיך אַ מאָל?"!...

די דאָזיקע האַרבע קשיא קאָן — ביז היינט — מיט רעכט פרעגן יעדעס ישׂראל-קינד, ווייל מיר לעבן און אָטעמען, באַאַרבעטן און פלאַנצן באָדן, בויען שטעט און שאַפן ווערק, כאָווען קינדער — אין אַ מצבֿ פון פּערמאַ-נענטער מלחמה מיט אונדזערע פילצאָליקע פיינט, וואָס ווילן בשום-אופן נישט משלים זיין מיט אונדזער עצם-עקזיסטענץ.

אַוודאי ווערן אויך אין אָפּטייל ג׳ באַהאַנדלט ווערק — ביכער פון העברעישע מחברים און בעיקר — דאָקומענטאַרע און האַלב-דאָקומענטאַרע שאַפונגען, ווערק, וואָס זענען שוין באַרימט, באַליבט און לייענען זיך מיטן גרעסטן אינטערעס אויך ווייט אויסער די גרענעצן פון אונדזער מדינה: "ימי צקלג" פון ס. יזהר, אַ בוך וואָס שילדערט איינעם פון די טראַגיש-דערהויבנסטע קריגס-עפּיזאָדן, בעת דער באַפרייונגס-מלחמה פון 1948. "ירושלים לנצח" — אַ בוך "וועגן דער איבערמענטשלעכער גבֿורה פון די ישׂראל-פּאַראַשוטיסטן אין קאַמף פאַר דער עיר העתיקה", "דאָס טאָגבוך פון אַ זעלנער" ("יומנו של חייל") פון יהושע בר דיין, דער ווונדערלעך-איינציקאַרטיקער קאָלעקטיווער ספר "קעמפער דערציילן" ("שיח לוחמים"), וועלכן מיר פאַרמאָגן שוין אין אַ פיינער יידיש-איבערזעצונג (פּרץ-פאַרלאַג, 1969), וועגן נאָך און נאָך פון אָט דעם אַלץ וואַקסנדיקן ביכער-טורעם, ווי גיטל מייזיל באַצייכנט. דער יידיש-לייענער וועט, גלייב איך, מיט גרעסטן אינטערעס איינהערן זיך אין דעם איינגעהאַלטענעם געשפּרעך וועגן וואָס עס גייט אַ רייד אין אָט די ביכער און וואָס עס האָט צו זאָגן, זי אַליין, די מחברין פון "עסייען", וועגן און אַרום אָט די ביכער...

און ווער ווייס, אפשר גראָד אַ דאַנק די קאַרגע, פשוטע רייד פון גיטל מייזיל, וועט דער יידיש-לייענער פון גאָר דער וועלט זיך פאַרטיפן און נאָך מער דערנענטערן זיך צו דער "עמאַנציפּאַנעלער מאַפּע פון ישׂראל", צו דער אויבנאויפיק-"שטעכיקער", "אָפּגעפרעמדטער" און דאָך טיף-יידישער פּסי-כאָלאָגיע פון אונדזער העלדישער און צערטלעכער סאַברע-יוגנט, צו אונדזערע יידישע מאַמעס פון ישׂראל און צו אונדזערע קינדער, וואָס חלומען טראָץ דער האַרבסטער וואָר: "דער שלום איז אַזוי ליב, אַזוי שטיל

און ווייל..." און נאָך: "נצחון בידינו אַך עצבֿ בליבנו" — "דער זיג איז אין אונדזערע הענט, אָבער טרויער אין אונדזער האַרצן". אפֿשר וועט דער יִידיש-לייענער זיך מער דערנענטערן צום גרויסן סוד אונדזערן, צום נס פֿון נצח ישׂראל...

גיטל מייזיל, ווי געזאָגט, פֿירט אַן איינגעהאַלטענעם, אַ טיף עמאָ־ציאָנעלן געשפּרעך און ס'מערקט זיך אין לעצטן אָפּטייל פֿון אירע עסייען אויך אַ נײַער שטראָם וואָס אין די פֿריערדיקע אָפּטיילן האָט ער קוים געריזלט — ס'גייט אַ רייד וועגן דעם **פּובליציסטישן** שטראָם.

יאָ, פּובליציסטיק, אָבער וואָס פֿאַר אַ פּובליציסטיק! דאָס רעדט און דערציילט, דאָס גיסט אויס איר פּיינלעכן צער-און-צאָרן, דאָס שטייט אַ טיף דערשיטערטע פֿון גרויס חידוש און באַוווּנדערונג איבער דעם נס־ישׂראל, אַ שרײַבער פֿון 50 יאָר ארץ-ישׂראלדיקייט!

דאָס רעדט אַ מאַמע און אַ באָבע פֿון סאַברעס, געזונט זאָלן זיי זײַן צוזאַמען מיט די קינדער און אייניקלעך אונדזערע!

1975

אין געציילטע ווערטער

לכבֿוד דבֿ סדן

(צו זײַן 80סטן געבורטס-טאָג)

אַוועקשטעלן זיך רעדן וועגן אַ וואָרט-שעפּער און תּלמיד-חכם פֿון אַזאַ קאַליבער ווי אונדזער ר׳ דבֿ סדן איז טאַקע פֿאַר מיר אַ גרויסער זכות, אָבער אויב זיך גוט אַרײַנטראַכטן איז דאָס נאָך אַ גרעסערע חוצפּה פֿון מײַן זײַט... און באמת, וואָס קען איך, משטיינס געזאָגט שוין זאָגן, איך, וואָס האָב אַפֿילו קיין פּערטל פֿון אַלע זײַנע כּתבֿים נישט אײַנגעקנעלט. אמת, דאָס ביסל וואָס כ׳האָב יאָ באַוויזן אַרײַנצונאַשן סײַ פֿון סדנס ספֿרים סײַ פֿון סדנס תּורה שבעל פּה האָט גוואַלדיק באַרײַכערט מײַן אינערלעכע וועלט און דערפֿרישנדיק איבערפֿולט די נשמה מיט ליבשאַפֿט און צוגע-בונדקייט צו אונדזער מים חיים, צו אונדזערע דורותדיקע פֿאָלקס-קוואַלן פֿון שעפֿערישקייט. דאָס און נאָך עפּעס:

ווען מען דערמאָנט בײַ אונדז אין שטוב דעם נאָמען דבֿ סדן ווערן מיר דורכגענומען נישט נאָר מיט גרויס יראת הכּבֿוד צו אים, צו זײַן גוטהאַרציקער גוסטע, צו זײַן שיינער משפּחה, נישט נאָר מיט פּאַרכטיקער באַוווּנדערונג פֿאַר זײַן אויסנאַמלעכער שעפֿערישער גבֿורה, מיר ווערן דורכגענומען מיט עפּעס אַ מין באַזונדערער אינטימער קרובֿהשאַפֿט און מיר גרויסן זיך מיט אים עלעהיי ער וואָלט עס טאַקע זײַן נישט אַנדערש ווי דער שפּיגל פֿון אונדזער אייגענער משפּחה.

און אין דער שײַן, אין שײַן פֿון האַרציקער קרובֿהשאַפֿט, איז שוין דאַכט זיך נישט אַזאַ חוצפּה מײַן אַרויסטרעטן עפּנטלעך מיט אַ וואָרט וועגן דבֿ סדן.

שלמה מיכאָעלס ז״ל — מײַן ערשטער מורה דרך, דער וואָס האָט אייגנטלעך פֿאָרמירט און געשטאַרקט אין מיר כּאַראַקטער, געוויסן און זכּרון — שלמה מיכאָעלס האָט אַ מאָל באַמערקט וועגן אייניקע אַקטיאָרן:

זיי קענען באַהערשן די סאַמע פּערפֿעקטע בינע-קונסט, זיי מעגן אַפֿילו זײַן די גרעסטע מײַסטערס פֿון איבערגעשטאַלטיקונג, צוויי זאַכן אָבער זענען

זיי נישט בכּוח אויסצובאַהאַלטן: אייגענע טפשות, אָדער אייגענע רשעות, ווי אַן אַל פֿון זאַק קריכט אַרויס פֿון זייער גאַנצער קונסט — ביַי איינעם — זיַין שלעכטס, ביַים צווייטן — זיַין נאַרישקייט. אָבער דאָס איז דער להבֿדיל...

ביַי אונדזער בעל יובֿל — פֿון אַלץ וואָס ער טוט, פֿון אַלץ וואָס ער זאָגט און פֿון אַלץ וואָס ער שריַיבט — שטראַלט אַרויס דער צעשמייכלטער חן פֿון חכמה און גוטסקייט, ייִדישע חכמה און גוטסקייט, פּערזענלעך-סדנישע חכמה און גוטסקייט...

וועגן איינעם אַ וויַיבל פֿלעגט מען ביַי אונדז זאָגן, אַז זי איז אַ שוואַרץ-חנעוודיקע, נאָר וואָדען? זי איז מער שוואַרץ ווי חנעוודיק...

די שעפֿערישע וועלט פֿון אונדזער דבֿ סדן איז אַ וועלט פֿון כּולו חן אַרום יעדער פּיצל שוואַרצטראָפּן, אַרום יעדער פּינטעלע, גריבעלע, אַרום יעדער ראָזשינקע, אַרום יעדער גליַיכווערטל און רעדנסאַרט פֿון חכמת ייִדיש. מענטשן וואָס ווייסן, זאָגן אַז דאָס זעלבע, ניט געמינערט — אין זיַינע עבֿרית-פֿאָרשונגען. ער שאַפֿט געשמאַק און גרינטלעך ניט נאָר די ביִאָגראַפֿיע פֿון וואָרט, נאָר אויך די עטנאָגראַפֿיע, די פֿילאָזאָפֿיע און אַרכעאָלאָגיע פֿון וואָרט.

יעדער מענטש, זאָגט מען, איז אַ וועלט פֿאַר זיך, אַ באַזונדער-געשלאָסענע אייגנאַרטיקע וועלט.

דבֿ סדן איז אַ גרויסע וועלט מיט אָן אַ שיעור וועלטעלעך.

ס'טרעפֿט, ווען מיר פֿאַרטיפֿן זיך אין זיַינעם אַ מאמר, פֿאַרזען מיר אָפֿט, אַז דער מחבר לאָזט זיך גאָר אַוועק אויף זיַיטיקע שטעגלעך פֿון דער עיקר המעשׂה. די שטעגלעך, אַזוי קען זיך דאַכטן, האָבן אַ קנאַפּן שייכות צו דער הויפּט-מאַגיסטראַל... און דאָך ווערן מיר מיטגעריסן און לאָזן זיך אויך אַוועק נאָך סדנען מיט אָט די זיַיטיקע אומוועגן, וואָס פֿאַר-ברייטערן זיך אַלץ מער און מער, באַריַיכערט מיט גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים, אַסאָציִאַציעס, מיט היסטאָרישע, פֿילאָזאָפֿישע, שפּראַכלעכע און פֿאָלקלאָריסטישע "חידושים", ווי סדן באַצייכנט דאָס...

און אָט, ווען מיר געדענקען שוין קוים צוליב וואָס אייגנטלעך מיר זענען אַהער געקומען און מיר ווערן שוין באַלד ווי זיכער, אַז טאַקע דאָ איז די סאַמע "סמעטענע", דאָס "אויבערשטע פֿונעם שטייסל", דאָס ווערט-פֿולסטע וואָס דער מחבר האָט צו זאָגן, דערזען מיר זיך פּלוצים אויפֿן פֿעסטן גרונט פֿון דעם צענטראַלן טראַקט...

און אַז אַלע וועגן און אומוועגן האָבן נאַטירלעך געפֿירט אַהער און בלויז אַהער — צו דער עיקר המעשׂה. נישט מער — ס׳באַגלייט אונדז דער גוטמוטיקער שמייכל פֿון ר׳ דבֿ, זאָל לעבן, גלײַך ער וואָלט אונדז זאָגן דערבײַ:

״דאָס זענען, רבותי, בלויז אייניקע דוגמאות, וואָס יעדער פֿון זיי איז אפֿשר ווערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג און אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט געבן כּוחות, וועל איך דאָס, מירטשעם אַליין טאָן און ביז וואָס און ביז ווען, מעגן זיך אַנדערע, די ייִנגערע אויך אַ ביסל אונטערגאַרטלען...״

אָבער כּל הכּבֿוד, אונדזער דבֿ סדן, איז ברוך השם שטענדיק מער פּראָוואָרנע פֿון די סאַמע ייִנגסטע צווישן אונדז...

ס׳איז, דאַכט זיך ״אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד״, אַז דבֿ סדן איז אַ גאַליציאַנער, האַ יאָ? פֿאַר די בראָדער איז דאָס טאַקע אפֿשר ניט קיין סוד, אָבער אַלע איבעריקע, בײַ יעדן איינעם פֿון אונדז? כ׳בין זיכער אַז טיף אין האַרצן, איז קיינער פֿון אונדז נישט אין גאַנצן מסכּים מיט אַט דער בראָדער קאָנצעפּציע. ווי, למשל, קלער איך מיר, קען דאָס געמאָלט זײַן אַז בערל שטאָק זאָל גאָר אַרויסקומען ניט פֿון פּאָדאָליע? ס׳איז דאָך אַזאַ היימישער הײַסינער נאָמען — בערל שטאָק! און אויסגעקאָכט איז ער דאָך אין אַלץ וואָס אין מײַנע מקומות איז פֿאַרגעקומען מיט און אַרום ייִדן במשך בלוטיקע יאָרהונדערטער און דאָס מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט יעדער קנייטש און מיט יעדער חן-גריבעלע! אַזוי קלערט, מיין איך, יעדערער אויף זײַן שטייגער וועגן זײַן לײַבלעך אייגענעם בן עיר דבֿ סדן: אַזוי קלערט דער טיף-פּוילישער, דער וואָלינער, דער פּאָלעסיער, דער בוקאָווינער, דער באַסאַראַבער און צווישן אונדז זאָל דאָס בלײַבן: אַפֿילו דער ליטוואַק. איז אַט האָב איך אַפֿילו אַ שטיקל חשד אַז נאָר בכדי סע זאָלן, חלילה, נישט אַרויסקומען קיין מחלוקתן צווישן ייִדן ווי להבֿדיל אַ מאָל בײַ די יוונים, אַז די ליטוואַקעס זאָלן שׂונאי ציון, זיך נישט דאַרפֿן רײַסן בײַ די בערד מיט די גאַליציאַנער, האָט אונדזער בעל יובֿל אָפּגעטאָן אויף טערקיש אַלע יוונים:

נאָך מיט יאָרן צוריק איז בערל שטאָק דער בראָדער מגולגל געוואָרן אין **דבֿ סדן** דער ירושלימער און פּטור אַן עסק און אין דער פֿראַגע לכל הפּחות — זענען מיר שוין באַוואָרנט געוואָרן מיט שלום און אחדות...

דבֿ סדן איז געוואָרן דער כּבֿוד און דער שפּיגל פֿון כּל ישׂראל, פֿון אונדזער דורותדיקער קולטור.

און מיר דאָ אין ירושלים מעגן זיך דאָך אַוודאי איבערנעמען מיט דער הייַנטיקער שׂמחה און ווינטשן מיר זיך נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן זאָלן מיר מיט שטאָלץ זיך שפּיגלען אין אונדזער ליבן, לעבעדיק-שעפֿערישן מורינו ורבינו דבֿ סדן. אמן!

1982

אַ וואָרט וועגן יוסף פּאַפּיערניקאָוו

בעת מיר שרייַבן אָדערריידן וועגן דיכטער גיט זיך נישט שטענדיק איַין אויסצומייַדן די סטאַנדאַרטע שטאַמפּירטע "מאָס-און-וואָג"-דעפיני-ציעס, ווי למשל "גרויסער דיכטער", "וואָגיקער", "באַדייַטנדיקער", "וווּנ-דערלעכער" אד"ג.

דער אמת איז, אַז צווישן די וואָס שרייַבן די אַזוי גערופֿענע "קורצע שורהלער" — געגראַמטע, צי נישט געגראַמטע, אָרטאָדאָקסיש צי מאָדער-ניסטיש, די אַלע לידער-שעפֿער טיילן זיך נישט מער ווי אויף צוויי קאַ-טעגאָריעס: אויף פּאָעטן און אויף נישט קיין פּאָעטן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדער פּאָעט האָט זיך זייַן מזל. נישט יעדערער ווערט צו דער צייַט אָנערקענט און באַוווּסט, אָבער זיכער בין איך, אַז קיין איין אמתע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט וועט נישט פֿאַרלוירן גיין און דער קולטור-געשיכטע פֿון זייַן פֿאָלק.

מיט איין וואָרט — גענוג צו זאָגן: "ער איז אַ דיכטער" און מיר נעמען שוין במילא אַריַין אין דעם באַגריף גרויס, וואָגיק, ווונדערלעך און, פֿאַר-שטייט זיך, פֿריִער פֿון אַלץ — אויסנאַמלעכע אייגנאַרטיקייט פֿון זייַן פּאָעטישן נוסח און מהות.

דיכטונג, באַזונדערס לירישע, איז נישט נאָר קיין באַדאַכטער פּאָעטישער שמועס מיט זיך אַליין נאָר אויך אַ דיאַלאָג פֿון דיכטער מיט זייַן אינטימסטן פֿרייַנד — מיט זייַן און נאָר מיט זייַן לייענער, אויך יעדער לידער-לייענער טיילט די פּאָעטן אויף זייַנע און נישט זייַנע (מעגן זיי זייַן אַפֿילו גאָר גוטע פֿאַר אַנדערע).

הייַנט ווילט זיך מיר רעדן וועגן מייַן פּאָעט — דעם ייִדישן דיכטער, דעם ייִדישן ישׂראל-דיכטער **יוסף פּאַפּיערניקאָוו**, זאָל לעבן.

העכער צוואַנציק לידער-זאַמלונגען האָט פֿאַרעפֿנטלעכט יוסף פּאַפּיערניקאָוו און דעם ערשטן אויספּיר וואָס איך מאַך, אַרייַנטיפֿנדיק זיך יעדעס מאָל אין זייַנעם אַ נייַעם לידער-בוך איז, אַז דאָס איז טאַקע אַ זאַמלונג פֿון געקליבענע לידער. דעריבער נייטיקט זיך נישט דער דיכטער

אין קיין בכלל געקליבענע ווערק. אָבֿל מה — ווי מען זאָגט ביַי אונדז? — אין יעדער פֿון זיַינע ווערק זענען פֿאַראַן נישט ווייניק אַזעלכע אויפֿטרייסלענדיקע שאַפֿונגען, וועלכע זענען מסוגל צו באַשיַינען אָדער אַפֿילו פֿאַרנעמען דעם בכּבֿודיקסטן פּלאַץ אין יעדער מין אַנטאָלאָגיע פֿון דער היַינטציַיטיקער ישׂראל-דיכטונג.

דעריבער טאַקע האַנדלט פּאַפּערניקאָוו ווי אַ חכם, וואָס ער לאָזט וואַנדערן אַזעלכע עכט-אַנטאָלאָגישע לידער, מאָטיוון און וואַריאַציעס פֿון בור צו בור, שוין נישט רעדנדיק פֿון אַליין-אַנטאָלאָגיעס.

און טאַקע אין זכות פֿון די דאָזיקע וואַנדערנדיקע לידער, מאָטיוון, וואַריאַציעס, גלויב איך, וועט די גאַנצע שאַפֿונג פֿון אונדזער דיכטער אַריַינגענומען און אויסגעהיט ווערן אין דעם פּאַנטעאָן פֿון דער פּרעכטיקער ייִדישער וועלט-פּאָעזיע.

יוסף פּאַפּירערניקאָוו איז אפֿשר דער סאַמע ישׂראלדיקסטער צווישן די ישׂראל-דיכטער, אַריַינגערעכנט אויך העברעיִשע, אַפֿילו סאַברעס, וועלכע זיַיטלען זיך אָפּט מיט אַן אויג אויף ניַי-מאָדישע דערנער-צימבלער פֿון מערבֿ-אייראָפּע און אַמעריקע.

וועגן פּאַפּערניקאָוון אין שווער צו רעדן. גרינגער איז פּראָסט פּשוט זיך אָנידערזעצן אינטים מיט זיַינע לידער און זיך אַריַינדאַווענען, זיך אַריַינזינגען אין זיי, וויַיל זיַין דיכטונג איז אַ מאָל תּפֿילה און אַ מאָל געזאַנג און אַפֿילו זיַינע ליריש התלהבֿותדיקע אָדעס צו די חלוצים, די ערשטע יונגע בויער און פֿלאַנצער פֿון ארץ-ישׂראל קלינגען אויך נישט מיט קיין קאַזיאָנעם פּאַטאָס, נאָר מיט ייִדיש-מעלאָדישער, מיט ייִדיש-וואַרעמער היימישקייט. זיַין געזאַנג צו פֿאָלק און ארץ-ישׂראל איז אַרומגעקריַיזט — מיט פֿאַרכטיקער שטילקייט.

וויל צו דעם דיכטער, וואָס איז אין דער זעלבער מאָס ביז טיפֿסטן ווייטיק פֿילבאַר און קעמפֿעריש בנוגע צו נאַציאָנאַלע און אויך סאָציאַלע עוולות. און אַזאַ איז ער, אונדזער פּאַפּירניקאָוו!

ער איז אפֿשר אויך דער אייציקער ייִדישער דיכטער ביַי היַינטיקן טאָג, וועמענס הארבע, באמת נבֿיאישע שטראָף-רייד צו פֿאָלק און מדינת ישׂראל, וועמענס מוסר, וואָס שינדט ממש דאָס אייגענע ליַיב ווי מיט פֿיַיערדיקע ריטער — מיר נעמען אָן מיט הכנעה און פֿאַרשטענדעניש, וויַיל דאָס ווערט געזאָגט פֿון אַ צעפּיַיניקט האַרץ פֿול מיט ליבשאַפֿט. צום געשטראָפֿטן. און

באַלד, ווייסן מיר, וועט קומען די ברוגזלעכע מילדערניש: "ווי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער און מען ווערט צו איר מיט טענות אָנגעצונדן — בין איך, צווייטע היים מײַנע / מיט דיר געוואָרן ברוגז / און אַ ברוגזער — מיט דיר מײַן גורל שוין פֿאַרבונדן. כ'האָב שוין מער און גאָרנישט אויסער דיר, / ס'איז הינטער מיר געריסן שוין די בריק, / נישטאָ שוין קיין צוריק / צו אַלץ, וואָס כ'האָב געלאָזט ווו הינטער זיך. / נישטאָ! / און כ'האָב זיך, לאַנד, מיט דיר פֿאַרבונדן, / ווי מיט אַ באַנדאַזש אויף מײַנע וווּנדן..."

מען דערציילט, אַז פּאַפּערניקאָוו האָט צענדליקער יאָרן געוווינט אויף אַ דאַך-שטיבל און וואָס העכער ער האָט געוווינט, האָט ער אַלץ טיפֿער געשפּירט די צוגעבונדנקייט צו דער ארץ-ישׂראלדיקער מאַמע-ערד, נישט מער — ער איז אויך נאָענט געוואָרן צו די שטערן איבערן דאַך. און וואָס האָט ווערט, משטיינס געזאָגט, אַ פּאָעט אויב די בײדע — ערד און הימל — פֿאָרן זיך ניט בײַ אים?

פּאַפּיערניקאָוו איז געווען צווישן די ערשטע יונגע ביימער-פֿלאַנצער אויף אונדזער דעמלט זאַמדיק-שטייניקן און מדבר-פֿאַרוויסטן באָדן, איז דען אַ חידוש זײַן אויפֿטרייסלענדיקע בענקשאַפֿט און ליבשאַפֿט צו בוים און צו וואַלד. כּמעט אין אַלע זײַנע זאַמלונגען גרינען מיט אַ באַזונדער ווינטיקער פֿרישקייט בוים און וואַלד. ווי טיף דער דיכטער פֿאַרשטייט און קלײַבט זיך פֿאַנאַנדער אין דער פֿאַרשיידנאַרטיקער וואַלד-באַפֿעלקערונג זעט מען ערשט אין זײַן לידער-בוך מיטן אָריגינעל-טרעפֿלעכן נאָמען "די גרינע ראַסע". און דאָס איז אַ ראַסע וואָס זעט אויס בײַם דיכטער פֿיל מענטשלעכער פֿון אַלע מענטשן-ראַסעס אויף דער ערד. ער שפּירט זיך אַזוי היימיש אין דער וועלט פֿון ביימער און פֿלאַנצן, אַז מיר דאַכט ס'איז פֿאַראַן צווישן זיי און דעם פּאָעט אַ קעגנזײַטיקע ליבשאַפֿט און פֿאַר-שטענדעניש. אַזאַ פֿאַרשטענדעניש ווי ס'איז געווען, ווערליק מען דערציילט, בײַ נאָך איין יידישן דיכטער... בײַ שלמה המלך.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו איז דער זינגער פֿון הײַנטצײַטיקן שיר השירים אין דער ייִדישער דיכטונג, ער איז דער דיכטער פֿון היים-פֿרייד און היים-ווײי. ער איז דער דיכטער פֿון געמיינזאַם און איינזאַם און טאַקע מיט זײַן קלאַסישן ליד "מיט זיך", וועלכע איז פּאַקטיש אַ גלענצנדיקער אויטאָ-פּאָרטרעט פֿונעם דיכטער, ווילט זיך מיר פֿאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קורצע וואָרט וועגן מײַן דיכטער:

איינזאַם און מיט זיך אַליין זײַן —
קען מען אויך אויף אַ יאַריד,
נאָר מען דאַרף חוץ איינזאַם — ריין זײַן,
ווי אַ גוט געשליפֿן ליד;
און מען דאַרף אויך זײַן אַ גאַנצער,
ווי אַ קערן אין דער שאָל —
אַז עס זאָל ווי פֿון אַ פֿאָנצער
אָפּשפּרינגען אַפֿילו שטאָל.

איז אַבי געזונט, טײַערער יוסף פּאַפּערניקאָוו, נעמט צו אונדזערע האַרציקסטע ירושלימער ברכות און פֿאַרבלײַבט לנצח אַזאַ ווי מיר האָבן אײַך ליב — אַ זינגער און אַ באַזינגער, אַ פֿאַרליבטער און אַ ברוגזער, אַ שטראָפֿער און אַ בענטשער.

1988

צום אָנדענק פֿון משה יונגמאַן ז״ל

אונדזער פּרי-פֿאַרשטאָרבענער דיכטער משה יונגמאַן איז געווען ביז גאָר באַשיידן און בצימצומדיק אין וואָרט און אין ליד און צווישן זײַנע קורצע פּאָעטישע שורות שפּירט זיך דאָס ניט-דערזאָגטע אַפֿילו רײַכער, טיפֿער, פֿילפֿאַרביקער ווי אין דעם געזאָגטן . . . און אין דעם טאָקע שטעקט דער כּוח און דער כּישוף פֿון זײַן פּידעלע. זײַן קורצע סטראָפֿע לאָזט נאָך זיך אויף לאַנג אַ דערפֿרישנדיקן שפּור אין דער זוניק-אָנגעגליטער ישׂראל-און יידיש-לאַנדשאַפֿט פֿון זײַן פּאָעזיע. אויך דאָס קורצע למד-וואָווועדיקע לעבן זײַנס האָט געלאָזט נאָך זיך פּונקט אַזאַ ווײַטע דורות-לאַנגע געדענקשאַפֿט.

מיט משה יונגמאַנס אַוועקגיין פֿון אונדז איז אַוועק אין דער אייביקייט איינער פֿון די זעלטנסטע, בײַ הײַנטיקן טאָג, עכט-חלוציאַנישע פּערזענלעכקייטן: אַ דיכטער, וועמענס לידער ס׳אָטעמען מיט לײַב-און-לעבן פֿון זײַנע טואונגען און וועמענס טואונגען ס׳לויכטן מיטן פֿלאַם פֿון ריינער פּאָעזיע.

אַ קליין טעלערל פֿון הימל
האָב איך דיר געגעבן
צופֿוסנס די הרי חושך:
אַ יונג דערפֿל
באַגאָסן מיט מילך
און מיט זון
אַרומגעקרוינט מיט בלאָע ווינטן
מיט גראָזן
אָפּגעריסן פֿון דער וועלט
האַלטנדיק די וועלט
אויפֿן שפּיץ פֿון דער צונג.

כ׳האָב געזאָגט עכט-חלוציאַנישע פּערזענלעכקייט, יאָ אָבער צום גרינטלעכן אונטערשייד פֿון אַ סך צווישן די פֿריִערדיקע חלוצים, האָט ער

נישט אָפּגעוואָרפֿן און זיך נישט אָפּגעקערט, נישט געמאַכט קיין הפֿקר־פּעטרישקע פֿון דער טויזנטיעריקער קולטור־ירושה פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, פֿון זײַן גאַליציע, פֿון זײַן טאַטע־מאַמע היים. פֿאַרקערט — פֿון דאָרט, פֿון ביטערן גלות מיט אַלע זײַנע פֿינצטערע נויט־און טויט־שרעק, ווו ס׳טשאַטעוועט אויף דיר פֿון יעדן וואַלד־און וועג־ווינקל די הײַדוקן־רוצחים אויף זייערע פֿלינקע פֿערדלעך, דווקא פֿון דאָרט איז אויפֿגעקומען דער ייִדישער בטחון און די פֿלאַמיקע ליבשאַפֿט צו ארץ־ישׂראל. און טאַקע וועגן זײַן שטענדיק פֿאַרהאַרעוועטן דאָרפֿיש־קליינשטעטלדיקן טאַטן — טוט ער זיך, אונדזער דיכטער, אַ זאָג: „מער ווי אַ בײַטש — זײַן אייגנס — האָט ער נישט פֿאַרמאָגט, נאָר שטענדיק סיליענדיק די טרערן פֿון חצות, האָט ער בהרחבֿהדיק מיר פֿאַרירשנט אַ מדינה״...

ווי שיין און דיכטעריש־פֿינקטלעך איז דאָס געזאָגט אין יונגמאַנס, אין זײַן אַכטן לידער־בוך „מײַן טאַטנס פּרנסות״.

אין אַן אַנדער ליד, געדרוקט אין יהואש־נומער פֿון דער „גאָלדענער קייט״ פֿאַרן יאָר 1971 זינגט ער אין „מיין וועג צו יהואשן״.

„די בלאָע וווּנדערפֿייגל וואָס יהואש האָט באַהאַלטן אין תּנ״ך / — זינגען צו מיר אַרויס, / דערציילן מיר די וועלט ייִדיש: / רחל רעדט ווי מײַן מאַמע האָט גערעדט. / גאָט פֿון אַבֿרהם, פֿון יצחק און פֿון יעקבֿן איז דער גאָט, מיט וועלכן מײַן מאַמע פֿלעג זיך דורכשמועסן / אויף דער פֿולער וואָר. / די אָבֿות מיט זייער לך־לך / דערמאָנען מיר שטענדיק אין מײַן טאַטן / מיט זײַן פֿערד און וואָגן / אויף די ביטערע וועגן פֿון נעונדטן ייִדיש — ישעיה, יחזקאל, / ווי אַלע האַרבע, פֿרומע ייִדן פֿון מײַן דאָרף, ווי מײַן רבי פֿײַוויש, וואָס האָט בלאָע סימנים / מיר געלאָזט אין לײַב. / שולמית פֿון שיר השירים, ווען זי רעדט ייִדיש, / שיידן זיך פֿון איר אָפּ אַלע שלמה המלכ׳ס פּאַלאַצן / און זי ווערט ווידער דעם שכנס טעכטערל שולמית, / מיטן שנירל קרעלן אויפֿן האַלדז, / מיט די שוואַרצע, שטיפֿע־רישע אויגן, / וואָס צעטאַנצן ערשטע שעמעוודיקע ווערטער פֿון מײַן ליד״.

משה יונגמאַנס דיכטונג זאָגט מען, איז אַ שטילע דיכטונג. יאָ אַוודאי איז ער שטיל געווען אין זײַן גאַנג און אין זײַן געזאַנג אָבער שטיל קען שפּילן אויך אַן אָרקעסטער. פּיאַניסימאָ הייסט עס, אָדער אין קלעזמער־לשון — אויף די סורדינקעס. יונגמאַנס דיכטונג איז געגליכן צו אַ קלעזמער־קאַפּעליע, וואָס שפּילט אויף די סורדינקעס האַרצעדיק־שטיל און היימיש.

משה יונגמאַן איז אויסנאַמלעך שלימותדיק, האַרמאָניש — נישטאָ

דערבײַ אין קיין אײַנרײַס, ווי שוין געזאָגט, צווישן דער אַלטער און נײַער היים, קיין סתּירה צווישן ייִדיש און עבֿרית, צווישן טרײַשאַפֿט ווי אַ באַליבטער העברעיִשער לערער בײַ די סאַברעלעך, ווענמענס עלטערן סע שטאַמען פֿון מאַראָקאָ צי איראַק און זײַן טרײַער ליבשאַפֿט צו ייִדיש-פּאָעזיע און ייִדיש-קולטור, אויך קיין שום אײַנרײַס שפּיר איך בײַ אים נישט צווישן פֿרומקייט און אוניווערסאַליזם, אפֿשר האָב איך אַ טעות, נאָר מיר דאַכט, אַז פֿון איין קאָמפּלעקס האָט ער פֿון דעסטוועגן יאָ געליטן: ווי ווייניקע צווישן די ייִדיש-שעפֿער, איז ער, ווי מיר דאַכט, געווען זייער זעלבסטקריטיש צום אייגענעם ליד און, ווי ס'ווײַזט זיך מיר אויס, איז פֿון דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן האָט ער מער געוואָרפֿן אין קאָרב און פֿיל ווייניקער געדרוקט פֿון דעם וואָס ער האָט יאָ געלאָזט אויפֿן טיש. אָבער ווי שוין געזאָגט, אפֿשר דאַכט זיך מיר אַזוי.

פֿאַראַן פֿיל באַשערטקייט, גורלדיקייט אין משה יונגמאַנס שווערן פּאָעטישן לעבנסגאַנג. ער איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן קיין רוסלאַנד גאָר יונג, ווען זײַן געבוירן-לאַנד פּוילן איז שוין געלעגן אין חורבֿות, ווען די נאַציסטישע מערדער האָבן זיך שוין גענומען אומברענגען די ייִדישע באַפֿעלקערונג.

און זײַן ערשט ליד, ווי כ'האָב געהערט, האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1940, אין קיִעוו... יאָ אין זעלבן קיִעוו, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פֿון דער נאָכאָקטאָבערישער ייִדישער פּאָעזיע פֿון רוסלאַנד.

שפּעטער האָט מען אים פֿאַרשיקט צו די "ווײַסע בערן" אין סיביר, וווּ ער האָט געהאַקט געזעגט און געוואַלגערט די דורותדיקע סאָסנע און פֿיכטע-ביימער אין דער ווילדער פֿראָסטיקער טײַגע.

איך מיש איבער זײַנע ערשטע פּאָר ביכלעך און כ'שטויס מיך פּלוצים אָן אויף אַ בלוטיק-באַקאַנטן נאָמען: וואָרקוטאָ.

"פֿירט מיך צוריק קיין וואָרקוטאָ. לאָזט מיך זיך נאָך אַ מאָל אויס-גליטשן און אָוועקשווימען אין אייגענעם בלוט".

און ווײַטער:

"גראָז וועט ניט וואַקסן מער אונטער הימלען, זינט כ'האָב דיך דערזען" זעענען מיר, הייסט עס צוויי מאָל ברידער — אויך איך, ווי אַנדערע ייִדיש-סאָוועטישע שרײַבער האָבן שפּעטער אַ ביסל פֿאַרזוכט און נאָך ווי פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון וואָרקוטאָ.

איז דען אַ חידוש, וואָס ער, יונגמאַן, באַווײַנט אַזוי האַרצרײַסנדיק די

טויטע ביכער "פֿון די אומגעבראַכטע האָפֿשטיין, מאַרקיש, בערגעלסאָן, וואָס זוכן דעם וועג צו אונדז פֿון הינטער קריַעס אײַז"?

ער איז געווען פֿול מיט שטיל-שמייכלענדיקן חן, אונדזער משה יונגמאַן און פּונקט אַזוי זוניק-חנעוודיק האָבן געלויכטן איבער זײַן ישׂראל-דיכטונג אַלע שמייכלען פֿון ארץ הקודש, פֿון ירושלים, צפֿת, עכּו, אילת, פֿון די קיבוצים און יישובֿים — פֿון גאָר דער רחבֿות פֿון אָט דעם לענדל.

איינע אַ פֿאָלקסליד באַוויינט ביטער אַ נפֿטר וואָס בײַם לעבן איז ער "געגליכן געווען צו ברויט".

משה יונגמאַן און זײַן דיכטונג איז געגליכן צום זעלבן ברויט וואָס ער באַזינגט אַזוי שיין אין זײַנע "ווײַסע טויערן".

"אַ לעבל ברויט אויפֿן ברעג פֿונעם טיש דערוואַרעמט די גאַנצע וועלט".

אויסגעצייַטיקט אין שטילשווייַגן

אויב אַ ייִדיש ליד האָט דעם שאַנס אויסגעלייזט ווערן פֿון פֿאַרגעסנקייט, איז דאָס נאָר אַזאַ, וואָס ווערט נישט געבוירן מיט דער נאַרישער אילוזיע פֿון וועלן אַריבערשרייַען דעם גרילציקן האַרצלאָזן יאָמער פֿון קאָמפּיוטער-יאָרהונדערט; אַ ליד, וואָס איז אויסגעוויייטיקט דורך אונדזער ביטערער וואָר; אַ ליד, בייַ וועלכן יעדער וואָרט איז אויסגעבאָדן **אין פֿיל-דייַטיקער שטילקייט.**

נישט וויייניק אַזעלכע לידער וועט דער לייענער, קלער איך, געפֿינען אין דער נישט-לאַנג דערשינענער זאַמלונג פֿון דיכטער יאָסל לערנער ״ביז ס׳הייבט אָן טאָגן״ (פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל-אביב, תשל״ז 1977).

זייַן ערשטער בוך, אַרויסגעגעבן אין ישׂראל א״ב ״פֿון בעלעמער פּנקס״, איז בשעתו זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן דורך אונדזער ייִדישער פּעריאָדיק, דערונטער אויך אין אונדזער אויסגאַבע (זע ״ירושלימער אַלמאַנאַך״, נומ׳ 6-7 פֿאַרן יאָר 1976, ז׳ 280).

ס׳איז אָפּגעמערקט געוואָרן דעם דיכטערס חריפֿות און באַהאַוונטקייט אין ייִדישן פֿאָלקלאָר-אוצר, די אייגנאַרטיקע פּאָעטישע אינטערפּרעטאַציעס פֿון די ״בעלעמער חכמים״, פֿון ״הערשעלע אָסטראָפּאָליער״, ווי אויך, פֿאַרשטייט זיך, די געהיטע פּערלדיקע פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון זייַן ייִדיש-לשון. אַ באַזונדער אינטערעס האָבן אַרויסגערופֿן אויך זייַנע אָריגינעלע קורצע מעשׂהלעך פֿון יענעם בוך — ״אַ וועלט מיט וועלטעלעך״ — בצימצומדיק אין ווערטער און פֿילזאָגנדיק מיט זייער לעבנס-חכמה.

צענדליקער יאָרן האָט דער דיכטער געקליבן יענע זאַמלונג. נאָך אַ גרעסערן צייַט-אָפּשניט נעמט אַרום זייַן צווייטער לידער-בוך, וועלכן מיר רעצענזירן אַצינד.

״ביז ס׳הייבט אָן טאָגן״ עפֿנט זיך מיטן טראַגיש-אַנגעלאָגלטן ציקל ״אַנטקעגן וויסטן נסיון״, לידער געשריבן אין די יאָרן 1941-1944, ווען דער דיכטער האָט געוואָגלט צוזאַמען מיט די ייִדן פֿון באַסאַראַביע און בוקאָווינע איבער די געטאָס און טויטלאַגערן פֿון טראַנסניסטריע, ווען היים איז

געוואָרן „יאָמערדיקער וועג אין שטויב״. אַזעלכע לידער ווי „אַנטקעגן וויסטן נסיון״, „דורך די צעבראָכענע פֿענצטער״, די באַלאַדע „צען ברידער-לער״, „רעמינעסצענץ״, זענען קיין טראָפּן ניט פֿאַרעלטערט געוואָרן. זיי פֿאַראייביקן די שרפֿהנדיקע שפּורן „ביים בלוטיקן טאָל״, זיי גליִען מיט דער ליַידנשאַפֿט פֿון קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיַין די גרויליקע תּקופֿה פֿון נאַציסטישער ייִדן-אויסראָטונג, פֿון אַרויסהויבן די ייִדישע ווידערשטאַנד-גבֿורה. ס'ווילט זיך מיר ציטירן איינס פֿון די קורצע לידער, וועלכע איז מסוגל צו דערשיטערן אונדזער געמיט מיט גאָר דער קראַפֿט פֿון קינסטלערישן אמת: „אידיליע״ רופֿט זיך דאָס ליד (אידיליע — אַן געַנדזנפּיסלער!):

אויפֿן דאַך פֿון אַ פּוסט-און-וויסטן הויז
שטייט אַ רויבפֿויגל
בראָוו און נאָבל
מיט אַן איילבירטבלאַט
אין פֿאַרבלוטיקטן שנאָבל...

פֿונעם שטאַרצנדיקן קוימען
גייט ניט מער קיין רויך,
דער הימל איז ריין
און בלוי
און הויך. —
די קרעמאַטאָריעס פֿון אָשווענטשים, טרעבלינקע
און מיידאַנעק
רוען שוין אויך...

דאַכט זיך — פּראָסטע, פֿאַרשטענדלעכע שורות, און דאָך — ס'אַראַ אויסנאַמלעכע פּאָעטישע געוואַגטקייט: דווקא אַ דאַנק דעם סובטעל-איראָנישן איבערוף מיט געטעס באַרימט ליד, וואָס באַרירט די „אייביקע טעמע״, אַנטפּלעקט זיך אויף ס'ניַי פֿאַר אונדז דער גרויסער בראָך פֿון אונדזער אויסגעהרגעט פֿאָלק און, להבֿדיל, די נעבעכדיקע אומבאַהאָלפֿנ-קייט, דער באַנקראָט פֿון אַ געצנדינערישער קולטור מיט אַלע אירע „אייביקע ווערטן״...

נאַטירלעך איז דער איבערגאַנג צו די איבעריקע לידער-און-ציַיט-

שיכטן פֿון אַט דעם מערקווירדיקן פּאַטעטישן אָפּקלײַב, ווען דער ייִדישער דיכטער, אַ קיין מאָל נישט באַפֿרײַטער פֿון דורכגעשטורעמטן חורבן-קאָשמאַר, זוכט און געפֿינט דאָך גרויסע טרייסט אין... טרייסטן אַנדערע, פּונקט אַזעלכע אײַנגעבראָכענע און איינזאַמע ווי ער אַליין. נײַן, דער צער-און-צאָרן, דער ווינד-און-וויי, האָט דאָך נישט פֿאַרוויסט, נישט פֿאַרשלאָסן אונדזערע הערצער פֿאַר אַל דאָס גוטס און אַל דאָס שיינס, די דורותדיקע מאָראַל פֿון ייִדישקייט האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פֿון אונדז. והראיה — די האַרציקע טרייסט-לידער פֿון יאָסל לערנער, וועלכע זענען צעוואָרפֿן און שײַנען אַרויס ווי מילדע שטערנדלעך צווישן די איבעריקע לידער-ציקלען. לאָמיר אויף דער שטעל אָנרופֿן בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל פֿון אַזעלכע לידער-שטערנדלעך: "וויש אויס דעם הימלס פֿאַרוויינטע אויגן", "וואָס רעדט דער ווינט מיטן ווײַנשלבוים", "לאָמיר זיך לערנען בײַ דער ערד", "הימען צום לעבן", "שלאָף מײַן קינד, ביסט מיד" און פֿיל אַנדערע.

"די טרערן דײַנע רינען, רינען" — זאָגט ער אין איינעם אַזאַ טרייסט-ליד. טרערן פֿון פֿאַרלײַכטערונג — ווילט זיך צוגעבן — טרערן, דורך וועלכע ס'דערשײַנט קוים צו מערקן אַ ליכטיקער און פֿאַרשטענדיקער שמייכל פֿון אַ פֿיל-געליטענעם גוטן דיכטער און גוטן מענטש.

אויך אין די אינטים-לירישע מאָטיוון, אין זײַן אינערלעכן דיִאַלאָג מיט וואַלד, פֿעלד, הימל און שטערן, מיט זײַן בענקשאַפֿט צו די יונגע יאָרן, וואָס זענען אַוועק מיט די וואַסערן פֿון היימישן טײַך, אין די פּאַטעטישע באַזיניקונגען פֿון סבֿיבֿה און צײַט, פֿון לעבן און טויט, אין די לידער פֿון טרויער און באַדויער איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר לערנערן די ציכטיקע לויטערקייט פֿון אַ זוניקן האַרבסט, ווו ס'דאָמינירט נישט אַזוי דאָס וועלקן ווי די פֿרוכטבאַרע רײַפֿקייט.

אַ באַזונדער אָרט פֿאַרנעמען בײַם דיכטער די משלים-לידער, וועלכע פֿאַנגען אונדז מיט זייער פּאַטעטישער תּמימות און פֿאָלקסטימלעכן חן. ס'ווילט זיך אויסטיילן אַזעלכע צוויי ממש שעדעווערן, ווי "ביז ס'הייבט אָן טאָגן" און "שפּאַצירט זיך דער הייליקער מולד", לידער, וועלכע מיר קענען, ליידער, נישט, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, ברענגען פֿון אָנהייב ביזן סוף. און ציטירן, אַרויסרײַסן שורות, איז נישט שייך, ווײַל אַ ציטאַטע וואָלט בלויז צעשטערט די גרויסע עסטעטישע באַפֿרידיקונג בײַם אַרײַנלייענען זיך אין אַט די צוויי וווּנדערלעכע לידער.

איבער לערנערס אָריגינעלקייט אין זײַן משל-זשאַנער שפּירן זיך די

בענטשנדיקע הענט פֿון אונדזער גרויסן משלים-צויבערער אליעזר שטיינבאַרג.

בכלל דאַרף מען צוגעבן נאָך איין זעלטענעם שטריך צו לערנערס פּאָעטישן אָנבליק: דער דיכטער איז זייער ווײַט פֿון צו זײַן אַ זעלבסט-פֿאַרליבטער מאַניאַק, זײַן (אַ ביסל שוין צו זעלבסט-באַשיידענע) טרויעריק-שמייכלענדיקע מוזע, איז קיין מאָל נישט איינזאַם ווי אַן אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון הימל אויף אונדזער זינדיקער ערד, זײַן דיכטונג איז שטענדיק אַרומגערינגלט מיט פֿרײַנד, באַליבטע ייִדישע פּאָעטן — פֿאָרגייער און מיטצײַטלער.

גאָט פֿון אַבֿרהם, פֿון יצחק און פֿון יעקבֿ!

הייבט ער אָן זײַנע אַ תּפֿילה. און ווײַטער:

גאָט פֿון ישעיהו, פֿון עמוס און פֿון יונה!
גאָט פֿון רב יהודה הלוי, אלחריזי און היינע!

און לסוף:

גאָט פֿון ביאַליק, פֿון לייוויק און פֿון מאַנגער!
מײַן קאָפּ מאַך ניכטער,
מײַן אויער — געניט.
זאָלן די פֿידלען פֿון די געזאַלבטע דיכטערס
שפּילן אין מײַן געמיט!...

דורך אַלע גיהנומדיקע וואָגלענישן — טרײַ צו זײַן שטאַם און צו די שטענדיק לעבעדיקע פֿאָלקס-קוואַלן — דאָס איז דער כּוח פֿון יאָסל לערנערס פּאָעזיע, אַן אויסגעצייטיקטע אין שטילשווײַגן.

1947

דער לירישער טאָגבוך פֿון עליע ווערבלון

ווענן ווערבלונס לעצטנס דערשינענער לידער-זאַמלונג "אין לאַנגן טאָג" האָט שוין ערגעץ אין אונדזער פּעריאָדיק פֿאַרבײַגעשווינדלט אַ קליין רעצענזיעלע — פֿון דעם מין, ווו דער רעצענזענט קומט אָפּ מיט "קיי און שפּיי" און טאַקע מיט מער "שפּיי" ווי "קיי"... אין דער אמתן דאַרף מען ווערבלונס דיכטונג גוט, זייער גוט "צעקייען" סע זאָל זיך, ווי מען זאָגט, צעגייען אין אַלע גלידער. ווערבלון דיכטעט ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן — נישט געאײַלט. מוז מען זיך אויך נישט אײַלן, כּדי זיך פֿאַרטיפֿן אין זײַן פּאָעטישער — "וועלט מיט וועלטעלעך". און דאָס — נישט דערפֿאַר ווײַל ער איז, חלילה, פֿון די "הערמעטישע", פֿון יענע, וואָס קוקן אַראָפּ אויף אונדזער זינדיקער ערד מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן, פֿאַר-שלייערטע אין צוגעגעסענע בלויקייטן. פֿאַרקערט: "אַ שיר וועל איך זינגען וועגן געוויינלעכן! / וועגן געוויינלעכן הימל, / וועגן דער געוויינלעכער ערד, / דער געוויינלעכער בלום, / דעם געוויינלעכן מענטשן... / נישטאָ קיין באַרוישונג דערבײַ / נישטאָ קיין דערהויבונג, / ס'איז נישט נײַ, / אַ ליד געשריבן מיט געוויינלעכן בלײַ". אָבער ס'רעדט זיך בלויז אַזוי: "נישטאָ קיין דערהויבונג" דאָס איז, קענטיק, געזאָגט, צוליב אַ רייץ טאָן זיך מיטן לייענער און קודם — מיט זיך אַליין. די דערהויבונג קומט, ווײַזט זיך אַרויס, פֿון זעלבן "געוויינלעכן", וואָס איז גאָר נישט אַזוי געוויינלעך:

וואָס ווילסטו מער, מײַן פֿרײַנד?
אַ וואַרעם ווינטל,
בלומען פֿאַר דײַן טיר,
ראָזע בערג פֿאַרלוירענע אין ווײַטן נעפּל
און אַ רויִקייט אין האַרצן.
אַצינדערט מאַך אַ ברכה אויף דאָס אַלץ
און וואַרט:
אפֿשר וועלן דיר אַרויסוואַקסן —

אַלץ איז מעגלער — פֿליגל
און וועסט זיך אויפֿהויבן
און שטײַגן, שטײַגן.

מיר דאַכט אַז די דאָזיקע סטראָפֿן צעפֿינקלען זיך דאָ מיט אַלע פּאַטעטישע חנען דווקא אַ דאַנק דעם געוויינלעך-פּראָזאַישן זאַג: "אַלץ איז מעגלער"...

"אין לאַנגן טאָג" איז דאָס נײַנטע לידערבוך פֿון עליע ווערבלון און אויך די צווייטע זאַמלונג, וועלכע ער באַצייכנט אַלס "לירישער טאָגבוך". דער ערשטער טאָגבוך איז דערשינען גענוי מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין מאָנטעווידעאָ. פֿון דאָרט, פֿון ווײַטן אורוגוואַי, איז צוזאַמען מיטן דיכטער אויך "עולה" געווען זײַן פֿיקטיווער פֿאַרלאַג "ווערבע". כ'מיין טאַקע, אַז די ווערבע איז דער פֿאַסיקסטער סימבאָל פֿון זײַן דיכטונג — אַ פֿלאַטער-דיקע ווערבע אויפֿן ווינט, אַ ווערבע בײַם ברעג טײַך, וואָס קוקט אַ פֿאַרקלערטע אין שטראָמיקן וואַסער.

ווערבלונס קורצע לידער פֿליסן אויך אַזוי איינס נאָכן אַנדערן און זיי שפּיגלען אָפּ אין זיך, ווי דער וואַסער-שטראָם, די פֿאַרקלערטע ווערבע און דעם אומרויִקן מענטש, דעם הימל — אַ מאָל אַ זוניק-צעשמייכלטן און אַ מאָל — אַ שווער-פֿאַרכמאַרעטן, זעלטן — אַ צעשטורעמטן... זיי, די לידער זײַנע, טראָגן מיט זיך און אין זיך די פֿלייצנדיקע לאַנדשאַפֿט פֿון דער ערדישער וועלט אין אייביקן אומבײַט פֿון ליכט און שאָטן, פֿון קלאַנגען, קאָלירן, ריחות און... שטימונגען.

דאָס איז אַזוי. אָבער גאַנץ אָפֿט איז די אינערלעכע דיכטער-וועלט ווערבלונס, זײַן געמיט, ווײַט נישט אין איינקלאַנג מיט דער לאַנדשאַפֿט און מיטן קלימאַט פֿון אַרומיקן אינדרויסן. און ער וווּנדערט זיך אַליין: "ווי טרויעריק אַ מענטש קען זײַן / אַפֿילו אין טעג פֿון זון, פֿון שײַן..."

איך קוק אַרויס אין דרויסן
פֿרילינג. יונגער גרין.
ווייכער בלוי פֿון הימל. טויבן פֿלאַטערן אַרום.
אַ ווינטל שטיפֿערט דורך.
דאָך
כ'וואָלט צונויפֿגערופֿן אַלע בישופֿמאַכער פֿון מצרים,
זיי זאָלן,

זיי זאָלן מיר דערקלערן
וואָס איז די סיבה פֿון דעם אומעט דעם שווערן ?

בכלל איז ווערבלונס לירישער טאָג-בוך איבערגעפֿולט מיט דיאַלעקטישע ווידעראַנאַנדן, וועלכע שאַפֿן דאָך דעם נאָכאַנאַנדיק-איינהייטלעכן שטראָם פֿון אויסגעווייטיקטע פּאָעטישע אַסאָציאַציעס און מחשבֿות.

לויט אים איז דיכטונג — ״אַ טונקלונג, אַ ליכטונג״ אין אַ וועלט ווו ״דער אמת און דער ליגן / ליגן איינס אין צווייטן איינגעדרייט״. אויף איין זײַטל טרעפֿט איר סטראָפֿן וואָס קלינגען זיך איבער מיט קהלת, אויפֿן צווייטן — אַ ליכטיק געזאַנג פֿול מיט שיר-השירים.

פֿון צווישן די שורות פֿון זײַן זינגען און זאָגן שפּירט זיך אַז אויך אין לעבן האָט ער פֿיל מאָל געהאַט ״צום זינגען און צום זאָגן״. ס׳דערמאָנט זיך אַ סטראָפֿע פֿון זײַן ״לירישן טאָגבוך״ (מאָנטעווידעאָ, 1960) :

ווי משה האָט געשלאָגן אין דעם שטיין
און עס איז אַרויס לעבעדיק וואַסער —
אַזוי שלאָג איך אין מײַן פּײַן
מיט דער ביטערניש דער גאַנצער,
עס זאָל אַרויס אַ געזאַנג (...)

ס׳טרעפֿט נישט איין מאָל דאָס וואָרט ״פּײַן״. אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער : ״כ׳בין געגאַנגען אין דער שײַן / מיט טריט פֿאַרפּלאָנטערטע אין פּײַן״. אָפֿט איז ווערבלון פֿול מיט יאוש. מיט אומבאַהאָלפֿענער פֿאַרצווייפֿלונג איבער דער נישטיקייט פֿון מענטשלעכן זײַן, פֿול מיט הבֿל-הבֿלים-קאָמפּלעקסן... ער שפּירט זיך ווי אַוועקגעשטעלט ״אין מיטן פֿון דער וועלט — / אַ לאָגל טרויער אויף טונקעלן געדויער...״ אָפֿט בלײַבט ער אָפּהענטיק און אַפֿילו גלייכגילטיק פֿאַר דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון ״פּאַטום״. ער איז דאָ ביז גאָר אויפֿריכטיק. ווי שטענדיק ! אָבער — אײַלט זיך נישט מיט אײַערע אויספֿירן, ווײַל מיט אַ פּאָר זײַטלעך שפּעטער צעשטורעמט ער זיך פּלוצים :

ווי גלוסט זיך אָפֿט אַ שפּאַן טאָן
טיף אין קאָסמאָס, דורך אַלע שטערן-וועלטן
ביז צום ווײַטסטן הימל-דנאָ —

זאָל דאָרט פֿאַלן די פֿאַראַכטונג
פֿון מײַן קלײנקייט אויסגעלאַכטער.

פֿאַרביטערונג? פּראָטעסט? קללה? אַוודאי — יאָ! נאָר אויך דאָ דאַרף מען זיך נישט אײַלן, ווײַל ווערבלונס דיכטונג איז נישט קיין פֿאַרשליימיקט-שטייענדיקע וואַסער-פֿלאַך, נאָר, ווי שוין געזאָגט — אַ לעבעדיקער שטראָם, וואָס ברענגט מיט זיך אַלץ נײַע מחשבֿות, אַלץ נײַע שפּירונגען, שטימונגען, חידושים. אָט קומט למשל אַזאַ מין חידוש, אַרויסגעזאָגט פּראָסט און בנעימותדיק, אַז עס פֿאַרכאַפּט ממש דאָס האַרץ מיט זײַן שיינקייט:

זיי ווי דאָס קוועלכל
וואָס שלאָגט פֿון די הייכן!
עס איז נישט געפֿאַלן בײַ זיך
פֿון זײַן פֿאַלן.

צי ס׳צעהעלט זיך גאָר אַ שמייכל איבער זיך אַליין און איבער דעם גאָרן "וועלט-שמערץ", אַ שמייכל אַן עכט-יידישער אין דער פֿאָרם פֿון אַ... יאַפּאַנישער "כאָקקו":

כ׳וועל נישט קענען שטאַרבן,
ווייל דער טרויער וועט נישט לאָזן.
ווי אַזוי וועט ער אַליין געדײַען, דער יתום?

ס׳טוישן זיך סטראָפֿן פֿון יאוש און צער, פֿון קללה און פֿאַרביטערונג מיט סטראָפֿן פֿון אויפֿגעוואַכטער האָפֿענונג און פֿרייד, מיט לידער פֿון לעבנס-דאָרשט, נשמה-גנאָד און בענטשונג, ווען דאָס "געמיט איז פֿול מיט בלי, מיט פֿויגל-פֿלי... מיט ליד". ווען אויף די שטערן אויפֿן הימל, "אויף דעם מענטשן, נעבטן, מאָרגן" ווערט דרײַ מאָל געזאָגט יאָ! און פּונקט ווי ער האָט זיך פֿריִער אַליין געוווּנדערט: "וואָס איז די סיבה פֿון דעם אומעט דעם שווערן?" אַזוי איצט — אויף זײַן "ווילדן גלויבן": "און דאָך... פֿון ערגעץ וועט נאָך אָנקומען / (מאָדנע, אַזאַ ווילדער גלויבן!), / אַ כוואַליע פֿון דעם העלסטן גוטס / און וועט פֿאַרדעקן און פֿאַרמעקן / אַלע ווילד-גראָזן און שטויבן. / און וועסט ווידער ווערן / אַ גלײַכער שותּף צו די ספֿערן". איר הערט אַ מעשׂה — דאָס זעלבע "קליינע מענטשעלע", ווען ס׳האָט זיך געגלוסט ערשט נישט לאַנג "אַ שפּײַ טאָן טיף אין קאָסמאָס דורך

אַלע שטערן-וועלטן" איז שוין געווען, ווײַזט זיך אַרויס, און וועט ווידער זײַן "אַ גלײַכער שותּף צו די ספֿערן"!

אין אײנע פּאָר סטראָפֿן פֿלעכטן זיך אָפּט בײַ ווערבלונען פֿרייד און אומעט און כ׳וועל נישט איין מאָל איבעראַשט ווי נאַטירלעך ס׳אַנטפּלעקן זיך פֿאַר די אויגן "בלומען פֿון פֿרייד און פֿון שײַן" דווקא, ווי ער זאָגט, "אויף די פֿעלדער פֿון מײַן אומעט" (ז׳ 108).

ווערבלונס דיכטונג איז נישט קיין נודנער דידאַקטישער מאָנאָלאָג. דאָס איז אַן אינערלעכער דיאַלאָג, באַרײַכערט מיט דער קלוגשאַפֿט פֿון אַ ביטערער לעבנסדערפֿאַרונג. קיינער ווייסט נישט ווען דער דאָזיקער דיאַלאָג האָט זיך אָנגעהויבן און קיינער קען נישט וויסן, ווען אָט דער שטילער לירישער שמועס וועט זיך ענדיקן; קיינער — כּל זמן ס׳געפֿינען זיך אויף דער וועלט אַזעלכע דיכטער ווי עליע ווערבלון.

דער ריטעם פֿון ווערבלונס לידער וויל אָפּט נישט וויסן פֿון קיין כּללים און קאַנאָנען. די ריטמען זענען געבראָכענע, אינערלעכע ריטמען, וועלכע אַנטשפּרעכן דער קאַרדיאָגראַמע, אַזוי צו זאָגן, פֿון דעם קאָנקרעטן פּערז. וואָס שייך גראַמען — טרעפֿט אויך זעלטן אַ פּינקטלעכער גראַם, אַן אַסאָנאַנס — נאָך זעלטענער. כ׳וואָלט אַפֿילו געזאָגט, אַז צום ענין "גראַם-שטראַם" באַציט זיך דער דיכטער גאַנץ נאָכלעסיק: גראַמט זיך גוט — איז גוט, גראַמט זיך שלעכט — מאַכט אויך נישט אויס. נו, און טאָמער גראַמט זיך בכלל נישט — גייט אַוודאי נישט אונטער די וועלט! דער דיכטער מאַכט זיך פֿון דעם נישט קיין ווענז. אויך מיר, לייענענדיק ווערבלונען, קימערט עס ווייניק... בײַ אַן אַנדערן וואָלט מיר אפֿשר אַ גרילץ געטאָן אין אויער, בײַ ווערבלונען — נישט! צו פֿרײַ, צו נאַטירלעך פֿליסט זײַן פּאָעטישער דיאַלאָג — אַ מאָל — שטורמיש און אַ מאָל — גאַנץ גע-מיטלעך: גיי שטעל אים אָפּ מיטן דערינען מיט אַ קלאָץ-קשיא: "ווו איז דער גראַם?!"

דאָך שפּירן זיך מיר אין זײַנע "געוויינלעכע", עניוותדיקע פּערזן אָנשיכטונגען פֿון אַ רײַכער פּאָעטישער קולטור. שוין אָפּגערעדט פֿון טיף-ייִדישע און ייִדיש-היימישע מקורות, ווינקט צו מיר אַרויס ווי אַ פֿולער דורכזיכטיקער טוי-טראָפּן אויף אַ צווייגל בעז — די אַלט-יאַפּאַנישע פּאָעזיע, פֿון ערגעץ שפּילט אַרויס די פֿלייט פֿון פֿאַרפֿישופֿטן כינעזער לי-טאַי-פּע און רופֿט זיך איבער מיט דער טרויעריקער חכמה פֿון דעם "זאַרגלאָזן" שיכּור און הוליאַקע פֿון אַלט-פּערסיע — אָמאַר כּאַיאַם.

אַוודאי איז ווערבלונען נישט פֿרעמד אויך די מערבֿ-אייראָפּעיִשע פּאָעזיע. די וועגן פֿון מזרח און מערבֿ קומען זיך צוזאַמען בײַ ווערבלונען — דעם ייִדישן ליריקער.

״ס׳איז דאָ אין מיר אַן אומרו / און דאָס איז אפֿשר — ס׳לעבן גופֿא״. דאָס איז אויך, ווילן מיר צוגעבן, ווערבלונס דיכטונג גופֿא. דער דאָזיקער אומרו באַשטייט אינעם געראַנגל מיט זיך אַליין און מיטן אַרום, אין דער לײַדנשאַפֿטלעכער שטרעבונג צו אידעאַלער שלימות פֿון וועלט און מענטש. אומענדלעך ציט זיך דער וועג צום פֿולקומען. מיט שטיין-און-דאָרן איז דער וועג באַדעקט. פֿאַלט מען. ברעכט מען זיך רוק-און-לענד — טוט ווי: קומען לידער פֿון טרויער און אַנטוישונג. הייבט מען זיך ווידער אויף, דערשטיקנדיק אין זיך די פּײַן, און שפּאַנענדיק ווערט מען אויף ס׳נײַ באַפֿליגלט שוין אַליין פֿון גאַנג צום רופֿנדיקן שטערן, שוין אַליין פֿון גרויסן חלום, וואָס וועט אפֿשר קיין מאָל נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן. אַזוי — דורך דורות... פֿאַלט מען ווידער צעהרגעטע... אָבער פֿון בלוט-באַשפּריצטע שטיינער און דערנער שפּראָצן אויף בלומען פֿון פֿרייד און שיינקייט.

> אַ בלימל אויף דעם גרויען אָרון פֿון דער וועלט —
> דאָס איז מײַן ליד
> אַ טראָפּן שיינקייט פֿון אַ האַרץ וואָס בליט,
> אַפֿילו ווען עס איז שוין מיד.

כ׳ווייס, אַז פֿון אַן אָנגעשעפּטער גלאָז וואַסער קען מען נישט באַקומען קיין פֿולע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם לעבעדיקן קוואַל. אַזוי אויך ווען מע ציטירט ווערבלונס באַזונדערע לידער. דאָך ווילט זיך מיר פֿאַרענדיקן מײַן וואָרט וועגן דיכטער מיט איינער פֿון זײַנע לידער:

> אַ ווינטל לויפֿט אַרום
> צווישן זוניקע צעשטראַלטעביימער
> און די צווײַגן-בלעטער זייערע
> זיך לאָזן אין אַ בויגעוודיקן גרינעם טאַנץ
> איך קוק אויף דעם און זאָג צו זיך אַליין —
> פֿריי זיך מענטש,
> כאָטש דאָס האַרץ איז דיר
> פֿאַרגאָסן מיט געוויין.

"גרינער ווינטער" פֿון מאיר חרץ

פֿענאָמענאַל און ממש צום שטוינען איז די פּראָדוקטיווע, די דאַרשטיקע שאַפֿונגס-קראַפֿט פֿון דיכטער מאיר חרץ.

מאָלט אייך, אַז דאָרט, אין רוסלאַנד, איז ער אויך נישט געווען צווישן דעם סאָרט "שוויַיגנדיקע ייִדן". ווו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט, — אין די ביטערסטע צײַטן, — ווו ס'איז נאָר געווען ערגעץ אַ ייִדישער בלאַט, אַ ייִדישער זשורנאַל אויף דער וועלט, האָט ער זיך באַמיט צו דרוקן זײַנע לידער. מכּל שכּן איצט, אין ישראל — אַן אויפֿסנײַ געבוירענער און אַ פֿרײַ באַפֿליגלטער!

די לידער שטראָמען בײַ אים אין יעדן בוך געדיכט, טאַקע נאָר ווי די פֿיש אין וואַסער בעתן "נערעסט" ד.ה. ווען ס'קומט די צײַט פֿון זייער סודותדיק-דאַרשטיקן דראַנג — אַהין, פֿאָרויס און שוואַליאַם צו דער פּײַנפֿולער פֿרייד פֿון אָפּלייגן די רויגן . . .

סאָלידע אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס וועגן די שאַפֿונגען פֿון חרצן זענען שוין געווען און ס'וועלן נאָך געוויס זײַן, ווילט זיך מיר אָבער איצט באַנוגענען קודם מיט אַ פּאָר קורצע שטריכן.

מאיר חרץ איז אַ באַסאַראַבער, זאַפֿטיק און פּרוכטיק, ווי די דאָרטיקע ערד. און אַזאַ וועט ער שוין, מירטשעם, פֿאַרבלײַבן עד מאה ועשרים און ער נייטיקט זיך כּלל נישט צוליב דעם, ווי די מאָדע איז, אַרויפֿצוּיִען אויפֿן לײַב פֿאַרשידענע עטנאָגראַפֿישע העמדער, באַהעפֿטע מיט באַסאַראַבער לאָקאַליזמען. ער איז באַזינגער און באַקלאָגער פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן שטעטל מיט זײַן רײַכן קאָלאָריטן טיפּאַזש, מיטן פֿאַרשניטענעם באַסאַראַבער לעבנס-שטייגער אין גאָר זײַן שײַן-און-פּײַן; און פֿילן פֿילט דער דיכטער אויס אָט די הייליקע שליחות — אוניווערסאַל און לחלוטין פֿרײַ פֿון פּראָווינציעלע השגות.

פּראָסט איז ער, חרץ, אין זײַנע רייד, אָבער די פּראָסטקייט איז נישט אַזוי פּשוט — זײַנע פּאָעטישע רייד דערגייען אפֿשר נישט אַזוי גרינג צום

ניכטערן שׂכל הישר, אָבער זיי ווירקן דירעקט און אומדירעקט אויף דער ייִדישער נשמה.

דער זעקסטער לידער-באַנד פֿון מאיר חרץ באַשטייט פֿון צוויי טיילן: "גרינער ווינטער" (לידער) און די פּאָעמע "מאַרקולעשט" — אַ געוואָגטער פּאַרמעסט צו פּאַראייביקן, אויפֿלייַכטן אין אונדזער זכּרון דאָס פֿאַר-שניטענע באַסאַראַבער שטעטל. וועל איך אָבער שרייַבן הייַנט בלויז וועגן ערשטן טייל, ווייַל די פּאָעמע פֿאַרדינט זיך אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

דער נאָמען "גרינער ווינטער" איז נישט אַזוי זיך קיין צופֿאַל, נאָר אַ גליקלעכער איַינפֿאַל, אַן אמת פּאָעטיש געווינס (ווי דער געלונגענער נאָמען, אַגבֿ, פֿון זייַן פֿריִערדיקן לידער-באַנד "דאָס פֿינפֿטע ראָד", פֿאַרלאַג "אייגנס", ירושלים 1978).

אַליין דער דיכטער זאָגט אין זייַן צימצומדיק אַרייַנפֿיר-וואָרט: "גרינער ווינטער" מיינט דער ווינטער אין ישׂראל — ווייל כּמעט אַלע לידער אין דאָזיקן טייל פֿון בוך זענען אין ישׂראל געשריבן געוואָרן". איז דאָס אַ פֿאָרמולע, ביַי וועלכער מע דאַרף ערשט עפֿענען די קלאַמערן: — היתּכן? קען מען דאָך פֿרעגן — אויב לידער געשריבענע אין ישׂראל, איז פֿאַרוואָס עפּעס דווקא דער קורצטערמיניקער רעגנדיקער ווינטער און ניט דער לאַנג-פֿאַרצויגענער זוניק צעשטראַלטער שׂרפֿהנדיקער זומער, מיט וועלכן סע צייכנט זיך אויס אונדזער געבענטשט לענדל?

ניט אַנדערש, אַזוי קלער איך נאָכן אַרייַנלייענען זיך אין אַט דעם יאָדערדיקן געשמאַקן לידערבוך, ניט אַנדערש, אַז אַט דער דורכויס אָריגי-נעלער חרצישער באַהעפֿט פֿון "גרין" און "ווינטער" איז ביז גאָר כאַ-ראַקטעריסטיש ניט נאָר פֿאַר אונדזער ישׂראל-ווינטער, וואָס נעמט אַרייַן אין זיך חמישה-עשׂר בשבֿט, דאָס נייַ-יאָר, דעם ווידערגעבורט פֿוןביימער און פֿלאַנצן, נאָר פֿריִער פֿון אַלץ אַנטשפּרעכט אַט דער גרינער ווינטער דעם איצטיקן פּאָעטישן געמיט, דעם קוואַליטאַטיוו-נייַעם שעפֿערישן אויפֿ-שטייַג אין דער דיכטונג פֿון מאיר חרץ:

> אַ מזלדיקער רעגנדיקער ווינטער,
> אין פֿענצטער שטיפֿט אַ דרויסן אַ צעגרינטער,
> איך טונק מייַן פֿעטע פּען אין פֿולן טינטער
> און שלעפּ אַרויף די ווערטער — גרינער ווינטער.

מיר הערט זיך צווישן אַט די שורות די פֿרייַדיקע פֿאַרוווּנדערונג פֿון

דיכטער זעלבסט און איך, דער לייענער, ווער אויך אַ שותּף צו דער גליקלעכער אומדערוואַרטקייט בײַם דערזען ״שוואַרץ אויף ווײַס די גרינע לאַנדשאַפֿט״ און איך סאָלידאַריזיר זיך מיט זײַן ״דאַנקשאַפֿט״ צום גורל, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער אַזש ״פֿון ווײַסן וואַלד אין צפֿון״, ווו ער צוזאַמען מיט אַנדערע פֿאַרשנייטע אַרעסטאַנטן-קנעכט, האָבן געהאַקט פֿאַרפֿרוירענעביימער און געדאַרשט נאָך אַ וואַרעמען רעגן...

״און אָט איז דאָ מײַן רעגנדיקער ווינטער״ — זיפֿצט ער אַרויס מיט גרויס הנאה ווי אַ מענטש נאָך שווערע וואַגלענישן בײַ דער היימשוועל. און טויזנט מאָל איז ער גערעכט, חרץ, ווען ער פֿאַרצייכנט: ״דאָס סאַמע קלענסטע רעגנדל מאַכט אויך געשיכטע״. אָט די רײַפֿע אויסגעווייטיקטע לעבנס-חכמה קען קומען נאָר, ווען מען וואָרצלט זיך אײַן אויף היימישער ערד, ווו אַלץ איז ״אַנדערש אַנדערש״ און ווו דער אייבערשטער אַליין איז עולה קיין ירושלים:

פּרוווט און רוקט די וואָלקנדלעך פֿונאַנדער,
ווי די פֿירהענגלעך פֿון פֿענצטער מע צערוקט,
זעט איר, ווי דער הימל דאָ איז אַנדערש,
ווען צו גאָט פֿון היגן זאַמד מע קוקט...

און כאָטש ״סע פֿעלן נישט קיין דאגות, דאַנקען גאָט״ — סײַ מדינה-דאגות, סײַ טיף פּערזענלעכע, סע פֿעלן ניט אויס קיין ביטערע חשבונות מיט דער וועלט, מיט שׂונאים און פֿרײַנד, מיט זיך אַליין, שײַנט דאָך אַרויס פֿון יעדער שטאַרק און שלמותדיק ליד, פֿון יעדן אויסגעטאָקטן פֿערז און עצוונגען בילד, שײַנט דאָך אַרויס אַ קלוגער שמייכל פֿול מיט פֿאָלקס-חן און לעבנס-חכמה. די דאגות, די טענות, די חשבונות צײַגן, אַז חרץ איז שוין ווײַט ניט קיין ״גרינער״, ווי די אַמעריקאַנער זאָגן, אָבער איבער אַלץ, ווי שוין אַנגעדײַט, ליכטיקט דער גרינער ווינטער, ווו גאָטס-געבענטשטער רעגן באַוואַסערט אויך די דאַרשטיקע פּאָעטישע פֿעלדער פֿונעם זיבעציק-יאָריקן דיכטער און מיר וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף נײַע פּאָעטישע חידושים, אויף נײַער שפֿע פֿון אונדזער פֿרוכטבאַרן מאיר חרץ. ביז הונדערט און צוואַנציק איז נאָך אַזוי ווײַט און ער, דער דיכטער אונדזערער, איז נאָך אַזוי יונג — אין גאַנצן צען יאָר אין לאַנד...

ירושלים, 1982

"ער איז געקומען פון דאָרטן"...

מיר דאַכט, אַז קיין שום ליטעראַטור-זשאַנער אַנטפּלעקט נישט אַזוי בולט דאָס עטישע געשטאַלט פון מחבר גופא, ווי דאָס איז צו זען אין דעם מעמואַרן-זשאַנער. אַפילו ביַים לייענען לירישע דיכטונג טרעפט זיך צומאָל ווי ס'פורעמט זיך אויס פאַר דיר וואַרהאַפטיק און אַבסאָלוט באַגלייבלעך דאָס געשטאַלט פון לירישן העלד, וואָס האָט, ליידער, קיין שום שייכות נישט און איז אָפט אַפילו אין שרייענדיקער סתירה צום לעבן און צו די קאָנקרעטע האַנדלונגען פון בלומרשטן פּראָטאָטיפּ. סע זאָל זיך נישט טרעפן, נאָר אַזוי טרעפט זיך אַ מאָל אין אַלע זשאַנערן פון דער "שיינער ליטע-ראַטור" ווו ס'הערשט איין-און-איינציקער אמת — די שיינקייט פון דער שאַפונג, וואָס איז אַליין, אַז און פאַר זיך אויפריכטיק ביז באַגלייבלעכקייט — גאַנץ אַנדערש איז דאָס אין מעמואַרן-ליטעראַטור. דער מחבר קאָן אַ מאָל זיַין וואָס פאַר אַ מיַיסטער איר ווילט, ער קאָן אַ מאָל לאָזן אין גאַנג אַלע שיינקייטן וואָס ער באַהערשט אין אַלע איבעריקע שאַפונגען זיַינע, נאָר קוים שטרעבט ער, צוליב פאַרשידענע סיבות, אויסבאַהאַלטן, אָדער גאָר פאַרקערט אַרויסהייבן, ווי מען זאָגט עס, "זיך און זיַינע שיך", העלפן נישט קיין שום שיינקייטן, מייסטערשאַפטן, קיין שום אַנשטעל אויף "אָביעק-טיוויזם" — דער פאַרשטענדיקער מעמואַרן-לייענער דערשפּירט סוף-סוף די באַנאַלסטע טענדענץ פון פאַרקריפּלטן סוביעקטיווען אמת. כ'בין זיכער, אַז אַליין דער מעמואַרן-זשאַנער איז בטבע זיך נוקם אין יענע מחברים, וואָס וואָגן צו זאָגן אַפילו אַ שיינעם ליגן. אַליין דער זשאַנער וועט אויף שריט-און-טריט דעמאַסקירן און אַנטפּלעקן פאַר אונדז דאָס עטישע גע-שטאַלט פון "לירישן העלד", מען וואָלט געקענט באַקרעפטיקן דעם דאָזיקן געדאַנק מיט זייער פיל דערוויַיזלעכע דוגמאות, אָבער ס'קאָן וויַיט פאַרפירן פון מיַין קאָנקרעטער טעמע.

און די טעמע איז אַ בוך וואָס איז דאָ נישט לאַנג דערשינען אין פאַרלאַג "עמק", תל-אביב, תשל"ט. דאָס בוך איז פון **חיים שמולעוויטש** און הייסן הייסט עס: "צוריק פון יענער וועלט"...

מען דערציילט, אַז אויף דאַנטע אַליגיערי — דעם באַשאַפער פון דער מעכטיקער "געטלעכער קאָמעדיע", פלעגן זײַנע מיטצייטלער אָנווײַזן און שעפּטשען איינער צום אַנדערן פול מיט פאַרכטיקן פּחד: "דאָס איז דער וואָס איז געקומען פון... דאָרטן".

אַנדערש איז דאָס אין דער איצטיקער תּקופה, וואָס פאַרמאָגט נישט אַזעלכע גרויסע שעפער ווי דעם מיטלאַלטערלעכן איטאַליענישן וויזיאָנער, אָבער זי נייטיקט זיך ליידער נישט מער אין דער שרעקלעכער וויזיע — די רשעותדיקע ווירקלעכקייט פון דער הײַנטיקער צײַט שטײַגט איבער די גרעסטע, די שוידערלעכסטע מענטשלעכע פאַנטאַזיעס פון אַלע צײַטן...

ווער זשע וועט טייטלען מיט די פינגער און שעפּטשען מיט שרעק, ווען דער גאַנצער ענין לייגט זיך פּשוט נישט אויפן שׂכל, בײַ גאָר אַ סך וואָס האָבן אויסגעמיטן אָט דעם גיהנום?

טאָנעס באַגלויבלעכע דאָקומענטן מיט באַזירטער וויסנשאַפטלעכער סטאַטיסטיק, צענדליקער אינסטיטוציעס און מאָנומענטן צום פאַראייביקן אונדזער חורבן-עפּאָכע, לעבן געבליבענע גבֿית-עדות — קרבנות פון יענע שוידערלעכקייטן, צענדליקער דיקע יזכּור-ביכער, ס'גייען נאָך אָפּ מיט בלוט נעבעכדיקע רעשטן פון די ערשט נישט לאַנג גרויסע און בליענדיקע יידישע קהילות אין מזרח-און-מערבֿ-אייראָפּע... נאָר די וועלט (די זעלבע "וועלט") האָט שוין אָנגעהויבן צווייפלען און ס'ווילט זיך איר שוין נישט גלויבן, אַז סע זענען אומגעקומען 6 מיליאָן ייִדן...

נאָך ערגער איז דאָס מיט יענע וואָס זענען קוים אַרויס מיטן לעבן פון די סאָוועטישע צוואַנגס-און פאַרניכטונגס-לאַגערן... דאָ גלויבט מען אוודאי ניט! ווו? — אין לאַנד פון סאָציאַליזם?...

חיים שמולעוויטש אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ ביז איצט פאַרהוילן און פינצטער קאַפּיטל אין דער בלוטיקער געשיכטע פון סאָוועטישן מאַסן-מאָרד און גענאָסיד. ס'האַנדלט זיך וועגן די "איבערלויפערס" פון פוילן, רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע לענדער קיין סאָוועטן-פאַרבאַנד; אין די ערשטע דרײַסיקער יאָרן האָבן צענדליקער טויזנטער פּשוטע מענטשן (בעיקר יידישע יונגעלייט און יונגע פרויען און בעיקר — עמך — אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן ווי אויך רעוואָלטירנדיקע יוגנט) געשוואָרצט די גרענעץ און געלאָפן צום אויסגעחלומטן סאָוועטישן "גן-עדן", צוליב "העלפן בויען דעם סאָציאַליזם". אין מזרח-אייראָפּע האָט דאַן געהערשט אַרבעטסלאָ-

זיקייט, גרויסע נויט און נאַציאָנאַלע אומרעכט, דער באָדן איז געווען אַ גינסטיקער...

אפשר האָבן די יידישע קאָמוניסטן אין פּוילן אַליין זיך נישט פאַר-געשטעלט, וואָס עס דערוואַרט דאָרטן זייערע "ברידער פּראָלעטאַריער", דאָך האָבן זיי פּלייסיק אויסגעפּילט זייער "רעוואָלוציאָנערן פליכט" פון ווערבירן מענטשן-קנעכט און אַרויסהעלפן זיי ביים שוואַרצן די גרענעץ.

שמולעוויטש רעדט וועגן דעם מיט פּראָסטע, זויבערע יידישע ווערטער, מיט געצוימטער ליידנשאַפט פון וועלן "דערציילן דעם גאַנצן אמת" און מוזן שווייגן גאַנצע 27 יאָר, נאָכן אַרויסראַטעווען זיך פון 13-יאָריקן גיהנום...

יאָ, ערשט "נאָך 27 יאָר אין אַמעריקע איז אַוועק — ווי ער שרייבט — די מורא וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען טאָג ווי נאַכט, אַז אַט-אַט פאַל איך ווידער אַריין אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד. און ווער פאַרשלעפּט און פאַרפייניקט צום טויט"...

אויך די שרעק פאַר די אייגענע און באַקאַנטע, וועלכע האָבן נאָך דאָן געלעבט אין ס"פ, האָבן אָפּגעהאַלטן שמולעוויטשן און געצווונגען אים צוימען די צונג.

סע זענען לעבן געבליבן ווייניק ווער, פון יענע "איבערלויפער". און בלויז אפשר איינציקע זענען אַרויס אויף דער פרייער וועלט און צווישן זיי איז חיים שמולעוויטש דערוויל דער ערשטער וואָס וואָגט צו דערציילן פּרטימדיק און מיט דער האַרצרייסנדיקער רויִקייט פון אַ קינות-כראָניק, ווי אַזוי די טויזנטער און טויזנטער "איבערלויפער" זענען, גלייך נאָכן איבערכאַפן זיך אויף דער סאָוועטישער גרענעץ, אַריינגעפאַלן אין די אייזערנע לאַפּעס פון דער מ.וו.ד.

שמולעוויטש שילדערט דעם אייגענעם יסורים-וועג, ווי אויך די צענדלי-קער וועלכע האָבן דירעקט, צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט די שמוציקע איבערפולטע טורמע-קאַמערן, ביינאַכטיקע "אויספאַרשונגען", שרעקלעכע פייניקונגען און סאַדיסטיש-נאַציסטישע דערנידעריקונג פון מענטשלעכן מין און לסוף — שווערע קנעכטישע אַרבעט ביז צום פאַלן דערהרגעט פון מידקייט, פון הונגער און קעלט.

דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע סיסטעם פון מענטשן-מאָרד. וועגן די צעבראָכענע און אַנטוישטע, וועגן זייער מיט בלוט פאַרשפּיגענעם

חלום רעזומירט שמולעוויטש: „עס איז געווען אַ גרויסער חלום, אַ חלום פֿון מיליאָנען אין דער וועלט און די וועלכע האָבן אין יענע יאָרן פּרובירט דעם חלום צו פֿאַרווירקלעכן, זענען חלומענדיק — אומגעקומען". און ווײַטער:

„פּונקט ווי אַ שמעטערלינג רײַסט זיך צו ליכט און ווערט פֿאַרברענט, אַזוי האָבן צענדליקער טויזנטער יונגע מענער, פֿרויען און קינדער זיך געריסן צום „ליכט" וואָס רופֿט זיך „קאָמוניזם" — און זענען פֿאַרברענט געוואָרן".

און לסוף לאָמיר זיך אומקערן צו דעם וואָס איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן, נעמלעך — וועגן די וואָס **ווילן נישט** גלויבן. אין זײַן פֿאָרוואָרט דערציילט דער מחבר:

„אין אַ שמועס מיט מײַנעם אַ פֿעטער ע"ה, נאָך מײַן קומען קיין אַמעריקע (אַגבֿ איז מײַן פֿעטער געווען אַ „פּראָגרעסיווער"), האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטאָן: „גלויבן גלויב איך דיר סײַ-ווי-סײַ נישט קיין איין וואָרט, נאָר זאָג מיר, פֿאַר וואָס ביסטו געבליבן לעבן?" דאָס איז אַ פֿראַגע וואָס איז נישט איין מאָל געשטעלט געוואָרן אויך צו די געראַטעוועטע פֿון היטלער-גיהנום.

מײַן ענטפֿער איז געווען: האָרך מיך אויס, ליבער פֿעטער, אין אַמעריקע שטאַרבן יעדעס יאָר פֿון קאַנסער, טובערקולאָז, האַרץ-אַטאַקעס און אַנ-דערע קראַנקייטן מיליאָנען מענטשן און דו, אַ ייִד פֿון איבער די אַכציק, לעבסט נאָך? פֿאַר וואָס?"

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפֿערט. כ'האָב אים געזאָגט: האָסט נישט גוט פֿאָרמולירט דײַן פֿראַגע. האָסט מיך געדאַרפֿט פֿרעגן, ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן, נישט „פֿאַר וואָס?".

און ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן — גיט צו שפּעטער שמולעוויטש — וועל איך פּרובירן צו דערציילן אין אָט דעם בוך.

און חיים שמולעוויטש דערציילט מיט דער שפּראַך פֿון אַ פֿאַלקס-מענטש, ער שילדערט רעליעף און באַגלויבלעך זײַן פּילצאַליקן טיפּאַזש פֿון הענקער און קרבנות, ער גיט איבער עפּיזאָדן וועלכע זענען ממש אויפֿ-טרייסלענדיק מיט זייער לעבנס-טראַגיזם.

שווער צו זאָגן צי וועט טאַקע דאָס בוך איבערצייגן אין עפּעס די סקלעראָטישע אַמעריקאַנער פֿעטערס, וואָס גלויבן נאָך אַלץ אַז זיי זענען

"פּראָגרעסיוו"; דאָך איז "צוריק פֿון יענער וועלט" נישט נאָר אַ בוך צום לייענען, נאָר אויך אַ בוך צום לערנען, ס'איז אַ ווערטפֿולער אויטענטישער דאָקומענט פֿון אונדזער עפּאָכע. און דער מחבר איז באמת ווערט מיר זאָלן זאָגן וועגן אים מיט פּאָרכט און ברכה: "דאָס איז דער, וואָס איז געקומען פֿון דאָרט"...

ירושלים, 1980

1. וועגן און אַרום דעם בוך פֿון ש. בר עוזי*

אַ יאָר נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, אין 1918, האָט לענין, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשור אונטערן נאָמען "די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַרל קאַוטסקי".

די דאָזיקע אַרבעט איז אויסגעהאַלטן געווען, ווי געוויינלעך, אינעם "קלאַסישן לעניניסטישן סטיל" פֿון בייזוויליקער און שאַרפֿער זידלעריי קעגן אַפּאָנענט. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. מיך אינטערעסירט בעיקר איינע פֿון די אַרויסגעבראַכטע אין יענער בראָשור לענינס דעפֿיניציעס:

"פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור — ווערט דאָרט געזאָגט — באַדייט אַ מלוכישע מאַכט, וואָס פֿירט אויס אירע דעקרעטן מיט דער הילף פֿון צוואַנג און טעראָר, וועלכע באַגרענעצן זיך נישט מיט קיינע געזעצן...".

שפּעטער האָבן זיינע נאָכפֿאָלגער זיך אויסגעלערנט רעדן נישט אַזוי אָפֿנהאַרציק ווי זיי טראַכטן און דאָך ענלעכע "פּערל". מער אָדער ווייניקער טראַנספֿאָרמירטע אַרויסזאָגעכצן קען מען אָנטרעפֿן ביי די "קלאַסיקער פֿון מאַרקסיזם-לעניניזם" שוין אָפּגערעדט פֿון סטאַלינען, וועמען מען האָט מיט רעכט געקרוינט ווי דעם סאַמע קאָנסעקווענטן יורש, פֿאַרזעצער און פֿאַר-ווירקלעכער פֿון לענינס "געניאַלע אידייען". "צוואַנג און טעראָר, וועלכע זענען נישט באַגרענעצט מיט קיינע געזעצן", האָט מען געטייטשט, ווי אַ ציטווייליק מיטל, כּדי אויסצוהיטן און באַשיצן די "רעוואָליוציע פֿון אַר-בעטער און פּויערים". אָבער דאָס בלוטיקע מיטל איז נאָך בעת לענינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציל פֿאַר זיך, אין אַ פּערמאַנענטן בלוטיקן ציל — פֿאַרפֿעסטיקן אויף אייביק די איין-פּאַרטיייִשע קאָרופּציע איבער די קאָלאָסאַלע שטחים פֿון דער געוועזענער גרויס-רוסישער אימפּעריע, אַז די 200 מיליאָניקע באַפֿעלקערונג אירע זאָל געצוווּנגען זיין אויספֿילן געהאָרכזאַם און אַפֿילו מיט "באַגייסטערונג" און "ענטוזיאַזם" די סאַמע ווילדסטע אַנטיהומאַנע "דעקרעטן" פֿון די מאַכטהאָבער.

סטאַלין, ווי געזאָגט, איז געווען קאָנסעקווענט אין זיין לעניניסטישער

* הקדמה צום בוך "מיין יסורים-וועג", אונטער דער רעדאַקציע פֿון יוסף קערלער, ערשטע טייל, פֿאַרלאַג "נייע-לעבן", תל-אביב, 1983.

פראַקטיק — ליקווידירט די "פּאַראַזיטאַרע" קלאַסן, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו פּרעדיקן "פֿאַרשטאַרקטן קלאַסנקאַמף" אויך אין דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. די לעצטע 7-8 יאָר פֿון זײַן זעלבסטהערשונג איז ער שוין צוגעטראָטן אויך צו... פֿעלקער-ליקווידאַציע.

פֿריִער לעניִן, דערנאָך סטאַלין מיט זײַן פּאַרטיי-אַפּאַראַט האָבן פֿאַרמירט און אַרויסגערופֿן צום לעבן דעם שרעקלעכ-מגושמדיקן גולם פֿון מאַסן-מאָרד. אַט דער מוראדיקער מאָנסטער שפּאַצירט זיך אַנהויבנדיק פֿון 1917, איבערן לאַנד און אויסערן לאַנד, שפּרייטנדיק פּחד, אומגליק און טויט. די סאָוועטישע מנהיגים קענען אים צײַטווײַז צוימען, אָבער אָפּשטעלן אים זענען זיי נישט בכּוח, ווײַל דאָס וואָלט באַדײַט זעלבסט-מאָרד פֿון רעזשים גופֿא.

צוואַנג און טעראָר — דאָס איז די צווייטע, אויב נישט די ערשטע נאַטור פֿון דער סאָוועטישער מלוכה-סיסטעם. אָן דעם אָנשפּאַר-פּונקט, וואָלט די קאָמוניסטישע פּאַרטאָקראַטיע שוין לאַנג אויסגערינען ווי אַ וויסטער קאָשמאַר פֿון דער מענטשהייטס זכּרון.

פֿאַראַן שוין אַ היפּשע ליטעראַטור — ראָמאַנען, דערציילונגען און בעיקר — מעמואַרן, אין וועלכע די, על פּי נס, געראַטעוועטע קרבנות באַמיִען זיך אַנטפּלעקן פֿאַר דער שטוינענדיקער וועלט די סאָוועטיש-קאָמוניסטישע פֿאַרברעכנס קעגן מענטשלעכן מין — קאָנצענטראַציע-לאַגערן, רעפּרעסיעס און אָרגאַניזירטער מאַסן-מאָרד, וועלכע זענען אָנגעווענדט געוואָרן פֿיל פֿריִער איידער נאָך ס'האָט זיך באַוויזן אויפֿן שוין פֿאַרבלוטיקטן האָריזאָנט היטלער מיט זײַן מענטשנפֿרעסערישן נאַציזם.

זכרונות וועגן די איבערלעבענישן אין דער סאָוועטישער לאַגער-אימפּעריע זענען דערשינען אויך ביז צו דעם מעכטיקן דעמאַסקירער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין. ס'לוינט זיך דאָ פֿאַרצייכענען צוויי ביז גאָר דערשיטערנדיקע ווערק אין דײַטש — די מעמואַרן פֿון עלינאָר ליפּער (1950) און פֿון מאַרגאַריטאַ בובער-נוימען (1958), דאָס בוך אין רוסיש פֿון יורי מאַרגאָלין "די נסיעה אין אַרעסטאַנטן-לאַנד" (אין לאַנד פֿון די "זע-קאַ"). אַ בוך וואָס צייכנט זיך אויס מיט גרויס טאַלאַנט, שאַרפֿזין און לײַדנשאַפֿט (דערשינען אינעם ניו-יאָרקער רוסישן טשעכאָוו-פֿאַרלאַג אין יאָר 1952). אַזעלכע ביכער האָט מען דאָן אויף מערבֿ נישט געבאַלעוועט מיט קיין רעצענזיעס און אָפּרופֿן... נאָך גוט אַז מען פֿלעגט אָפּקומען מיט אַ טרוקענער אינפֿאָרמאַציע, פֿאַרשטופּט ערגעץ אויף די לעצטע פּעטיט-

זײַטלעך פֿון דער פּעריאָדיק. אויך נישט אַזוי שלעכט — פֿריִער פֿלעגט מען בכלל פֿאַרשװײַגן אַזעלכע "רעאַקציאָנערע" פּובליקאַציעס.

בײַ אונדז אין ישׂראל, למשל, װוּ נישט נאָר דער לינקער לאַגער האָט דאָן געקרענקט מיטן פּסיכאָז פֿון פּראָסאָװיעטיזם, האָט יורי מאַרגאָלין — דער איבערצײַגטער ציוניסט, אַ גלענצנדיקער זשורנאַליסט, עסעיִסט און אינטערפּרעטאַטאָר פֿון דער ייִדישער געשיכטע — פֿאַר זײַנע אַנטפּלעקונגען געהאַט אויסצושטיין געבראָטענע צרות...

אַצינד, שוין אַ צײַט נאָך כרושטשאָװס דעמאַסקירן דעם מאַסן-טעראָר אינעם "פּעריאָד פֿון פּערזאָנען-קולט" *, נאָכן געװאַגטן דורכברוך אויף מערבֿ פֿון סאָלזשעניצינס "אַרכיפּעלאַג גולאַג" איז שוין נישט קיין חידוש, װאָס אויך אין דער ייִדישער שפּראַך האָבן זיך באַװיזן און סע דערשײַנען אַלץ מער און מער מעמואַרן-װערק אויף אָט דער בלוטיק-טראַגישער טעמע. אַלע אַזעלכע ביכער איז שוין נישט אויסצורעכענען. װעל איך קודם אָנרופֿן דאָס אויסנאַמלעכע װערק פֿון אַלזײַטיק-באַגאַבטן יחיאל האָפֿער ע"ה — "אין װײַסער פֿאַרפֿאַלנקייט", דאָס בוך "און מ'האָט מיך רעהאַבי-ליטירט" פֿון אַמאָליקן קאָמוניסט משה זאַלצמאַן (פּאַריז) און פֿון דעם אַסיר ציון אהרן ראָזינס "מײַן װעג אַהיים", שמולעװיטשעס "צוריק פֿון יענער װעלט" און די פֿיר-בענדיקע עפּאָפּייע פֿון יואל פּערעל "דער מאָרגנ-שטערן"..., דעם דיכטער מאַלטינסקיס "ביראָבידזשאַנער ענין" װי אויך "אונטער סטאַלינס יאָך" פֿון דעם קאַנאַדער אַ. באַש. יעדער אַזאַ בוך דער-גענצט און פֿאַרברײַטערט אונדזער פֿאַרשטעלונג װעגן די טעראָר-מגפֿות, װאָס חזרן זיך פּעריאָדיש איבער אינעם סאָװעטישן אַרעסטאַנטן-לאַנד.

* * *

באַזונדערע קאַפּיטלעך און אויסצוגן פֿון ש. בר עוזיס בוך "מײַן יסורים-װעג" האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַרשידענע ייִדישע צײַטונגען, װאָכנבלעטער און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, דערין אויך אין דער ליטעראַריש-קינסטלערישער צײַטשריפֿט "ירושלימער אַלמאַנאַך". די דאָזיקע פּובלי-קאַציעס האָבן זוכה געװען צו פֿיל פּאָזיטיװע אָפּרופֿן פֿון ייִדישע לייענער און ליטעראַטן. ס'איז געװען צו דערמאָנען די הויכע אָפּשאַצונג, װעלכע

* אַגב, דער זעלבער כרושטשאָװ, כאָטש נישט אין די מאַסשטאַבן פֿון סטאַלינען, האָט אויך אָנגעװענדעט געװיסע רעפּרעסיעס און טעראָר-מיטלען קעגן שרײַבער, קינסטלער און אַנדערש-דענקענדיקע סאָװעטישע בירגער. זע למשל, דאָס בוך אין רוסיש פֿון אַנאַטאָלי מאַרטשענקאָ "מײַנע גבית עדות" — "פּאָסיעװ"-פֿאַרלאַג, 1973. דײַטשלאַנד.

ס'האָט אין זײַן צײַט געגעבן דער באַוווּסטער שרײַבער און פּובליציסט משה גראָס-צימערמאַן ז"ל, וואָס האָט געווידמעט בר עוזיס מעמואַרן איינע פֿון זײַנע גלענצנדיקע ראַדיאָ-שמועסן פֿון "קול ישראל".

ש. בר עוזי איז נישט קיין שרײַבער. ער איז ווײַט נישט קיין סאָלזשע-ניצין. ער דערמאָנט מיר אָבער גאַנץ אָפֿט איינעם פֿון סאָלזשעניצינס קרעפֿטיקסטע געשטאַלטן — איוואַן דעניסאָוויטש. ס'איז גלײַך ווי סאָל-זשעניצינס העלד וואָלט אַליין באַקומען לשון און אָנגעהויבן באַשרײַבן נישט נאָר איין טאָג, איין געראַטענעם טאָג פֿון זײַן לאַגער-לעבן, נאָר טאַקע דעם גאַנצן יסורים-וועג זײַנעם — שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר, יאָרן. אמת, אונדזער בר עוזין פֿעלט אויס אַ ביסל דער פּראַקטישער עגאָיזם פֿונעם ביטרע סמעקאַליסטע פּויערל איוואַן דעניסאָ-וויטש. דערפֿאַר אָבער צייכנט זיך אויס אַט דער געזונטער פֿאָלקס-מענטש מיט עכט-ייִדישן אינטעלעקט און אין וואָס פֿאַר אַ געפּלאָגטן מצבֿ ער זאָל זיך נישט געפֿינען — צי בײַ די מערדערישע פּײַניקונגען מצד די אויס-פֿאָרשער, צי אין די שטיקנדיקע טורמע-צעלן, צי אויף די שווערע עטאַפּן, דערנאָך אויף קנעכטישער קאַטאָרגע-אַרבעטן און שפּעטער שוין, אַפֿילו, בײַם סאַמע ראַנד — צווישן די אויסשטאַרבנדיקע דיסטראָפֿיקער (אין די דײַטשיש-נאַציסטישע לאַגערן פֿלעגט מען זיי רופֿן "מוזולמענער"...) — אויך דאָרט און אומעטום בלײַבט ער נישט קיין פֿאַריאָגטער איינזאַמער וואָלף, נאָר שטענדיק איז ער צוזאַמען מיט נײַ-דערוואָרבענע חבֿרים און פֿרײַנד, פּונקט אַזעלכע געיאָגטע און געררודפּטע ווי ער אַליין. פֿרײַנד וואָס טיילן צווישן זיך מיטלייד און טרייסט, דעם לעצטן ביסן ברויט און דאָס לעצטע ביסל אָטעם בײַם אונטערשטעלן איינס דעם אַנדערן אַ ברידערלעכע פּלייצע. ער, בר עוזי, זוכט און געפֿינט שטענדיק דאָס ליכטיקע אינדזעלע פֿון צוטרוי און פֿרײַנדשאַפֿט אין יעדער נײַעם יאָמער-טאָל, ווו די אַרעס-טאַנסקע דאָליע זײַנע פֿאַרוואַרפֿט אים. ער געשטאַלטיקט נישט זײַנע אחים בצרה מיט קיין שום קינסטלערישע מיטלען, ער פֿאַרקריצט פּשוט אין אוניקאַלן זכּרון אויף שטענדיק זייערע נעמען, אַדרעסן, באַשעפֿטיקונגען פֿאַר און נאָכן אַרעסט, יעדעמענס יסורים-וועג... שפּעטער, נאָך זײַן באַפֿרײַונג, געפֿינענדיק זיך אַליין אין אַ האַלב-לעגאַלן מצבֿ, וועט ער לויט די פֿאַרגעדענקטע אַדרעסן זוכן און געפֿינען די צעלאָמטע און פֿאַריתומטע משפּחות, כּדי איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס און עפּעס דערוויסן זיך וועגן ווײַטערדיקן גורל פֿון זײַנע ברידער-קרבנות.

אין יענער צײַט ווען די שפּיר-הינט פֿון סטאַלינס געהיים-דינסט האָבן בלוטדורשטיק געניושטערט איבער אַלע ווינקלען פֿון לאַנד, איז אַט די טעטיקייט זײַנע געווען טויט-געפֿערלעך סײַ פֿאַר אים און סײַ פֿאַר זײַנע נאָענטע. ווייס איך נישט קיין גרעסערע העלדישקייט, קיין ליכטיקערע מסירות נפֿש בײַם אויספֿילן, כּמעט אַ בלינדער, די הייליקע שליחות פֿון חבֿרשאַפֿט.

דער מחבר דערציילט פּרטימדיק, כּמעט ווי פּראָטאָקאָלירט אין זײַן אוניקאַלן זכּרון, אַלץ וואָס מיט אים און אַרום אים איז געשען, זינט ער, אַ פּראָסט ייִדיש ייִנגל פֿון אַ ייִדיש-פּויליש שטעטל, איז געלאָפֿן זוכן אַרבעט און פֿרײַהייט אינעם לאַנד פֿון די סאָוועטן. אָנגעקומען איז ער אַהין אין יאָר 1923 ד. ה. דאַן, ווען ס'האָבן נאָך אין לאַנד געהערשט די, אַזוי צו זאָגן, „לענינישע נאָרמעס פֿון סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט".

די ערשטע חדשים אַרעסט בשעתן אָנקומען אין לאַנד פֿון הונדערטער און טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געגנבֿעט די גרענעץ ריזיקירנ-דיק מיטן לעבן און געקומען קיין רוסלאַנד מיט אָפֿענע פֿאַרגלויבטע הערצער — באַשריבן פּריש, ווי ערשט נעכטן וואָלט דאָס געשען — זענען פֿאַקטיש געווען אַ בלוטיקע פֿאַרשפּיל, אַ מין לענין-פּרעלודיע צו דער טאָטאַלער פֿאַלקס-טראַגעדיע, וואָס רופֿט זיך „סטאַליניזם".

14 יאָר האָט בר עוזי געגאָסן פֿון דער סאָוועטישער „פֿרײַ", געאַרבעט געוויסנהאַפֿט און טרײַ, פּונקט ווי טויזנטער אַנדערע אַנטלאָפֿענע פֿון פּוילן, זיך אײַנגעשאַפֿט אַ משפּחה, געלערנט און ספּעציאַליזירט זיך ווי אַ זאָאָ-טעכניקער, צוגעוווינט זיך צום סאָוועטישן שטייגער, צו באַשטענדיקער דחקות, אָדער ווי די פּאַרטיי האָט געלערנט: צו „צײַטווײַליקע שוועריקייטן פֿון וווּקס" און אויך צו די „רעזולטאַטן פֿון שעדיקערײַ מצד די קלאַסן-שׂונאים, וועלכע מען מוז ליקווידירן". בײַ די 14 יאָר האָט ער, ווי מיליאָנען אַנדערע סאָוועטישע בירגער, זיך געלאָזט באַווירקן דורך דער סאָוועטישער שקרים-פּראָפּאַגאַנדע, זיך אויסגעלערנט „האַלטן ס'מויל" און געווען, קען מען זאָגן, צופֿרידן, אַפֿילו גליקלעך... ביז געקומען איז דאָס יאָר 1937, דאָס יאָר פֿון שטעכלער-נאַרקאָם יעזשאָוו, דאָס יאָר ווען סטאַלינס מאָרד-אַגרעגאַט האָט געשניטן און געדראָשן מיליאָנען סאָוועטישע בירגער — פֿאַרשטייער פֿון אַלע פֿעלקער, פֿאַרשטייער פֿון אַלע סאָציאַלע שיכטן. — אַרבעטער, ווויסנשאַפֿטלער, שרײַבער, מיליטערלײַט פֿון העכסטן ביזן נידע-ריקסטן ראַנג, גײַסטלעכע און אַלטע באָלשעוויקעס, פּאָליט-עמיגראַנטן און... וועמען נישט?

אויף אונדזער בר עוזי איז אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן צווישן די ציינ-רעדער פֿון יענעם ״אַגרעגאַט״ און פֿון דאַן, בעיקר פֿון דעמאָלט אָן, הויבט ער אָן פֿיקסירן דעטאַל און אויף אויסנווייניק נישט נאָר זײַן אייגענעם יסורים-וועג, נאָר אַלץ וואָס אַרום אים געשעט. פֿון דאַן אָן ביז איצט קען ער זיך נאָך אַלץ נישט באַפֿרײַען פֿון כּסדרדיקער שטוינונג! ״ס׳טײַטש ווי קען דאָס געמאָלט זײַן?״, ״גאָט מײַנער, וואָס טוט זיך דאָ?״ און פֿיל ענלעכע פֿראַגע-אויסרופֿן זענען צעוואָרפֿן איבער די צוויי בענדער פֿון בר עוזיס זכרונות. און באמת טאָקע איז דאָס נישט קיין נאַיִווע קלאָץ-קשיות, ווײַל ווער איז דאָס מסוגל צו באַגרײַפֿן דעם אַרכי-טײַוואָלאַנישן אומזין פֿון פֿאַרפֿײַניקן און אויסצוהרגענען אַזוי פֿיל אַבסאָליוט אומשולדיקע מענטשן? צוזעענדיק דאָס טאָג-טעגלעך, וואָלט אַזאַ פֿילבאַרע נאַטור ווי אונדזער בר עוזי געוויס גערירט זיך פֿון זינען, נאָך ביז ער אַליין וואָלט געפֿאַלן צווישן די קרבנות... דאָס איז אָבער נישט געשען, נאָר אַ דאַנק דער אײַזערנער דיסציפּלין פֿון זײַן זכרון, וואָס האָט זיך פֿאַרפֿליכטעט פֿאַר-געדענקען אַלץ ביז צו דעם מינדסטן פּרט.

דער סאָוועטישער רעזשים ציט אויף זיך נאָך אַנאַנד די מאַסקע פֿון מענטשלעכקייט, אַלע הערלעכע באַגריפֿן פּרוּוון זיי זיך צואייגענען, אין דער ערשטער רײ — אינטערנאַציאָנאַליזם. אינטערנאַציאָנאַליזם האָט שוין לאַנג אַפֿילו נישט געגנעבטיקט בײַ די, וואָס פֿירן אַ קאָנסעקווענטע גענאָציד- און אויסראָטונגס-פּאָליטיק בנוגע אייגענע און פֿרעמדע פֿעלקער, שוין אָפּגערעדט פֿון זייערע קולטורן.

דער ייִד בר עוזי איז בתוך און בטבֿע אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט. צווישן זײַנע נאָענסטע חבֿרים און פֿרײַנד וועט איר געפֿינען רוסן, אוקראַי-נער, אוזבעקן, טאָטערן, ייִדן, פֿאַרשטייט זיך, אויך.

צווישן די תּלינים און פּײַניקער פֿון דער נ.ק.וו.ד. דערמאָנט ער אויך מיט גרויס צער און צאָרן ייִדן (געוויס האָבן מיר דאָס צווייפֿלהאַפֿטע רעכט אויף אויף אייגענע אויסוווּרפֿן. צו פֿיל אָבער וואַרפֿן זיי זיך אין די אויגן...).

ש. בר עוזיס ״יסורים-וועג״ איז דורכגעדרונגען מיט דער שׂרפֿהנדיקער לײַדנשאַפֿט — דערטראָגן צו דער פֿרײַער עפֿנטלעכקייט זײַן שטוינונג און דערשיטערונג, דערטראָגן זײַן באַשולדיקונגס-אַקט קעגן דער סיסטעם פֿון באַוווּסטזיניקן אומברענגען אומשולדיקע מענטשן.

צי וועט פֿון דעם די וועלט אַ ביסל קליגער ווערן? דאָס איז שוין אַן אַנדערע פֿראַגע.

2. אַ פּאָר ווערטער צו שמשון ליווראַנטס (בר-עוזי) צווייטן באַנד *

די לייענער וואָס האָבן נאָכגעפּאָלגט דעם יסורים-וועג פֿון ש. בר-עוזי אין זײַן ערשטן בוך האָבן שוין געוויס געקלערט, אַז די מאָס פֿון מענטש-לעכער פּײַן ברעכט זיך. אַלדאָס איבעריקע איז שוין איבער די מענטשלעכע כּוחות און איבער אַלע מעגלעכקייטן.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס אַז דאָס אַלץ איז נאָך געווען צו דערלײַדן, דאָס זענען נאָך, ווי די רוסן זאָגן, "געווען בלימעלעך, די יאַגעדקעס קומען ערשט ווײַטער"...

שמשון ליווראַנט האָט קיין מאָל קיין שרײַבערישע אַמביציעס נישט געהאַט. אמת — ס'איז אַ מאָל אין "עמעס"-פֿאַרלאַג דערשינען זײַנע אַן אַגראַטעכנישע בראָשור מיטן נאָמען "קראָליקעס-צוכט", אָבער זינט ער אַליין, איז ווי מיליאָנען אַנדערע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קראָליק, נישט צום ציכטן, חלילה, נאָר צוליב דורכפֿירן איבער אים מערדערישע סאָציאַל-קאָמוניסטישע עקספּערימענטן — זינט זײַן ערשטן אומגעלומפּערטן נישט באַגרינדעטן אַרעסט, ווען ער האָט מיטן שטוינענדיקן שווידער זיך אַרומגעקוקט, ווו ער געפֿינט זיך עס אויף דער וועלט און אין וועמענס הענט ער איז אַרײַנגעפֿאַלן — זינט דעמאָלט, האָט ער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשטימט געטנוי, פּינקטלעך, פּרטימדיק, בײַ יעדער מינדסטער מעג-לעכקייט — פֿאַרצייכענען אַלץ וואָס געשעט מיט אים און אַרום אים. און טאָמער איז אַפֿילו קיין מינדסטע מעגלעכקייט אויך נישט געווען, האָט ער מיט אומדערהערטער עקשנות, בײַ די שווערסטע אומשטענדן נישט אויפֿ-געהערט צו שלייפֿן זײַן גאָט-געבענטשטן זכּרון, כּדי פֿאַרקריצן אין אים פֿילצאָליקע גורלות, הונדערטער נעמען, אַדרעסן, פֿאַקטן, געשעענישן און טויזנטער פּרטים פֿון סאָוועטישן טורמע-און לאַגער-שטייגער.

בר-עוזי פֿאַרמאָגט נישט קיין גרויסע שפּראַך-רעזערוון, זײַן דערציילונג לײַדט אָפֿט פֿון איבערחזורונגען, אויך די שילדערונגס-מיטלען זענען גאַנץ באַשיידענע, און דאָך איז פֿאַראַן אין זײַן בוך עפּעס אַזוינס וואָס מע קען נישט געפֿינען אין צענדליקער אַנדערע מעמואַרן-ביכער.

* "מײַן יסורים-וועג", צווייטער-באַנד, פֿאַרלאַג "ירושלימער אַלמאַנאַך", 1986.

און דאָס איז דערפֿאַר ווײַל בר-עוזיס צוויי בענדער זענען אפֿשר בכלל נישט קיין מעמואַרן-ווערק...

מעמואַרן אָדער זכרונות שרײַבט מען, געוויינטלעך, מיט יאָרן שפּעטער ווען איבערגעלעבטן און וויַט-פֿאַרגאַנגענעם, און איבער אַלעם דער-ציילטן שוועבן די נעפּלען פֿון אויף ס׳נײַ באַדאַכטן און אויף ס׳נײַ איבער-געטראַכטן, פֿיל פֿאַקטן קומען אין אַן איבערגעשפּיגלטער שײַן פֿון אַ שוין פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה. און דאָס וואָס איבערגעשפּיגלט איז פֿאַרט נישט אַזוי עכט און באַגלייבלעך. כאָטש די פֿאַקטן און געשעענישן שטימען מיט דער פֿאַרגאַנגענערווירקלעכקייט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט איז דאָך עפּעס פֿאַרט נישט אַזוי און עפּעס איז דאָרט פֿאַרט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַנדער פֿלאַך. איך זאָג נישט, אַז דאָס איז שלעכט, בפֿרט ווען די מעמואַרן שרײַבן אַזעלכע וואָרט-מײַסטער ווי יעווגעניע גינזבורג אָדער וואַרלאַם שאַלאַמאָוו (אַגבֿ, בײַביידן פֿון אָט די באַוווּסטע רוסישע מעמואַרן-שרײַבער קען מען געפֿינען די פֿולסטע באַשטעטיקונג פֿון פֿיל געשעענישן און פּרטים, וועלכע ס׳ברענגט אַרויס אַזוי ערלעך אונדזער בר-עוזי).

יאָ, בר-עוזי איז נישט קיין מעמואַרן-שרײַבער. זײַן ווערק איז אייגנטלעך **אַן אויטענטישער טאָג-בוך**, פֿאַרצייכנט אויף די פּריש-פֿאַרבלוטיקטע שפּורן פֿון זײַן לאַנגן יסורים-וועג, אויף וועלכן הונדערטער פֿון זײַנע מיטגייער זענען געפֿאַלן פֿון הונגער, קעלט, עלנט, באַעוולטקייט און קנעכטישער צוואַנגס-אַרבעט.

ווי אַזוי די פֿאַרצייכענונגען צו „מײַן יסורים-וועג" האָבן זיך דורכ-געבראַכן אַ וועג קיין ישׂראל איז אַ באַזונדער געשיכטע פֿול מיט נסים, נישט ווייניקער ווי ס׳איז אומבאַגרייפֿלעך נסימדיק געווען דער וועג קיין ישׂראל פֿון זייער פֿאַרצייכענער. דער מחבר פֿון „מײַן יסורים-וועג" האָט נישט איין מאָל אויף אָט דעם וועג באַזיגט דעם טויט אַליין, און דאָס — נישט איבערגעטריבן אויף קיין לויט אַפֿילו — באַזיגט, און געקומען אין דער איינציק-מעגלעכער יִידישער היים און לאָמיר האָפֿן, אַז ער וועט זיך זעטיקן מיט פֿרײַער גליקלעכער עלטער, ווײַל אויף אים ליגט נאָך אַלץ די הייליקע שליחות פֿון ערלעך אויפֿריכטיק און באַגלויבלעך דערטראָגן דעם ריינעם אמת פֿאַר די קומענדיקע דורות, דעם ריינעם אמת וועגן איינעם פֿון די שוידערלעכסטע מאָרד-עפּאָכעס אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט.

דאָס בוך פֿון גרויסער גבֿורה*

דער זשאַנער פֿון דאָקומענטירטע מעמואַרן פֿאַרנעמט שיער נישט דעם אויבן-אָן אין דער הײַנטצײַטיקער וועלט-ליטעראַטור. די גבֿית-עדות פֿון די, וועלכע זענען צופֿעליק אַרויס לעבעדיקע פֿון צווישן די פֿאַרבלוטיקטע מילשטיינער און ציין-רעדער פֿון דער נאַציסטישער אָדער קאָמוניסטישער מאָרדמאַשין, פֿאַרמאָגן אין זיך אַ גוואַלדיקע צוציִונגס-קראַפֿט פֿאַרן דענקענדיקן לייענער. די כראָניק פֿון אונדזער צײַט — די דעמאַסקירונגען פֿון טאָטאַלן טעראָר, אָפֿענעם און פֿאַרבאָרגענעם, וועלכן ס'קולטיווירן הײַנט מער ווי אַלע מאָל די אַזוי גערופֿענע „פֿאָלקס-און וועלט-באַפֿרײַער", די כראָניק פֿון אַקטיוון ווידערשטאַנד, די כראָניק פֿון די סאַמע טראַגישע און פּײַנלעכסטע אַנטוויקלונגען אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, איז הײַנט צו טאָג שטאַרקער און באַלערעוודיקער פֿון יעטווועדער קינסטלערישער פֿאַנטאַזיע און אוודאי אויך פֿון וויסנשאַפֿטלעך-טעאָרעטישער פֿאָרשונג.

לעאָפּאָלד טרעפּערס בוך, וואָס איז ענדלעך דערשינען אויך אין דער באַליבטער מוטערשפּראַך פֿון מחבר — אין ייִדיש, איז אָבער פֿון אַ באַזונדער חשיבֿות. דאָס בוך האָט זיך שוין דערוואָרבן אַ גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט און פֿאַרנעמט אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ צווישן דער מעמואַרן-ליטעראַטור אויף צענדליקער וועלט-לשונות. מיט וואָס איז דאָס צו דערקלערן? — די סיבה ליגט קודם אין דער לעגענדאַרער פּערזענלעכקייט פֿון מחבר גופֿא — איינעם פֿון די טרײַסטע, מוטיקסטע און סאַמע געניטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אַנטי-נאַציסטישן ווידערשטאַנד אין מערבֿ-אייראָפּע, בעת דער דײַטשיש-פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. דער שווערפּונקט פֿון בוך ליגט טאַקע אויף די געניטע און דאָקומענטירטע באַשרײַבונגען וועגן דער העלדישער און קרבנותפֿולער טעטיקייט פֿון באַרימטן אַצינד „רויטן אָרקעסטער" —

* **לעאָפּאָלד טרעפּער** (**דאָמב**) — די רויטע קאַפּעליע (אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון פֿראַנצויזיש: מאַקס מעלמאַן). אַרויסגעבער: „ירושלימער אַלמאַנאַך", ירושלים, 1978.

אַ פֿאַרצוווײַגטע אַנטי-נאַציסטישע אויסשפּירונגס-נעץ, וואָס האָט אויפֿן עפֿעקטיוווסטן אופֿן געווירקט לטובֿת איר "צענטראַלע" — דער סאָוועטיש-מיליטערישער אויבער-קאָמאַנדשאַפֿט.

די טײלן פֿון בוך, וואָס כאַפּן אַרום די דאָזיקע טעטיקייט, לייענען זיך מיט אויסערגעווײנלעכער שפּאַנונג: ס'לעבן אויף פֿאַר אונדזערע אויגן צענדליקער מיטקעמפֿער פֿון "גראַנד-שעף" טרעפּער — ייִדן און ניט-ייִדן, סײַ אין זייער מוטיקן געראַנגל קעגן מעכטיקן "אַבווער" — דעם דײַטשישן מיליטערישן קאָנטער-אויסשפּיר, סײַ אין זייער שטאָלצער האַלטונג בעת די שרעקלעכסטע פּייניקונגען, ביז צום אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם אין דעם געסטאַפּאָ-גיהנום פֿון ברענדאָנק און אַנדערע פֿאַרניכטונגס-פּלעצער.

טעמפּעראַמענט, זאָגט מען, איז די מאָס פֿון וועלן דערגרייכן דעם ציל (אין געגעבענעם פֿאַל — דעם נצחון איבער דער ברוינער פּעסט), אָבער די העכסטע מאָס פֿון אָט דער ווילנס-קראַפֿט בײַ טרעפּערן איז געראָד געווען די אויסנאַמלעכע פֿייאיקייט פֿון קאָנען צוימען, ווען ס'איז נייטיק, דעם קעמפֿערישן טעמפּעראַמענט, כּדי מיט קלאָרער, קאַלטער ניכטערקייט אויס-פּלאַנעווען די מינדסטע דעטאַלן פֿון יעדער געפֿערלעכער אָפּעראַציע.

און נאָך: מיר דאַכט, אַז טרעפּער האָט גאַנץ אָפֿט געמוזט אויס-באַהאַלטן זײַן גרויסע איינזאַמקייט און זײַן פֿאַרצווייפֿלונג אַפֿילו צווישן די סאַמע נאָענטע מיטקעמפֿער זײַנע, ווײַל חוץ דער טאָג-טעגלעכער לעבן-און-טויט-שפּיל מיט דער פֿאַשיסטישער חיה-רעה, האָט ער אויך באַשטענדיק געמוזט זײַן אין אַ פֿײַנלער-דראַמאַטישן קאָנפֿליקט מיט דער טאַלאַנט-לאָזיקער סטאַליניסטישער "צענטראַלע", וועלכע איז אָפֿט געניויגט געווען גיכער צו פֿאַקן זיך אויף דער ווענטקע פֿון דער דײַטשישער אויסשפּיר-נעץ, איידער צו טרויען דער טרײַער אינפֿאָרמאַציע פֿון אַן אידעאַליסטישן און קלוגן אַנטי-נאַצי קעמפֿער... אָבער צוליב פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן האַרבן קאָנפֿליקט מוז מען אויפֿמערקזאַם לייענען, אויב נישט פֿאָרשן, נישט נאָר די סאַמע סענסאַציאָנעלסטע טײלן פֿון אָט דעם אויסטערלישן ווערק (ווי, למשל די פֿאַרכאַפּנדיקע "גרויסע שפּיל", אין וועלכער דעם "שעף" האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַזיגן, איבערכיטרעווען די "קאַרפּן-קעפּ" פֿון אַבווער און געסטאַפּאָ, (שוין זײַענדיק דורך זיי אַ געפֿאַנגענער), נאָר מע מוז דורכפּײַניקן פֿון אָנהויב ביז צום סוף דעם גאַנצן דערנער-גאַנג פֿון אַזאַ מענטש ווי טרעפּער (דאָמב): פֿון אַ נאַיִוון ייִדישן בחור אין אַ גאַליציאַניש שטעטל, ביז צו דעם דורכגעטריבענעם און שרעקלאָזן "רוסישן

בער", דעם גראַנד-שעף פֿון "רויטן אָרקעסטער" — זשילבער, פֿון און דורך "השומר הצעיר" — צום קאָמוניזם, פֿון אָפֿענע קלאַסן-שלאַכטן — צו אומלע-גאַלער טעטיקייט, פֿון פּאַלעסטינער "מאָפּסן" ביז דער אייראָפּעישער אָרענע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער פֿאַרשווערונג. פּאַריז, בערלין, און ענדלעך אין מאָסקווע!! די ערשטע פֿריידן און די ערשטע אַנטוי-שונגען... צי איז דען מעגלעך אויסצורעכענען די אַלע עטאַפּן, אומשטענדן און פּערמאַציעס, וועלכע ס'האָט געקענט דורכמאַכן אַ ביז גאָר נישט קיין געוויינלעכער מענטש אין אַן אומגעוויינלעכער עפּאָכע פֿון טאָטאַלן שקר, שרעק און טייוולאָנישן ציניזם?

יאָ, אַזאַ ריין-יִדישער אידעאַליסט, וואָס האָט מיטגעפֿיבערט און מיטגעפֿלאַקערט מיט אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפֿטרייסלונגען פֿון יענער עפּאָכע, זייענדיק שוין אינעם אויסגעחלומטן "לאַנד פֿון סאָציאַליזם", "פּנים אל פּנים מיט דערווירקלעכקייט", האָט ער זיך צו ביסלעך געמוזט איבערצייַגן אין דעם, אַז קיין שום רעוואָלוציע אין דער וועלט האָט אַזוי סיסטעמאַטיש, קאָנסעקווענט און מיט אַזוי פֿיל רוצחישער תּאווה ניט געפֿרעסן די אייגענע קינדער, ווי דאָס האָט געטאָן די "גרויסע פּראָלע-טאַרישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע".

"סטאַלין, דער גרויסער באַגרעבער, האָט אומגעבראַכט צען מאָל, הונדערט מאָל מערער קאָמוניסטן, ווי היטלער" —

"די סטעזשקע צווישן היטלערס האַמער און סטאַלינס קאָוואַדלע איז געווען שמאָל פֿאַר אונדז, פֿאַרגלייבטע אין סאָציאַליזם..." (ז' 102). ווען מיר איצטער ניט גיין פּאָלעמיזירן מיט דער איבערצייגונג פֿון מחבר, אַז אַלע אומגליקן פֿאַרן סאָציאַליזם און פֿאַר דער וועלט בכלל זענען געקומען ערשט מיט סטאַלינען און מיטן פּאַרטיי-קולט, וואָס האָט "פֿאַרקריפּלט דעם סאָציאַליזם". פֿאַר אונדז איז וויכטיק די אויפֿטרייסלענדיק-מענטשלעכע ווידוי-דערקלערונג פֿון אַזאַ רעוואָלוציאָנערן מיליטאַנט ווי טרעפּער:

"דאָך זענען מיר זיי נאָכגעגאַנגען, פֿאַרצווייפֿלט, אָבער געהאָרכזאַם. מיר זענען געוואָרן צעמאָלן פֿון די ציין-רעדער, וועלכע מיר האָבן געלאָזט אין באַוועגונג מיט די אייגענע הענט. ווי טיילן פֿון דעם אַפּאַראַט, טעראָ-ריזירט — ביזן פֿאַרלירן דעם שׂכל, זענען מיר גופֿא געוואָרן דער מכשיר פֿון אייגענעם אונטערגאַנג. די אַלע, וואָס האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט סטאַלינס טויט-מעכאַניזם, זענען מיטשולדיק, דער דאָזיקער פּסק-דין איז חל אויך אויף מיר גופֿא" (ז' 70).

פֿאַר אונדז איז וויכטיק די אויסגעבלוטיקטע לעבנס-דערפֿאַרונג פֿון אַ מענטש, וואָס האָט, צו זײַן צײַט, געמוזט מאַכן דעם איינציק-ריכטיקן אויסוואַל — קעמפֿן אויף דער זײַט פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד, קעגן דעם דײַטשיש-פֿאַשיסטישן שׂונא, ווי דאָס האָבן געטאָן, טרײַ און העלדיש, הונדערטער טויזנטער ייִדן אין די רײַען פֿון דער רויטער אַרמיי, אין די פּאַרטיזאַנער-מחנות און אין דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג.

פֿאַר אונדז איז ענדלעך ביז גאָר וויכטיק די גבֿית-עדות פֿון אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט דעם גרויסן חריפֿותדיקן מוט און ווילנס-קראַפֿט צו צעפֿליקן די נעצן סײַ פֿון דער ברוינער און סײַ פֿון דער רויטער מאָרד-מאַשין; אַ מענטש, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכן צוריק אַהיים, קיין ירושלים, און דאָ אַרויסגעגעבן אויך אין ייִדיש דאָס באַרימטע ווערק זײַנס וועגן מענטשלעכער און ייִדישער גבֿורה.

לסוף איז נייטיק אָפּצומערקן די פֿײַנע געוויסנהאַפֿטע איבערזעצונג פֿון פֿראַנצוויזיש, וועלכע ס'האָט געמאַכט פֿרײַנד מאַקס מעלמאַן.

די בריוו פֿון ירמיהו דרוקער ז״ל

אויפֿן שרײַבטיש ליגט אַ פּעקל בריוו אַדרעסירטע צו פֿאַרשידענע מענטשן, בריוו פֿון פֿאַרשידענע יאָרן, בריוו מיט איינעם און דעם זעלבן אַזוי ליבן און היימישן פּערל-כתבֿ...

אויך איך פֿלעג אַ מאָל באַקומען נישט ווייניק אַזעלכע בריוו פֿון איינעם פֿון מײַנע לערער און יוגנט-פֿרײַנד ירמיהו (אירמע) דרוקער ז״ל. כ׳האָב זיי לײַדער נישט געוואָגט מיטצונעמען מיט זיך פֿון רוסלאַנד... געבליבן זענען מיר בלויז אויפֿשריפֿטן און ווידמונגען אויף פֿאָטאָגראַפֿיעס און געשענקטע ביכער.

צו אירמע דרוקער פּאַסט זיך דער געניאַלער זאָג פֿון שלום אַשן: ״אַ ייִד האָט מורא פֿאַר אַ הונט און קריכט אין פֿײַער״. זײַן ״קריכן אין פֿײַער״ האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין דעם וואָס אַפֿילו אין די געפֿערלעכסטע סיטואַציעס פֿלעגט ער מיט ליבשאַפֿט און מסירת נפֿש זאַמלען זעלטענע ייִדישע און העברעיִשע ספֿרים, יודאַיִק אויף רוסיש, אַלטע מוזיק-פּלאַטן: חזנות, חסידישע, קלעזמערשע און בכלל ייִדישע פֿאָלקס-נגינה. נישט נאָר זאַמלען נאָר אויך זיך טיילן און פֿאַרשפּרייטן צווישן פֿילצאָליקע פֿרײַנד און באַקאַנטע... זײַן ״קריכן אין פֿײַער״ איז ניט נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס נאָכן קומען פֿון די טורמע-און לאַגער-פּייניקונגען אַ קראַנקער און אײַנגעבראָכענער פֿון שרעק, האָט ער דאָך זײַן שטוב ביסלעכווײַז פֿאַרוואַנדלט אין אַ דערפֿרישנדיקן ייִדישקייט-אָאַזיס, וווּהין ס׳פֿלעגן זיך אויך ציִען פֿיל פֿון דער אַדעסער ייִדישער יוגנט, אַ דאָרשטיקע נאָך אַ ייִדישן אות, נאָך אַ וואָרט, נאָך אַ ניגון. נישט קיין חידוש, וואָס צווישן די ערשטע אַדעסער עליה-אַקטיוויסטן וועט איר זעלטן אָנטרעפֿן אויף אַזאַ איינעם, וועמען דרוקער האָט נישט אַרויסבאַגלייט מיט די שענצטע ברכות... זעלטן ווער פֿון זיי האָט ניט געלייענט און איז ניט באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון זײַן טיף-ייִדישן ראָמאַן ״קלעזמער״, דערשינען אין רוסיש ערשט אין יאָר 1964!

וועגן דער ייִדישער גבֿורה פֿון ירמיהו, וואָס האָט אָפֿט איבערגע-

װעלטיקט זײַן שרעק, דערצײלט אין אײנעם פֿון זײַנע פֿײַנע עסײען דער שרײַבער יאַנקל יאַקיר ע״ה, װעלכער האָט מיטגעמאַכט מיט אים די קאָלימער טויט-לאַגערן. (זע: יאַנקל יאַקיר — ״געשיכטעס און פֿאַרטרעטן״, ז' 92, פֿאַרלאַג ״אײגנס״, תל-אביב, 1981).

דאָך — דער געװאָגסטער אויפֿטו פֿון ירמיהו דרוקער, איז װי מיר דאַכט, די כּמעט רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ במשך פֿון יאָרן מיט פֿיל צענדליקער שרײַבער, קינסטלער, װיסנשאַפֿטלער און גלאַט מיט פֿאַרשײדענע לײענער, ליבהאָבער פֿון ייִדישער ליטעראַטור בכלל און פֿון זײַנע, דרוקערס װערק — בפֿרט.

אַװדאי שרײַבט מען אין סאָװעטן-רוסלאַנד בריװ — אָפֿיציעלע, זאַכלעכע, משפּחה-בריװלעך, אַ באַגריסונג, אַ ליבע-בריװל אד״ג. אָבער דער עפּיסטאָליאַרער, אַזוי צו זאָגן, זשאַנער װי אַ נאַטירלעכער באַשטאַנד-טײל פֿון דעם קינסטלערס יצירה, איז כּמעט אין גאַנצן פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אינעם לאַנד פֿון די סאָװעטן, װײַל אויב מע מוז זײַן געהיט מיט אַן אַרויסגעזאָגט װאָרט, מוז מען דאָך אַװדאי און אַװדאי ציטערן איבער יעדער שריפֿטלעכער אַרויסזאָגונג. בריװ צו שרײַבער-קאָלעגן און פֿרײַנדלעך-געשטימטע לײענער האָבן נישט קײן שום זין, אויב זײ שלאָגן נישט אָן אויף קײן אָפֿנהאַרציקן, כּמעט אינטימען טאָן, אויב אין זײ אַנטפּלעקט זיך נישט דער אידעיִש-קינסטלערישער קרעדאָ פֿון דעם בריװ-שרײַבער. און דאָס איז אין יענע מקומות געפֿערלעכער פֿון אַלץ. זענען דאָך דרוקערס בריװ געלעגן אויפֿן טיש פֿון די קאָ.גע.בע.-פֿײַניקער און זײ, די בריװ טאַקע, האָבן געדינט װי אַ באַװײַז בעתן פֿאַרמשפּטן אים אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע ״פֿאַר בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישער טעטיקײט״. (אויך אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצינען האָט מען, אַגבֿ, אײַנגעזעצט פֿאַר... אַ בריװ.)

די װוּנדערלעכע מוטיקײט פֿון ירמיהו דרוקער באַשטײט ניט נאָר אין דעם װאָס אויך, נאָכן צוריקקומען פֿון דער הונדערט מאָל פֿאַרשאָלטענער קאָלימאַ, האָט ער פֿאַרגעזעצט צו שרײַבן זײַנע מײַסטערישע נאָװעלן פֿול מיט ליבשאַפֿט צו אונדזערע נאַציאָנאַלע פֿאָלקס-שרײַבער מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ און ביאַליק, נאָר ער האָט אויך פֿאַרגעזעצט שרײַבן בריװ און אַפֿילו פֿאַרברײטערט דעם קרײַז פֿון זײַנע קאָרעספּאָנדענטן. ער פֿלעגט זיך פֿרײען און באַרימען זיך ממש װי אַ קינד מיט יעדן נײַ דערװאָרבענעם אַדרעסאַט:

״לעצטנס האָבן זיך אין מיר אײַנגעקלאַמערט סטעמפּעניוס צװײ אײ-

ניקלער. זייער זיידנס פֿאַמיליע איז געווען דרוקער און דעריבער זײַנען זיי זיכער, אַז איך בין פֿון זייערע דרוקערס.

זיי וווינען ביידע אין באַרנאַול. די מלחמה האָט זיי אַהינצו פֿאַרוואָרפֿן. איינע איז אַ מאַלערין, די צווייטע — אַ דיכטערין. זיי האָבן מיר צוגעשיקט זייערע פֿאָטאָס און די פֿאָטאָס פֿון די בילדער און לידער. זיי שרײַבן אַזוי, אַז אַ שטיין פֿון וואַנט קען צעגיין. איז וואָס זאָל איך טאָן ? — האָב איך זיי אָנגענומען פֿאַר שוועסטער און שרײַב זיך מיט זיי איבער..." אַזוי באַרימט ער זיך אין איינער אַ בריוו צו זײַנעם אַ נאָענטן פֿריינד **ברוך דאָבראָוויטש** פֿון טשערנאָוויץ (27 יאַנואַר 1965).

אין זעלבן בריוו שרײַבט ער ווײַטער :

"ביז גאָר רירנדיק איז אַ בריוו פֿון אַ ליניצער כּלה. אַזוי ווי פֿון איר צד האָט זי קיינעם ניט, און זי שטאַמט פֿון דור-דורותדיקע קלעזמער, דעריבער לאַדט זי מיך אײַן אויף איר חתונה. איך דאַרף איר פֿאַרבײַטן אַלעמען. — — — — — —

איז גיי דערצייל זיי אַלע, אַז קוים וואָס איך זשיפּע, אָבער זייערע אילוזיעס וועל איך אין קיין פֿאַל ניט צעשטערן..."

אירמעס בריוו זענען געווען טיף ליריש און טיף זאַגעריש, אָפּט מאָל — מיט אַן אונטערטעקסט — מיט קוים באַהאַלטענעם מיין, דורכגעוועבט מיט איבערגעפֿראַזירטע פּסוקים פֿון תּנ"ך, פֿון די פּרקי-אָבֿות פֿון די אַגדות... פֿול מיט אַפֿאָריזמען אייגענע און געשעפּטע פֿון די הייליקע ספֿרים, פֿאָלקלאָר, פֿון די ליטעראַטור-קלאַסיקער.

דרוקער און נתן זאַבאַרע ז"ל (זײַן נאָענסטער פֿרײַנד) זענען געווען די לעצטע תּלמידי חכמים צווישן די ייִדישע-סאָוועטישע שרײַבער (מיינסטנס פֿון איצטיקן דור האָבן אַפֿילו פֿון קיין חדר נישט געוווסט). ער איז געווען ווי אַ לעבעדיקער דערפֿרישנדיקער קוואַל פֿון ייִדישער חכמה און וויסן וועלכע ער פֿלעגט מיט דער פֿולער האַנט באַטיילן זײַנע נאָענטע פֿרײַנד און ווײַטסטע קאָרעספּאָנדענטן.

מע קען אָנצייל אַ גוטן צענדליק סוזשעטן, מיט וועלכע ער האָט באַרײַכערט די וואונדערלעכע דיכטונג פֿון שיקע דריז ע"ה, ווי אויך פֿון אַנדערע שרײַבער און דיכטער.

אין איינער אַ בריוו צו זײַן אַלטן גוטן פֿרײַנד **שמשון ליוועראַנט**, אַ מענטש וואָס איז דורכגעגאַנגען אין ס"פּ אַלע שבֿעה מדורי גיהנום און איז עולה געווען קיין ישׂראל, שרײַבט ער, דרוקער :

„איך לייען אײַערע בריוו צו גרשונען און כ'בין איבערראַשט פֿון אײַער אָפּטימיזם, פֿון אײַערע פּילזײַטיקע אינטערעסן, פֿון אײַער זולל וסובֿאַדיקייט צו שׂמחה! איר מאָנט אײַן מיט פּראָצענט פֿאַר דאָס אַלץ, וואָס אין אײַער לעבן איז באַגזלט געוואָרן!

איז זײַט זשע אַזאַ ווי איר זײַט נאָך יאָרן-יאָרן לאַנג!"

דאָס איז געווען איינע פֿון זײַנע לעצטע בריוו קיין ישׂראל, נאָך וועלכע מען האָט אים — ווער ווייסט מיט וועלכע צוואַנגס-מיטלען — אָפּגעשניטן זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיט ישׂראל און דערפֿירט צו דעם, אַז דווקא ער זאָל אָפּדרוקן אַ לויב-אַרטיקל וועגן דעם פֿאַרהאַסטן דורך אים, רעדאַקטאָר פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"...

„אַ ייִד האָט מורא פֿאַר אַ הונט..."

משה שולשטיין ז״ל

אין איינעם אַ בריוו פֿון פּאַריז, וואָס דוד ספֿאַרד ע״ה האָט מיר געשריבן, דאַכט זיך גאָר נישט לאַנג, דערציילט ער ווי שווער געטראָפֿן ער איז, ווי איבערפֿולט מיט ווייטיק און צער ער איז פֿון פּלוצעמדיקן טויט פֿון זײַן נאָענטן פֿרײַנד און קאָלעגע דעם פּרוכטבאַרן ייִדישן שרײַבער בנימין שלעווין ז״ל.

כ׳שטעל מיך פֿאָר ווי משה שולשטיין איז שטערבלעך פֿאַרוווּנדעט געוואָרן פֿון דער שרעקלעכער ידיעה, אַז אויך אונדזער דוד ספֿאַרד איז אַוועק אין דער אייביקייט.

פֿאַר איין יאָר איז פֿינצטערער געוואָרן אונדזער הימל. דרײַ שיינע גרויסע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן איינס נאָכן אַנדערע, זיי זענען געווען ווי דרײַ געטרײַע ברידער, וואָס אויסער דער אייגענער ליכט האָבן זיי אויך געלעבט מיט דער אָפּשײַן וואָס איינער האָט געוואָרפֿן אויפֿן צווייטן. דרײַ ברידער פֿון איין דור, פֿון איין שטאָם, פֿון איינע און די זעלבע אידעאַלן, אַנטוישונגען און ווידערגעבורטן...

משה שולשטיין איז, דאַכט זיך, געווען דער ייִנגסטער צווישן די דרײַ... ס׳איז אַוועק פֿון אונדז און פֿאַריתומט די ייִדישע ליטעראַטור אַ קערנדיקער דיכטער.

אָנהייבנדיק פֿון די ערשטע צוויי לידער-זאַמלונגען ״ברויט און בלײַ״ (לובלין, 1929) און ״דאָס פֿײַפֿל אין די בערג״ (וואַרשע, 1936), ווו ער דערשײַנט פֿאַרן לייענער — דעמלט, האָט עס באַטײַט — פֿאַרן מאַסן-לייענער, ווי דער טרובאַדור פֿון דער, אַזוי צו זאָגן, פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער ייִדיש-פּוילישער פּאָעזיע, לידער אין וועלכע ס׳פֿלעכטן זיך צו מאָל איבער מער אָדער ווייניקער פּרוכטבאַרע, השפּעות פֿון דער ייִדיש-סאָוועטישער דיכטונג, ווי אויך פֿון מאַיאַקאָווסקי און בראָניעווסקי. אָנהייבנדיק מיט די דאָזיקע צוויי ביכער, האָט שולשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך 15 בענדער פּאָעזיע, רײַזע-פֿאַרצייכענונגען, עסייען — אַ גאַנץ פֿאַר-מעגן! 17 ביכער. און מיט יעדן בוך, דורך שווערע פֿײַנלעכע ראַנגלענישן

מיטן אָרום און מיט זיך אויפֿן וועג צו זיך — אַ נײַער דינאַמישער אויפֿ־שטײַג, אַ נײַע קוואַליטעט, אַ נײַע רײַפֿקייט, אַ נײַע פּשטות און אַ נײַער חידוש.

די שואה — דער מאַסן־מאָרד פֿון פּוילישן ייִדנטום און עטוואָס שפּעטער — די פֿולשטענדיקע קאַטאַסטראָפֿע פֿון די רעוואָלוציאָנערע יוגנט־אידעאַלן האָבן אויסגעוויטיקט און אויסגעלײַטערט זײַן טיף־פּאָעטיש וואָרט. דער טראַגישער צאָרן־וועג פֿון שולשטיינען, וואָלט אפֿשר געקלעקט פֿאַר אַ גאַנצער טשאַטע אַנדערע פּאָעטן, זיי זאָלן אַנטשוויגן ווערן פֿאַר שרעק פֿון דורכגעלעבטן קאָשמאַר. נישט אַזוי בײַ אונדז, נישט אַזוי בײַ שולשטיינען מיט זײַן עקשנותדיקן גאַנג פֿון זיך צו זיך, צום אייגענעם שטאַם, צו זײַן אייגענער מאַמע. יאָ צו דער אייגענער ייִדישער מאַמען האָט מען אויך געמוזט דורכמאַכן אַ בלוטיקן מהלך. ווי באַוווסט איז בײַם דיכטער דאָס מאַמע־געשטאַלט איינע פֿון די סאַמע שענסטע און הערלעכסטע געשטאַלטן, וועלכע באַגלייטן שולשטיינען דורך אַלע עטאַפּן פֿון זײַן פּאָעטישער יצירה. אָבער סאַראַ שרעקלעכער תּהום ס׳ליגט צווישן זײַנע יוגנטלעכע לידער וועגן דער מאַמען, וואָס שטייט גאָר געבויגן בײַם יום כּיפּורדיקן מחזור און הערט נישט אויף צו קלאָגן בײַ די אויסגעווייקטע בלעטער און וויל נישט פֿאַרשטיין אַפֿילו זײַנע רייד; דער מאַמען וועגן וועמען ער זאָגט: ״קוק איך ווען אויף דיר / און ס׳טוט מיר אַזוי באַנג / און אין האַרץ מײַנס פּיקט אַזוי און וואָרקעט: אוי פֿאַר וואָס ביסטו נישט קיין מאַמע אָט אַזאַ / ווי עס לייענט זיך דאָרט בײַ מאַקסים גאָרקי״ — ס׳איז פֿאָלג מיר אַ גאַנג פֿון אָט דער נאַיִווער קינדערישקייט, ביז צו דעם רײַפֿער, ממש רעמבראַנדטישער, מוטער־געשטאַלט, וואָס דער דיכטער האָט אויסגעוויטיקט אין זײַן פּרעכ־טיקן לידער־ציקל ״דער מאַמעס ניגון״ פֿון בוך ״דער מאָרגנשטערן אין מײַן פֿענצטער״, פֿון די לידער אין בוך ״דער אָרעם פֿון ליבשאַפֿט״: ״די מאַמע בײַ דער באַליע וועש״, ״די מאַמע באַקט ברויט״ און אַזוי אומעטום — פֿון זײַנע אַמאָליקע סטראָפֿן וועגן ״נײַעם קאַלענדאַר״ ווו ער וויצלט זיך, אמת אַ ביסל לירישער און נישט אַזוי שקאָציש, ווי בײַ איציק פֿעפֿערן, איבערן פּאָרטרעט פֿונעם חפֿץ חיים אויפֿן קאַלענדאַר — ביז צו אַזאַ שעדעווער ווי ״פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט אין תּל־אביב״ — אַ שטייגער־בילד פֿול מיט צעשמייכלטקייט, פֿלאַטערניש און, כ׳וואָלט אַפֿילו געזאָגט, מיט רע־ליגיעזן פּאַטאָס...

פֿון זײַנע אַמאָליקע לידער וואָס קלימפּערן מיט רעוואָלוציאָנער כּלי

זין, מיט שטריַיקן, פּראָקלאַמאַציעס און קלאַסנקאַמף, ווי למשל צו אַזאַ שטילער תּפילה:

באַהיט מיך גאָט, פֿון זיַין געגאַרט
און, מער נאָך מער פֿון דעם,
אַז איך זאָל אַנדערע גענאַרן.
באַהיט מיך גאָט
פֿון זיַין באַשטראָפֿט
און מער נאָך מער פֿאַר דעם,
אַז איך זאָל אַנדערע באַשטראָפֿן.
באַהיט מיך גאָט.
באַהיט מיך גאָט פֿון זיַין פֿאַרשפּאַרט
און מער נאָך מער פֿאַר דעם,
אַז איך זאָל אַנדערע פֿאַרשפּאַרן.
באַהיט מיך גאָט.
באַהיט מיך גאָט פֿון זיַין פֿאַרשעמט
און מער נאָך מער פֿאַר דעם,
אַז איך זאָל אַנדערע פֿאַרשעמען.
באַהיט מיך גאָט.

ס'איז שווער צו פֿאַרגעסן זיַינע לידער וואָס ליַיכטן זיך מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט צו מדינת ישׂראל און צום פֿאָלק ישׂראל, צו ירושלים, צו זיַין "האָפֿן פֿון האָפֿן" ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

משה שולשטיין איז געווען אַן אַלזיַיטיקער און פֿילדיַיטיקער דיכטער. וועגן דעם רעדן פֿאַר זיך אַליין זיַינע לידער, פּאָעמען, סאָנעטן, משלים, איבערדיכטונגען פֿון אַנדערע לשונות, זיַינע פֿיַין-געשניצטע ליטעראַרישע עסייען פֿון בוך "געשטאַלטן פֿאַר מיַינע אויגן". די ווייטיקלעכע נאָסטאַלגיע, מיט וועלכער ער מאָלט די פּאָרטרעטן-גאַלעריע פֿון טלאָמאַצקע 13 און באַזונדערס די יידישע שריַיבער-קרבנות פֿון סאָוועטישן רעזשים אין בוך "בלומען פֿון באַדויער", דאָרט זינגט ער:

אפֿשר גאָר באַדאַרף מען נישט קיין שבֿחים און קיין רייד,
ווען די קעפּ ווי אַש-באַשיטע זענען פֿינצטער כמאַריק,
ווי די זיידעס פֿלעגן זאָגן תּהילים שטילערהייט
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק,

לאָמיר זאָגן מיט כּוונה, הייליק איז די שעה,
ס'הערט זיך בלויז דאָס בלאַט-געמיש און ליפּ-געפּליסטער
ביַי דעם שמעלצנדיקן חלבֿ אינעם ליַיכטער-דנאָ
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל האָפּשטיין, אַ קאַפּיטל נסתּר...

ספֿר ביַי אַ ספֿר איז באַהעפֿט געדיכט
שאָטן ביַי אַ שאָטן וויקלען איַין דאָס צימער,
פֿון די בלעטער צו דער טונקלעניש גייט אויף אַ ליכט
פֿאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד זייער שימער.

פֿאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד אויך דער שימער פֿון שולשטיינס פּאָעטישער שיינקייט און שיַין, ווילט זיך מיר פֿאַרענדיקן מיַין קורצן צער-פּולן הספד.

1981

שהחיינו...

שוין אַוודאי אַ יאָר דרײַסיק צי מער, ווי אונדזער ליטעראַטור לעבט, — אַזוי צו זאָגן — פֿון איר ״קרן״. נישטאָ קיין פֿרישער צופֿלוס פֿון יונגע כּוחות. אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען אויף דעם געביט — די קולטור-געזעלשאַפֿטן און קולטור-צענטערס האָבן נאָך לײַדער קיין ״צענטן צום מנין״ נישט אויסגעבאָוועט. דער שטײַגנדיקער אינטערעס צו ייִדיש בײַ דער יוגנט פֿאַר די לעצטע יאָרן, די הונדערטער סטודענטן אויף די צענדליקער ייִדיש-קאַטעדרעס גיבן אונדז אפֿשר אַ פֿרישן צופֿלוס פֿון זאַכקענער און פֿאָרשער, אָבער קיין קרעאַטיקע ליטעראַטור-שעפֿער איז אונדז דערפֿון נישט צוגעקומען... ס׳פֿלעמלען צײַטנווײַז אויף גרעסערע האָפֿענונגען, ווען מיר ווענדן אונדזער אויסגעבענקטן בליק צו די אַקטיוויטעטן פֿונעם ״יוגנטרוף״ און צו באַזונדערע גרופּקעס יוגנטלעכע ייִדיש-ענטוזיאַסטן, צעשפּליטערטע אין פֿאַרשידענע וועלט-עקן. דאָך — פֿיל מאָל פֿאַלן אַרײַן, אַפֿילו די גרעסטע אָפּטימיסטן צווישן אונדז, אין יאוש און ס׳פֿאָדערט זיך גרויס מוט פֿאַרצוזעצן דאָס ווײַטערדיקע שאַפֿן — ס׳באַשווערט דאָס אומדערטרעגלעכע געפֿיל פֿון לעצטיקייט, דאָס געפֿיל, אַז קיינער, קיינער שפּאַנט נישט הינטער אונדז, אַז קיינער וועט נישט איבערלעבן אונדזערע ביינער...

די טראַגישע סיבות פֿון אָט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט זענען גענוג באַקאַנט און ס׳האָט נישט קיין זין אַצינד זיך אָפּשטעלן אויף זיי...

ווען מיר בלעטערן פֿאַרשידענע ״קינדער-צײַטונגען״, ״ענגע-בענגעס״, דעם ניו-יאָרקער ״יוגנטרוף״ און מאָנטרעאָלער ״דער נײַער דור״, ווען מיר לייענען די שאַפֿונגען פֿון די יונגע מחברים דאָרטן, באַקומען מיר צומאָל אַ מאָדנעם אײַנדרוק: מיר ווייסן דאָך, אַז קינדער, בעת זיי שפּילן זיך, נעמען אָן פֿאַר זייער ערנסט אַפֿילו די סאַמע פֿאַנטאַסטישע שפּיל זייערע. דאַקעגן בײַ די יוגנטלעכע מחברים אונדזערע, בעת מיר לייענען זייערע ווערק, מאַכט עס אַן אײַנדרוק, אַז זיי שפּילן זיך אין ערנסטקייט, כּדי אַרויסצורופֿן אַ נחתדיקן שמייכל בײַ די גליקלעכע עלטערן... גיב

גאָט, אַז די יוגנטלעכע „האָבי" פֿון שרייַבן ייִדישע ליטעראַטור זאָל זיך ענדלער פֿאַרוואַנדלען אין עכטער שעפֿערישקייט! ס'איז שוין געקומען די צייַט פֿון רייַפֿקייט, אויסהיטנדיק, פֿאַרשטייט זיך די קינדעריש־ריינע תּמימות.

אפֿשר? — דאָס קליינע בוך א"נ „די געהיימע שליחות" פֿון **לייבל באַטוויניק** גיט מיר אַ גרונט צו קלערן, אַז די צייַט פֿון רייַפֿקייט איז געקומען!

לייבל באַטוויניק איז אַ יונגער בחור (21 יאָר!), געבוירן אין קאַנאַדע (מאָנטרעאָל), לעצטנס — זיך באַקאַנט געמאַכט אַלס מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פֿון דעם זשורנאַל „דער יונגער דור", אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל דורך דער משפּחה באַטוויניק. לייבל איז אויך דער מחבר פֿון אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אין זעלבן זשורנאַל, ווו ער פּראָפּאַגאַנדירט ליידנשאַפֿטלעך און מיט גרויס ליבשאַפֿט די ייִדישע שפּראַך און קולטור.

אַט ליגט פֿאַר מיר אַצינד זייַן ערשטלינג־ספֿרל „די געהיימע שליחות" — אַ פֿאַנטאַסטישע דערציילונג; און... ס'איז נישט שייך איבערדערציילן די שפּאַנענדיקע סיפּור־המעשׂה — כ'בין זיכער, ס'וועט זיך נאָך געפֿינען נישט איין לייענער, אויך פֿון יונגן דור, וואָס וועט זייַן פֿאַראינטערעסירט נאָכפֿאָלגן די געשעענישן און האַנדלונגען אַזוי ווי סע שילדערט זיי דער מחבר אַליין. און זאָגן דאַרף מען, אַז אַט דאָס פֿיינע בחורל באַהערשט קודם כּל די קונסט פֿון אַנטוויקלען סטרוקטורעל און אינטריגירנדיק דעם סוזשעט, אַ קונסט וואָס נישט וויניק הייַנטצייַטיקע פּראָפֿעסיאָנאַלן האָבן, לייַדער, פֿאַרגעסן... נאָך אַ מעלה — לייבל באַטוויניק גלויבט אין דעם וואָס ער אַליין שילדערט און וואָס ער אַליין רעדט אין אונדז אַרייַן, דעריבער איז קיין חידוש נישט וואָס אויך אונדז צווינגט ער צו גלויבן אין די סאַמע פֿאַנטאַסטישע סיטואַציעס פֿון זייַן פֿאַנטאַסטישער דערציילונג און מיר נעמען אָן, מיר ווערן אויף ס'נייַ און ווידערגעבוירן־באַווירקט פֿון דער הויפּט־אידיי, וואָס צעמענטירט דעם אייביקן פֿאָלקס־קיום און איז פֿאָרמולירט און פֿאַראַלגעמיינערט צום סאַמע סוף פֿון אַט דעם מערק־ווערדיקן ספֿרל: „אָן אַ נעכטן איז נישטאָ קיין מאָרגן", „און אַז מע בויט ניט קיין נייַע זאַכן אויפֿן באָדן פֿון אַלטן, איז די צוקונפֿט הפֿקר"...

לייבלס פּראָזע איז אַ זאַכלעכע. מע קאָן אַפֿילו זאָגן — אַ ביסל צו זאַכלער, צו טרוקן און נישט נאָר דערפֿאַר, ווייַל ער איז אַ סטודענט פֿון קאָמפּיוטער־וויסנשאַפֿט, נאָר אויך, ווייַל ער פּרווט טעכניש באַגרינדן די „צייַט־מאַשין", וועלכע דער הויפּט־העלד האָט אויסגעבויט. אָבער צווישן

די טרוקענע שורות קלאַפּט דאָס יונגע האַרץ פֿון אַ הייסן ייִד. דער איינדרוק איז, אַז צווישן אָט די טרוקענע שורות בליצן אויף דאָ און דאָרט עלעקטרישע פֿונקען.

אַוודאי קאָן מען אָנווייזן אויך אויף חסרונות — ס'פֿעלט אויס פֿאָלקס-טימלעכקייט, אַ שמייכל, אַ חן-פּינטל, אַ ביסעלע שטייגער, באַזונדערס דאָרט ווו ס'ווערט געשילדערט דאָס פֿאַרמילחמהדיקע ווילנע. ס'קלינגט, למשל, ווי אַ וויץ, ווען דער מחבר באַשרייַבט ווי אַזוי אַ ווילנער בחורל נעמט זיך... וויצלען: "ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווייַלע, גיט אַ ווונק צו ישׂראלן און **קאָנטינואירט**..." (ז' 24). צי: "דאָן שייַנען זייַנע אויגן מיט אַזאַ **אינטעסיווקייט**, אַז..." (ז' 62). און ענלעכע פֿאַרדריסלעכקייטן טרעפֿט מען דאָ און דאָרט... אָבער חסרונות זענען, לייַדער, אומפֿאַרמיידלעך פֿאַר אַזאַ באמת פּיאָנערישער דערציילונג ווי "די געהיימע שליחות".

ס'ווילט זיך נאָך צוגעבן, אַז באָטוויניקס ביכל איז אַרויסגעגעבן זויבער און מיט געשמאַק. די קאַליריקע הילע איז פֿייַן געצייכנט פֿון מחבר גופֿא בשותפֿות מיט יהודית בראַכפֿעלד. און נאָך אַ לויב צום מחבר — ער אַליין האָט אויסגעזעצט צום דרוק דאָס ביכל זייַנס, ער אַליין, ווייַזט אויס, האָט אויסגערעכנט, אַז אונדזער לייענער נייטיקט זיך מער פֿון אַלץ דווקא אין אַזאַ שריפֿט: פֿעטע קאָרפּוס-אותיות. אונדזערע לייענער זענען אָדער באַיאָרטע לייַט, אָדער — יונגע אָנפֿאַנגער.

דער אַרויסגעבער איז לייבלס פֿאָטער — **דוד באָטוויניק.** אין זייַן פֿאָרוואָרט שרייַבט ער:

"אין דער וועלט גייען אַרויס יעדן יאָר, פֿאַרשיידענע ביכער: גוטע, ערשטקלאַסיקע, שוואַכערע אָדער שוואַכע. אויב ס'איז באַשערט, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל געהערן צו די שוואַכערע — וועט די וועלט, צוליב דעם ניט אונטערגיין"...

ס'ווילט זיך פֿאַרזיכערן דעם אַרויסגעבער: ניין, דאָס בוך געהער נישט צו די שוואַכערע ביכער. ס'אַ גוטע פּראָבע. ס'איז אַ גוטער אָנהייב! ס'וועט נאָכוואַקסן שפּעטער דער יונגוואַלד צו דעם ערשטן גראַטענעם יאָדליקל, וואָס האָט אַזוי שיין אַרויסגעשפּראָצט פֿאַר אונדזערע אויגן? — הלוואַי!

אָבער אַ שהחיינו דאַרף מען בפֿירוש מאַכן. און מיטן גאַנצן האַרצן, מיט גרויסן גלויבן!

וואָרע געשיכטעס

א. געלעבט האָט אַ ייִד אויף דער וועלט

מיטן ערשטן בליק — דאַכט זיך — אַ געוויינלעכער ייִד, אַ ייִד פֿון אַ פֿולער וואָך, שטענדיק איבערפֿולט מיט אָן אַ שיער זאָרגן און פֿאַרשידענע דאגות, שטענדיק געיאָגט און געטראָגן זיך — ממש געפֿלויגן...

— וווהין איז דאָס לויפֿעניש, ר׳ מרדכי? — האָב איך אַ מאָל געפֿרעגט.

— וווהין, פֿרעגסטו, יאָשוניע?... — האָט ער מיר אַ וואַרעם געטאָן מיט זײַן ליבלעכן שמייכל — צו וואָס אײַלט מען זיך אַ גאַנצע וואָך? כּדי מען זאָל, חלילה, נישט פֿאַרשפּעטיקן דעם שבת...

און באמת טאַקע איז דאָס שטענדיקע אײַלעניש זײַנס, די זאָרגן און די דאגות און אַלע זײַנע גרעסערע און קלענערע וואָכעדיקע מעשׂים — דאָס אַלץ איז בײַ אים תּמיד געווען ערבֿ שבתדיק.

אין רוסלאַנד, אין ישׂראל, אין אַמעריקע, אין פֿיל אַנדערע עקן וועלט — אומעטום וועט איר געפֿינען ייִדן, וואָס האָבן אויב נישט געקאַנט, האָבן זיי כאָטש געהערט זײַן גוטן שם, דעם שם טובֿ פֿון ר׳ **מרדכי שינקאַר ז״ל**.

איך האָב געהאַט די זכיה צו דערקענען אים אַ ביסל נעענטער און וויפֿל צײַט ס׳וועט מיר געגעבן ווערן, אַזוי פֿיל צײַט וועל איך נישט מיד ווערן צו דערציילן וועגן אָט דעם ניט געוויינלעכן און פּראָסט-פּשוטן באַרדיטשעווער ייִד.

וואָלט אים עמעצער בײַם לעבן געפּרוּווט אויפֿקלערן, אַז אייגנטלעך איז ער, ר׳ מרדכי, איינער פֿון די צדיקים פֿון אונדזער דור, וואָלט ער קודם שטאַרק רחמנות געקראָגן אויף יענעם, וואָס האָט אים געזאָגט אַזעלכע שטותערײַען און ער וואָלט מיט גרויס באַדויער נאָכגעשעפּטשעט, ווי זײַן שטייגער: — נעבעך, נעבעך... דער ייִד איז נעבעך נישט מיט אַלעמען...

— וואָס יאָ? —

ער האָט באַשײַמפּערלעך געשפּירט, ווי דעם אויבערשטנס השגחה שפּרייט זיך איבער אים דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט נישט געקענט באַנעמען — פֿאַר וואָס קומט עס אים?

פֿאַר די מצוות? פֿאַר די גמילות חסדים, פֿאַר אַ פּרק משניות, פֿאַר אַ קאַפּיטל תּהילים?

איז ערשטנס, האָט ער זיך קיין מאָל נישט געהאַלטן פֿאַר קיין גרויסן אויפֿטוער און אַוודאי נישט פֿאַר קיין גרויסן למדן, צווייטנס, טוט ער דאָך אַלץ ווידער טאַקע צוליבן אייגענעם פֿאַרגעניגן און דריטנס:

— הלוואי וואָלט מען געקענט שטענדיק דאַווענען ווען מע דאַרף, עפּעס פֿאַרמאָגן, צוליב טיילן גמילות חסדים, שטענדיק זיך האַלטן בײַם ייִדישן דין...

— אין הײַנטיקן רוסלאַנד — פֿלעגט ער זאָגן מיט אַ קרעכץ — ווי דו זאָלסט זיך נישט היטן פֿון טרפֿות, מוז מען נעבעך נישט ווילנדיק אויפֿעסן נישט ווייניקער פֿון אַ האַלבן "דבֿר אחר" דאָס יאָר...

אָבער גאָטס חסד איז טאַקע געווען אין לשער. באַרעכנט זיך נאָר, און די וועלכע זענען געקומען פֿון יענעם "גן עדן" וועלן גוט פֿאַרשטיין, וואָס דאָס באַטײַט — זינט ער געדענקט זיך — האָט ער, דער דאָזיקער ייִד, צוזאַמען מיט זײַן טרײַער ביילע-לעבן, צוזאַמען מיט קינדער און אייניקלעך, געהיט כּשרות, אין די שבתים און יום טובֿים — מאָגערער צי זאַטער — נאָר געפּראַוועט אַ שיינעם ייִדישן טיש. קיין אורח האָט אויך קיין מאָל נישט אויסגעפֿעלט...

צי האָט מען זיי גערודפֿט? — אַוודאי יאָ. אָבער נישט שרעקלעך. גאָט איז אַ פֿאָטער!...

אמת, טאַקע פֿאַר זײַן צו אָפֿנהערציקער פֿרומקייט, זענען אין איינער אַ נאַכט געקומען נאָך אים די פֿינצטערע חבֿרהלײַט פֿון דער ק.ג.ב. איבער-געקערט און איבערגענישטערט דאָס גאַנצע הויז און צוזאַמען מיט אים צוגענומען ווי ערגעץ אַ ספֿרל...

מען האָט אים געמאַטערט, נישט געגעבן קיין ברויט, קיין וואַסער, קיין שלאָף און פֿאָרט נישט געקענט דערווײַזן, אַז ער איז נישט געווען מער ווי אַ "פֿאַנאַטישער תּלמודיסט, אַ רעאַקציאָנערער פֿאַרשפּרייטער פֿונעם רעליגיעזן אָפּיום" צווישן די ייִדן פֿון לעמבערג. און ס'איז טאַקע אויך געווען אַ שטיקל נס וואָס ער האָט "אַרײַנגעכאַפּט" פֿאַר דעם נישט מער ווי אַ "צענערל" — צען יאָר רעזשימנע צוואַנגס-לאַגער...

אָ, וואָלטן זיי, די מחבלים פֿון ק.ג.ב. זיך דערגרונטעוועט, אַז ער איז נישט נאָר געווען אַ פֿרומער ייִד, נאָר אויך אַן אַקטיוו-טעטיקער ציוניסט! וואָלטן זיי געוווּסט, אַז אין זײַן הויז אין לעמבערג, האָבן זיך געקליבן אין

געהיים צענדליקער יידיש-סאָוועטישע משפּחות, בעיקר — פֿון די ליובאַ-וויטשער, וואָס האָבן שפּעטער דורכגעמאַכט זייער אומלעגאַלע עליה קיין ישׂראל. געפֿאָרן זענען זיי, פֿאַרשטייט זיך, פֿריִער קיין פּוילן מיט גאַנץ „כּשרע" רעפּאַטריִאַציע-פּאַפּירלעך...

וואָלטן זיי דאָס געוווּסט אין דער ק.ג.ב., וואָלט ער, ר׳ מרדכי נישט אָפּגעקומען מיט קיין „צענערל"!

און נאָך אַ נס האָט געטראָפֿן: אינעם שרעקלעכן רעזשים-לאַגער פֿון וואָרקוטאַ איז אים אויסגעקומען צו האָרעווען אויף שווערער אַרבעט נישט צו פֿיל צײַט. נאַטשאַלסטווע האָט זיך געניייטיקט אין אַ הויך-קוואַליפֿיצירטן בוכהאַלטער און מען האָט אים גלײַך אַרויסגערופֿן צום שעף.

ר׳ מרדכי האָט צוגעזאָגט דעם גרויזאַמען גזלן, דעם פּאָלקאָווניק בגאַנקאַ, אַז די בוכהאַלטעריע וועט אַרבעטן ווי אַ זייגער, נאָר וואָדען? מיט איין תּנאַי: אים, מרדכין, זאָל מען שבת פֿרײַלאָזן פֿון אַרבעט...

בײַם גזלן האָבן זיך די אויגאַנעס אָנגעגאָסן מיט רציחה, דער דיקער בויך האָט זיך געטרייסלט פֿון כּעס. ער האָט געשריגן, אַז ער וועט דעם פּאַרשיווע זשיד פֿאַרקאַטעווען צום טויט, אַרײַנוואַרפֿן אים אין פֿינצטערן קאַלטן קאַרצער און זאָל ער דאָרטן פּראָווען זײַנע זשידאָווסקע שאַבאַשן...

ר׳ מרדכי שינקאַר האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט אַלע דראָונגען, אַלע שמוציקע זידלערײַען און דערנאָך שטיל און הכנעהדיק געזאָגט:

כ׳בין אין אײַער מאַכט אדוני נאַטשאַלניק, אָבער ס׳איז נישט אין קיינעמס מאַכט מיך צווינגען מחלל שבת זײַן...

בקיצור — מען האָט זיך אויסגעדונגען, אַז ר׳ מרדכי גייט יאָ אַרויס יעדן שבת אין קאַנטאָר, דאָרט וועט ער זיצן, אָבער אַרבעטן וועט ער ניט...

נו, איז דאָס נישט געווען קיין חסד פֿון זײַן ליבן נאָמען? — — —

אין לאַגער האָט ר׳ מרדכי, כּדי אויסצומײַדן טרפֿות, זיך באַנוגנט מיט דער לעפּקע פּייקע ברויט און פֿאַרטרונקען מיט וואַסער. און פֿלעגט ער אַ מאָל באַקומען אַ פּעקל פֿון דער היים, פֿלעגט ער עס אויך תּיכּף פֿאַרטיילן צווישן די אויסגעמאַטערטע, שטענדיק הונגעריקע יידן-„ראַבאָטיאַגעס", דאָס הייסט, צווישן די, וואָס ווערן אויסגעריסן אויף די שווערסטע קאַ-טאָרגע-אַרבעטן: אין קוילנגרוב, בײַם קעסל-אויוון, שאַכטיאָרן, ערד-גרעבער, לאַסט-טרעגער.

בײַם באַקומען זײַן מאָגערן געהאַלט, פֿלעגט ער שוין פּאַקן ערגעץ

אין אַ ווינקל עמעצן פֿון די סאַמע באַליידיקטע, הונגעריקע און געיאָגטע:

— רב ייִד, טוט מיר אַ טובֿה, נעמט בײַ מיר אַ גמילות חסד...

— אַ דאַנק, ר׳ מרדכי — זאָגט יענער, זיך שטיקנדיק מיט דער אָנגעלאָפֿענער סליונע אין מויל — אַ דאַנק, כ׳קען זיך נאָך באַגייען...

ר׳ מרדכי כאַפּט פֿאַרן אַרבל פֿון יענעמס וואַטוווקע און בעט זיך שוין ממש מיט אַ טרער אין דער שטימע:

— נאַרישער ייִד וואָס איר זײַט! כ׳האָב דען אײַך אין זינען? זיך, זיך אַליין! אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַן עגאָיִסט — לאָזט מיך פֿאַרדינען אַ מצוה!

בײַ אַן אַנדערן, אַ יונגן יאַדישליוון בחור, בעט ער זיך:

— איר דאַרפֿט וואַרפֿן רויכערן. פֿאַר אײַערע קראַנקע לונגען איז דאָס רויכערן — סם המות. ווייסט איר וואָס? הייבט אָן פֿון נישט רויכערן אום שבת, וועט איר שוין זען ווי גרינג דאָס איז...

ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען כ׳האָב זיך אַזוי שווער פֿאַרהאַרעוועט אין דער קוילן-שאַכטע, אַז ס׳האָט שוין, דאַכט זיך, קיין כּוח נישט געקלעקט נישט צום עסן און נישט צום שלאָפֿן. האָט ער מיך אַ מאָל געטראָפֿן, ר׳ מרדכי, און מיט גרויס רחמנות אין די טרויעריקע אויגן זײַנע, געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— כ׳וויל אײַך, יאַשוניע, כ׳וויל זייער אײַך אויסלערנען צו זאָגן פֿאַרן שלאָף קריאת שמע; אָבער ביז וואָס — פֿאַרגעדענקט און פֿאַרגעסט נישט איבערצוחזרן אויך יעדן אין דער פֿרי בײַם אויפֿשטיין צו דער אַרבעט:

שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד — — —

— — — — — — — — — — — —

כ׳וואָלט געקענט נאָך אַ סך, אַ סך דערציילן וועגן ר׳ מרדכי שינקאַר ז״ל, אָבער כּל זמן, ווי ער פֿלעגט זאָגן, סע ברענט נאָך דאָס ליכטל מוז מען זיך פֿאַרקײַלעכיקן.

בקיצור און מיט דער הילף פֿון דעם וואָס לעבט אייביק — ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון וואָרקוטער צוואַנגס-לאַגער און שפּעטער פֿון ״סאָציאַליסטישן לאַגער״ בכלל...

ער איז עולה געווען, מיט דער גאַנצער משפּחה און טאַקע איינער פֿון די ערשטע, קיין ישראל. זיך באַזעצט אין בני ברק, געגרינדעט אַ גמילות חסדים-קאַסע ״קדושת לוי״ — אויפֿן נאָמען פֿון זײַן באַליבטן רב לוי יצחק דעם באַרדיטשעווער זצ״ל. אַ קאַסע, וואָס האָט געהאָלפֿן אײַנגלידערן זיך

הונדערטער און הונדערטער נײַע עולים פֿון רוסלאַנד און פֿון אַנדערע לענדער... און פונקט ווי דאָרט, אין לאַגער פֿלעגט ער אויך דאָ צוזאַמענ-שטעלן ייִדישע קאַלענדאַרן און בענטשערלעך, איצטער שוין שיין געדרוקטע, נישט פֿון דער האַנט געשריבענע ווי אַ מאָל און נישט אויסבאַהאַלטן מער פֿון אַ בייז אויג...

——————————

יענער שבת צו נאַכטס, ווי ס׳דערציילן זײַנע קינדער, האָט זיך געלויכטן מיט אַ באַזונדער מין שײַן. דער טאַטע און זיידע מאַטיע, וועלכער האָט זיך נישט לאַנג אומגעקערט פֿון שפּיטאָל נאָך אַ שווערער קרענק, איז געזעסן אויבן-אָן און מיט אַ באַזונדער האַרציקייט געזונגען דעם "ידיד נפֿש", געזאָגט קאַפּיטלעך תּהילים און אַלעמען אַרום איז געווען אַזוי גוט, אַזוי פֿריידיק אויפֿגעלייגט אויפֿן האַרצן באַטש דער שבת גייט אַוועק... און אָט נעמט ער שוין ר׳ מרדכי דעם שיינעם הבֿדלה-כּוס אין דער האַנט און דאָ טאַקע האָט ער שטיל און אומגעריכט אויסגעהויכט זײַן ריינע נשמה...

פֿאַרבליבן אויף שטענדיק שוין אין תּחום פֿון שבת קודש...

ב. דאָס מעשהלע וועגן די דרײַ מאַראַנצן

צוויי מאָל אין יאָר איז דערלויבט געווען צו באַקומען פּעקלעך פֿון דער היים. אָבער ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: צוויי מאָל. נישט זעלטן פֿלעגט אַ פּעקל גאָר פֿאַרפֿאַלן ווערן אין ווײַטן וועג, און שרײַ חיי וקיים. איך אָבער בין פֿון אַזעלכע קלאַפּאַטן פֿרײַ געווען — צו מיר האָט מען קיין פּעקלעך בכלל נישט דערלאָזט. איצט ווייס איך, אַז מע פֿלעגט מיר דווקא יאָ שיקן, נאָר מיט וואָס כ׳בין דאַן זינדיקער געווען פֿון אַנדערע, אַפֿילו פֿון באַנדעראָס חבֿרה, אָדער פֿון היטלערישע פּאָליצײַען — דאָס ווייסט, ווײַזט אויס, פֿריִער גאָט, דער נאָך — נאַטשאַלסטווע...

מײַן פֿרײַנד דוד איז געווען פֿון די גליקלעכע: הײַנט האָט מען אַרויס-געהאַנגען צעטלעך פֿון די, וואָס דאַרפֿן באַקומען פּעקלעך. אין די צעטלעך איז אויך פֿאַרצייכנט געווען דוד׳ס נאָמען.

דוד איז געווען אַ שטילער בחור, אַ וויייניק-באַריידעוודיקער, אָבער

אים פֿלעגט זיך איינגעבן געניט און מיט פֿלינקשאַפֿט אויסמײַדן די שאַרפֿע שפּיצן פֿון דער צאַנראַד, וואָס רופֿט זיך „שטרענגער לאַגער-רעזשים". באַקומען האָט ער זײַן „קינדערישן טערמין" פֿון צען יאָר צוואַנגס-לאַגער דער פֿאַר, ווײַל עמעצער האָט זיך דערמאָנט דאָס, וואָס ער אַליין האָט שוין כּמעט ווי פֿאַרגעסן: אין די ווײַטע קינדער-יאָרן, בײַ זיך אין אַ בעסאַראַבער שטעטל, האָט ער אַ פּאָר חדשים פֿרײַלעך פֿאַרבראַכט אין אַ קינדער-קאָלאָניע מיטן שיינעם נאָמען „גורדוניה"... און דאָס איז געווען גענוג צו באַקומען אַ „קינדערישן" טערמין.

אָבער, דוד האָט, כּלומרשט, זיך ניט געמאַכט קיין גרויסן צימעס דערפֿון. קודם האָט ער געפֿונען לײַט-זעליקייט אין די אויגן בײַ איינעם אַ לאַנדסמאַן אַ געזונטן, מאָלדאַווישן ציגײַנער, — איינעם אַ סאַשקאַ, פֿאַר וועמען ס'האָט געציטערט אימת-מות, אַפֿילו די „סמעטענע" פֿון אונדזער אונטערוועלט. פֿאַר וואָס די חשובֿסטע גנבֿים און בלאַטע יונגען האָבן געהאַט אַזוי פֿיל דרך ארץ צו אָט דעם ציגײַנער איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ סוד, אויך פֿאַר דודן, נאָר דוד פֿלעגט געניסן פֿון סאַשקאָס זיכערער שוץ און שטיצע.

צווייטנס, האָט ער גלײַך פֿון די ערשטע טעג באַוויזן זיך אײַנאָרדענען אַזש אַלס אַ פֿאַרטרעטער פֿון הויפּט-בוכהאַלטער, כאָטש פֿריִער, אויף דער פֿרײַ, האָט ער געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע פֿאַרשטעלונג וועגן חשבון-פֿירעכץ בכלל. נאָר ער האָט גאָר גיך געכאַפּט דעם שניט און דערוואָרבן זיך אַ גוטן שם פֿון אַ זייער נייטיקן פֿאַכמאַן.

ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, דוד.

אין די פֿאַרנאַכטן פֿלעגט ער זיך אַרײַנגנבֿענען אין די סאַמע געמיינסטע באַראַקן, וווּ מען האָט זיך געשטיקט פֿון ענגשאַפֿט פֿון שווייס-געשטאַנק און מאַכאָרקע-רויך, וווּ מען האָט געקאָנט פֿאַרטויבט ווערן פֿון טומל, געשרײַ און קריגערײַען צווישן די הונדערטער צונויפֿגעדריקטע פֿאַרבי-טערטע נפֿשות. דאָרט פֿלעגט ער אויפֿזוכן זײַנע „קליענטן", זײַנע ייִדן — ייִנגערע און עלטערע — „ראַבאָטיאַגעס", וואָס ווערן אויסגעריסן אויף „אַלגעמיינער אַרבעט", די סאַמע באַאוולטע, דערשלאָגענע פֿון קנעכטישער האַרעוואַניע, טאָג-טעגלעכע באַליידיקונגען און אָפֿט אויך פֿון רוצחישע קלעפּ, שטענדיק הונגעריקע דיסטראָפֿיקעס, וועלכע מע פֿלעגט רופֿן אויף לאַגער-לשון „פֿיטילי", דאָס הייסט: קנייטלעך, קנייטלעך פֿון טריפֿנדיקע ליכט...

דוד פֿלעגט זיי אויפֿזוכן און אַרויסהעלפֿן — ווען מען מיט אַ האַלבער ברויט-נאָרמע, ווען מען — מיט אַן אַרויסבאַקומענעם איבעריקן זופּ-טאַלאָן, מיט אַן עצה, מיט אַ טרייסטוואָרט. און ווען דוד פֿלעגט באַקומען אַ פּעקל, אַ "פּאָסילקע", איז דאָס אויך פֿאַר אַט די מענטשן געווען אַ גרויסער יום טובֿ...

לויטן לוח — אויף וועלכן מע האָט זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן, ווײַל אים האָט אייגנהאַנטיק צונויפֿגעשטעלט אונדזער "תּהילים-ייִד" פֿון בערדיטשעוו, רב מאָטיע שינקאַר — איז שוין געווען האַרט ערבֿ שבֿועות; אָבער וואָרקוטאַ האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק: אָדער עס זענען נאָך אַלץ געשטאַנען מסובֿענע פֿרעסט, אָדער ס'האָט נאָך געדרייט אַ משוגענע זאַווע-רוכע-"פּורגאַ", לאָזנדיק נאָך זיך ריזיקע שניי-בערג.

און אַט, נאָך אַזאַ זאַווערוכע איז פּלוצים געוואָרן שאַ-שטיל מיט אַ פֿרעסטל — צום דערלײַדן. צווישן די שניי-בערג האָבן די "זועקאַ" (קאַ-צעטלער) אַדורכגעלייגט אַ שטעג אויך צום פּאָסט-באַראַקל, וווּ מע פֿלעגט פֿאַנאַנדערטיילן די באַקומענע פּעקלעך.

געקומען איז דוד אין דער באַגלײַטונג פֿון ציגײַנער סאַשקאַ. דער קורצ-וווקסיקער דוד אין זײַן וואַטאָווע בושלאַט מיט די לאַנגע אַרבל (זייער באַקוועם וואַרעמען די הענט, אַרײַנשטעקנדיק איין אַרבל אין צווייטן), דער הויכער סאַשקאַ — אין זײַן פֿאַרטאָווע * פּופּײַקעלע, די הויזן אונטער די קני, ממזריש פֿאַרבויגן איבער די גלאַנציקע האַרמאָשקע-שטיוועלעך — אַ סימן פֿון פּריווילעגירטער לאַגער-עלעגאַנץ. ווען סאַשקאַ באַגלייט, איז דוד געווען זיכער, וועט קיינער נישט וואַגן אַוועקנעמען בײַ אים דאָס פּעקל.

דער פּאָסט-אַרבעטער, אַליין אַ גוטער גנבֿ, האָט אויפֿגעטרענט די לײַוונט און געניט אויפֿגעריסן דאָס דעקל פֿון פֿאַניר-קעסטל. בײַם לייטע-נאַנט בעליאַיעוו, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן די בולבעוואַטע נאָז-לעכער: אין קעסטל זענען אויבן-אויף געלעגן גע-רויכערטע פֿעטע יעגער-ווורשטלעך — אַן אמתער דעליקאַטעס נישט נאָר פֿאַרן ווײַטן וואָרקוטאַ, נאָר אויך אַפֿילו פֿאַר דער קרוינשטאָט מאָסקווע. יעדער ווורשטל באַזונדער האָט בעליאַיעוו געמוזט דורכשטעכן צו עטלעכע מאָל מיט אַ מין גאָפּל, כּדי זיך איבערצײַגן, אַז קיין שום קראַמאָלע איז

* פֿאַרטאָווע — וואָיל-יונגעריש (גניבֿהשער סלענג).

דאָרט, חלילה, נישט פֿאַרבאָרגן. ווײַטער האָט ער זיך גענומען צו די באַזונדערע פֿאַרפֿאַקטע מאַכאָרקע-פּעקלעך, צו די נײַע וואַלענע שקאַר-פּעטן און הענטשקעס און גאָר פֿון אונטן, ווייך אַרומגעגעבעט מיט וואַטע — — —

— טשטאָ טאַקאָיע?! (וואָס איז עס אַזוינס?) — האָט דער לייטענאַנט געפֿרעגט מיט גרויס גרימצאָרן...

דאָרט זענען געלעגן, ווי נישט זיי וואָלט מען געמיינט, דרײַ גרויסע שיינע מאַראַנצן. שײַנענדיקע, אָראַנזש-ליכטיקע, האָבן זיי, דאַכט זיך, שמייכלענדיק אַרויסגעשטראַלט פֿון זיך די גאַרע זוניקייט פֿון זייער ווײַטן היימלאַנד. אויף יעדער מאַראַנץ — אַ שטעמפּל: "יפו", און דאָס פֿאַר-דעמפּטע פּאָסט-באַראַקל איז פֿאַרפֿולט געוואָרן מיט שטאַרקע, אין גאַנצן נישט היגע מאַראַנצן-ריחות (פֿון אַזעלכע ריחות בין איך מיט יאָרן שפּעטער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרשיכּורטער אין כּפר-סבא, ווען אַרום האָבן געבליט די פּרדסים)...

— טשטאָ טאַקאָיע?! — האָט לייטענאַנט בעליאַיעוו זיך נישט אויפֿ-געהערט בייזערן.

— דאָס זענען אַפּעלסינעס, בירגער נאַטשאַלניק. אַ זשידאָווסקע פֿרוכט אַזאַ פֿון פּאַלעסטינאַ. אין מאָסקווע פֿאַרקויפֿט מען אָט די שטוקאָווינעס צו אַ רובל פֿערציק אַ קילאָגראַם. כ'האָב אַליין געזען...

בעליאַיעוו האָט מיט אומצוטרוי אַ בליקל געטאָן אויף סאַשקאַ:

— פּאַכניעט פּריאַטנאָ, טשאָרט! (סע שמעקט, הייסט עס, אַנגענעם, דער טײַוול זאָל עס נעמען!) — זשידאָווסקע פּירות דאַרפֿן שמעקן מיט קנאָבל! — האָט דער לייטענאַנט אַלצוויסנדיק צוגעגעבן.

— טאַ-אַקס... — האָט ער פֿאַרצויגן, קנייטשנדיק דעם שטערן — דעם פּראָדוקט וועלן מיר קאָנפֿיסקירן, ווײַל אַזוינס איז ניט פֿאַראַן אין די אינסטרוקציעס — פֿאַרשטענדלעך?!

דוד איז געוואָרן בלאַס, ער האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין סאַשקאַ און, קוים צו הערן, אַרײַנגעשעפּטשעט אין אים:

— העלף, סאַשקאַ. טו אַלץ, אַבי די מאַראַנצן זאָל מען אָפּגעבן...

— בירגער נאַטשאַלניק — האָט סאַשקאַ גוטברודעריש-פֿאַרטרוילעך אַ ווונק געטאָן בעליאַיעוון, ער זאָל מיט אים אַרויס אין שכנישן חדרל...

שפּעטער זענען זיי ביידע אַרויסגעקומען. בעליאַיעוו איז האַסטיק צו

צו דעם פֿאַסט-אַרבעטער בײַם אָפֿענעם קעסטל, אַרויסגענומען די מאַראַנצן מיט אַ פּאָר מאַכאָרקע-פּעקלעך און אַ וואָרף געטאָן דודן:

— צעשרײַב זיך, אַז דו האָסט אַלץ באַקומען, און קריך פֿון דאַנען, פּאַדלע זשידאָווסקע. — אַפּעלסינעס האָט זיך אים פֿאַרוואָלט! מאַ—אַר—ש!

דוד איז אַ גליקלעכער אַרויסגעשפּרונגען מיטן קליינעם פּעקעלע אין די הענט.

— ס׳טוען דיר גאָרנישט באַנק די יעגער-וווּרשטלעך, דוד? — האָט סאַשקאַ לײַכט אַרויפֿגעלייגט אויף זײַנע אַקסלען די שווערע האַנט.

— ניין, זאָל ער זיך וואַרגן מיט זיי! — האָט יענער זיפֿצנדיק אַראָפּ-געשלונגען די אָנגעלאָפֿענע פֿליסיקייט פֿון אונטערן גומען — כ׳בין דאָך אַ ייִד, סאַשקאַ!... דעם ערשטן מאַראַנץ וועלן מיר טאַקע באַלד מיט דיר צורעכט מאַכן...

— דעם צווייטן?

— דעם צווייטן — פּאָר מײַנע ייִדישע פֿרײַנד, די "ראַבאָטיאַגעס" — פֿון אַכטן באַראַק — זאָלן זיי אויך וויסן דעם טעם פֿון ארץ ישׂראל... און דעם דריטן וועל איך שענקען אונדזער ר׳ מאָטיען... ס׳פֿאַלט פּונקט אויס בײַ אונדז אַ יום-טובֿ, ווען מע מאַכט אַ ברכה איבער די ערשטע פּירות.

— ניין, דוד! — האָט באַפֿוילן סאַשקאַ — דעם דריטן מאַראַנץ וועסטו איבערגעבן מיר! כ׳וועל עס אַליין שענקען מאָטיען, זאָל ער מאַכן די ברכה אויך פֿאַר מײַן שוואַרצער נשמה!

דוד איז געבליבן שטאַרק פֿאַרחידושט.

— וואָס שטאַרצלסטו אויף מיר די זענקעס דײַנע — האָט סאַשקאַ זיך צעבייזערט, דערנאָך — אַרײַנגערוימט:

— מיינסט אָוודאי, אַז איך בין עפּעס אַ גוי?...

ס׳איז געוואָרן שפּעט. ס׳האָט זיך צעקלונגען דער רעלס, אַ סיגנאַל צום אָוונט-אַפּעל. ערגעץ האָבן זיך צעבילט די וואַך-הינט.

אויפֿן שטעג צווישן די שניי-בערג האָט שטאַרק פֿאַרשמעקט מיט מאַראַנצן-ריח. אפֿשר נאָך שטאַרקער ווי מיט יאָרן שפּעטער אין כּפֿר-סבא, ווען ס׳האָבן געבליט די פּרדסים.

ג. צווישן חלום און וואָר

אַ וואָכן צוויי נאָך סטאַלינס טויט.

וואָרקוטאַ. מאַרץ 1953. אַזייגער פֿינף גאַנצפֿרי האָט מען אונדזער בריגאַדע קוילנגרעבער אַרויסגעטריבן צו דער לאַגער־וואַכטע. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ טונקל. דער קויטיקער שניי האָט געקרעכצט אונטער די פֿיל מאָל געלאַטעטע שיך. ערשט אויפֿגעריסענע פֿון שווערן שלאָף, האָבן מיר זיך ממש געקאַרטשעט פֿון קעלט. דערצו נאָך האָט אַ פֿוילבלער ווינטל פֿאַרקליבן זיך דורך די צעפֿליקטע וואַטאָווע בגדים און אײַנגעגעסן זיך אין די ביינער.

דער בריגאַדיר האָט פּאַמעלעך גענומען אויסרופֿן און אויסציילן אונדז פֿאַרן אַרויספֿירן אין דער אַרבעטס־זאָנע, דער ״נאַריאַדטשיק״ האָט פֿאַרצייכנט אויף זײַן ברעטל אַלע די, וועמען דער דאָקטער האָט אויף הײַנט באַפֿרײַט פֿון דער אַרבעט און אַ לאַגער־אויפֿזעער, אָדער ווי מיר פֿלעגן אים רופֿן — אַ ״ווערטוכאַי״, האָט, ווי געוויינלעך, מיט אַ פּאָר רוצחישע אויגן, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר זײַן אַמט, פֿול מיט פֿאַרדאַכט נאָכגעשפּירט אַט די טויזנט מאָל צוגעגעסענע פּראָצעדור.

ווען מען האָט אויסגערופֿן מײַן נאָמען, האָב איך שטיל און דײַטלעך (די דײַטלעכקייט האָט, מיר דאַכט, פֿאַרטויבט די אייגענע אויערן מײַנע) אַרויסגעזאָגט איין וואָרט: ״אָטקאַז״! דאָס האָט באַדײַט, אַז איך זאָג מיך אָפּ אַרויסצוגיין אין דער אַרבעטס־זאָנע, כּדי אַראָפּלאָזן זיך אין דער שאַכטע. אַלע אַרומיקע האָבן אויפֿגעריסן אויף מיר די אויגן, ווער — מיט חידוש, ווער — מיט חוזק און ווער — מיט פֿאַרבאָרגענער שרעק און באַדויערונג. בלויז דער מונדירטער ״ווערטוכאַי״ האָט זיך ווי דערפֿרײַט, וואָס דער קרבן קריכט אַליין אין זײַן צעשמוכטן פּיסק. — ״האַ־האַ״ — האָט ער כּמעט מיט תּענוג אַרויסגעזיפֿצט:

— ״אָפּפֿירן דעם דאָזיקן אין בור!״

די בוכשטעבלעכע איבערזעצונג פֿון ״בור״ איז ״באַראַק פֿון פֿאַר־שטאַרקטן רעזשים״ און דאָס איז אייגנטלעך אַ לאַגער־טורמע.

אין פֿאָדערצימער פֿון ״בור״ האָט מען מיר תּיכּף אָנגעטאָן די באַרימטע האַנט־קייטעלעך, וועלכע האָבן אַ טבֿע מיט יעדער מינדסטער באַוועגונג אַלץ מער און מער אַרײַנשנײַדן זיך אין פֿלייש, אַזוי אַז די הענט ווערן

מיט דער צײַט ווי פֿאַרשלאָפֿן, כּמעט פּאַראַליזירט. מע האָט מיר אויך באַפֿוילן זיך אָוועקשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

אַ גאַנצע כאַפּטע "ווערטוכאַיען" האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט הינטער מײַנע פּלייצעס.

די ערשטע פֿראַגע: פֿון וועלכער נאַציע ביסטו?

— אַ ייִד — האָב איך שטיל געענטפֿערט.

—אַזוי גאָר? אַ זשיד הייסט עס. — האָט איינער זיך דערפֿרייט מיט אַ הייזעריקלעך געלעכטערל... — און אַזאַ העלד ביסטו?...

ניין, קיין העלד בין איך נישט געווען, כאָטש כ'האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אָפּזאָגן זיך פֿון דער אַרבעט איז דאָ באַטראַכט געוואָרן אַלס שווערסטער פֿאַרברעכן. ס'האָט זיך געקענט ענדיקן מיט אַ פֿיינלעך-לאַנגזאַמען מאָרד, אָדער — אין בעסטן פֿאַל — וועט מען אָוועקשיקן מיך מיט אַ שווערן עטאַפּ שוין אַ פֿולשטענדיק צעקאַליעטשעטן אינוואַליד.

קיין אַנדער אויסוועג האָב איך אָבער נישט געהאַט. איך האָב שוין אָפּגעריכט העכער צוויי יאָר באמת קנעכטישע אַרבעט צו 12 שעה אַ טאָג, אויסהאַקנדיק גאַנצע בערג שטיינקוילן, "שוואַרץ גאָלד צוליב דעם סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד"... צוריק מיט אַ דרײַ וואָכן האָט מען מיך אַרויסגעטראָגן פֿון שאַכטע-קבֿר אַ פֿאַרחלשטן. אין גאַנצן אַן אויסגעפּרעסטן פֿון שווערער מי און פֿון הונגער-דיסטראָפֿיע. מע האָט מיר געגעבן אַ ביסל זיך אויסליגן און הייל-סטאַציאָנאַר און קומען עטוואָס צו זיך; נאָך דעם האָט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע באַשטימט באַפֿרײַען מיך פֿון שאַכטע-אַרבעט, ס'האָט אָבער וויניק-וואָס געהאָלפֿן. מײַן גורל איז פֿון פֿאָרויס באַשטימט געוואָרן דורך מײַנע ק.ג.ב.-פֿאַרשערס אין מאָסקווע. "אויסנוצן אויף די שווערסטע אַרבעטן" — אַזוי איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין מײַן פּערזענלעכן פֿאָרמוליאַר. האָט מען מיך טאַקע איצט ווידער אײַנגעשלאָסן אין אַ קוילנגרעבער-בריגאַדע. אָבער אַראָפּלאָזן זיך אויף ס'נײַ אין דער פֿאַרהאַסטער שאַכטע, כּדי דאָרטן במילא אומקומען. האָט דאָן פֿאַר מיר אויסגעזען פֿיל ערגער פֿון אַלע עקזעקוציעס אויף דער וועלט...

אין פֿאָדערהויז פֿון "בור" בין איך גוטע צוויי שעה אָפּגעשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיט פֿאַרקייטלטע הענט, ביז ס'איז ענדלעך געקומען אַ לאַגער-אָפֿיציר, וואָס האָט אַן לאַנגע צערעמאָניעס גלײַך צונויפֿגעשטעלט אַן אויספֿאָרשונגס-פּראָטאָקאָל. דער נאָך האָט מען מיך

אויסגעטאָן ביזן העמד און אַרײַנגעשלײַדערט אין אַ פּראַקטיקן אײנצל-קאַמער-גרוב...

צו מײַן גרויס וווּנדער האָט מען זיך דער ווײל באַגנוגנט בלויז מיט דעם.

אויב אַזוי, האָב איך באַשטימט אַ ביסל דרײַסטער צו זײַן — כ'האָב געמאָלדן — ביז ס'וועט נישט אויסהערן מײַנע טענות דער לאַגער-שעף פּאָלקאָווניק בגאַנקאַ, דערקלער איך אַ הונגער-שטרײַק.

— הונגער, הונגער, וועסטו גיכער פּגרן! — האָט אַ לאַך געטאָן דער "ווערטוכאַי", צוריקנעמענדיק די טאָג-נאָרמע פאַר אַן אַרעסטאַנט — דאָס שטיקל שוואַרץ זויער און לעפּקע ברויט פון 250 גראַם און אַ קוואַרט לעבלער וואַסער.

אַוודאי האָט מיך געפּייניקט דער אומדערטרעגלעכער הונגער און אפשר נאָך מער — די קעלט. אָבער שווערער פון אַלץ איז געווען זיך אָפּזאָגן פון ביסל לעבלעכן וואַסער. ס'האָט זיך געדוכט: בלויז צוטראָגן די דאַזיקע מוטנע פליסיקייט צו די ליפּן, און ס'וועט געלאָשן ווערן נישט נאָר דער דאָרשט, נאָר ס'וועלן אויך פאַרשווינדן דער הונגער און די קעלט.

"אין קײן שום אָרט פליט נישט אַזוי די צײַט ווי אין תּפיסה — זאָגט ערגעץ איוואַן טורגעניעוו און גיט דערבײַ צו — אין רוסלאַנד אויך"...

די ערשטע טעג האָבן זיך געצויגן אַזוי, גלײַך די צײַט וואָלט פאַר-גליווערט געבליבן... דערנאָך האָט אַלץ אָנגעהויבן פליִען אין אַ משונה-דיקן גאַלאָפּ. נישט נאָר די קעלט איז מילדער געוואָרן, ווײַל עמעצער פון מײַנע דרויסנדיקע פרײַנד האָט אונטערגעקויפט דעם טורמע-אויפזעער מע זאָל מיר אַרײַנוואַרפן מײַן וואַטאָווע בושלאַט. כ'האָב שוין אויך אויפ-געהערט שפירן הונגער און דאָרשט. כ'בין געלעגן גאַנצע מעת-לעתן האַלב אין דרימל און צווישן איין האַלוצינאַציע און דער צווייטער, זענען די געדאַנקען געפלאָסן ווי קיין מאָל פריער פריש און לויטער, מיר דוכט, כ'האָב דאַן אַפילו פאַרשריבן אַ פּאָר נײַע לידער אין זכּרון.

פאַרגעדענקט האָט זיך אײנער אַ חלום אויף דער וואָר: איך געפין מיך אין דער גוט-באַקאַנטער פאָרזאַל פון מאָסקווער יידישן טעאַטער. כ'שטיי אָנעשפּאַרט אויף די דעמבענע פאַרענטשעס פון גאַרדעראָב. ס'דרייט זיך אַרום אַ פאַרזאָרגטער עולם, אָבער סע שפירט זיך פאָרט עפּעס אַ מין אויפגעלייגטקייט און עפּעס אַ גרויסע דערוואַרטונג. פלוצים גיבן זיך אַלע אַ קער צו די ברייטע מירמלנע טרעפּ, וועלכע פירן פון פאָיע אַראָפּ צו,

אַהער. און אַט באַוויַיזט זיך אויף די טרעפּ נישט קיין אַנדערער ווי שלמה מיכאַעלס, אַנגעטאָן, ווי שטענדיק, בעת אַ גרויסן יום-טובֿ, אין זיַין ענגלישן סמאָקינג, אַרומגערינגלט מיט פֿריַינד און קאָלעגן, שפּאַנט ער צו אונדז מיט פֿיַערלעך-גראַציעזע טריט. דאָס ליבע היימישע פּנים מיט די קלוגע קנייטשעלעך אַרום די שטראַלנדיקע אויגן, די באַרימטע אַרויסשטאַרצנדיקע אונטערשטע ליפּ, — אַפֿילו די פֿליִענדיקע קריַזלעך האָר אַרום דעם שיַינענדיקן סאָקראַטעס-קאָפּ, אַלץ איז פֿול מיט לעבן, מיט אימפּעט און מיט איַינגעהאַלטענער פֿרייד. ענדלעך קומט ער אַראָפּ און צו יעדן באַזונדער גייט ער צו מיט אַ ברייטן שלום-עליכם, דריקט אַ האַנט, נאָך אַביסל און אויך מיַין האַנט דערשפּירט שוין די וואַרעמקייט פֿון זיַין דלאָניע, פֿון זיַינע פֿעסטע דיקלעכע פֿינגער:

— מזל טובֿ! מזל טובֿ, חבֿרים!

ס׳ווערט מיר אויסערגעוויינלעך גוט. גוט און וווּל, ווי אפֿשר קיין מאָל אין לעבן מער... און פּלוצים שניַידט זיך מיר איַין אין דער זעלבער האַנט אַ מוראדיקער ווייטיק און ווי דורך אַ נעפּל האָב איך דערזען איבער זיך דעם דאָקטער באַרוליס, פּונקט אַזאַ אַרעסטאַנט ווי איך. ער האָט מיט מיטליַיד באַטראַכט, מיַינע פֿון די קייטעלעך פֿאַרשטאַרבענע הענט.

כ׳בין שוין ווידער געלעגן אין הייל-סטאַציאָנאַר. די ערשטע זאַך וואָס דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט: מען האָט איַיך נעכטן געבראַכט אַהער נאָך נײַן מעת-לעתן הונגער, און צי ווייסט איר אַז גראָד נעכטן, האָט מען אָפֿיציִעל, דורך דער ראַדיאָ, געמאָלדן, אַז ס׳זענען רעהאַביליטירט די ייִדישע דאָקטוירים? —

— "ס׳איז בטל געוואָרן די גזירה!" — האָט דער צעשמייכלטער ליטווינער געפּרווּט ברעכן זיַין צונג אויף ייִדיש און קוים באַרירנדיק די האַנט מיַינע, האָט ער שטיל און דורכדרינגלעך באַגריסט מיך:

— מזל טובֿ!

ד. אַזוי פֿיל הימל...

אַ גרויסער ייִדישער דיכטער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אַ פֿאָלק פֿאַרמאָגט געננוי אַזוי פֿיל הימל איבערן קאָפּ, וויפֿל ס׳פֿאַרמאָגט ערד אונטער די פֿיס...

האָט ער געזאָגט.

האָט מען הונדערטער מאָל איבערגעחזרט, געטייטשט, אַרײַנגעטײַטשט און געקוויקט זיך מיט דעם דאָזיקן שיינעם זאָג.

אָבער וויל מען זיך אַרײַנטראַכטן, איז דאָס גאָר נישט אַזוי שיין און לחלוטין — נישט ייִדישלעך. אפשר האָט מען דאָן געמוזט אַזוי זאָגן? — ווייס איך נישט. אפשר ליגט דערבײַ אַ טיפער שׂכל און אַ גוטע כוונה? — מעגלעך.

צו פיל אָבער לייגט זיך דאָס אויפֿן ניכטערן שׂכל סע זאָל האָבן וועלכע ס'איז שייכות צו אונדז, ייִדן.

איך ווייס, אַז אויב מיר זײַנען פֿאַרבליבן אַזעלכע ווי מיר האָבן געוואָלט פֿאַרבלײַבן, איז דאָס טאַקע דערפֿאַר, ווײַל מיר האָבן שטענדיק פֿאַרמאָגט איבערן קאָפּ אַ ריזיקן, אַן אינסופֿיקן הימל, כאָטש זעלטן ווען אַ ווינקעלע אויף דער גאָרער ערד, אַ ווינקעלע, וווּ אָנצושפּאַרן דעם זעלבן קאָפּ, וווּ אויסצושטרעקן די מידע פֿיס — נאָך אַזוי פֿיל וואָגלענישן און בהלה-לויפֿענישן פֿון פֿאַרלענד און פֿאַרפֿאַלעניש...

אויך איצט און אויך דאָ — וווּ מיר האָבן ווידער דעראָבערט אונדזער פּיצל שטייניק און בייניק לאַנד, זיך ווידער פֿאַרפֿלאַנצט, פֿאַרוואָרצלט און פּרוכטיק געמאַכט די אויסגעבענקטע וויסטעניש, אויך דאָ, אויב ס'וועט אונדז קיינער מער נישט בכּוח זײַן פֿון אָרט אַ ריר טאָן — איז דאָס דערפֿאַר, ווײַל מיר פֿאַרמאָגן טאַקע נישט מער ווי אַ קליין פּיצל היימערד אונטער די פֿיס — אָבער איבער אונדזערע קעפּ שפּרייט זיך דאָך דער ירושלימער הימל!

צי שטעלט איר זיך פֿאָר מער הימל וויפֿל מיר פֿאַרמאָגן?...

די פֿיל גרויסע שׂונאים אונדזערע ווילן נישט אָנערקענען אונדזערע אויסגעבלוטיקטע רעכט אויפֿן שטיקל ארץ-ישׂראל? שטותערײַ! — זיי פֿאַרגינען אונדז נישט, די גאָטלאָזע, זיי ווילן אונדז נישט מוחל זײַן, וואָס מיר פֿאַרמאָגן אַזוי פֿיל הימל איבער אונדזערע קעפּ! — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דערמאָן איך זיך די פֿאַרשאָלטענע, אייביק-פֿאַרקרירהטע קאַטאָרזשאַנסקע ערד פֿון וואָרקוטאַ...

נאָך אַ טאָג קנעכטישער טויט-געפֿערלעכער אַרבעט אין די טיפֿע נאַסע און פֿינצטערע קוילנגריבער, אין מיטן נאַכט, האָבן מיר אַליין זיך מיט גוואַלט אַרויסגעקאַראַבקעט פֿון שווערן און אַזוי קאַרגן שלאָף. אַ בינטל

יידן, האָבן מיר זיך געקליבן פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרעיפּושטע און דאָך אָנ־געוואָרעמטע באַראַקן — ציטערנדיקע, נישט אַזוי אַפֿשר פֿון 45 גראַדוסדיקן פֿראָסט, ווי פֿון דער אינווייניקסטער קעלט, פֿון איינזאַמקייט און פֿאַרפֿאַ־לעניש...

מיר האָבן זיך איַינגעזאַמלט ביַי דער וואַכטע, נײַן, נישט צו דער אַרבעט — ס׳איז נאָך צו פֿרי געווען איצט, אין האַלבנאַכט. מיר זענען געקומען אַרויסבאַגלייטן אונדזערן אַ חבֿר אין זײַן אייביקער רו.

אַ שטילער, אַ פֿאַרבענקטער ייִד געווען סערעבראַ. שטיל האָט ער געלעבט, שטיל געליטן, שטיל זיך פֿאַרלוירן אין דער גרויער, אָפּגעריסענער, פֿרירנדיקער מאַסע אַרבעטס־קנעכט, שטיל אויסגעגאַנגען פֿון בענקשאַפֿט, צי פֿון הונגער, ווער ווייסט? ער איז דאָך געווען דאָ אַ "נײַאיקער". נישט באַוויזן זיך מיט אים אַפֿילו רעכט צו באַקענען...

ביַי דער וואַכטע, ביַי דעם הילצערנעם, מיט אײַזן געקאָוועטן און שטעכדראָט־געפֿעסטיקטן טויער, זענען שוין געשטאַנען די געדולדיקע אָקסן געשפּאַנט צו אַ שליטן, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן איבערגעדעקט מיט זײַנע לאַגער־שמאַטעס, דער אויף אייביק באַרויִקטער סערעבראַ. פֿון יענער זײַט פּלויט האָבן זיך שוין געריסן פֿון די קייטלער די בייזע וואָלף־הינט, אונטערגעוויעט צו די שטעכיקע ניבול־פּה־רייד און געלעכטערײַען פֿון די וואַכלײַט, דעם קבֿרנים־קאָנוואָי.

ביַים שליטן זײַנען מיר געשטאַנען און שווײַגנדיק זיך איַינגעהערט צום שטיל־שעפּטשענדיקן געפּליסטער פֿון אונדזער ר׳ מאָטיע, דעם בערדיטשע־ווער תּהילים־ייִד.

— וו־אַ־אַ־סס? — איז פּלוצים אויסגעוואַקסן לעבן אונדז דער וואַכטע־נאַטשאַלניק, לייטענאַנט בעליאַיעוו.

— אַ סינאַגאָגע?! אין קאַרצער וועט איר ביַי מיר פֿוילן, זשידעס פּאַהאַנע... מאַרש צוריק אין די באַראַקן!...

אָבער דער טויער האָט זיך שוין דאַן סקריפּענדיק צעשפּאַרט. די אָקסן האָבן גערירט, אַוועקשלעפּנדיק פֿון אונדז דעם חבֿר אונדזערן, דעם נפֿטר...

— איר ווייסט, קינדער — האָט בעתן צוריק גיין איבערגעריסן אונדזערע ביטערע מחשבֿות, ר׳ מאָטיע — איר ווייסט, קינדער, אַז הײַנטיקע נאַכט גייט מען צו סליחות?...

און דאַן האָבן מיר אויפֿגעהויבן די קעפּ און דאָ האָבן מיר פּלוצים

דערזען דעם גרויסן הימל... דער הימל איבער יענער פֿאַסקודנער ערד איז דאָן געווען וווּנדערלעך שיין — — —

די פֿאַליאַרע צפֿון-שײַן האָט געשפּילט אויף אים מיט אַלע אירע כּישופֿדיקע פֿאַרבן, קאָלירן-פֿאַרהאַנגען האָבן זיך דאָרט געכוואַליעט, אי-בערגעגאָסן און פֿאַרוואַנדלט זיך איינס אין צווייטן — — —

— צי געדענקט איר יענעם הימל אין וואָרקוטאַ? — האָב איך אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן ר׳ מאָטיען, זײַענדיק זײַנער אַ גאַסט אין בני-ברק.

— אַוודאי געדענק איך, יאָשוניע — האָט ער מיר געענטפֿערט.

— ס׳איז דאָך דאָן געווען די נאַכט צו סליחות... אָבער, לויב צו דעם, וואָס לעבט אייביק, מיר האָבן זוכה געווען צו דערזען אַ שענערן און אַ גרעסערן הימל — דעם ירושלימער הימל... צי שטעלסטו זיך פֿאָר מער הימל וויפֿל מיר פֿאַרמאָגן?...

די ירידה פֿון אָסיף אוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי

(דערציילונג)

צום אָנדענק פֿון זשורנאַליסט,
דעם אַסיר-ציון יעקב איידעלמאַן ז״ל

1

ער איז שוין, דאַכט זיך, גלייכגילטיק געוואָרן צו זיין ענגער באַגרע-בעניש, צו אירע דיקע שטיינערנע ווענט, באַדעקטע מיט גליטשיק-פֿייכטער קלעפּיקייט, ס׳האָט אים שוין אויך נישט געאַרט דאָס ליגן פֿון קעלט אַ צונויפֿגעקאָרטשעטער אויפֿן צעפֿוילטן מאַטראַצל, פֿון וועלכן ס׳האָט זיך דורכגעשלאָגן צו אים די נעץ פֿון דער צעמענטענער פּאָדלאָגע. ר׳האָט זיך שוין איינגעוווינט מיט דער האַלב-פֿינצטערניש, מיטן שאַרפֿן עיפּוש. ס׳האָט שוין אויך אַפֿילו נישט געערגערט די טויב-שטומע איינזאַמקייט זיינע... פּשוט — ער, יעקבֿ זאַבאַראָוו, האָט שוין אויפֿגעהערט צו קלערן וועגן אָט די נאַרישע זאַכן.

יעקבֿ האָט זיך איבערצייגט, אַז יאָ, זיין ״בירגער-אויספֿאָרשער״ דער זייער העפֿלעכער פּאָדפּאָלקאָווניק לאָוורענטיעוו איז גערעכט געווען:

— ס׳איז מיר אַ שאָד, מיין חשובֿער יעקבֿ נאַומאָוויטש — האָט ער דאָן מיט רחמנות געשמייכלט — ס׳איז מיר אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר דאַרפֿן זיך שיידן מיט אייך, כ׳מוז אייך, צום באַדויערן, אַראָפּשיקן אין אונדזער לוביאַנקע-קאַרצער, דאָרטן וועט איר זיך שוין אויסטשוכען — איר זענט ביי מיר נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער... דאָרטן וועט איר גוט איבערקלערן ווי אַזוי צו פֿאַרוואַנדלען אונדזערע ווייטערדיקע באַגעגענישן אין געמיטלעכע נעבכט, אין אַ האַרמאָנישער, אַזוי צו זאָגן, פֿאַרשטענדעניש צווישן צוויי עכטע אינטעלעקטואַלן...

און ווייטער:

— איך גלויב, אַז איר זייט עס בכּוח... איר זייט גענוג קלוג און איר זייט נאָך גענוג יונג, און איר וועט נישט וועלן פֿאַרבלייבן דער זעלבער נאַרישער עקשן ווי ביז אַצינד.

פֿאַדפֿאַלקאָווניק לאָוורענטיעוו האָט זיך אויף אַ ווײַלע שטאַרק פֿאַר־טראַכט און דערנאָך, מיט אַ ווייטיקלעכן זיפֿץ געוואָרנט:

— טאָמער וועט, גאָט באַהיט, זיך פֿאַרציִען אײַער אײַנגעשפּאַרטקייט, קען זיך עס ענדיקן פֿאַר אונדז אַלעמען זייער טרויעריק: דאָרטן איז ניט קיין גרויסער קונץ אָדער אויסציִען די פֿיס פֿאַר הונגער, אָדער פֿאַרקאַליִעט ווערן פֿון קעלט...

אָנקוועטשנדיק דאָס קנעפּל — אַ סיגנאַל, אַז די קאָנוואָירן זאָלן קומען נעמען — האָט ער אַ פֿאַרקלערטער געפֿרעגט:

— איר האָט מורא פֿאַר שטשורעס?... איך, למשל, פֿאַרטראָג זיי נישט, ניט אַזוי אויס פּחד, נאָר פֿאַר זייער העסלעכקייט. ברר — ס'ווילט זיך מיר ברעכן. דאָרטן, אין די קעלערן שווימלט עס מיט אָט די ברואים... אָט אַזעלכע... — האָט ער צענומען מיט די הענט. — — — — — — —

איצט, ליגנדיק אויפֿן צעפֿוילטן שעניק, איז ער געקומען צום אויספֿיר, אַז די דאָזיקע "ברואים" זענען ווײַט נישט פֿון די סאַמע שרעקלעכסטע און העסלעכסטע באַשעפֿענישן אויף דער וועלט... זיי פּישטשען בלויז אַ ביסל צו פֿיל ביז ער וואַרפֿט זיי פֿאַנאַנדער די ברעקלעך — אַ טייל פֿון זײַן מאָגערער ברויט־פּאַרציִע... דערנאָך צעלויפֿן זיי זיך פֿריילעך צו זייערע מיט בלעך אַרומגעקלאַפּטע לעכער...

יאָ, צו אַלץ קען אַ בן־אָדם געוווינט ווערן, אַפֿילו ווען ס'איז געבליבן די ברירה: "אָדער אויסציִען די פֿיס פֿאַר הונגער, אָדער פֿאַרקאַליִעט ווערן פֿון קעלט"...

יעקבֿס גוטער מלאך האָט אָבער ווײַזט אויס, נישט געוואָלט, סע זאָל זיך אַזוי באַנאַל ענדיקן זײַן שטיקל לעבן...

נאָך צוויי וואָכן לוביאַנקע־קאַרצער, האָבן זיך פּלוצעם צעגרילצט די שווערע שליסלען אינעם שלאָס פֿון דער געפּאַנצערטער קעלער־טיר, אַ שטראָם לופֿט געמישט מיט ליכט האָט אַ שפּאַר געטאָן פֿון דער צע־עפֿנטער לאָך...

אויפֿן שוועל פֿונעם ערשטן טרעפּל, וואָס אַראָפּ צו זײַן קעלער־צעלע, האָט ער סמוטנע דערזען איבער זיך דעם אויספֿאָרשער אין דער באַגלייטונג פֿון צוויי טורמע־וועכטער... אָבער לאָמיר, ווי זאָגט מען דאָס, נישט פֿאַרכאַפּן די פֿיש פֿאַר דער נעץ — צוערשט האָט יעקבֿ נישט דערזען, נאָר ער איז ממש פֿאַרשיכּורט געוואָרן ביז צו קאָפּ־דרייעניש פֿון דעם דערשטוינענדיקן, דעם דאָן יענוועלטיקן ריח פֿאַר אים — דעם שאַרפֿן

גערוך פֿון אַדעקאָלאָן, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון זייערע גוט אויסגעגאָלטע גאָמבעס, דערנאָך האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן לאַווערענטיעווס, ביז צו שפּיגל-גלאַנץ אויסגעפּוצטע, אָפֿיצירסקע שטיוועלעך און שפּעטער האָט ער שוין דערזען די אַלע דרײַ פּײַנע לײַט.

— דו זשיפּעסט נאָך דאָרטן, היי דו? ... — האָט אַראָפּגעשריגן איינער פֿון די וועכטער.

אָבער דער איידעלער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט יענעם בייז אַ צופּ געטאָן פֿאַרן אַרבל און נישט גאָר איידל אים אָפּגעשטויסן. איבערבאָרענדיק דאָס אײבלעניש פֿון דעם קאַרצער-געשטאַנק האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און גערופֿן:

— בירגער חשובֿער, אויב איר קענט, זײַט אַזוי גוט און קומט צו אונדז...

מיט אָפּגעשוואַכטע טריט האָט יעקבֿ גובֿר געוועזן די עטלעכע טרעפּלעך און, זשמורענדיק די אויגן, אַרויף צום קעלער-קאָרידאָר פֿון דער לוביאַנקע.

— איַ, איַ, איַ — צו וואָס איר האָט זיך דערפֿירט! — האָט באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ זײַן "בירגער אויספֿאָרשער"... האָט איר זיך דאָרט כאָטש צו עפּעס דערטראַכט? — האָט לאַווערענטיעוו פֿאַרטרווילעך אַרײַנגעשעפּטשעט אין יעקבֿן.

— איך האָב שוין בכלל פֿאַרגעסן ווי צו טראַכטן, בירגער אויספֿאָרשער — האָט ער קוים צוריקגעשעפּטשעט.

— נו, נעמט דיך דער טײַוול, יאַקאָוו נאַומאָוויטש — יאָ אַנערקענט צי ניט אַנערקענט זיך — דײַניקס וועסטו אַלצײנס באַקומען! נאַטשאַלסטוואָ האָט באַשטימט איבערגעבן דײַן ענין צו דער טרויקע [1].

ווען די קאַרצער-טירן האָט מען שוין צוריק פֿאַרהאַקט און צוגעשלאָסן האָט לאַווערענטיעוו באַפֿוילן צו די וועכטער: פֿירט אים צוריק אין זײַן פֿריערדיקער קאַמער, אין דער זעכצנטער, אויפֿן דריטן... און — טשאָרט ס טאָבוי [2] — האָט ער נישט פֿאַרגעסן זיך צו געזעגענען...

2

איידער וואָס האָט מען יעקבֿן שווײַגנדיק אַרײַנגערוקט אַ שטיקל זייף

1 אַ געהיימנישספֿולע קאָמיסיע פֿון דרײַ פּערזאָן, וואָס פֿלעגט נאָך אַלע ענדגילטיקע פֿאַרשונגען אַרויסטראָגן דעם פּסק דין איבער דעם באַשולדיקטן.
2 דער טײַוול זאָל דיך נעמען! (רוסיש).

אין האַנט, באַפֿוילן אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די ברודנע און דורכגענעצטע בגדים, כּדי זיי דורכזשאַרען בלע״ז — דעזינפֿעקצירן — ״סאַנאַבראַבאַטקע״ האָט דאָס געהייסן... דערנאָך — פֿאַרשפּאַרט אין באָד־צימערל פֿון דער טורמע, ווו ער האָט דורכגעלעבט דעם סאַמע ליכטיקסטן פֿאַרגעניגן, די סאַמע זיסטע צוואַנציק מינוט פֿאַר אַלע זײַנע יאָרן: ער האָט זיך גוט אַרומגעזייפֿט, אַרומגעוואַשן און אַרומגעשטשאַבעט זיך, געפּליושקעט זיך אין קאַלטע און זודיקע וואַסערן און ר׳האָט, דאַכט זיך, דערפֿילט דעם חיותדיקן טעם, וואָס עס וואָלט געוויס באַדאַרפֿט שפּירן אַ צוגעפּלעטשטער צו דער ערד וואָרעם, ועלכער וואָלט פּלוצים באַקומען... פֿליגל צום פֿליִען.

און אַט פֿירן אים שוין זײַנע מונדירטע צוויי זשלאָבעס מיט די שטום־געשלאָסענע פּנימער איבער דעם לאַנגן, ווייך אונטערגעבעטן און קלאַנג־לאָזן טורמע־קאָרידאָר פֿון דריטן שטאָק. אָט פֿירט מען אים שוין אַ פֿריש אויסגעצוואָגענעם און פֿריש־געגאָלטן, אין דעם באַנײַטן, דערוואָרעמטן אַנטועכץ, וואָס שמעקט נאָך מיט זיסלעכן רויך פֿון דער ״פּראָזשאַרקע״. מע פֿירט אים ווי להבֿדיל, אַ חתן־בחור צום גן־עדן־טיש, צוריק אין דער ״היימישער״ זעכצנטער קאַמער ווו ס׳וואַרט אויף אים געוויס זײַן גוטער שכן מאַידאַטשעווסקי, אַ גאַנץ וווּיל גויעצל, וועמענס טרויעריקע געשיכטע ס׳לוינט זיך באַזונדער דערציילן, אָבער וועגן דעם — בײַ אַנדערע אום־שטענדן...

נאָר אָט, האָט מען אים שוין אַרײַנגעשפּאַרט אין זײַן היימישער זעכצנטער. די שווערע טיר האָט מען שוין צוגעהאַקט און צוגעשלאָסן און שטאָט מײַדאַטשעווסקין שטייט פֿאַר אים אַ ווילד־פֿרעמדער פֿאַרשוין. אויף יענעמס לענגלעך אויסגעדאַרט פּנים — טיף־אַרײַנגעזעצטע אויגן, וואָס ברענען מיט עפּעס אַ מין פֿאַרצערנדיקן און דאַרשטיק־טרוקענעם פֿלאַם. אַזעלכע אויגן האָט יעקבֿ אַ מאָל געזען בײַ די ״הייליקע״ און ״מאַרטירער״ אויף די בילדער פֿון מיטלאַלטערלעכן רוסישן קינסטלער און ״איקאָנאָ־פּיסיעץ״ [3] אַנדריי רובליאָוו...

דער פֿאַרשוין קוקט אויף אים שווײַגנדיק און ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין וואָס באַטײַט דער דאָזיקער בליק. שפּיגלען אָפּ יענעמס אויגן שרעק און מיטלײַד, (זעט ער טאָקע אויס אַזוי שרעקלעך און... נעבעכדיק?), אָדער

3 אַ מאָלער פֿון ״הייליקע בילדער״ (איקאָנעס).

פײַנלעכע נײַגעריקייט צו אַן ערשט געקומענעם נײַעם קאַמער-חבֿר?...

צי האָט יעקבֿ זיך ערשט געקליבן, צי ער האָט שוין באַוויזן עפּעס צו זאָגן, נאָר ס'האָט זיך אויף אים פּלוצים אַרויפֿגעוואָלגערט אַ מוראדיקע מידקייט, אַ קאָפּ-דרייעניש... און ווער קען וויסן, ווי ער האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער אונטערשטער נאַרע, זיך אויסגעצויגן און אַרײַנגעפֿאַלן אין טיפֿן שלאָף. דאָס איז געשען, ווי ער האָט שפּעטער פֿאַרשטאַנען, אַ זייגער צוועלף בײַ טאָג. דורכן שלאָף האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ פֿאַרזיכטיקער שאָרך פֿון טריט און שליסל-געקלאַנג. ווען יעקבֿ האָט געעפֿנט אַ ווײַלע די אויגן איז שוין זײַן שכן ניט געווען. דער עלעקטרישער לאָמפּ פֿון הויכן סופּיט האָט שאַרף געבלענדט...

— קענטיק — האָט ער אַ קלער געטאָן — מע האָט אים, דעם שכן, ערשט אַוועקגענומען אויפֿן פֿאַרהער — אויף אַ נאַכט-"דאָפּאָס" (לויט זײַן אייגענער דערפֿאַרונג — פֿון פֿינף אַזייגער אין אָוונט ביז דרײַ-פֿיר גאַנצ-פֿרי).

אויפֿן אײַנגעשרויפֿטן צום דיל מעטאַלענעם טישל האָט געוואַרט אויף אים דער אויסגעקילטער מיטאָג, דער טראַדיציאָנעלער לוביאַנקער הערינג-זופּ און אַ ביסל הירזשענע קאַשע, צוזאַמען שוין מיט אַן אָונטברויט — ווידער די זעלבע קאַשע און אַ טשאַשקע מוטנע לעבלעכע נאָך טיי, ס'האָבן זיך אויך געשוואַרצט אויפֿן טישל די דרײַ רייפֿטלער ברויט — די געוויינ-לעכע טורמע-פּאַרציע. ווי סע זאָל אים נישט געווען קלעמען דאָס האַרץ, נאָך אַ פּאָר וואָכן אויסהונגערן זיך, בעתן קאַרצער-רעזשים, איז יעקבֿ פֿאַרט נישט בכּוח געווען צו זעצן זיך צו אָט דער מלכותדיקער סעודה — ס'האָט אים ווידער אַ פֿאַרפֿענטעטן אַרײַנגעשלעפּט אין די טיפֿענישן פֿון שלאָף...

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען יעקבֿ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ ביסל אַ דערפֿרישטער. זײַן נײַער קאַמער-חבֿר איז געזעסן קעגנאיבער בײַם טישל. דעם קאָפּ איןביידע הענט, האָט ער זיך געשאָקלט, ווי להבֿדיל בײַם דאַווענען, אָדער גאָר ווי אַ מענטש בעת אומדערטרעגלעכן ציין-ווייטיק. ער איז קענטיק פֿאַרזונקען געווען אין זײַנע גאָר נישט פֿריילעכע מחשבֿות...

ווען יעקבֿ האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון געלעגער, האָט זײַן שכן אויפֿ-געצאַפּלט ווי פֿון שרעק, ער איז אָבער תּיכּף געקומען צו זיך און האָט שטיל און ווי פֿאַרשולדיקט געזאָגט:

— זיי האָבן באַפֿוילן מע זאָל אײַך ניט וועקן. דאָס נעכטיקע עסן

אײַערס האָבן זיי ערשט צוגענומען... אָבער זאָרגט ניט — האָט ער אים פֿאַרטרויט — מיר איז דערלויבט באַקומען אײַנגעקויפֿטס פֿון "לאַריאַק". כ'וועל מיט פֿרייד זיך טיילן מיט אײַך און כ'וועל אפֿשר אויך זיך פֿאַרדינען אַ מיצווה. זאָל דער מלך-מן-השמים זיך אַ ביסל מרחם זײַן אויף זײַן, אין זינד פֿאַרזונקענעם, קנעכט — האָט ער זיך פֿרום איבערגעצלמט.

ער האָט אײַליק צעבונדן אַ ריינע לײַוונטענע טאָרבע, אַרויסגענומען פֿון דאָרט און אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש עסנוואַרג, וועגן וועלכע יעקבֿ האָט שוין לאַנג אַפֿילו אין די זיסטע חלומות נישט געחלומט: ווורשט און ווורשטלער, קעזן און קעזלער, פּוטער-קיכלער און ביסקוויטן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז יעקבֿ האָט אים געטאָן די טובֿה און געהאָלפֿן אים זיך ריינוואַשן פֿון זינד... און למען-האמת — דער מענטש האָט זיך נישט געקאַרגט און בפֿירוש זיך געקוויקט פֿון גאַנצן האַרצן מיט יעקבֿס אַפּעטיט, קיין עין-הרע... יונג איז ער דאַן געווען, יעקבֿ, כּמעט אויף אַ יאָר צען ייִנגער פֿון דעם גוטהאַרציקן שכן און קיין גרויסע חרטה-פּײַניקונגען האָבן אויך נישט צו פֿיל דאַן פֿאַרפֿאָלגט זײַן זינדיקע נשמה — פֿאַר וואָס טאָקע נישט הנאה האָבן פֿון אַזאַ מין פּרעס? אמת, דערבײַ האָט ער אויך אַ קלער געטאָן: דער אויספֿאַרשער דערלויבט זײַן קרבן אויסשרײַבן זיך פּראָדוקטן פֿון טורמע-לאַריאַק, פֿאַרן געלט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, אָדער וואָס זײַנע קרובֿים טראָגן אַרײַן פֿאַר אים — מע דערלויבט עס אָבער נאָר אין דעם פֿאַל, ווען ער, דער קרבן "שפּאַלט זיך", דאָס הייסט ער "אַנערקענט זיך" אין זײַנע "חטאים" און הייבט אָן אַרויסגעבן זײַנע "מיט-פֿאַרברעכערס"...

מען מוז אָבער מודה זײַן, אַז בײַ דעם געדאַנק האָט יעקבֿ זיך נישט אָנגעהויבן צו וואַרגן מיטן ביסן — ווײַל ווער ווייסט — האָט ער דערבײַ געקלערט — ווער ווייסט, וואָס דער מענטש האָט געהאַט אויסצושטיין אין די נעכט בעת די "דאָפּראָסן"![4] נישט יעדן, סוף-כּל-סוף, פֿאַלט אויס אַזאַ מזלדיקע קאָרט ווי בײַ אים, נישט יעדן איז באַשערט אַרײַנצופֿאַלן אין די הענט פֿון אַזאַ מין אויספֿאָרשער ווי לאַוורענטיעוו! נישט איין מאָל, בעת די לאַנגע אויסמאַטערנדיקע נודנע דאָפּראָסן, פֿלעגט יעקבֿ אויפֿציטערן, דער-הערנדיק טויבע קלעפּ, גראָבע זידלערײַען און האַרצרײַסנדיקע געשרייען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו לאַוורענטיעווס שטילן צימער פֿון די אַרומיקע

4 פֿאַרשונגען (רוסיש).

קאַבינעטן. דאָס פֿלעגט, אמת, געשען ווען די דיקע, מיט דערמאָטין באַ-דעקטע, טיר האָט עטוואָס, אויף אַ שפּאַרונקעלע זיך צעעפֿנט.

זײַן פּאַדפּאָלקאָווניק פֿלעגט אין אַזעלכע פֿאַלן מיט גרויס פּאַרדראָס זיך אָפּרײַסן פֿון די פּאַפּירן, שווערלײַביק זיך אויפֿהייבן פֿון טיש און אַוועק צושפּאַרן די טיר און שטענדיק מיט איינער און דער זעלבער טענה:

— אַזעלכע קרעטינען... אין דער מוטערס מאַמען אַרײַן!... מענטשן זאָלן נישט קענען רעכט צומאַכן אַ טיר!

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך זײַן לאַוורענטיעוו איז ווײַט ניט געווען קיין מלאך... אָבער וועגן דעם, האָב איך שוין אַ ביסל דערציילט.

דערווײַל האָט יעקבֿ ענדלער געשטילט דעם הונגער און מיט אָפֿענע אויערן געהערט ווי זײַן נײַער שכן גיסט אויס פֿאַר אים דאָס פֿאַרביטערטע האַרץ. בעת די טורמע-אָפּקומענישן, צי שפּעטער אין די צוואַנגס-לאַגערן האָט יעקבֿ זיך ניט אָנגעטראָפֿן אויף קיין אַנדער מענטש אַזעלכן, וואָס זאָל אַזוי געפּלאָגט זײַן, וועלכער זאָל זיך אַליין אַזוי פּײַניקן, גלײַך ער וואָלט אויף זיך אַליין אָנגערייצט אַ גאַנצע כאָפּטע בייזע צעיושעטע יאַגד-הינט, זיי זאָלן אים יאָגן און רײַסן פֿון אים שטיקער.

אַזוי טאַקע האָט ער, דער שכן זיינער געזאָגט: — מײַנע פֿינצטערע חטאים פֿאַרפֿאָלגן מיך ווי, ווי דעם ניט-גוטנס כלבֿים...

און ווײַטער:

— איך הער נישט אויף צו זאָגן ווידוי און וואָס מער כ׳בין זיך מתוודה, וואָס מער כ׳פֿאַל מיט פּנים צו דער ערד פֿאַר אונדזער ליכטיקן יעזוס דעם באַרמהערציקן — אַלץ מער צעוואַקסן זיך מײַנע גרויסע זינד קעגן גאָט און לײַט...

קראַסאָווסקי, אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש — אַזוי האָט מען אים גערופֿן, יעקבֿס שכן — האָט שוין געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן די גלחים-סעמינאַריע, וואָס אין דער אַלטער און באַרימטער קלויסטער-שטאָט זאַגאָרסק, ניט ווײַט פֿון מאָסקווע... אָבער אין איינער אַ פֿינצטערער ווינטער-נאַכט האָט מען זיך אַרײַנגעריסן צו זיי אין הויז, אַרויסגעשלעפּט אים פֿון זײַן וואַרעם געלעגער... ער איז דאַן געשטאַנען אין איינע וועש, אַ פֿאַרשטאַרטער און ווי פֿרילישעט פֿון אָט דעם אומגעריכטן און ברוטאַלן איבערפֿאַל. איינער פֿון די געזונטע חבֿרהלײַט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אים היטן, די איבעריקע צוויי האָבן עפּעס געזוכט: איבערגעטרייסלט דאָס בעטגעוואַנט, איבער-

גענישטערט די בגדים און דאָס וועש, געקלאַפּט אין די ווענט, געבלעטערט ביכער און הייליקע ספרים און זיי געשליַידערט אויפֿן דיל, אַריַינגעקוקט איבער און אונטער די שאַפֿעס, געפּויזעט, זוכנדיק עפּעס אונטער די בעטן...

ער האָט דאַן געלעבט צוזאַמען מיטן פֿאָטער (די מוטער איז צוריק מיט אַ יאָר אַוועק אויף דער גוטער וועלט...). זיַין טאַטע איז געווען אַ באַשיידענער מענטש — די רוסן זאָגן: "שטילער פֿון וואַסער, נידעריקער פֿון גראָז" — כאָטש ער, דער פֿאָטער זיַינער האָט זיך געַרעכנט און געשמט צווישן די וויניק פֿאַרבליבענע האַלצשניצערס און פֿאַלקס-מאַלערס, ווי איינער פֿון די בעסטע, אייַדלסטע פֿאַכליַיט ביַים אויסמיַיסטרעווען די זאַ-גאַרסקער פּאַלירטע שקאַטולקעס און חריפֿותדיק-באַמאַלטע קעסטעלעך, די פֿריילעך קאַלירטע און קונציק אויסגעשניצטע שפּילציַיג, באַרימטע אויף גאַר דער וועלט. איצט איז ער אויך געשטאַנען, אַן אַרויסגעריסענער פֿון שלאָף, געפּינטלט מיט די קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט קיין זאַך נישט באַנומען פֿון דעם וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. ער איז כּמעט ווי זיכער געווען, אַז דאָס איז נישט מער ווי זייער אַ שלעכטער חלום, פֿון וועלכן מע דאַרף זיך אַרויספּלאָנטערן און אַז אָט-אָט כאַפּט ער זיך אויף און אָטעמט אַרויס מיט פֿאַרגעניגן דעם דאַזיקן קאָשמאַר, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. אָבער דאָס פֿאָטערלעכע האַרץ זיַינס איז אַלץ מער און מער פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט גרויס פּחד פֿאַר זיַין איין-און-איינציקן נחת אויף די עלטערע יאָרן — זיַין געראָטענעם בן-יחיד, ווען גאָטספֿאַרכטיקע טאַטע-מאַמע האָבן אין די ביטערסטע ציַיטן אויסגעקעכלט און מיט מסירות-נפֿש אויסגעהיט פֿון אַ בייז אויג, מיט גרויס געפֿאַר פֿאַרן אייגענעם לעבן, אַרויסגעראַטעוועט אים, אויסבאַהאַלטן פֿון די גאַטלאָזע שקאַלעס און קאָמסאָמאָליעס.

די ק.ג.ב.-ליַיט האָבן אַקוראַט פֿאַרפּאַקט דאָס אויסגעזוכטע אויף צו נעמען מיט זיך: אַ פּאָר נאָטיץ-ביכלעך, אייניקע דינע העפֿטלעך מיט קאָנספּעקטן אויף טעאָסאָפֿישע טעמעס, פּערזענלעכע דאָקומענטן און ציַיגענישן און, פֿאַרשטייט זיך, זיַין ניט פֿאַרענדיקטע דיפּלאָם-אַרבעט "צו דער געשיכטע פֿון דער פּראַוואָסלאַווישער קירך אין רוסלאַנד". דערנאָך האָבן זיי אים באַפֿוילן זיך אָנטאָן און גיין מיט זיי "נישט מער ווי אויף אַ פּאָר שעה, כּדי אויסצוקלאָרן אייניקע קלייניקייטן". דער פֿאָטער האָט זיך כליפּענדיק געוואָרפֿן צום זון מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אָבער די ליַיט

האָבן, זידלענדיק מיט די גראָבסטע ניבול-פה-רייד, אים אָפּגעשטויסן און ער איז הילפֿלאָז געפֿאַלן צום דיל ווו ס׳האָבן זיך געוואַלגערט די ספֿרים.

— — — — — — — — — — — — —

יעקבֿ נאָומאָוויטש זאַבאַראָוו האָט זיך געהאַלטן בײַ אַ כּלל: צו קיינעם, מיט וועמען ער זאָל זיך ניט טרעפֿן אין טורמע-צעל, ציִ שפּעטער אין די לאַגערן — צו קיינעם ניט צושטיין מיט קיין איבעריקע שאלות, נישט קריכן יענעם אין דער נשמה, כאָטש ער אַליין בטבֿע איז משונה-ווילד נײַגעריק געווען צו נײַע מענטשן...

טאָמער אָבער פֿלעגט מען צושטיין צו אים, האָט עס אים לגמרי ניט גערעגט — ער האָט רויִק און קורץ געענטפֿערט דאָס וואָס ער אַליין האָט געוווּסט וועגן זיך און וועגן זײַן ״ענין״, דאָס האָט אייגנטלעך אויך זײַן ״בירגער אויספֿאָרשער״ שוין אויך געוווּסט אויף אויסנווייניק; און יעקבֿ האָט געהאַט פֿון אים געבראָטענע צרות, ״יעקבֿ נאָומאָוויטש — האָט ער געטענהט — ביסט דאָך ווי כ׳האָב געהערט אַ גאַנץ פֿיינער זשורנאַליסט און ס׳קלעקט בײַ דיר נישט קיין ברעקל פֿאַנטאַזיע כּדי דו זאָלסט דערציילן עפּעס מער פֿון דעם וואָס דו אַליין ווייסט וועגן זיך, ציִ וועגן אַנדערע...״.

בקיצור, אויב עמעצער האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט פֿלעגט יעקבֿ ענטפֿערן און ס׳האָט זיך באַקומען בערך אַזאַ מין שטיקל דיאַלאָג:

— פֿאַר וואָס האָט מען דיך אַרײַנגעזעצט?

— כ׳ווייס ניט.

— וואָס האָט מען אינקרימינירט?

— שפּיאָנאַזש, בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישע גרופּן-אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע... שפּיאָנאַזש איז אָפּגעפֿאַלן.

— אַגיטאַציע... פּלאַפּלערײַ, הייסט עס... האָסט ערגעץ, ציִ פֿאַר עמעצן אויסגעדריקט אומצופֿרידנקייט מיט דער פּאָליטיק?

— וואָרשײַנלעך... ווען אַרום און אַרום זעצט מען דײַנע באַליבטע לערער, דײַנע טרײַע חבֿרים און פֿרײַנט — טאַנצט מען נישט פֿון שׂמחה און מע פּאַטשט ניט קיין בראַוואָ...

ווי ס׳ווײַזט זיך אַרויס, האָבן די דאָזיקע, ווי ווײַט מעגלעך קורצע און מער ווייניקער פּאַדראָבנע, ענטפֿערס שטאַרק אויסגענומען בײַ זײַן נײַעם שכן-לצרה קראַסאָווסקין. ס׳האָט בײַ אים אַרויסגערופֿן עפּעס אַ מין באַזונ-דער חשיבֿות און צוטרוי צו יעקבֿן... זײַן פֿריערדיקער שכן מאַידאַטשעוו-

סקי האָט, לויט קראַסאָווסקיס רייד, זיך געפֿירט מיט אים אינטעליגענט אָבער ביז גאָר קאַלט און אָפּגעפֿרעמדט...

ווען מע פֿלעגט קראַסאָווסקין ברענגען פֿון די דאָפּראָסן אַ זייגער פֿינף פֿאַרפֿרי, אַ בלייכן, אַ געהויקערטן און ווי אין גאַנצן אָן אויסגע-קוועטשטן, פֿלעגט ער קוים פֿלאָנטערן מיט די פֿיס און די ניט באַזיניקטע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט ווער ווייסט ווו...

ס׳איז נאָך דערלויבט געווען צו שלאָפֿן אַ גוטע פֿיר שעה, זיך אַ ביסל אויסרוען און קומען צו זיך, אָבער ער פֿלעגט זיך זעלטן באַנוצן מיט אָט דער ״פּריווילעגיע״, וויפֿל יעקבֿ זאָל אים נישט געווען איינרעדן דערצו — נישט מיט גוטן און נישט מיט שלעכטן.

ער פֿלעגט זיך זעצן אויפֿן געלעגער, דעם קאָפּ פֿאַרגראָבן אין די הענט און שאָקלען זיך ווי אַ זייגער-אומרו און אויך די ליפּן האָבן אָן אויפֿהער עפּעס געמורמלט... ווען יעקבֿ האָט זיך איין מאָל אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף האָט ער אים דערזען אויף די קני, ער האָט זיך פֿיבערהאַפֿט געציילעמט און געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין דיל... אַ גליק וואָס דער טורמע-וועכטער, וואָס פֿלעגט צייטנווייז אַרייַנקוקן אין דער ״וואָלפֿן-אויג״ פֿון דער גע-קאָוועט-פֿאַרשפּאַרטער טיר, האָט אים קיין איין מאָל נישט געכאַפּט בייַ די דאָזיקע ״מאָליטוועס״. אַנדערש, וואָלט ער זייער שלעכט אָפּגעשניטן...

נאָך איינעם פֿון די דאָפּראָסן האָט ער יעקבֿן פֿאַרטרוילעך אַרייַנגע-פֿליסטערט אין אויער:

— הייַנט האָב איך אָנגערעדט שרעקלעכע זאַכן אויף מייַן נאָענטסטן חבֿר פֿון סעמינאַריע-קורס...

יעקבֿ האָט אויפֿגעציטערט... קראַסאָווסקי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר מוטנע בעטלענדיקע אויגן, גלייַך ער וואָלט געוואָלט בייַ יעקבֿן אַרויסקריגן פֿאַרשטענדעניש און... רחמים. — ״וואָס וויל ער פֿון מיר?״ — האָט יעקבֿ כּמעט מיט שרעק און מיט ווידערווילן געקלערט — ״צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן?״ — — — — — — — — —

ער האָט שוין באַגעגנט מענטשן וואָס האָבן זיך ״געשפּאָלטן״, אייַנ-געבראָכענע, וואָס האָבן זייער בראָך געטראָגן, אויסבאַהאַלטן טיף אין זיך און זייער זעלטן, ווען זיי האָבן דאָס פֿאַרטרויט אַ צווייטן, אָנדערע בייַ וועמען מע פֿלעגט אויך דורך מערדערלעכע פּייַניקונגען, אויספּרעסן ״אָנער-קענונג״ אין שרעקלעכע זינד, אויסקוועטשן נעמען פֿון ״מיטבאַטייליקטע״, האָבן, ווי ס׳דאַכט, אויסבאַהאַלטן זייער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט

נישט נאָר פֿאַר יענעם, נאָר אויך פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר אַזעלכע איז די ערגסטע שטראָף געווען איינזאַמקייט, זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַרבלײַבן אויג-אויף-אויג מיט זיך אַליין. ס'פֿלעגן זיך טרעפֿן אויך ציניקער. ציניקער געוויינלעכע און ציניקער "אידעאָלאָגישע". די ערשטע פֿלעגן אויסגעפֿינען פֿאַרשידענע פֿאַרענטפֿערונגען פֿאַר זייער שוואַכקייט, ווי למשל איינעם אַזאַ: "וואָלט איך נישט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון מײַן חבֿר, וואָלט יענער אָנגערופֿן מײַן נאָמען און מיר וואָלטן במילא ביידע געמוזט אָנערקענען זיך אין די פֿאַרברעכנט"... די "אידעאָלאָגישע" האָבן זיך געשפּירט נאָך פֿעסטער. איינער אַן אַלטער באָלשעוויק, אַפֿילו אַ געוועזענער מיטגליד פֿון צ.ק. האָט יעקבֿן אַ מאָל געגעבן צו דערקלערן:

— איר פֿאַרשטייט, מיר זענען געצוווּנגט געווען צו דערפֿירן סטאַלינס רעפּרעסיעס ביז צום אַבסאָלוטן אַבסורד, דעריבער האָבן מיר באַשטימט זיך אָנערקענען אין פֿאַרשידענע שווערע זינד און בעיקר אָנרופֿן וואָס מער נעמען, וואָס מער — הונדערטער, טויזנטער, אַפֿילו — מיליאָנען! — איז ער אַרײַן אין עקסטאַז — זאָל מען דערקלערן פֿאַר פֿאַרברעכער, שעדיקער, קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן, שפּיאָנען, פֿאַררעטער דרײַ פֿערטל פֿון די פּאַרטיי-מיטגלידער, זאָל מען אָנרופֿן פֿאָלקס-שׂונאים העכער האַלב פֿון פֿאָלק! זאָל די וועלט פֿאַרשטייען, זאָל די פּאַרטיי, זאָל דאָס לאַנד ענדלעך קומען צו זיך און אָראָפּשלײַדערן דעם "געניאַלן" מטורף, דעם גרויסן מענטשנ-פֿרעסער מיט זײַנע בלוטיקע משרתים!..."

"זאָל מען" — ס'האָט זיך אָבער נישט געזאָלט... יאָ, געווען אויך אַזעלכע.

פֿיל אַנדערע און פֿאַרשידענע האָט יעקבֿ באַגעגנט איבער זײַנע טורמע-און גולאַג-וואָגלענישן, אָבער אַזאַ אויסטערלישער פּאַרשוין ווי אָט דער קראַסאָווסקי איז פֿאַר אים געווען גאָר אַ באַזונדער מין אַנט-פּלעקונג.

— צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן? און וואָס ווילט איר פֿון מיר, אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש, מיט וואָס קען איך אײַך טרייסטן אין אַזאַ פֿאַל?

— איר דאַרפֿט ניט, טײַערינקער, און ס'איז נישטאָ פֿאַר מיר קיין טרייסט... איך מוז מיך פֿאַר אײַך מתוודה זײַן... — האָט ער זיך מיט שווייסיקע דלאָניעס אײַנגעקלאַמערט אין יעקבֿס הענט... — פֿאַר קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס נישט געטאָן...

„ער טוט מיר נאָך אַ גרויסע טובֿה!...״ — האָט יעקבֿ מיט עקל אַ קרומען שמייכל געטאָן אין זיך.

— כ׳בין דאָך אָבער נישט קיין גלח, באַטיענקע, כ׳בין אויך נישט קיין קריסט, כ׳בין אַ פּשוטער ייִד און אַפֿילו נישט קיין פֿרומער...

— יאַקאָוו נאַומאָוויטש, טײַערינקער... — האָט ער זיך נאָך מער גע־קלאַמערט און שטיל־סקאָווטשענדיק זיך צעבליפּעט ווי אַ קינד.

יעקבֿ האָט קיין מאָל ניט געקענט פֿאַרלײַדן דאָס אומגליקלעכע געוויין פֿון קליינע קינדער, ער ווערט איבערפֿולט מיט ווייטיקלעכן רחמנות, ווען עס סקאָווטשעט עפּעס אַ געשלאָגן הינטל... וואָס האָט ער געקענט טאָן? פֿון יענעם פֿרימאָרגן האָט ער שוין נאָך יעדן דאַפּראָס געהאָרכזאַם געהערט קראַסאָווסקעס ווידוי־זאָגן...

אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש איז נישט שטענדיק געווען קיין גוט קינד בײַ זײַנע טרײַע גאָטספֿאָרכטיקע טאַטע־מאַמע און בײַ דער רוסיש־פּראַ־וואָסלאַוונער צערקווע. ערגעץ אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער ייִנגלווײַז געשטרויכלט געוואָרן: ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ הייסן „חסיד״ פֿון דעם אַרכיערייִ אַלעקסאַנדער ווידיענסקי — דעם גרינדער פֿון דער באַ־וועגונג „אָבנאָווליענטשענסקאַיאַ צערקאָוו״, דאָס הייסט — „די באַנײַטע פּראַוואָסלאַווע (רעבטגלויביקע) קירך״.

מעגלעך, אַז אַלעקסאַנדער ווידיענסקי, איינער פֿון די קליגסטע, גע־לערנסטע און שאַרפֿזיניקסטע גלחים (קראַסאָווסקי האָט געזאָגט אַפֿילו, אַז ער איז פֿון אַ ייִדישן אָפּשטאַם), מעגלעך, אַז ער האָט געהאַט אַ גוטע כּוונה! ראַטעווען פֿון אונטערגאַנג די רוסישע פּראַוואָסלאַוויע, וועלכע האָט אויסגעזען דאַן גאַנץ נעבעכדיק: פֿיל פֿון אירע פֿירער, אירע הייליקע פּאַסטעכער, האָבן די באָלשעוויקעס אָדער אומגעבראַכט אָדער פֿאַרטריבן אין אַזעלכע ווײַטן, פֿון וועלכע מע קומט שוין זעלטן צוריק. די גרעסטע סאָבאָרן, קלויסטערס און מאָנאַסטירן האָט מען פֿאַרמאַכט אָדער פֿאַר־וואַנדלט אין סקלאַדן און אַנדערע „נוצלעכע בנינים״, די גלעקער האָט מען אַראָפּגעשלײַדערט כּדי זיי איבערשמעלצן אין „נוצלעכן מעטאַל״ פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט...

דאַן טאַקע איז צווישן אַנדערע אויך אויפֿגעשווומען דאָס פּאַטערל ווידיענסקי און אָנגעהויבן צו פּריידיקן, אַז די קאָמוניסטישע אידעאַלן פּאַסן זיך פּינקטלעך צונויף מיט די הייליקע רייד און שריפֿטן פֿון יעזוסן און זײַנע טרײַע אַפּאָסטאָלן.

דער יונגער קראַסאָווסקי איז געוואָרן אַ באַגייסטערטער תּלמיד פֿון דעם נײַעם „נבֿיא", אויסגעוועון אויף אַלע זײַנע פֿײַערדיקע דרשות פֿאַר די פּראַוואָסלאַווע, אויף אַלע שטורמישע דיספּוטן מיט די גרעסטע באַלשע-וויסטישע אַטעיִסטן-„קולטורטרעגער", אײַנגעשלאָסן דעם פֿאָלקס-קאָמיסאַר פֿאַר בילדונג אַלעקסאַנדער לונאַטשאַרסקי, און אויך אים אַפֿילו, אים — דעם הויך-אינטעלעקטועלן דעמאַגאָג פֿון דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָ-לוציע", האָט קראַסאָווסקיס „נבֿיא" נישט איין מאָל פֿאַריאָגט אין אַ טעמפּן ווינקל מיט זײַנע טאַקטישע, אָבער שאַרפֿזיניקע דערווידערונגען לטובֿת דער רעליגיע. צווישן דעם שטורמיש-אַפּלאָדירנדיקן עולם, האָט, דאַכט זיך, מער פֿון אַלע התלהבֿותדיק געיובֿלט דער יונגער אָסיף.

אָבער צו אַלץ נעמט אַ סוף און גיכער פֿון אַלץ — אין סאָוועט-רוסלאַנד.

אַלץ ווייניקער און ווייניקער זענען פֿאַרבליבן מתפּללים אין די „אָב-נאָווליענטשעסקע" קלויסטערס — מען איז זיך צו ביסלעך צעקראָכן און אַוועק פֿון די „רויטע גלחים" צוריק אַהין, צו די אַלטע נאָך פֿאַרבליבענע צערקוועס. קראַסאָווסקי, שוין דאַן אַ שטיקל „רויטער פּאָפּ", איז פֿאַרבליבן צווישן די לעצטע „כּהנים" אין איינעם פֿון די „נײַע" טעמפּלען...

אַלעקסאַנדער וויעדיענסקיס שטערן איז שטיל און כּמעט פֿון קיינעם נישט באַמערקט, אונטערגעגאַנגען. ער אַליין איז אַ פֿאַרגעסענער גע-שטאָרבן אין מאָסקווע, אין יאָר 1942, צי אפֿשר שפּעטער, מע זאָגט אַז ער איז פּלוצים געפֿאַלן, בעת ער האָט געפּריידיקט פֿאַר אַ שיטער געזעמל אָנהענגער אין זײַן קלויסטערל אויף נאָוואָסלאָבאָדסקי-גאַס. דאָס דאָזיקע איינציקע קלויסטערל בשכנות מיט דער באַרימטער בוטירקע-טורמע, האָט סטאַלין, ווײַזט אויס צוליב חוזק אויף אַ ווײַלע נאָך איבערגעלאָזט פֿאַר יענער אַ מאָל מעכטיקער פּראַוואָסלאַוונער רעפֿאָרם-באַוועגונג...

און טאָקע בעת יענע מלחמה-יאָרן האָט דער אַמאָליקער סעמינאַריסט יאָסיף סטאַלין פּלוצים אַרויסגעוויזן שטאַרקע סענטימענטן צו דער טראַ-דיציאָנעלער רוסיש-פּראַוואָסלאַוונער קירך, גענומען זי אונטער זײַנע „פֿאָ-טערלעכע פֿליגל" און אומגעקערט צו איר ניט ווייניק פֿון דעם, וואָס לענין האָט בײַ זיי צוגערויבט... די „אָבנאָוולענצעס" האָט מען ענדלעך צעטריבן און געהאַלטן זיי אויפֿן אויג... ס'איז פֿאַרבײַ אַ שטיק צײַט...

שוין לאַנג ווי אָסיף קראַסאָווסקי האָט זיך שוין אויפֿגעהערט צו שלאָגן על-חטא פֿאַר זײַנע יוגנט-זינד, טאַטע-מאַמע האָבן אים שוין אַוודאי מוחל

געוועז און זיך געשפּיגלט אין זייער בן-יחיד, וואָס ענדיקט שוין באַלד די סעמינאַריע... ווי פּלוצים, אין איינער אַ פינצטערער ווינטער-נאַכט... אָבער וועגן דעם, אויב ס׳געדענקט זיך אײַך, איז שוין דערציילט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — —

ווי יעקבֿ זאַבאַראַוו האָט פאַרשטאַנען פון קראַסאָווסקיס "ווידוי זאָגן", האָט זיך זײַן אויספאָרשער פון סאַמע אָנהייב נישט צו פיל באַדאַרפט באַמיִען, כּדי ער, קראַסאָווסקי, זאָל "באַקומען לשון", בפרט, אַז פון סאַמע אָנהייב האָט זיך דער ענין געדרייט אַרום דער טעטיקייט פון זײַן אַמאָליקן פּאָלשן נביא אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי, וועגן וועמען ער האָט אַליין פאַר-צייכנט גאַנץ שאַרפע קריטישע באַמערקונגען אין די נאָטיץ-ביכלעך, וועלכע זענען איצט געלעגן בײַ דעם אויספאָרשער אויפן טיש.

דער מאַיאָר ליפּאַטאָוו, וועמען ס׳האָט, אַגבֿ, פּאַטראָנירט "יעקבֿס" פּאַדפּאָלקאָווניק לאַווּרענטיעוו, איז געווען אַ קליינוווּקסיק מענטשל. זעלטן, ווען ס׳איז שטאַרק נייטיק געווען, פלעגט ער זיך אַרײַנזעצן און ווי פאַרלירן זיך אין זײַן פאָטעל בײַם גרויסן שרײַבטיש, מײַנסטנס אָבער האָט ער ליב געהאַט אַרומדרייען זיך מיט לײַכטע קעציִשע טריטעלעך איבערן קאַבינעט — אַ מאָל נעענטער און אַ מאָל ווײַטער פון זײַן קרבן, וואָס פלעגט זיצן אַ פאַרחלשטער אין אַ ווינקל.

בלעטערנדיק קראַסאָווסקיס אַ נאָטיץ-ביכל, האָט ער, דרך אַגבֿ, פרידלעך אַ פרעג געטאָן יענעמס מיינונג וועגן זײַן "פאַרגעטערטן קומיר", דעם "רויטן אַרכיערײ" אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי, דערבײַ איז ליפּאַטאָוו צו צום טיש, זיך באַקוועמלעך פאַרלאָרן אין פאָטעל און ווי אַ געניטער אַנטרײַבער אויף זײַן קעלניע, נאָכגעלאָזט די לייצעס, זיכער זײַענדיק, אַז דאָס פערדל וועט שוין אַליין דערפירן וווּהין ס׳איז נייטיק...

בײַ אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט נודאָטנע אָנגעהויבן צו קלעמען בײַם האַרץ און ער איז קוים בכוח געווען אָפּצושטעלן די קני-טרייסלעניש, ווען ער האָט דערהערט די ווערטער: "אײַער פאַרגעטערטער קומיר". אַ ווײַלע האָט געדויערט ביזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, כּדי כּמעט ווי געלאַסן צו ענטפערן:

— ס׳איז אמת, בירגער אויספאָרשער, אַז בעת מײַן נאַרישער יִינגל-שאַפט, בין איך אַ קורצע צײַט אַראָפּ פון דרך הישר... אָבער... אָבער איר קענט זיך איבערצײַגן, לייענענדיק מײַנע פאַרצייכענונגען, אינעם נאָטיץ-ביכל, ווי כ׳פּײַניק מיך דאָס גאַנצע לעבן איבער דעם וואָס כ׳האָב

אַ מאָל אַ נאַריש, אַ ניט געניט ייִנגל, כּמעט אַ קינד, זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון אָט דעם פֿאַרשאָלטענעם אַנטיכריסט, זאָל מען דאָרטן נישט אויפֿהערן צו פּרעגלען און בראָטן אים אויף די גיהנום-פֿלאַמען, גאָט מײַן באַרמ-הערציקער!...

קראַסאָווסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק, ווײַזט אויס, אויף צוגאָב-פֿראַגן.

דער "בירגער אויספֿאָרשער" האָט אָבער ווי נישט געהערט דאָס, וואָס קראַסאָווסקי האָט דאָרטן געבעבעט און דאַכט זיך אויך נישט קיין פּינטל געטאָן מיט קיין אויג, ווען יענער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. ליפּאַטאָוו אין אין גאַנצן פֿאַרטאָן געווען בײַם פּוצן זיך די נעגעלעך מיט אַ בלישטשענ-דיק שאַב-מעסערל. ער האָט עס געטאָן מיט אַזוי פֿיל פֿלײַס און פֿאַרטיפֿט-קייט, גלײַך אַל דאָס איבעריקע אינעם לעבן וואָלט איצט בכלל פֿאַר אים קיין שום ווערט נישט געהאַט...

אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט אַ צעטומלטער צוגעוואַרט אַ ביסל, דערנאָך, ווײַזט אויס, אָנגענומען זיך מיט מוט — ווי ס'ניט איז געבן צו וויסן, אַז אויך ער, קראַסאָווסקי, געפֿינט זיך דאָ אין אַ ווינקל פֿון גערוימען קאַ-בינעט — האָט ער נישט גאָר זיכער און פֿאַרזיכטיק זיך צעהוסטלט... אָבער מאַיאָר ליפּאַטאָוו איז ווײַטער מיט גרויס התמדה פֿאַרנומען געווען בײַ זײַן וויכטיקער "עבֿודה" פֿון נעגל-פּוצעניש. די פּאַוזע האָט זיך שטאַרק פֿאַרצויגן. געהערט האָט זיך בלויז די רעגלמעסיקע ווייכע שאָרכעניש פֿון עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, דאָרט, ערגעץ פֿון הויכן סופֿיט... צו קראַ-סאָווסקין אין זײַן טונקל ווינקל האָט זיך צוזאַמען מיט אָט דער שאָרכעניש פֿאַרגנבֿעט אַ זיסער דרימל און ווי צעפּענטעט, אָנגענעם לויז געמאַכט די מידע גלידער זײַנע און... אַ שאַרפֿע פּראָזשעקטאָר-שײַן האָט ביז ווייטיק אַ שניט געטאָן איבער קראַסאָווסקיס אויגן און מיט כּוח זיי פֿאַנאַנדער-קלעפּט און אויפֿגעריסן.

ס'האָט זיך ווי פֿון זייער ווײַט דערטראָגן צו אים דאָס שטרענגע קול פֿון אויספֿאָרשער:

— נו? וואָס זשע זענט איר אַנטשוויגן געוואָרן? כ'הער אײַך זייער אויפֿמערקזאַם...

קראַסאָווסקי איז געזעסן מיט אויפֿגעריסענע אויגן און געאָטעמט מיט אַן אָפֿן מויל ווי אַ פֿיש, אַן אַרויסגעשלײַדערטער אויף דער יבשה.. ער האָט פּײַנלעך זיך באַמיט צו באַזיניקן ליפּאַטאָווס ווערטער. און ווען ער

איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך, האָט זיך מיט זײַנע ווייכע קעצן-טריטעלער גאָר נאָענט ווי צוגעשאַרט, דער אויספֿאַרשער. ער האָט מיט שטוינונג און מיט וואַקסנדיקן צאָרן זיך אײַנגעקוקט אין קראַסאָווסקיס געזיכט:

— וואַ-אַ-אַ-סס?! איר שלאָפֿט גאָר בעת דער פֿאָרשונג?! — האָט ער מיט כּעס און גאָר אויף אַ הויכער נאָטע אַרײַנגעפּאַלצעטעוועט גלײַך אין די אויערן פֿון צעשראָקענעם אָסיפּ אַוואַקומאָוויטשן. — בײַ אונדז זענען אַזעלכע זאַכן קאַ-טע-גאָריש פֿאַרבאָטן, שטרענג און קאַ-טע-גאָריש! פֿאַר אַזוינע "קליינינקייטן" — האָט זײַן פֿאַלצעט גענידערט אויף אַ פּאָר טענער — פֿאַר אַזוינס, זײַט וויסן, פֿאַרמאָגן מיר אַ פּאָר פֿײַנע חבֿרהלײַט, וואָס קענען גוט אָנבויקערן די ביינער און זענען פֿעיִק וויניקסטנס אָפּצו-שלאָגן די לונגען!... נו, גוט — איז ער פּלוצים מילדער געוואָרן — איר זײַט נאָך אַ "פֿרישינקער", צום צווייטן מאָל אויף אַ דאַפּראָס, דעריבער בין איך דאָס מאָל מוחל. דערציילט, דערציילט מיר וועגן אײַער אַרכיערײַ. כ'האָב זיך זייער אַ סך אָנגעהערט וועגן אים און מיר ווייסן אויך וועגן זײַן פֿאַרברעכערישער טעטיקייט.

— יאָ, יאָ — איז קראַסאָווסקי געקומען צו זיך — איר האָט טרעפֿלער באַמערקט: "זײַן פֿאַרברעכערישע טעטיקייט"... דער דאָזיקער טײַוול אין געשטאַלט פֿון אַ ליכטיקן מלאך האָט זיך געפּרוּווט מיט זײַנע שיינע געקליגלטע דרשהלעך פֿאַנגען און פֿאַרשלעפּן אין זײַן פֿינצטערער נעץ יונגע ריין-קריסטלעכע נשמהלעך, אויך מײַן זינדיקע נשמה... און כ'האָב טאַקע אַ שטיקל צײַט אויפֿריכטיק געקלערט, אַז ער איז כּלומרשט באַרופֿן צו ראַטעווען דעם רוסיש-פּראַוואָסלאַווישן גלויבן, ווען אין דער אמתן האָט דער דאָזיקער מאָנסטער-אַנטיכריסט געפּרוּווט זיך העלפֿן חרובֿ צו מאַכן און דעמאָראַליזירן אונדזער הייליקע מוטער — די רוסיש-רעכט-גלויביקע קירך...

דאָ האָט זיך שוין ליפּאַטאָוו גאָר ברייט צעשמייכלט:

— ווי זאָגט איר: "ראַטעווען"? "העלפֿן חרובֿ מאַכן"?... "ראַטע-ווען" — פֿון וועמען? פֿאַרשטייט זיך — פֿון די באָלשעוויקעס! כע-כע, "העלפֿן חרובֿ מאַכן?" ווידער טאַקע, דער סאָוועטישער אָרדענונג, וואָס וויל כּלומרשט "חרובֿ מאַכן" די קירך... אָט דאָס הער איך ענדלעך אויפֿריכטיקע ווערטער פֿון אַ פֿאַרביסענעם אַנטיסאָוועטישן רכילות-טרײַבער. אָט דאָס לוינט זיך שוין אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל! — האָט

ליפּאַטאָוו, אַ צופֿרידענער, כּיכיקעט און זייער שנעל אָנגעהויבן צו פֿאַר-צייכענען.

"פֿאַרפֿאַלן... כ'האָב זיך שוין אַליין אַרײַנגעפּאַקט" — האָט קראַ-סאָווסקי אַ קלער געטאָן אין גרויסער דערשלאָגנקייט. דאָך האָט ער נאָך געפּרוּווט דערווידערן:

— איר האָט נישט אַזוי פֿאַרשטאַנען מײַנע רייד, בירגער אויס-פֿאָרשער... ווען כ'האָב געזאָגט "ראַטעווען" האָב איך...

— אַזוי גאָר?! האָט ליפּאַטאָוו, ווי אַ טשערעפּאַכע, אַרויסגערוקט זײַן קעפּל אַריבער די פּאַפּירן און אַרויסגעפּלאַצט: דו! דו, פֿון גאַטעניו געבאַרעטער מודאַק[5] איינער, דו וואָג נאָר אַפּלייקענען כאָטש איין וואָרט, כאָטש איין אות פֿון דעם, אין וואָס דו האָסט זיך נאָר-וואָס אָנערקענט... מירן דיך אויף שטויב צערײַבן!

פֿון אומפֿאַרשטענדלעכער רציחה האָט זיך פּלוצים זײַן קײַלעכיק פּנימל אָנגעגאָסן מיט אַ מין קרענקלעכער רויטקייט:

— "ראַטעווען" — האָט ער איבערגעקרימט קראַסאָווסקין — די רע-וואָלוציע האָט, דאַכט זיך, באַפֿרײַט יענע נאַציע, וועגן וועמען די רעאַקציאָ-נערע שוואַרצמאהניקעס האָבן אַ מאָל געשריגן "ביעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָסיוו"[6]... איז וואָס? זענען זיי, די ביטריאַקעס, כּדי צו אויסהיטן די אייגענע שקורע, אַליין געוואָרן די גרויסע "רעטערס" פֿון רוסלאַנד און פֿון גאָר דער וועלט, מיר קענען זיי שוין גוט די טראָצקיס, די זינאָוויעווס, די ראַדעקס און אַנדערע שלעק... אַצינד קומסטו מיר דערציילן וועגן נאָך איינעם אַ זשידאָווסקי "וויקרעסט", וואָס איז געקומען "ראַטעווען" די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע...

קראַסאָווסקי, וואָס איז געזעסן ווי אין געהאַקטע ווונדן און ממש געשפּירט ווי ס'באַדעקט אים אַ קאַלטער שווייס וואָס צעטריפֿט זיך נודאַטנע איבערן ציטערנדיקן לײַב, האָט דאָך מיט שטוינונג זיך אײַנגעהערט אין דעם לעצטן ווערטער-אויסברוך פֿון ליפּאַטאָוון. אין די דאָזיקע ווערטער פֿון אויספֿאָרשער האָט ער דערשפּירט עפּעס גאָר קרובֿישעס מיט זײַנע אייגענע געדאַנקען, אויסגעטראָגענע און פֿאַרבאָרגענע אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דער נשמה. אמת, נישט אַזוי וווּלגאַר און פּרימיטיוו, ווי בײַ אָט דעם

5 אַ זידלוואָרט אין רוסיש.
6 שלאָג ייִדן — ראַטעווע רוסלאַנד.

פֿאַרגרעבטן פּויער — דער הייליקער מאַן פֿון נצרת איז דאָך אויך געווען פֿון יידישן אָפּשטאַם און אויף געוויס און אָן שום ספֿק, האָט ער געבראַכט דער מענטשהייט אויסלייזונג פֿון טויט, ער איז דאָך געווען דער אמתער גואל... דאָך מיט אַלדעם איבעריקן איז ער מסכּים געווען מיט ליפּאַטאָוון. און דאָס האָט אַרײַנגעטראָגן אַ מאָדנע מין רויִקייט אין זײַן פֿאַרטומלט-צעשראָקענעם געמיט, עפּעס אַ מין שטיקל טרייסט...

אָבער נישט לאַנג איז אים באַשערט געווען צו געניסן פֿון אַזאַ ביסל רויִקייט און טרייסט. אַ קלאַפּ אין טיש, אַזאַ מוראַדיקער טראַסק, וואָס האָט פֿאַרטויבט די אויערן און ס'האָבן זיך צעקלונגען, אונטערשפּרינגענדיק, די מעטאַלענע געציאַצקעטע שרײַב-מכשירים, די פּרעס-פּאַפּיע — דער שווע-רער קלעקער, האָט זיך רעשיק אַראָפּגעקײַקלט צו דער פּאָדלאָגע.

— גאָטעניו, אין אַזאַ קליין פּויסטל — אַזוי פֿיל כּוח! — האָט מיט פֿאַרכטיק-אָבערגלויבערישן פּחד זיך בגניבֿה געציילעמט קראַסאָווסקי.

— צום טײַוול! — האָט געגוואַלדעוועט ליפּאַטאָוו — צו אַלדי רוחות דײַן מיט ווײַרער פֿאַרשטונקענע פּראַוואָסלאַוויע! דײַן רוסישע יעוואַנגעליע מיטן פֿאַרשמאָלצענעם פּסאַלטיר איז פּונקט אַזאַ געקנאָבלטער אָפּיום ווי דער זשידאָווסקער תּלמוד...

דער אויף טויט איבערגעשראָקענער קראַסאָווסקי, האָט דאָך נישט געקענט פֿאַרשווײַגן אַזאַ פֿאַרשוועכונג פֿון דער רוסישער קירך.

— בירגער אויספֿאָרשער — האָט ער אויסגערופֿן — פֿאַרגעסט נישט, אַז אַליין דער גרויסער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין האָט אָפּגעמערקט די פּאַטריאָטישע אויפֿטוען פֿון דער רוסישער רעכטגלויביקער קירך בעת דער מלחמה און אויף די אָקופּירטע דורך די דײַטשן געביטן!...

ווײַזט אויס, אַז ליפּאַטאָוו האָט זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן אָבער נישט אויף לאַנג און ער האָט זיך מיט אַ באַנײַטער קראַפֿט צעצאָרנט:

— ווי וואַגסטו גאָר, ווי וואַגסטו, אין דײַן מוטערס מוטער, אַרויס-ברענגען אויף דײַנע טריפֿענע לעפֿצן דעם הייליקן נאָמען פֿון אונדזער גרויסן פֿירער?!... דו, וואָס דײַן פֿאַרגעטערטער קומיר, דער פּאָפּ וויעדיענ-סקי, און דאָס האָבן מיר שוין אויסגעקלאָרט, איז געווען אַ לאַנגיאָריקער רעזידענט בײַ דעם באַוווסטן יידיש-אַמעריקאַנישן שפּיאָנאַזש-צענטער "דזשוינט"! וואָס דרייסטו זיך אויפֿן קאָרעק, ווי אַ קורווע אויף אַ צעגליטער סקאָוואָראָדקע — פֿאַר וואָס דערציילסטו נישט וועגן **דעם**?...

— כ'האָב נישט געוווּסט, בירגער אויספֿאָרשער — האָט געשטאַמלט דער בלייך געוואָרענער קראַסאָווסקי.

ליפּאַטאָוו האָט מיט זײַנע ווייכע טריטעלער זיך צוגעשאַרט צום סאַמע ווינקל, ווּ קראַסאָווסקי איז געזעסן:

— אויפֿשטיין! — האָט ער אַ באַפֿויל געטאָן אויף דער העכסטער נאָטע. און ווען יענער איז אויפֿגעשפּרונגען, האָט ער מיט זײַן שטאַרק פֿויסטל אַ זעץ געטאָן אים אין ברוסט אַזוי, אַז אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז ווי צוגענאַגלט געבליבן אַ צוגעשפּאַרטער צו דער וואַנט.

— האָסט, נעבעך, נישט געוווּסט... דו, אין מויל געבאַרעטער פּאַפּיק! האָסט נישט געוווּסט און אַזוי פֿיל צײַט האָסטו זיך געדרייט, געריבן זיך אַרום אים, דעם געפּגרטן הונט און נעבן זײַן שוואַרצער גלחים-סוויטע. וועסט זיך נישט אַרויסדרייען, דו הערסט, פֿאַררעטער איינער! אַלעמען האָסטו געקענט, מיט יעדן איינעם ביסטו אויסגעקאָכט געווען. וועגן יעדן איינעם וועסטו מוזן פּאַדראָבנע דערציילן אַלץ וואָס דיר איז באַוווּסט וועגן זייערע פֿאַרברעכערישע טעטיקייטן קעגן דער סאָוועטישער מדינה, וועגן אַלע אײַערע שמועסן און קאָנספּיראַציעס...

מיר ווייסן זייער גוט — איז ליפּאַטאָוו ווייכער געוואָרן — מיר ווייסן, אַז דו ביסט געווען צווישן זיי דער ייִנגסטער צוציק און אויך ווייניקער שולדיק פֿון זיי... דעריבער גיבן מיר דיר אַ גוטן שאַנס זיך ריינצוּוואַשן פֿון די אייגענע זינד און באַקומען אַ מילדערע שטראָף, פֿאַרשטייסטו, סוואָלאַטש איינער?

אַצינד וועט מען דיך אָפּפֿירן אין דײַן קאַמער — האָט פּלוצים ווייך און כּמעט גוטברודעריש אַ שמייכל געטאָן ליפּאַטאָוו — אַ גאַנצן מעת-לעת וועסטו זיך אָפּרוען... שלאָף זיך גוט אויס, זאָלסט האָבן אַ קלאָרן קאָפּ, כּדי אויפֿסנײַ זיך גוט באַקלערן...

אָנקוועטשנדיק דאָס סיגנאַל-קנעפּל כּדי אַרויסרופֿן דעם קאָנוואָי, האָט ליפּאַטאָוו זיך פּלוצים דערמאָנט:

— יאָ, הײַנט איז דאָרט פֿון אונטן געווען אויף אַ באַזוך דײַן טאַטע און איבערגעגעבן פֿאַר דיר געלט.ווי, ווי, וואָס פֿון דעם אַלטן איז, נעבער, געוואָרן. און אַלץ איבער דיר — האָט ער מיט פֿאַרוווּרף געזאָגט — כ'ווייס, אַז דו ביסט אַן איבערגעגעבענער זון, און ער, ממש ער צאַנקט. טאָג ווי נאַכט זאָרגט ער פֿאַר דײַן געזונט — — — — — — — — — —

יאָ, וועדליק יעקבֿ האָט פֿאַרשטאַנען פֿון יענעמס ווידוי-זאָגעניש, האָט זיך בערך טאַקע אַזוי אָנגעהויבן די שרעקלעכע ירידה פֿון אָסיפֿ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי — — — — — — — — —

"וואָס טיפֿער אין וואַלד — זאָגט מען — געדיכטער די ביימער". צו ערשט איז דאָס געגאַנגען ווי ס'פֿאַרט אַ טרוקן-סקריפּענדיקער וואָגן מיט ניט געשמירטע רעדער, דערצו נאָך מיט שלעכט געקאָוועטע טלאָען אונטער דעם פֿערדלס פֿיס, וואָס הייבן זיך פֿוילבלעך און נישט זיכער איבער דעם גליטשיקן וועג. אַ געניטער אָנטרײַבער וויאָקעט נישט צו פֿיל, פֿאַרקערט — ער איז מער נאָכגעביק און צוגעלאָזן צום בידנעם פֿערדל. ער ווייסט: מע דאַרף פּאַמעלעך איבערקומען דאָס שטיקל גליטשיקע וועג און ווי נאָר ס'מאַכט זיך די ערשטע מעגלעכקייט מוז מען אַוודאי פּעט אָנשמירן די רעדער-אַקסן.

מאַיאָר ליפּאַטאָוו איז טאַקע געווען, ווי קראַסאָווסקי האָט געקלערט, אַ פֿאַרגרעבטער פּויער, אָבער געניט קלוג און פּויעריש-כיטרע איז ער אויך געווען...

מיר, דאָס הייסט, איך, דער מחבר פֿון אָט דער געשיכטע, און מײַן פֿרײַנד, וואָס האָט זי מיר דערציילט — יעקבֿ בן נחום זאַבאַראָוו, מוזן פֿאַרבײַלאָזן פֿיל זאַכן צי געשעענישן, וואָס זענען פֿאַר זאַבאַראָוון אַליין ביז הײַנט נישט אויסגעקלאָרט און זיי קענען דעריבער שווער מאַכן דעם אַזוי אויך ניט געמיטלעכן גאַנג פֿון מײַן סיפּור המעשׂה. אַזוי, למשל, קען מען נישט דערציילן ווי אַרום איז קראַסאָווסקי, איינער פֿון די ייִנגסטע און די לעצטע צווישן די באַגײַסטערטע תּלמידים פֿון רויטן רעפֿאָרמאַטאָר וויע-דיענסקי, ווי אַרום, האָט ער זיך אַזוי שווער אַנטוישט אין דער "נײַער לערע" און געקומען צוריק אַ טיף-געשלאָגענער בן-סורר אין שויס פֿון דער טראַדיציאָנעלער רוסיש-רעכטגלויביקער קירך...

פֿאַר אונדז, דאַכט זיך האָט זיך שוין אָסיפֿ אַוואַקומאָוויטש אַנטפּלעקט ווי אַ נפֿש אַן איבערגעפּולטער ביז צום גאַרגל-קנאָפּ, מיט פֿאַרשידנאַרטיקע, ווי זאָגט מען דאָס הײַנט, קאָמפּלעקסן. צווישן דעם אַלגעמיינעם כאַאָס פֿון געדאַנקען און שטימונגען, וואָס האָבן געבושעוועט אין קראַסאָווסקין האָבן צו מאָל צוויי קעגנזעצלעכע געפֿילן אַזוי לאַנג און עקשנותדיק זיך געבאָרעט איינס מיטן צווייטן, ביז זיי האָבן זיך, צוזאַמענגעפּלאָכטענע, פֿאַרוואַנדלט אין איינס עפּעס אַ מגושמדיקס...

אָסיפֿ אַוואַקומאָוויטש האָט זייער טיף און אויפֿריכטיק חרטה געהאַט,

ער האָט פֿיל מאָל אין צער תּשובֿה געטאָן פֿאַר זײַן חטאת-נעורים און דאָך און בײַ אַלעם דעם, האָט ער נישט אַזוי זיך באַשולדיקט, ווי אים, זײַן פֿאַרפֿירער, דעם יודאַ — אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי. ער האָט איצט זײַן „אַמאָל פֿאַרגעטערטן קומיר" באַקלערט ווי דעם גרעסטן שׂונא זײַנעם אַפֿילו אויף יענער וועלט, און אַ מוראדיקע שׂינאה האָט ער געטראָגן אויף אים און אויף זײַנע מקורבֿים. אינקוויזיטאָרישע נקמה-פֿלאַמען האָבן אים געוואָרעמט דורך שלאָפֿלאָזע אומרויִקע נעכט, פֿלאַמען, וואָס האָבן געזאָלט פֿאַרצערן די לעצט-פֿאַרבליבענע צעזייטע איבערן לאַנד אַנהענגער פֿונעם „רויטן אַרכיִערײַ"...

אַלץ האָט ער געקענט גלייבן אויף אָט דעם רויטן אַנטיכריסט — אַלץ, אָבער פֿון דעסטוועגן האָבן זיך אים צוערשט שווער געלייגט אויפֿן שׂכל ליפּאַטאָווס רייד, וועגן דעם, אַז אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי איז גאָר יאָרן-לאַנג געווען רעזידענט פֿון אַן אויסלענדישן שפּיאָנאַזש-צענטער.

— ווי קען דאָס געמאָלט זײַן? — האָט ער געטראַכט — האָט ער, וויעדיענסקי דען נישט דער ערשטער און אפֿשר דער איינציקער דאָן, צווישן הויכן פּראַוואָסלאַווישן קלער, נישט געפּריידיקט אין זײַנע פֿלאַמיק-איבערצײַגעוודיקע דרשות, אַז צו דער רעוואָלוציע און צו אירע סאָוועטן דאַרף מען זיך באַציִען לאָיאַל, מע דאַרף זיי אויפֿנעמען מיטן גאַנצן האַרצן און בענטשן, ווײַל — נישט געקוקט אויף זייער צײַטווײַליקן אַטעיִזם, פֿאַר-ווירקלעכן זיי דאָך — די רעוואָלוציע און איר פֿאָלקסמאַכט — די שענצטע פּאָסטולאַטן פֿון קריסטנטום?!

— וויעדיענסקי — אַן 'אָבער-שפּיאָן'?! — און קראַסאָווסקין האָט אָנגעכאַפּט אַ קאַלטער שווידער בײַם טיפֿן תּהום איבער וועלכן ער אַליין איז איצט געשטאַנען... — גאָט מײַן באַרמהערציקער, בין איך דאָך אויך... — אָבער פֿאַר וואָס טאַקע ניט? — האָט אים געמונטערט דער צד שכּנגד: — דו האָסט טאַקע קיין זאַך נישט געוווּסט, אָבער דווקא דאָס, וואָס ער, „דײַן פֿאַרגעטערטער", האָט אַזוי שיין געפּריידיקט לאָיאַליטעט און ליבשאַפֿט צו דער מאַכט, דווקא דאָס איז דאָך אַ בפֿירושער באַווײַז אויף וואָס דער שׂטן איז פֿעיִק. הײַנט זעסטו שוין סאַראַ טײַוואָלאַנישער צבֿועק, דער דאָזיקער אַנטיכריסט איז געווען?!

— גאָט מײַנער, גאָט מײַנער — האָט זיך קראַסאָווסקי נישט אויפֿגע-הערט צו ציילעמען — באַהיט זאָל מען ווערן, באַהיט זאָל מען ווערן!...

...און אַ באַהויכטער פֿון הימליש-גערעכטן צער-און-צאָרן, איז שוין

קראַסאָווסקי צום ווײַפלטן מאָל ווידער געזעסן פֿאַררוקט אין זײַן געוויינלעך־צוגעטונקלט ווינקל פֿון דעם גערוימען אויספֿאָרשונגס־קאַבינעט.

דאָס מאָל האָט שוין ליפּאַטאָוו ניט געפּוצט די נעגעלעך, ניט געשמועסט דורכן טעלעפֿאָן שעהנווײַז מיט זײַן געליבטער, אַרײַנוואָרפֿנדיק פֿריוואַליש־אינטימע חכמהלעך, ניט געזעסן פֿאַרטיפֿט איבער די פּאַפּירן, אַרײַנ־דרינגענדיק אַלץ מער אין דעם ענין פֿון אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי, בעת יענער האָט, נעבעך, ניט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן אָדער ער פֿלעגט צו לאַנג פֿאַרציִען מיט זײַנע אָנערקענונגען.

ניין, דאָס מאָל האָט שוין ליפּאַטאָוו קוים באַוויזן צו פֿאַרשרײַבן דאָס, וואָס אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש האָט דערציילט.

און וואָס האָט אייגנטלעך געהאַט צו דערציילן קראַסאָווסקי?

געווען איינס אַ פּאַטערל אילאַריִאָן, וואָס האָט זיך צו נאָענט געשאַרט נעבן דעם "הויף־געזאַלבטן" אַלעקסאַנדער וויעדיענסקי, מען פֿלעגט אַפֿילו אונטערמורמלען, אַז דער דאָזיקער אילאַריִאָן, כאָטש פֿון נידעריקן גלחים־ראַנג, איז שיער נישט געווען פֿון די ערשטע פֿאַרטרויונגס־לײַט בײַם "אַלטן", מיט וועמען ער פֿלעגט זיך טאַקע צו אָפֿט אָן עצה האַלטן.

אויפֿן פּאַטערל אילאַריִאָן האָט שוין פֿון לאַנג קראַסאָווסקי געטראָגן אַ בייזן האַרץ, ווײַל יענער האָט קיין מאָל נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי און נישט צוגעלאָזט אים אַפֿילו אויף דער שוועל צו דעם "קדוש".

אָבער נישט דערפֿאַר, חלילה, האָט אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש אים אָנגע־רופֿן דעם ערשטן בעת די פֿאַרהערן, נאָר פּשוט און ס'איז דאָך אַ קלאָרע זאַך, אַז אויב אַ מענטש שושקעט זיך עפּעס בסדר און פֿאַרשפּאַרט זיך צו אָפֿט אין די חדרי חדרים מיטן רעזידענט אַליין, איז ער דאָך אַוודאי אויך נישט פֿון די לעצטע שפּיאָנען...

וועגן אַן אַנדערן, וואָס, צו זײַנער צײַט איז ער אַפֿילו געווען זײַנס אַ גוטברודערל, האָט זיך קראַסאָווסקי דערמאָנט, אַז נאָך איינעם פֿון די באַרימטע דיספּוטן אין מאָסקווער פּאָליטעכנישן מוזיי, האָט יענער מיט אַ גליקלעכן שמייכל אים פֿאַרטרויט אַז:

— "לונאַטשאַרסקי וואָלט געמעגט פּוצן די פּאַנטאָפֿל בײַ אונדזער פּאָטער אַלעקסאַנדער, וואָס מיט זײַן גאָט־געבענטשטער חכמה און קענטע־נישן — סײַ רעליגיעזע און סײַ וועלטלעכע — קען ער בכלל פֿאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע קאָמיסאַרן צוזאַמען גענומען..."

וועגן אַ דריטן...

אָבער צו וואָס אויסרעכענען די אַלע באַווײַזן, אָנערקענונגען און באַשטעטיקונגען, וואָס בײַ אַ מער נאָרמאַלן מענטשן, אין אַ מער נאָרמאַלער סבֿיבֿה, קען עס אַ מאָל אַרויסרופֿן שרעקלעכע שטוינונג, און אָפּטער פֿון אַלץ, וואָלט ער, אַט דער מער פֿרײַער מענטש, בכלל אונדז נישט געטרויט קיין וואָרט, דרייענדיק מיט ווײַזפֿינגער בײַם שטערן, ווי מען טוט עס, גע-ווײַנלעך, נישט אָנרופֿנדיק דיך מיטן נאָמען: „מטורף!" יאָ, אַזעלכע באַווײַזן, אַזעלכע, מיט צוואַנג אַרויסגעקלאַפּטע מסירות אויף זיך און בעיקר אויף אַנדערע, זעען איצט אויס, איצט אויף דער העלער שײַן ווי נאַרישלעך און אַפֿילו לעכערלעך, אָבער פֿאַר אַזעלכע נאַרישע לעכערלעכקייטן פֿלעגן אָפּט די ק.ג.ב.-מײַסטערס לעכערן דעם קאָפּ מיט אַ קויל אָדער פֿאַרשיקן אויף אומקום „צו די ווײַסע בערן" מיט לאַגער-טערמינען פֿון פֿינף-און-צוואַנציק, פֿופֿצן און אין בעסטן פֿאַל — פֿון צען יאָר (אַ „קינדער-טערמין" פֿלעגט מען דאָס רופֿן)...

יעקבֿ האָט זיך געטראָפֿן מיט קראַסאָווסקין נאָך דעם, ווי ער, קראַ-סאָווסקי, האָט שוין פֿאַרן אויספֿאָרשער אַרויסגעלייגט אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט, וואָס ער האָט פֿאַרגעדענקט, אָדער, וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער ווייסט און געדענקט וועגן זײַנע אַמאָליקע מיטגייער-אַבנאָוויעלנצעס. די אינקוויזיטאָרישע נקמה-פֿלאַמען, וועגן וועלכע ער האָט אַ מאָל געחלומט, האָבן שוין איצט אויף דער וואָר אָנגעהויבן צו סמאַליען זײַנע אייגענע בגדים... אָבער נישט איבער דעם איז ער איצט געווען אַזוי נידערגעשלאָגן און זיך געקאָרטשעט אין אַנגסט. ס'איז פֿאַראַן אַזאַ ווערטל: „ווער סע זאָגט אַרויס דעם אות 'אלף' מוז שפּעטער אויך אָנרופֿן דעם אות 'בית'..."

ליפּאַטאָוו האָט זיך מיט קיין 'אלף' נישט באַנוגנט: נישט נאָר די פּערזאָן און די סבֿיבֿה פֿון אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי אין דער פֿאַרגאַנגענ-הייט האָט אים אינטערעסירט. ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס אַלץ — האָט ער געזאָגט — איז פֿאַר זיי גאַרנישט שבגאַרנישט, דאָס אַלץ איז פֿאַר זיי שוין פֿון לאַנג נישט קיין סוד. נישט מער — דאָס, וואָס קראַסאָווסקי האָט ריכטיק טרײַ און פּרטימדיק איבערגעגעבן, דאָס וואָס זיי האָבן שוין פֿון פֿריִער אַליין געוווּסט, האָט אים, ליפּאַטאָוון איבערצײַגט אַז ער האָט דאָ צו טאָן נישט נאָר מיט עפּעס אַ פֿאַרדריפּעטן פּאַפּיק, נאָר אויך מיט אַ סאָוועטישן בירגער וואָס קען אַמאָל פֿעיִק זײַן אויף פּאַטריאָטישע מעשׂים...

ליפּאַטאָוון האָט זיך שוין בעיקר געוואָלט וויסן וועגן די איצטיקע

פֿאַרשידענע פֿאַרברעכעריש-אַנטיסאָוועטישע ריידערייַען, בלומרשט רעלי-גיעזע דרשות, אַרויסזאָגונגען פֿון גלחים, סעמינאַריסטן, סתּם מתפּללים...

— — — — — — — — — — — — —

...און ווען דאָס פֿערדל האָט מיט די לעצטע כּוחות געפּרוווט זיך אַ שטעל טאָן "דיבאָם", האָט דער אָנטרייַבער שוין גוט געוווסט ווי צו פֿאַרציִען די לייצעס אַזוי, אַז דאָס ציימל זאָל ביז בלוט זיך אַרייַנשנייַדן אין די מויל-ווינקלען — סע זאָל אַ זעץ טאָן אַ רויטער שוים פֿון די פֿערדישע לעפּצן... און אָן רחמנות וועט שוין אַ שניט געבן די סווישטשענדיקע בייַטש און טרייַבנדיק — שינדן, שינדן די צעקאַרדאַשעטע פֿעל פֿון ווילד-געוואָרענעם פֿערדל...

— הייַנט האָב איך אָנגערעדט שרעקלעכע זאַכן אויף מייַן נאָענטסטן חבֿר פֿון סעמינאַריע-קורס...

אַזוי, אויב ס'געדענקט זיך אייַך, האָבן זיך אָנגעהויבן די ווידוי-זאָגענישן פֿון אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש קראַסאָווסקי.

און פֿון דאַן — יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים ווידער געבראַכט צו שלעפּן דאָפּראָס:

נאָך אַ חבֿר פֿאַרשיט... נאָך אַ פֿרייַנד באַגראָבן... נאָך אַ שכן... אַ קרובֿ... ביז — — —

מיט אַ שוואַרץ געוואָרענעם פּנים, ווי פֿון אַן אַלטער איקאָנע אַרויס און מיט טיף-אַרייַנגעזעצטע בלוט-פֿאַרלאָפֿענע אויגן, האָט ער גלייַך ווי מען האָט פֿאַרהאַקט הינטער אים די שווער-געקאָוועטע טיר, צוגעפּויזעט און איז צוגעפֿאַלן צו יעקבֿס הענט... דאָס מאָל נישט מיט קיין כליפּערייַ, נאָר מיט אַן אומגעריכטער כיכיקעניש:

— כי-כי-כי... מייַן גאָטזעליקן פֿאָטער... דעם אייגענעם טאַטן... כי-כי — אַליין איבערגעגעבן, כי-כי, אין זייערע רוצחישע הענט...

דאָס כיכיקעניש איז איבערגעוואַקסן אין אַ שטיל און שרעקלעך דינעם געוווי, ווי פֿון אַ שטערבלעך געראַניעטער מאָדנער מין חיה, דאָס געוווי האָט זיך ווי אַרייַנגעשרויפֿט אין אויער און, דאַכט, געשניטן זיך ווייַטער — ביז אין סאַמע מאַרך אַרייַן...

זאָל גאָט אייַך אויסהיטן פֿון הערן ווען עס איז אַזאַ מין געוווי!

— — — — — — — — — — — — —

שווער איז אין אַן איינצל-קאַמער, ווייַל מע קען דאָרט אויף קיין רגע נישט אַנטרינען פֿון זיך אַליין.

ציַיטנוויַיז איז נאָך ערגער, ווען מען זיצט אין צווייען און ס'איז לחלוטין נישטאָ וווּהין זיך אַהינצוטאָן איינס פֿון צווייטן... בפֿרט נאָך ווען דאָס בלינדע גורל שיקט דיר אַריַין אַזאַ מין שכן ווי דער אומגליקלעכער קראַסאָווסקי.

ס'האָט זיך מיר נישט געוואָלט איבערגעבן געגוי און מיט אַלע "פּישטשעווקעס" וועגן די פֿאַרשידענע מדריגות פֿון אָסיפּ אַוואַקומאָ-וויטשעס אַרונטערפֿאַלן, און כ'בין אפֿשר אויך נישט מסוגל דאָס צו טאָן; כ'וויל נישט און כ'קען אפֿשר אויך נישט עפּעס אָפּטאָן אַזוינס, איר זאָלט זיך, חלילה, דערשפּירן אַזוי ווי מיַין פֿריַינד יעקבֿ אַליין האָט זיך דאָן, נישט פֿאַר איַיך געדאַכט, געשפּירט...

וווּהין האָט ער זיך דען געקענט אַהינטאָן פֿון קראַסאָווסקין, וואָס האָט אַרויסגערופֿן ביַי אים מיט זיַינע ווידוי'ס אַ מין זייער פּאַסקודנע איבלעניש בײַם סאַמע האַרצן, אַן איבלעניש, געמישט מיט ווייטיקלעכן רחמנות, יאָ, מיט רחמנות צו אַ סקאַווטשענדיק שוואַר-צעטראָטן הינטל...

...זענען זיי אין איינעם אַ טאָג געזעסן ווי תּמיד אין זייער זעכצנטער קאַמער. יעקבֿ האָט געלייענט עפּעס אַ ביכל פֿון דער טורמע-ביבליאָטעק און קראַסאָווסקי האָט ווי שטענדיק זיך געשאָקלט ווי פֿון גאַר-שאַרפֿן ציינווייטיק. יעקבֿ האָט זיך אָפּגעריסן פֿון ביכל, ווען אָסיפּ האָט קוויטשיק אַרויסגעקרעכצט:

— וויי, וויי, פֿאָטער באַרמהערציקער, האָסט אַוועקגענומען פֿון מיר ביידע וועלטן — סיַי די, סיַי יענע וועלט...

— נו, נו, פֿאָטערל — האָט יעקבֿ געפּרוווט, מ'שטיינס געזאָגט, טרייסטן:

— געגוי וועגן יענער וועלט, זיַיט איר, אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש, געוויס אַ גרעסערער מומחה פֿון מיר, אָבער וואָס שיַיך דער וועלט, דאַכט מיר, אַז איר זיַיט זיך טועה: איר זענט נאָך גענוג יונג, איר וועט נאָך פֿיל איבער-לעבן. איר וועט זיך, מיין איך, נאָך אַרויסריַיסן אויף דער פֿריַי...

אָסיפּ אַוואַקומאָוויטש איז פּלוצים אַ צערייצטער פֿלינק אויפֿגע-שפּרונגען. זיַין צאָרן און זיַין פּלוצימדיקע פֿלינקשאַפֿט האָט יעקבֿן שטאַרק איבעררײַשט. מיט גרויס חידוש האָט ער נאָכגעשפּירט, ווי יענער לויפֿט פֿון וואַנט צו וואַנט און פֿון וואַנט צו דער שוואַר-געקאָוועטער טיר און ווידער צו דער וואַנט און אומעטום פּרוווט ער מיט אַלע כּוחות ווי אַוועקרוקן סיַי די טיר און סיַי די ווענט...

דערנאָך האָט ער זיך פּונקט אַזוי האַסטיק אַ קער געטאָן צו אים און פֿון די אײַנגעפֿאַלענע אויגן זײַנע האָבן, דאַכט זיך, געשפּריצט פֿײַערדיקע פֿונקען. פֿול מיט סאַרקאַסטישן חוזק און נישט פֿאַרשטענדלעכער פֿאַר יעקבֿן שׂינאה האָט ער אַרויסגעכריפּעט:

— איר זעט? איר האָט געזען, יעקבֿ נאָומאָוויטש? די ווענט האָבן זיך אַ ריר געטאָן? זיי וועלן אַזוי אייביק שטיין! און זיי וועלן אַלץ שטאַרקער ווערן! און איר... איר באַלעבעטשעט וועגן פֿרײַהייט!

אײַך די ייִדן, וועט קיינער, אַפֿילו נאָכן טויט, ניט איבערמאַכן... אַ גוטע פֿאַר טויזנט יאָר, ווי איר טרעט נישט אָפּ פֿון אײַער "לשנה הבאה בירושלים", "לשנה הבא"... געוועזן איז ירושלים, געוועזן איז רוים און איצט און אויף שטענדיק — שטייט מאָסקווע מיט אירע... ווענט!...

יעקבֿ איז שוין טאַקע אויף אַן אמת און צום ערשטן מאָל שטאַרק אַרויס פֿון די כּלים, אַ בלייך געוואָרענער אָבער מיט נאָך שטאַרקערער געצוימטקייט, האָט ער קוים צו הערן אַרויסגעשעפּטשעט:

— ווען איך, באַטיושקאַ, איך אַ ייִד, וואָס האָט נאָך דערצו זיך דער־צויגן אין די סאָוועטישע גאָטלאָזע שקאָלעס, ווען איך וואָלט אַזוי געקלערט, וואָלט איך בײַ דער ערשטער געלעגנהייט זיך תּיכּף אויפֿגעהאַנגען אויף דער ערשטער קראָקווע!... אָבער איר, אַ "פּראָמער" און אַ "גאָטספֿאַרכ־טיקער" קריסט, כּמעט אַ גײַסטלעכער... אין וואָס גלויבט איר? — אין דעם וואָס לעבט אייביק, צי אין די דאָזיקע ווענט וואָס קענען אויך פֿאַלן און צעשטויבט ווערן ווי פֿיל אַנדערע אַזעלכע פֿאַר זיי?...

— זײַ מוחל מיר, אייביקער, זײַ מוחל מײַן זינדיקע נשמה... — האָט קראַסאָווסקי זיך ווידער צעסקאָווטשעט.

יעקבֿס גאַנצער מיטלייד האָט זיך שוין אָבער אויסגעוועבט. ער האָט זיך סוף־סוף באַפֿרײַט, אַראָפּגעשלײַדערט פֿון זיך דעם שווערן הויקער פֿון רחמנות צו אָט דער אומגליקלעכער באַשעפֿעניש מיטן נאָמען קראַסאָווסקי.

און ער האָט זיך פּלוצים דערפֿילט אפֿשר פֿרײַער ווי אַלע מאָל דווקא אין אָט דער ענגער טורמע־שטײַג...

אויף דעם האָט ער זיך צעשיידט מיט אָסיפּ אוואַקומאָוויטשן, ווײַל טאַקע דעם זעלבן טאָג האָט מען אים, יעקבֿן, אַרויסגערופֿן "מיט די זאַכן", כּדי אויפֿסנײַ אָנהויבן פֿאַרשן אין אַ מער פּאַסיקן מקום — מען האָט יעקבֿן איבערגעפֿירט אין דער טרויעריק־באַרימטער טורמע "סוכאַנאָווקע".

יוני 1987, אָקספֿאָרד־ירושלים